STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11695

TSVISHN LEBN UN TOYT

Jacob Lestschinsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעשטשינסקי

צווישן לעבן און טויט

צען יאָר ייִדיש לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד

אין צוויי בענד

באַנד I.

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Jakób Leszczyński — „Cwiszn łebn un tojt

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

פ אָ ר ו ו אָ ר ט

דאָס בוך, וואָס ווערט דאָ פאָרגעלייגט, איז ניט קיין גאַנץ ווערק, געשריבן בדחילו ורחימו, לויט אַ לכתחילהדיקן, באַשטימטן פּלאַן, מיט אַ פּראָפּאָרץ פון פאַרשיידענע טיילן און פּראָבלעמען, מיט קלאָרע באַשטימטע אָפּגעוואויגענע און אָפּגעמאָסטענע אויס=פירן און סך=הכלען. דאָס איז אַ זאַמלונג פון וויי=געשרייען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן ביים מחבר ביי פאַרשיידענע געשעענישן אין סאָוועט=רוסלאַנד, וויי=געשרייען — ווידערקולן פון די ליידן און פיין פון די יידישע מאַסן אין סאָוועט=רוסלאַנד. און בשעת עס טוט שטאַרק וויי, פוצט מען ניט קיין פּראַזעס, וועגט מען ניט קיין אויסדרוקן און מען איז ניט דזשענטלמעניש — מען זאָגט וואָס אויפן האַרצן, מען שרייט אַרויס, וואָס די נשמה מוז אַרויס=שרייען, וואָס אויף דער לונג קומט אויף דער צונג.

ס'איז דעריבער געוויס מעגלעך, אַז דער מחבר האָט די אָדער יענע ערשיינונג אין יידישן לעבן פון סאָוועט=רוסלאַנד ניט דערשאַצט אָדער איבערגעשאַצט; מעגלעך, אַז ער האָט צופיל אַקצענטירט די נעגאַטיווע זייטן פון סאָוועטישן רעזשים און צו שוואַך באַלויכטן די פּאָזיטיווע זייטן, וועלכע דער מחבר האָט קיינמאָל ניט געלייקנט — זיין געזעלשאַפטלעכער און שריפט=שטעלערישער געוויסן איז דאָך ריין, ווייל זיינע געפילן צו סאָוועט=רוסלאַנד און די יעווסעקן, זיין כעס און צאָרן, זיין טרויער און מרה=שחורה, וועלכע האָבן געוויס אַרויסגעלייגט זייער שטעמפּל אויף די אַרטיקלען, זיינען געוויס אויך די געפילן און שטימונגען פון די ברייטסטע יידישע מאַסן ניט נאָר מחוץ לסאָוועט=רוסלאַנד, נאָר אין סאָוועט=רוסלאַנד גופא. און די דאָזיקע מאַסן=שטימונג איז

דאָך אויך אַן אָביעקטיווער פאַקט, אַן אָביעקטיווער רעזולטאַט
פון די מעשים, וואָס ווערן געטאָן און אָפּגעטאָן אין סאָוועט=
רוסלאַנד.

הונגער, דלות, עפּידעמיעס, פּאָגראָמען, אַנטיסעמיטיזם, און
נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל הונגער, דלות, דערשלאָגנקייט; אונ=
טערגאַנג פון הונדערטער טויזנטער יידן און אַנטיסעמיטיזם; יעווו=
סעקישער שדים=טאַנץ אויף יידישע חורבות און נאָכאַמאָל און
ווידעראַמאָל דער ועלבער טאַנץ און קאַמף קעגן גאָט, יום=טובים,
הושענות, מלקות, און ועל=כולם חורבן, חורבן, חורבן, אָן אַן
עק און אָן אַ שיעור, עקאָנאָמישער, קולטורעלער און נשמה=חורבן,
חורבן פון פיזישע עקזיסטענצן, חורבן פון מאַטעריעלע רייכטי=
מער, חורבן פון אַלע האָפענונגען, חורבן פון דורותדיקע טרוי=
מען — אָט דאָס איז דאָס שוידער=בילד, וואָס די זאַמלונג ווייז=
געשרייען גיט. דאָ און דאָרטן אַ ליכטיקער מאָמענטאַ'לער בליץ,
אַ קוים דערפילטער וואַרעמער שטראַל, אַ קולטורעלער אויפטו,
אַן עקאָנאָמישע דערגרייכונג, אַ פּאָליטישע פאַרווירקלעכונג, אָבער
דאָס אַלץ ווערט בטל בשישים אין סאַריסטישן חורבן=חשק, אין
סאַריסטישער פאַרלענדונגס=שיכרות. די אויפבוי= און איבערבוי=
בליצן ווערן בטל אין אומאויפהערלעכן דונערן פון דעם חורבן=
שד, וואָס קאָן זיך גאָרניט אָנזעטיקן מיט זיינע קרבנות, וואָס
ווערט גאָרניט מיד אָט שוין באַלד דרייצן יאָר צו צעשטערן און
צעברעכן, רוינירן און חרוב מאַכן.

פאַר אַזעלכע קנאַפּע דרייצן יאָר — באמת אַ שדים=צאָל —
האָט רוסלאַנד און מיט איר דריי מיליאָן יידן איבערגעלעבט
עטלעכע תקופות — בליצאַרטיק, עקספּרעס, כמעט אָן הפסקות,
אָן אָפּרו, אָן אָפּשטעל, און מידע און צעבראָכענע, אויסגעשעפּטע
און פאַרמאַטערטע, פאַרמאַטערטע ניט נאָר פיזיש פון הונגער און
אָרעמקייט, נאָר אַ סך מער גייסטיק פון דעם קדחת=קאָמוניזם און
קדחת=עקספּערימענטן, שטייען איצט די דריי מיליאָן יידן ווידער
כמעט פאַר די אייגענע האַרבע און טראַגישע עקאָנאָמישע און
קולטורעלע פּראָבלעמען ווי צוריק מיט צען יאָר, מיט דעם אייגע=
נעם פחד אין דער נשמה פאַרן פאַלן פון דער סאָוועטן=מאַכט און

מיטן אייגענעם אינטימסטן טיפסטן רצון, אַז דער בייזער חלום זאָל עפּעס דורך אַ נס פאַרשווינדן, זאָל פּלוצים ניט ווערן, ניט סטאַיען, און ס'זאָל עפּעס פּלוצים על־פּי נס טאָג ווערן, דער דריקנדיקער קאָשמאַר־שטיין זאָל אַראָפּפאַלן פון האַרצן, נאָר אַליין זאָל מען דערביי ניט זיין, אַליין זאָל מען פאַרשלאָפן און איבערשלאָפן דעם דאָזיקן בין־השמשות, דעם דאָזיקן תהום־איבער־גאַנג, וואָס ביי איין געדאַנק וועגן אים כאַפּט אָן אַ גרויל דאָס יידנטום פון דער גאָרער וועלט.

די זאַמלונג אַרטיקלען, ווי שוין געזאָגט, פּרעטענדירט ניט אויף אונטערפירן סך־הכלען. וואָלט מען אָבער גענומען אַ בליי־פעדער אין דער האַנט און מען וואָלט געפּרווווט שטעלן איינע אַנטקעגן דער אַנדערער די חורבן־קאָנטע און די דערגרייכונגען־קאָנטע, וואָלט געווים די ערשטע פאַרשעמט די צווייטע, אָבער מען מוז מודה זיין, אַז פאַר זיך אַליין וואָלט די צווייטע געווען אַ גאַנץ וואָגיקע, אַ גענוג אימפּאָנירנדיקע.

מען האָט פאַר די לעצטע פינף יאָר קאָלאָניזירט ביז 20 טויזנט יידישע משפּחות; מען האָט אַריינגעצויגן אין דער שווער־און גרויס־אינדוסטריע ביז 50 טויזנט יידישע אַרבעטער; מען האָט אַ גרויסן טייל פון יידישן שוויך־האַנטווערק און שוויך־קליין־אינדוסטריע איבערגעמאַכט אין אַ מעכאַניזירטער קאָנצענטרירטער גרויס־אינדוסטריע; ס'איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער, אפשר אַ צו גרויסער יידישער באַאַמטן־קלאַס. אויפן קולטורעלן געביט זיינען די דערגרייכונגען אָנזעעוודיקער, מחמת דער פאַרמעגן איז געווען אַ שרעקלעך נישטיקער. איצט לערנען זיך אין יידישע שולן ביז 120 טויזנט יידישע קינדער; אַ צען פּעדאַגאָגישע טעכניקומס; יידישע פאַקולטעטן ביי עטלעכע אוניווערסיטעטן; אַ יידישע אַקאַ־דעמיע מיט אַ באַדייטנדיקן ביודזשעט; אַ ברייטע פאַרלעגערישע אַרבעט און אַ גרויסע נעץ צענטראַלע און אָרטיקע ביבליאָטעקן און אַ סך, אַ סך אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס און אויפטוען. אויך אויפן פּאָליטישן געביט זיינען די דערגרייכונגען ניט קליין — אמתע גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך אין אַדמיני־סטראַציע און געריכט; יידישע געריכטן און פּאָליציי־צירקלען;

העכער הונדערט יידישע ראַטן, דריי יידישע ראַיאָנען און אין „זאַפּאַס“ אַפילו אַ גרייטע יידישע רעפּובליק, וואָס וואַרט נאָר אויף לעבעדיקע מאַסן.

אַ גאַנץ פיינער באַגאַזש. אָבער, ראשית, די קרבנות — נאָך איצט 7 ביז 8 הונדערט טויזנט יידישע דעקלאַסירטע; די קאָלעק־טיוויזאַציע און אינטערנאַציאָנאַליזאַציע פון די קאָלאָניסטן שטעלן אין סכנה די גאַנצע אויפגעטאָענע אַרבעט; נאָר אויסרעכענען די קרבנות און אבידות איז איבעריק — זיי זיינען געגעבן אין מיינע אַרטיקלען. שנית, מוז מען נאָך גלויבן אין דער פעסטקייט און זיכערקייט פון די דאָזיקע דערגרייכונגען און אין זייער לאַנגיאָרי־ריקייט אַפילו ביים סאָוועטישן רעזשים. אָט האָט מען שוין אָפיציעל צעלאָזט די יידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין דאָס געווים אַ גרויסע עבירה אין אַ סך פּרטים. ס׳ווערט אָפּגעשאַפט דער איינציקער קאָלעקטיווער צענטראַלער יידישער אָרגאַן, וועל־כער האָט גוט אָדער שלעכט, אָבער דאָך געטראַכט, געדאַנגעט און געזאָרגט פאַרן סאָוועטישן כלל־ישראל און האָט כלפּי־חוץ און כלפּי־פּנים פאַרטראָטן דעם דאָזיקן כלל־ישראל. יאָ, יאָ, בפירוש כלל־ישראל, אין סאָוועטישן זין, אָבער דאָך כלל־ישראל. אָבער טויזנטער מאָל טרויעריקער איז דאָס, וואָס די יידסעקציע האָט פון זיך אַליין פאַרלאָרן אַ גרויס שטיק פון איר זכות־הקיום, — ווייל אָט שוין אַ פּאָר יאָר, אַז זי האָט לחלוטין אָנגעוואָרן דעם פּאַטאָס פאַר יידישער קולטור־אַרבעט; זי האָט פאַרלאָרן דאָס לעצטע ביסל נאַציאָנאַלע נשמה, וואָס איז געווען די אמתע טרייב־קראַפט פון איר גאַנצער נאַציאָנאַלער אַרבעט. זי האָט אַזוי לאַנג געקעמפט קעגן דעם גליקלעכן רעשט פון דער אַמאָליקער אמונה און באַגייסטערונג פאַר יידישער קולטור, וואָס אירע מיטגלידער האָבן געבראַכט מיט זיך פון זייערע פּאַרטייאישע חטאות־נעורים, אַז זי וועט באַלד דערגרייכן דעם אידעאַל — ס׳איז, דוכט זיך, גאָר ניט ווייט דער מאָמענט, ווען אָפענע אַסימילאַציע וועט ווערן די פאָן פון די געוועזענע יידישע קאָמוניסטן, וועלכע זיינען שוין לאַנג געוואָרן יידן־קאָמוניסטן און זיינען אויפן וועג צו פאַרלירן די „יידן“. ווער ס׳לייענט זיך גוט אַריין אין דער יידיש־סאָוועטי־

שער פּרעסע און פּילט זיך אַריין אין איר גייסט, דער מוז שפּירן
דעם דאָזיקן זיך צייטיקנדיקן אונטערערדישן פּראָצעס, וועלכער וועט,
ליידער, מסתּמא גאָר גיך אַרויסשטעקן זיין מיאוסן אַסימילאַציע=
קאָפּ אויף דער ליכטיקער וועלט. און הלוואי מיר זאָלן ניט
טרעפן — ביים באָלשעוויסטישן טעמפּ און ביי דער באָדן=שוואַכ=
קייט פון די יידישע קולטור=אינסטיטוציעס און פּאָליטישע דער=
גרייכונגען קאָן דאָס אַלץ אָפּגעווישט ווערן פון דער סאָוועטישער
ערד גרינג און גיך. נאָר בעסער אָן טרעפעניש — ס'איז אָבער
אַ פאַקט, אַז פאַר דער לעצטער צייט האָט די קולטור=אַרבעט אין
סאָוועט=רוסלאַנד פאַרלאָרן איר טעמפּ, איר דראַנג, איר עקספּאַנסיע,
און דאָס ניט פון דרויסנדיקע מניעות, נאָר פון אינעווייניקסטער
מידקייט און מאַטקייט, פון אינערלעכער נאַציאָנאַלער פּוסטקייט און
אויסגעהוילטקייט. און במקום שאין נשמה, איז גאָרנישט ניטאָ: מוזן
די וואָרצלען פוילן און די צווייגן דאַרן. און דאָס, ליידער, מערקט
זיך שוין גאַנץ קלאָר אין דער גאַנצער נאַציאָנאַלער אַרבעט פון די
יידישע קאָמוניסטן, אַפילו אין דער עקאָנאָמישער אַרבעט, אָבער
אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס אין דער קולטורעלער און אין גאָר
אַ געפערלעכער מאָס אין דער פּאָליטישער, אין דעם שאַפן נאַציאָ=
נאַלע ראַמען פאַר דעם יידישן קיבוץ. דאָ האָט מען אָפּגעגעבן
אַלע פּאָזיציעס, און מיט דער ליקווידאַציע פון דער יעווסעקציע
פאַרשווינדט דער לעצטער בלייכער שאָטן פון אַ יידישער נאַציאָ=
נאַלער אָרגאַניזאַציע, פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער רעפּרעזענטאַנץ,
דער לעצטער רמז אויף אַן אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער=קלאַס,
די לעצטע לאַבאָראַטאָריע, וואו יידישע פּראָבלעמען זיינען געשטעלט
און באַאַרבעט געוואָרן, די לעצטע אָרגאַניזירטע פּאָזיציע, וואָס פון
איר האָט מען פאַרטיידיקט, ערגער, בעסער, אָבער דאָך פּאַרטיי=
דיקט ספּעציפישע יידישע אינטערעסן.

* *
*

די מערהייט אַרטיקלען, וואָס גייען אַריין אין בוך, האָבן
זיך געדרוקט אין אַמעריקאַנער „פאָרווערטס“ די לעצטע אַכט יאָר.
אין די אַרטיקלען זיינען ניט געמאַכט קיין שום שינויים, חוץ אייניקע

קלײנע סטיליסטישע אויסבעסערונגען און די ענדערונגען פון די נעמען פון די אַרטיקלען, װײל די נעמען זײנען ניט פון מיר געמאַכט געװאָרן, נאָר אין דער רעדאַקציע פון „פאָרװערטס“.

צי לוינט זיך אַרויסגעבן אַרטיקלען, װאָס האָבן זיך געדרוקט אין ברען פון טאָג־קאַמף, אין דער היץ פון פּאַרטײ־געראַנגל? אונז װײזט אויס, אַז ס׳איז יאָ כדאי — די פאָרגעלײגטע אַרטיקלען גיבן אַ בילד פון לעבן פון דרײ מיליאָן ייִדן אין אײנער פון די שװידערלעכסטע און קאָמפּליצירטסטע תקופות אין דער ייִדישער געשיכטע, געבויט אויף אַ רײכן מאַטעריאַל, אַרויסגענומען פון דער סאָװעטישער פּרעסע גופא, באַגרינדעט שטענדיק מיט פאַקטן, װעלכע רײדן פאַר זיך אַלײן, װי סוביעקטיװ זײ זאָלן ניט באַלויכטן װערן. דער יונגער לעזער, װאָס האָט ערשט נאָר די לעצטע יאָרן גענומען לײענען צײטונגען, און בכלל דער מאַסן־לעזער, װאָס האָט ניט געהאַט און האָט ניט ביז איצט די מעגלעכקײט צו לײענען די סאָװעטישע פּרעסע, װעט דאָ געפינען אַ סך פאַקטן און מאַטעריאַלן, װעלכע זײנען אים געװיס ניט באַקאַנט. און דאָס אַלײן איז שוין אַ גענוגע באַרעכטיקונג פאַרן דאָזיקן בוך.

י. ל.

בערלין, אנהייב 1930.

די פאָגראָמען און די רויטע אַרמיי.

.1

אין יולי-ביכל פון „צוקונפט" איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון מנחם ריבאַלאָוו אונטערן נאָמען: „דער שרעקלעכער אמת פון אוקראַינע". דער דאָזיקער אַרטיקל מוז אַרויסרופן ביי יעדערן, וועד ס'איז נאָר באַקאַנט מיטן לעבן פון יידן אין אוקראַינע פאַר די לעצטע דריי יאָר, אַ גוואַלדיקן פאַרדראָס. וואָלט דאָס געווען נאָר אַ וויי-געשריי פון אַ מענטשן, וואָס האָט פערזענלעך איבערגעלעבט עטלעכע שוידערהאַפטע פאָגראָמען, וואָלט מען דעם מחבר אַ סך זאַכן געקאָנט מוחל זיין. אין אַזאַ צושטאַנד קלייבט מען זיך נישט שטאַרק פונאַנדער אין די סבות פון די געשעענישן, מען זוכט נישט מער אָדער ווייניקער שולדיקע, מען מעסט נישט און מען וועגט נישט די גוטע און שלעכטע זייטן פון דער אָדער יענער מאַכט.

בשעת מען שלאָגט און בשעת מען ליגט אַ פאַרוואונדעטער און אַ צעביילטער פון קלעפ, קאָן מען נאָר שרייען. דאָס איז נאַטירלעך! קיינער קאָן דערפאַר קיין פאַריבל נישט האָבן.

דער מחבר האָט אָבער נישט נאָר געשריען — וואָרעם דעמאָלט וואָלט ער באַדאַרפט דערציילן נאָר וועגן די פאָגראָמען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט; וועגן די פאָגראָמען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די ערטער, וואו ער איז גראָד געווען. ער האָט זיך אָבער געפרווט געבן אַן אַלגעמיין בילד וועגן די פאָגראָמען אין אוקראַינע בכלל; ער האָט זיך אַפילו פאַרמאָסטן צו פאָרמולירן די סיבות פון די פאָגראָמען, כאַראַקטעריזירן די פאָליטישע פיזיאָנאָמיע פון די קעמפנדיקע כוחות אין אוקראַינע און פון די סאָציאַלע מאַסן, וואָס באַטייליקן זיך אינם גרויסן און

גרויזאַמען נערצנגל, וואָס האָט ממש פּאַרטרונקען אוקראַינע מיט בלוט, מיט אַ סך יידיש בלוט, נאָר ניט אויסשליסלעך מיט יידיש בלוט.

און אי דאָס אַלגעמיינע בילד, אי די פאָרמולירטע סיבות, אי די כאַראַקטעריסטיקעס פון די סאָציאַלע און פּאָליטישע קרעפטן, וואָס ראַנגלען זיך אין אוקראַינע, זיינען אַרוים פאַלש, אַבסאָלוט פאַלש און שטימען ניט מיט דערווירקלעכקייט.

דו לייענסט דורך דעם אַרטיקל, און ס׳באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז די גרעסטע שולד פאַר די פּאָגראָמען פאַלט אויף דער ראַטן=מאַכט; אַז כמעט די שרעקלעכסטע און שוידערהאַפטסטע פּאָגראָמען האָט געמאַכט די רויטע אַרמיי. ניט געקוקט אויף די עטלעכע פראַזעס, וואָס דאַרפן כלומרשט אָפּשוואַכן דעם דאָזיקן איינדרוק, בלייבט דאָך דער לעזער אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון דעם אויספיר, וואָס בעט זיך ממש פונם אַרטיקל, און דער אויספיר איז אַ גאַנץ קלאָרער, אַ באַשטימטער, אַ שאַרף אויסגע=שפּראָכענער: די ראַטן=מאַכט טראָגט אויף איר געוויסן דאָס פאַר=גאָסענע יידישע בלוט, די שאַנד פון די פאַרגוואַלדיקטע יידישע פרויען.

שטימט דאָס מיט דער ווירקלעכקייט? ס׳הייבט זיך גאָר ניט אָן! פונקט פאַרקערט!

ווער ס׳איז באַקאַנט מיט די פּאָגראָמען אין גאַנץ אוקראַינע און ניט דווקא אין דעם אָדער יענעם פונקט; ווער ס׳האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַרומצונעמען די פּאָגראָם=עפּאָפּעע אין איר גאַנצן גראַנדיעזן פאַרנעם און ניט נאָר פון שטאַנדפונקט פון פּערזענלעך איבערגעלעבטן און איבערגעליטענעם, — דער מוז מודה זיין, אַז די רויטע אַרמיי האָט אָפּגעראַטעוועט די יידן פון אוקראַינע פון פיזישן אונטערגאַנג! אַז די רויטע אַרמיי האָט ניט דערלאָזט, מען זאָל אויסראָטן די צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן רוסישע יידן!

איך קען ניט אין אַ זשורנאַל=אַרטיקל זיך אַריינלאָזן אין איינצלהייטן, כדי צו דערווייזן דאָס נאָר=וואָס געזאָגטע. איך וועל זיך באַגרענעצן מיט די גראָבע און שרייענדיקע פאַקטן, וואָס זיינען

אַלעמען באַקאַנט, אַפילו די, וועלכע האָבן זיך ניט פאַרנומען ספּעציעל מיט פּאָגראָם-אויספאָרשונגען. די דאָזיקע פאַקטן זיינען גענוג איבערצייגנדיק.

ס'איז אַלעמען אין אוקראַינע באַקאַנט, אַז כּמעט אומעטום פלעגט זיך איבערחזרן פאָלגנדיקע ערשיינונג: פלעגט אַריינגיין אין אַן אָרט די ראַטן-מאַכט, פלעגן די גאַסן זיין פאַרפּלייצט מיט יידן; פלעגט אַריינגיין אַן אַנדער מאַכט, אַלץ איינס דעניקינצעס, פּעטלוראָווצעס, וואַנגעלעווצעס, פּאָליאַקן, פלעגן די יידן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס אָדער אויף די בוידעמער, און בעסטן פאַל שטיין הינטער די פאַרשלאָסענע טיר און טויערן און דורך אַ שפּאַרונע כאַפּן אַ קוק אויף די אָנגעקומענע געסט.

אמת, ס'זיינען געווען פאַלן, ווען די יידישע מאַסע האָט זיך געגאַרט אין איז מיאוס אַריינגעפאַלן. ווייניקער פון אַלץ בין איך געניינט צו באַהאַלטן די דאָזיקע טרויעריקע פאַקטן. זיי זיינען געווען, געוויס. און די פּאָגראָמען, וואָס געוויסע רויט-אַרמייִשע טיילן האָבן געמאַכט, זיינען געווען ניט ווייניקער מערדעריש און ניט ווייניקער שוידערהאַפט, ווי אַלע אַנדערע פּאָגראָמען. די טאַראַשצאַנער און די באָגונער פאָלקן פון דער רויטער אַרמיי האָבן אין אומאַן געבושעוועט אין זומער 1919 דריי וואָכן און האָבן אָפּגעצאַפּט יידיש בלוט, אַן גרויסע הריגות און אַן גרויסע שחיטות, ניט ווייניקער ווי די פּעטלוראָווצעס, וועלכע האָבן אין דריי טעג אויסגעקוילעט ביז פינף הונדערט יידישע נפשות.

מען קאָן אָבער ניט, לויט מיין מיינונג, אַרויסרוקן די דאָזיקע איינצלנע טרויעריקע פאַלן, בשעת מען גיט ניט דאָס גאַנצע בילד, דעם גאַנצן אמת. און נאָך אַ זאַך — יעדער ענין דאַרף מען דערציילן ביזן סוף.

און דעמאָלט וואָלט זיך באַקומען אָט וואָס: די רויט-אַרמייִשע פּאָגראָמען באַטרעפן מאַקסימום צוויי פּראָצענט פון אַלע פּאָגראָמען אין אוקראַינע. הייסט דאָך, אַז אין 98 פּאָגראָמען פון הונדערט האָט די רויטע אַרמיי מציל געווען די יידן פון אויסגעקוילעט ווערן פון די באַנדיטן; אין 98 פּאָגראָמען פון הונדערט האָט די רויטע אַרמיי אָפּגעשטעלט די שחיטות און די פאַרגוואַל-

דיקונגען — און נאָר אין צוויי פֿאַלן פֿון הונדערט האָט די דאָזיקע אַרמיי געזינדיקט גלייך מיט אַלע.

פֿאַרשטייט זיך, מען קאָן ניט און מען טאָר ניט מוחל זיין אַפילו איין געהרגעטן יידן, אַפילו איין געשענדעטע פֿרוי. קיינער קלייבט זיך ניט באַרעכטיקן פּאָגראָמען. מען דאַרף ניט דאַנקען פֿאַר אָפּשטעלן פּאָגראָמען — און מיר קלייבן זיך אויך דאָס ניט טאָן. מיר זאָגן נאָר, אַז מען טאָר ניט אַראָפּלאָזן די הויפּט־פֿיגורן פֿון די פּאָגראָמען און אַרויסרוקן אויפֿן ערשטן פּלאַץ די, וואָס פֿאַרנעמען דעם לעצטן אָרט אין דער עפּאָפּעע. דער ה׳ ריבאַלאָוו האָט אַנדערש געטאָן — ער האָט כמעט ווי פֿאַרשוויגן די גרויסע שוואַרצע העלדן, און דאָס קליינע שוואַרצע פּינטעלע פֿון דער רויטער אַרמיי איז ממילא שוין אויסגעוואַקסן און אומגעהייער גרויס געוואָרן.

נאָר זאָל זיין, אַז די ווילדע מעשׂים פֿון אַלע באַנדיטישע חיילות זיינען גענוג שוין באַקאַנט אין אַמעריקע, און דער מחבר פֿון „שרעקלעכן אמת פֿון אוקראַינע" האָט געהאַלטן פֿאַר איבעריק דאָס איבערצוחזרן און האָט זיך געשטעלט אַ ספּעציעלע אויפֿגאַבע — דערציילן וועגן די פּאָגראָמען, וואָס רויט־אַרמייִשע טיילן האָבן געמאַכט. גוט! דאָס דאַרף מען אויך טאָן. איך מיין אָבער, אַז ווען מען רעדט וועגן פּאָגראָמען פֿון דער רויטער אַרמיי, טאָר מען ניט אַזוי זיך אגב־אורחא און דרך־אגב אַריינוואַרפֿן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, אַז זי האָט אויך געקעמפֿט קעגן פּאָגראָמען. ניין, דאָס איז ניט גענוג! ווייל דאָס איז דאָך געווען און איז עד־היום די איינציקע מאַכט אין רוסלאַנד און אין אוקראַינע, וואָס פֿירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף מיט די פּאָגראָמען, און דערצו מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער באַזונדערער וואונדערבאַרער ענערגיע און מוט און אומבאַגרענעצטן אימפּעט, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די באָלשעוויקעס בכלל. ווייל די פּאָגראָמען פֿון איינציקע רויט־אַרמייִשע טיילן זיינען דאָך ניט מער, ווי צופֿעליקע עפּיזאָדן, זעלטענע שוואַרצע פֿלעקן אין דעם וואונדער שיינעם בוך, וואָס די רויטע אַרמיי האָט מיטן קעמפֿן קעגן פּאָגראָמען אַריינגעשריבן אין איר אַזוי אויך גענוג גלענצנדיקער

געשיכטע. מיר האַלטן, אַז מען קאָן ניט און מען טאָר ניט אָנהייבן פון די עפּיזאָדן און אַרויסלאָזן דעם עיקר־המעשה; אַרויסשטעלן צום שאַנד־קלאָץ די פּאָר שוואַרצע זייטעלעך און באַהאַלטן פון דער וועלטס אויגן די רויטע בלעטעלעך, וואָס מיט זיי וועט די רויטע אַרמיי תמיד שטאָלצירן.

און כדי בולטער צו מאַכן אונזער מיינונג און איר צוגעבן מער וואָג, וועלן מיר ברענגען פאָלגנדיקן פאַקט — איינער פון די שרייענדיקע פאַקטן, וואָס האָט זיך געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן. פון צענדליקער שטעט און שטעטלעך פלעגן זיך יידן עוואַקוירן אינאיינעם מיט דער רויטער אַרמיי. איז אָנגעפאַלן אַ באַנדע, און די באָלשעוויקעס האָבן געמוזט פאַרלאָזן דעם אָדער יענעם פונקט אויף עטלעכע טעג, אָדער אַפילו אויף עטלעכע שעה; איז געגאַנ־גען דער אָנגריף פון אַ רעגולערער אַרמיי — דעניקינס, פּעטלורעס, פון די פּאָליאַקן — און די באָלשעוויקעס האָבן געמוזט פאַרלאָזן גאַנצע ראַיאָנען און געגנטן אויף אַ לענגערער צייט — אַלץ איינס, יידן זיינען פון אַלעמען אַנטלאָפן און זיינען געלאָפן מיט דער רויטער אַרמיי.

וועגן דעם דאָזיקן שיינעם בלעטל געשיכטע פון דער רויטער אַרמיי איז פאַראַן זייער אַ סך צו דערציילן. מיר וועלן ברענגען נאָר איין עפּיזאָד, וואָס מיר האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען. די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען קיעוו. און די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג פון דער רעכטער זייט דניעפּער — פון קיעוו ביז טשער־קאַס — האָט זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און איז געלאָפן. אַזאַ יציאה איז אַפילו אין אוקראַינע ניט געווען. גאַנצע פאַמיליעס— מיט די זיידעס און מיט די באָבעס, מיט אַלע בעבעכעס און שמאַטעס. מען איז געפאָרן אויף ניט אומצוקערן זיך. ממש אַן אומבאַשרייבלעכע פּאַניקע האָט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן ראַיאָן און ס׳האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע שורה שיפן געפּאַקט מיט יידן און צענדליקער צוגן — 40 און 50 וואַגאָנעס אין אַ צוג — האָבן זיך געצויגן איבער די רעלסן. אויף פּליטן האָט מען אָנגעלאָדן הונ־דערטער יידישע פאַמיליעס און מען האָט די פּליטן געטריבן איבערן טייך קיין קרעמענטשוג און קיין קאַטערינאָסלאַוו. די

ישובים בײם דניעפּער און די װאָקזאַלן אין קרעמענטשוג און אין קאַטערינאָסלאַװ, װאוהין עס איז אָפּגעטראָטן די רױטע מאַכט, זײנען געװען פאַרפּלײצט מיט ײדן. אָט דעמאָלט האָט זיך װירק־לעך געקאָנט אױסדאַכטן, אַז די באָלשעװיסטישע מאַכט איז אַ ײדישע מאַכט—אַזױ פיל צײט, אױפמערקזאַמקײט, כּוחות און עװאַקואַציע־מיטלען האָט מען אָפּגעגעבן דער ײדישער באַפעלקערונג. ס'האָט זיך באַקומען ממש אַ טראַגישע לאַגע — מען דאַרף צונעמען און אַרױספירן די טעלעגראַף־און טעלעפאָן־אַפּאַראַטן, די שפּײז־און אַמוניציע־סקלאַדן, און די שיפן און באַנען זײנען פאַרפולט מיט ײדן.

און טראַכט מען זיך אַרײן אין דעם דאָזיקן מערקװירדיקן פאַקט, מוז מען מודה זײן, אַז כּדי זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ אַרבעט בשעת מלחמה, בשעת דײן בלוטיקסטער שונא יאָגט דיך אין קאַרק און אָט־אָט װאַרפט ער דיך אַנידער און לאָזט דיך שױן קײן תּחית־המתים ניט אױפשטײן — אין אַזאַ צײט און אין אַזאַ אַטמאָספערע זיך פאַרנעמען מיט אַ ברײטער עװאַקואַציע פון אַ באַ־פעלקערונג, װאָס העלפן פירן די מלחמה קאָן זי ניט און שטערן שטערט זי זײער אַ סך, דאַרף מען טאַקע זײן ניט קײן געװײנלעכע אַרמײ, נאָר אַן אַרמײ, װאָס איז באַגײסטערט מיט גרױסע אידעאַלן און פאַרמאָגט אין זיך גאָר אַן אַנדער פײער.

קאָן מען אַזעלכע פאַקטן פאַרשװײגן? און איז דען גענוג, װען מען גיט אַ װאָרף כּלאחר יד אַ בלאָסע פּאָר װערטער, אַז ײדן האָבן געװאוסט, אַז די באָלשעװיקעס זײנען ניט קײן פּאָגראָמשטשיקעס?

.2

און װען אַפילו מען װיל פאַרשװײגן דאָס אַלץ, װאָס די רױטע אַרמײ האָט געטאָן כּדי צו ראַטעװען ײדן פון פּאָגראָמען, און מען װיל נאָר דערצײלן די פאַקטן, װאָס װאַרפן אַ פלעק אױף איר, מוז מען דאָך לכל־הפּחות די דאָזיקע פאַקטן דערצײלן ביזן סוף.

דער מחבר פֿון אַרטיקל „דער שרעקלעכער אמת״ דערציילט וועגן די צוויי באַוואוסטע מערדערישע פֿאַלקן — באַגונסקי און טאַראַשצאַנסקי. אמת, אַלץ ריכטיק! די דאָזיקע צוויי פֿאַלקן, וואָס האָבן געהאַט אַ שם מיט זייער גבורה, מיט דעם וואָס אַז מען הייסט זיי נעמען אַ שטאָט, נעמען זיי זי — אָט די דאָזיקע צוויי פֿאַלקן האָט מען נאָכגעגעבן די שמירה. מען האָט זיי מוחל געווען אָפּט אַזעלכע זאַכן, וואָס קיין געוויינלעכע אַרמיי־טיילן האָבן אפשר קיין העזה ניט געהאַט צו חלומען וועגן דעם. מען האָט זיך געהאַלטן ביים כּלל: „אַז מען דאַרף דעם גנב, מוז מען אים אַפילו פֿון דער תּליה אַרונטערנעמען״. אַזאַ טאַקטיק, פֿאַרשטייט זיך, איז זייער אַ געפֿערלעכע. מיט וואָס האָט זיך אָבער די זאַך געענדיקט? דאָס איז דאָך זייער וויכטיק צו וויסן. דעם באַגונסקי פֿאַלק האָט מען אין קיעוו אַנטוואָפֿנט און אינגאַנצן ליקווידירט. אָט ווי אַזוי די מעשה איז פֿאָרגעקומען.

דעם באַגונסקי פֿאַלק האָט זיך פֿאַרגלוסט אַ הוליע טאָן אין קיעוו. האָט ער זיך אָנגעהויבן טשעפּען. ער פֿאָדערט, מען זאָל אַרויסטרייבן אַלע יידן־באַאַמטע פֿון די ראַטן־אַנשטאַלטן; די יידן זאָלן ניט בילדן קיין צו גרויסן פּראָצענט אין די מלוכה־אינסטי־טוציעס און נאָך אַזעלכע שוואַרצע טענות און מענות, פֿאָדערונגען און לאָזונגען. און אַלץ אולטימאַטיוו געפֿאָדערט, אַז ניט, וועט ער אַליין זיך נעמען רייניקן די אַנשטאַלטן. און אַז ער וועט רייניקן, וועט שוין באמת ווערן ריין! האָט מען געפּרוּווט מיט גוטן דעם פֿאָלק באַרויִקן און ליקווידירן דעם אינצידענט. און בשעת די אונטערהאַנדלונגען האָט מען דערווייל זיך געגרייט צו מלחמה. און דער קאָמוניסטישער פֿאָלק — אין יעדער שטאָט איז פֿאַראַן אַן אַזוי־גערופֿענער פֿאָלק פֿאַר אויסערגעוויינטלעכע פֿאַלן, ער באַשטייט נאָר פֿון פּאַרטיי־חברים — האָט דערווייל געשאַרפֿט די כּלי־זיין און האָט פֿאַרגרעסערט זיינע רייען. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ מאָמענט האָבן ניט ווייניק מיטגלידער פֿון די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען, און דער עיקר פֿון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, זיך אַריינגעגאָסן אין דעם דאָזיקן קאָמוניסטישן פֿאָלק. און סוף־כּל־סוף האָט מען אַרומגערינגלט דעם גבורהדיקן באַגונסקי

פאָלק, מען האָט אַוועקגעלייגט פון זיי סך=הכל ביי אַ צענדליק מענטשן, און זיי האָבן נעבעך געמוזט אָפּגעבן די ביקסן, אַרויסגעבן די אָנפירער פון דער אַנטיסעמיטישער העצע און זיך איבערגעבן אין די הענט פון די באָלשעוויקעס אויף זייער גנאָד. די אָנפירער האָט מען, פאַרשטייט זיך, אָפּגעשיקט אויף יענער זייט וועלט און די איבעריקע פשוטע סאָלדאַטן האָט מען צעשטופּט אין פאַרשיידענע פאָלקן — אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט די גבורהדיקע געשיכטע פונם באַרימטן באָגונסקי פאָלק.

בשעת די פּאָגראָמען פון די בודיאָנאָווצעס בין איך שוין ניט געווען אין אוקראַינע, נאָר אין ווייס=רוסלאַנד. איך גלויב אבסאָלוט, אַז די בודיאָנאָווצעס האָבן געמאַכט אַזעלכע שווידערהאַפטע פּאָגראָמען, ווי מנחם ריבאַלאָוו באַשרייבט. וואָרעם ווער זיינען זיי דען, די בודיאָנאָווצעס? דאָס איז דאָך אַרום 90 פּראָצענט אפשר די געוועזענע אַרמיי פון דעניקין! בשעת די בודיאָנאָווצעס זיינען געגאַנגען קעגן די פּאָליאַקן — זומער 1920 — זיינען זיי דורכגעגאַנגען קרעמענטשוג. די יידישע באַפעלקערונג האָט דערקענט צווישן זיי צענדליקער, וועלכע האָבן אַקוראַט צוריק מיט אַ יאָר געראַבעוועט, געהרגעט און געשענדט פרויען אין קרעמענטשוג. די בודיאָנאָווצעס האָבן געהאַט אין זיך די חוצפּה זיך צו גריסן מיט אַ סך יידן, וועלכע זיי האָבן דערקענט, ווייל זיי האָבן „געאַרבעט" אין זייערע קוואַרטירן גאַנצע מעת=לעתן. די יידישע באַפעלקערונג איז די ערשטע פּאָר שעה געווען שרעקלעך איבערגעשראָקן — מען האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז די דאָזיקע רוצחים וועלן זיך איינהאַלטן און וועלן ניט אַ שטאָך טאָן. און דאָך! זיי זיינען געשטאַנען אין קרעמענטשוג מער פון אַ מעת=לעת; אפשר צען טויזנט סאָלדאַטן, וואָס זיינען געגאַנגען פון דאָן און קובאַן. און פאַרן גאַנצן מעת=לעת זיינען געווען צוויידריי אָנפאַלן אין מאַרק און אויף טישלעך, וואו מען האָט צוגענומען מאַכאָרקע און פּאַפּיראָסן. אַזוי פעסט און שטאַרק איז געווען די דיסציפּלין. און אפשר ניט נאָר די דיסציפּלין! די קאָמוניסטן האָבן שוין געוואוסט אַזאַ מין סוד, זיי האָבן געהאַט אַזאַ מין צויבער=שליסעלע צו די הערצער פון די פינסטערסטע עלעמענטן. זיי

האָבן אונטערגעוואָרפן אָפט אונטער זייער השפעה אַפילו די שוואַרץ־מאהדיקסטע עלעמענטן.

ס'איז געווען פון אָנהייב אָן אַ נס, וואָס האָט זיך געקאָנט איינגעבן נאָר די קאָמוניסטן, וואָס מען האָט די דאָזיקע ווילדע מחנה פון רעניקינס געוועזענע תלמידים דורכגעפירט דורך דעם גאַנצן תחום כמעט אָן פאָגראָמען. און מען האָט געקענט זיך ריכטן, אַז אויב זיי וועלן דאַרפן אָפּטרעטן, וועלן זיי זיך נאָר אַנדערש פירן. זיי האָבן זיך אייגנטלעך באַרימט, אַז צוריקגייענדיק אַהיים וועלן זיי זיך אָפּרעכענען מיט די יידן. די ראַטן־מאַכט האָט דאָס זייער גוט געוואוסט און האָט געווים אָנגענומען מיטלען. און והא ראיה — נאָר אייניקע פאָלקן האָבן געפעלשט און האָבן געמאַכט פאָגראָמען; דער גרעסטער טייל פון דער אַרמיי איז דורכגעגאַנגען רויק. נאָר אָט וואָס — צי ווייס ניט דער מחבר פון „שרעקלעכן אמת", וואָס עס איז געוואָרן מיט די פאָלקן, וואָס האָבן געמאַכט די פאָגראָמען? מיר קענען אים דאָס דערציילן: מען האָט צעשאָסן מער פון 150 אַקטיווע אָנפירער פון די פאָגראָמען און די איבעריקע סאָלדאַטן האָט מען צעשטופט אין פאַרשיידענע אַנדערע פאָלקן, וואו זיי זיינען בטל געוואָרן בשישים.

אָט אַזוי ליקווידירן קאָמוניסטן פאָגראָם־פאָלקן!

וואָרעם די קאָמוניסטן האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר שיסן צענדליקער אייגענע חברים, מיטגלידער פון דער פאַרטיי, פאַר אַנטיסעמיטישער העצע. און פאַרן וואָרט „זשיד" האָט מען אין שוואַרץ־מאהדיקן קיעוו, אין דער הויפּט־שטאָט פון באַרימטן „קיעוולאַנין", געזעצט אין תפיסה אויף אַ האַלב יאָר. מיר איז באַקאַנט דער אַרכיוו פון אַ „טשרעזוויטשאַינע קאָמיסיע" (אויסער־אָרדנטלעכע קאָמיסיע) פון אַ גרויסער אוקראַינישער שטאָט און איך זאָג עדות, אַז ביז דריי פערטל פון די, וואָס די דאָזיקע קאָמיסיע האָט דערשאָסן, זיינען געווען שולדיק אין פאָגראָמען אָדער אין פאָגראָם־אַגיטאַציע.

דאָס אַלץ זיינען גאָר ניט קיין קלייניקייטן, וואָס מען קאָן זיי פאַרשווייגן אָדער דורכלאָזן. ס'איז דאָך קלאָר פאַר יעדערן, אַז ביי יעדער אַנדער מאַכט וואָלט אָט די כוואַליע פון פאָגראָמען

פון די בודיאָנאָווצעס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן צו אַ ים פון יידיש בלוט. די לאַגע אין לאַנד איז געווען אַזאַ פינסטער-טראַגישע, אַז מען האָט געמיינט, אַז עס איז כמעט ווי אומפאַרמיידלעך. די שטרענגע האַנט אָבער פון דער קאָמוניסטישער מאַכט האָט דאָ אויך באַוויזן איר וואונדערבאַרע קראַפט. וואָרעם ווי גרויס ס'איז ניט געווען דער וואונדער איינצונעמען אַ ים-פעסטונג, ווי קראָנשטאַט, מיט פוס-טיילן, איז נאָך אפשר צען מאָל גרעסער דער וואונדער איינצוהאַלטן פון פּאָגראָמען גרויסע אַרמייען, וואָס באַשטייען פון כמעט אויסשליסלעך פינסטערע, פאַרקנעכטיקטע מענטשן, וואָס צווישן זיי ווערט געפירט פון אַלע זייטן אַ גוואַלדיקע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, וועלכע זעען מיט זייערע אויגן, ווי זייערע חברים פון אַנדערע אַרמייען געניסן פון דער כוליגאַנישער פרייהייט. און הונדערט מאָל גרעסער איז דער וואונדער, ווען אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע גיט זיך איין צו דערשטיקן יעדן אָנהייב פון פּאָגראָם-אַרויסטרע-טונגען. מיט וועמען דערשטיקט מען דאָס?! מיט די זעלבע מאַסן, וואָס ווען זיי זיינען ביי פעטלורען אָדער דעניקינען מאַכן זיי פּאָגראָמען! זיינען דאָך אַלע אַרמייען געקנאָטן פון איין טייג. און דאָך, איז מען אונטער דער פירונג פון די קאָמוניסטן, קעמפט מען 98 מאָל קעגן פּאָגראָמען, איידער ס'גיט זיך איין אַ פּאָר מאָל אויך אַ שטיף טאָן; איז מען אונטער דער פירונג פון דעניקין אָדער פעטלורע, מאַכט מען אַלע הונדערט מאָל פּאָגראָמען.

מען דאַרף נעמען די לאַגע אין אוקראַינע קאָנקרעט; מען דאַרף קענען די אוקראַינישע אַטמאָספערע, כדי אָפּצושאַצן דעם ווערט און די שווערקייט פון דעם קאַמף קעגן די פּאָגראָמען.

איינציקע אָדער אפשר אַפילו אַ סך זיינען גענייגט צו דער-קלערן די נאָר-וואָס אָנגעוויזענע ערשיינונג מיט דעם, וואָס אין דער רויטער אַרמיי איז דאָ אַ גרויסער פּראָצענט יידן. איך וועל ניט לייקענען דעם איינפלוס פון די יידן אין דער רויטער אַרמיי. נאָר ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז דער דאָזיקער איינפלוס ווערט שטאַרק איבערשאַצט. ס'קלינגט זייער מאָדנע נאַיוו און משונה, ווען אַפילו אינטעליגענטע יידן חורן איבער דאָס לידעלע, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט איז אַ יידישע מאַכט.

די באָלשעוויסטישע מאַכט שפּאַרט זיך אָן דער עיקר אויף דער רויטער אַרמיי — און די רויטע אַרמיי באַשטייט אין צאָל מער פון 95 פּראָצענט פון ניט־יידן; די רויטע אַרמיי איז אָרגאַניזירט און ווערט אָנגעפירט פון 75 אָדער 80 פּראָצענט אַלטע גענעראַלן און אָפיצערן, וואָס צווישן זיי זיינען קיין יידן גאָר ניט געווען; און אפשר צווישן די נייע גענעראַלן און אָפיצירן איז אויך דער פּראָצענט יידן ניט גרויס. מען דאַרף ניט פאַרקלענערן די ווירקונג פון איינצלנע יידן, וואָס פאַרנעמען הויכע מיליטערישע פּאָסטנס; מען דאַרף אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז ווי גענויאַל די דאָזיקע מענטשן זאָלן ניט זיין, וואָלטן זיי גאָר ניט געקענט מאַכן מיט די מיליאָנען פינסטערע און אָפּט־דעמאָראַליזירטע מאַסן, ווען ניט די טויזנטער גאָר פעיקע און האַלב־פעיקע און דריטל־פעיקע גענעראַלן און אָפיצירן, וואָס דורך זיי און נאָר דורך זיי ווערט פּאַקטיש דורכגעפירט די גאַנצע גרויסע אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז די גענויאַלקייט באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס מען דאַרף קאָנען אָט די דאָזיקע רערן, וואָס דורך זיי פירט די קאָמוניסטישע מאַכט דורך איר איינפלוס אויף די מאַסן, האַלטן פעסט אין די הענט; האַלטן די דאָזיקע רערן אַזוי, אַז זיי זאָלן ניט פאַראומרייניקט ווערן פון אַרומיקן שמוץ, נאָר זיי זאָלן זיך וואָס מער אָפּרייניקן פון דעם שמוץ, וואָס איז אויף זיי פאַרבליבן פון אַלטן רעזשים.

ווייניקער פון אַלץ ווילן מיר לייקענען דעם גרויסן ווערט פון דעם, וואָס יידן זיינען געגאַנגען אין דער רויטער אַרמיי. אין אוקראַינע האָט דאָס אָפּט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע. נאָך יעדער כוואַליע פּאָגראָמען האָט זיך אין דער רויטער אַרמיי אַריינגעגאָסן אַ גרויסער שטראָם יידישע יוגנט, וואָס האָט מיט אַ גרויסער באַגייסטערונג און מיט אַ ניט קלענערער פאַרצווייפלונג געקעמפט קעגן די באַנדיטישע חיילות פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. ביי דער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין אוקראַינע, איז דאָס געווען איינער פון די מיטלען פון זעלבסטשוץ און פון נקמה. הונדערטער און טויזנטער יידישע יונגע לייט, ניט דווקא קיין קאָמוניסטן, און אָפט אויך אַפילו ניט קיין אַרבעטער, זיינען געגאַנגען אין דער רויטער אַרמיי, ווייל אויף אַזאַ אופן איז זייער לעבן געוואָרן

זיכערער, ווי צו בלייבן אין שטעטל און ליגן אין קעלער און וואַרטן, ביז מען וועט דיך ווי אַ הונט אַרויסשלעפּן און דערשיסן. מען האָט באַקומען ביקסן און רעוואָלווערן; מען איז געוואָרן גלידער פון אַן אָרגאַניזירטער קראַפט — און מען האָט זיך דערפילט ווי מענטשן, און מען האָט זיך אָנגעהויבן פירן ווי מענטשן.

ניט קיין קליינע ראָלע האָט געשפּילט די באַדערפעניש זיך נוקם צו זיין אַן די באַנדיטן און פּאָגראָמשטשיקעס. יידישע קינדער פון 16, 17 און 18 יאָר, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע עלטערן אין פּאָגראָמען, וואָס האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם רחמנות פון דער געשענדעטער מוטער אָדער שוועסטער, און אָפט ביידע צוזאַמען — אָט די דאָזיקע יונגע יידן מיט זודיקן בלוט, האָבן גענומען ביקסן אין די הענט און האָבן, נאַטירלעך, מיט מער באַגייסטערונג און חשק, ווי ניט־יידישע רויט־אַרמייער, באַשאָסן פון שווערער אַרטילעריע דערפער, וואו ס'האָבן זיך פאַרפעסטיקט באַנדיטישע גרופּעס; אָט די דאָזיקע יונגע קאָכיקע יידן האָבן מיט אַ גרינגערן האַרצן, ווי ניט־יידישע רויטע אַרמייער, דערשאָסן באַנדיטן, ווען זיי פלעגן אַריינפאַלן אין די הענט פון דער ראַטן־מאַכט.

ס'זיינען אויך געווען געגנער יידישע קנעכט, וואָס האָבן שטאַרק פאַריבל געהאַט אויף די יידישע רויטע אַרמייער, וואָס האָבן אויסגענוצט זייערע ביקסן און רעוואָלווערן, ווי מען באַדאַרף. דעם באַוואוסטן שולגינס פאָדערונג, אַז יידן זאָלן זיך באַזייטיקן פון פּאָליטיק, אַז יידן זאָלן זיך ניט מישן אין מלוכה־ענינים, האָט געהאַט ניט ווייניק אָנהענגער צווישן דער יידישער־בורזשואַזיע. די טענה איז געווען אַ גאַנץ שווערע — ס'וועט אונז קאָסטן טייער!

די דאָזיקע טעאָריע איז פון יידישן אַרבעטער־קלאַס מיט עקל אָפּגעוואָרפן געוואָרן, און אין דעם פרט זיינען נאָך אים נאָכגעגאַנגען אַלע געזונטע עלעמענטן פון יידישן פאָלק.

ס'וועט אונז קאָסטן טייער! פאַרשטייט זיך, וואָרעם לעבן און דערצו נאָך לעבן ווי מענטשן קאָסט טייער. זיין טויט, זיין נידעריקער פון גראָז און שטילער פון וואַסער, פויזען אין דער אייגענער קאַלוזשע און ניט קוקן אויף דער ליכטיקער זון —

דאָס קאָסט ביליק, זייער וואָלוול! און אָט דאָס אייגנטלעך ווילן פון אונז די אַנטיסעמיטן מכּל המינים און מכּל הנאַציעס און אויך די פון אונז, וואָס פאָדערן, אַז מיר זאָלן כּסדר געדענקען, אַז מיר זיינען יידן.

און אַ יידישער רויט=אַרמייער, וואָס אים איז אויסגעקומען משפּטן אין אַ דאָרף אַכצן כוליגאַנעס דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פון אַ שיף ביז הונדערט יידן=פּאַסאַזשירן און האָבן זיי דערטרונקען אין דניעפּער (נאָר איין מענטש — אַ שוחט — האָט זיך געראַטעוועט, איז צונעשוואומען ביז קיעוו און האָט דערציילט די שרעקלעכע געשיכטע) — אָט דערדאָזיקער 19יאָריקער יידישער רויט=אַרמייער האָט ניט געוואָלט געדענקען, אַז ער איז מזרע אברהם, יצחק און יעקב, און האָט אַלע אָפּגעשיקט אויף יענער וועלט!

און ווער וועט האָבן די העזה, צו וואַרפן אין אים אַ שטיין!

אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט איז אַ יידישע מאַכט — איז אַ זייער פאַרשפּרייטע לעגענדע. מיר האָבן פריער געוויזן, ווי ווייט דאָס איז פון דער אמתער ווירקלעכקייט. נאָר פרעגט זיך פונדעסטוועגן, פון וואַנען פאָרט האָט זיך גענומען די דאָזיקע לעגענדע. לויט אונזער מיינונג, אָט פון וואַנען: דאָס, וואָס ווען די באָלשעוויקעס פלעגן אַריינגיין אין אַ שטאָט, פלעגן די יידן אַרויסשיטן זיך מיט שמחה אויף די גאַסן; דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס זיינען געוועזן פעיק צו באַשיצן גאַנצע דערפער און אָפּט זיי אויך חרוב מאַכן נאָר דערפאַר, ווייל דאָרטן זיינען געווען נעסטן פון באַנדיטן און פאָגראָמשטשיקעס; דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן צעשאָסן הונדערטער און אפשר טויזנטער מענטשן ספּעציעל פאַר פאָגראָמען; דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס זיינען די ערשטע אין דער וועלט=געשיכטע, וועלכע טוען דאָס בכלל און דערביי מיטן גאַנצן האַרצן און מיט גרויס אימפּעט — אָט די אַלע פאַקטן האָבן געמוזט מאַכן אויף די מוחות פון אַלע דעם איינדרוק, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט איז אַ יידישע מאַכט. און אויף אַזוי פיל איז דאָס טאַקע אַן אמת! אָבער ניט לויטן

צוזאַמענשטעל און אויך ניט לויט דער וואָג, וואָס יידן פאַרמאָגן אין דער מאַכט.

פון דעם אַלעמען, וואָס מיר האָבן דערציילט, ווערט גענוג קלאָר, ווי פאַלש ס׳איז די מיינונג פון מחבר פון אַרטיקל „דער שרעקלעכער אמת", אַז „אַלע ווענן האָבן געפירט קיין רוים..." אַז „אַזוי טוען אַלע" און אַז „אַלע רעגירונגען, ווי פאַרשיידן זיי זאָלן ניט זיין, וואָסער אַ פאַרב זיי זאָלן ניט האָבן — אַלע האָבן אַ גרויסן חלק אין דער פאַרניכטונג וואָס קומט דאָרט פאָר".

צונויפוואַרפן אָט אַזוי אין איין קופּע „אַלע" — אי פעט־לורעס באַנדיטן, אי דעניקינס ווילדע חיות, אי די רויטע אַרמיי, איז אַ גוואַלדיקער פאַרברעכן, וואָס מען קען ניט און מען טאָר ניט מוחל זיין.

3.

ס׳איז געוואָרן אַ מאָדע, באַזונדערס אין אַמעריקע, צו וואַרפן זיך מיט הונדערטער טויזנטער יידישע הרוגים, מיט הונדערטער טויזנטער געשענדעטע פרויען, מיט הונדערטער טויזנטער יתומים. הונדערט טויזנט אַראָפּ! הונדערט טויזנט אַרויף! ס׳קאָסט דאָך גאָר ביליג! אַ ביסעלע פאָרזיכטיקער! אַ ביסעלע מער אַחריות פאַר אַזעלכע ערנסטע זאַכן!

אַפילו פון ריין פראַקטישן שטאַנדפּונקט — דער איינציק מעגלעכער באַרעכטיקונג — איז דאָס גאָר ניט אַזוי פּראַקטיש מגזם צו זיין אַזוי די ווירקלעכע לאַגע, אַז ס׳זאָלן זיך פשוט אַראָפּ־לאָזן די הענט. וואָרעם האָבן מיר אַרום און אַרום פון 150 ביז 160 טויזנט יתומים, וואָס בערך אַ העלפט פון זיי נויטיקט זיך אין הילף, פאַרמאָגט דאָס יידישע פאָלק גענוג כוחות עפּעס אויפ־צוטאָן. קומט מען אָבער און מען גיט אַ קנאַק: הונדערטער טויזנ־טער יתומים! מאַכט דאָס טאַקע אַ רושם אויף איין מינוט, נאָר באַלד פאַרלירט מען דעם מוט גאָר צו נעמען זיך פאַר פּראַק־טישער אַרבעט. דאָס זעלבע מיט געשענדעטע פרויען — זיינען פאַראַן סך־הכל פון 25 ביז 30 טויזנט געשענדעטע פרויען, און פון זיי בערך אַ העלפט אָנגעקלעפּטע מיט מיאוסע קרענק, מוז

מען און מען קען באַלד אָנהייבן פּראַקטיש זאָרגן פאַר היילן די קראַנקע און פאַר מיטלען אויף ניט צו פאַרשפּרייטן די קלעפּיקע קראַנקהייטן צווישן דער איבעריקער באַפעלקערונג. ניט מען אָבער אַ זאָג: „הונדערטער טויזנטער יידישע פרויען טראָגן אין זייער האַרצן די שפּורן פון אומדערטערגלעכער שאַנדע", באַקומט זיך דער אייגענער רעזולטאַט, וואָס מיט די יתומים.

זאָל מיר, ווי איינעם, וואָס האָט געלעבט די גאַנצע צייט אין אוקראַינע און וואָס איז געשטאַנען זייער נאָענט צו די אויספאָרשונגען פון די פּאָגראָם־געשעענישן, זיין ערלויבט צו דערקלערן פאָלגנדיקעס: קיין גענויע ידיעות וועגן דער צאָל הרוגים, קאַליקעס, געשענדעטע און יתומים זיינען ניטאָ (די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן, וואָס ה׳ ריבאַלאָוו דערמאָנט אין זיין אַרטיקל און וואָס זיינען מיר גאַנץ גוט באַקאַנט, האַלטן כמעט נאָר אַלגעמיינע באַשרייבונגען פון די פּאָגראָמען, דאָקומענטן און אַ סך גביות־עדותן. נאָר קיין גענויערע ציפערן זיינען ניטאָ דערוויילי). בלייבן איבער השערות. אויפן גרונט פון די איינצלנע ידיעות, וואָס זיינען פאַראַן אין די דערמאָנטע מאַטעריאַלן; אויפן גרונט פון אַ ציילונג פון פּאָגראָמירטע אין קיעוו איז מען געקומען צו אייניקע השערות, וועלכע מוזן זיין נאָענט צום אמת.

לויט די דאָזיקע השערות קומט אויס, אַז געהרגעטע פון פּאָגראָמען זיינען געווען אין אוקראַינע ביז 125 טויזנט און אין איינעם מיט ווייס־רוסלאַנד ביז 150 טויזנט. ביז 75 פּראָצענט פון די געהרגעטע זיינען מענער אין די יאָרן פון 15 ביז 50 יאָר. יתומים זיינען פאַראַן אין אוקראַינע ביז 160 טויזנט און מיט ווייס־רוסלאַנד ביז 200 טויזנט. פון זיי זיינען פאַראַן 25 פּראָצענט, וואָס האָבן ניט ביידע עלטערן; 60 פּראָצענט, וואָס האָבן ניט קיין פאָטער און האָבן אַ מוטער; 15 פּראָצענט, וואָס האָבן אַ פאָטער און האָבן ניט קיין מוטער. פאַרוואונדעטע און קאַליקעס זיינען דאָ אין אוקראַינע פון 25 ביז 30 טויזנט און מיט ווייס־רוסלאַנד ביז 40 טויזנט. אַ סך גרעסער איז די צאָל פון די, וואָס ליידן פון רעמאַטיזם, לונגען־פעלערן און האַרץ־פעלערן. ביז 25

פּראָצענט פון דער פּאָגראָמירטער יידישער באַפעלקערונג ליידן פון איינעם אָדער אָפט גאָר פון צוויי פון די אויסגערעכנטע דריי חולאתן. געשענדעטע פרויען זיינען פאַראַן אין אוקראַינע פון 25 ביז 30 טויזנט און מיט ווייס-רוסלאַנד ביז 35 טויזנט. אומגעפער אַ העלפט פון די דאָזיקע פרויען ליידן פון אַן אָנגעקלעפּטער ווענערישער קראַנקהייט. פון ווייטערע ערטער האָבן זיך געריכט און אַנטלאָפן פון 400 ביז 500 טויזנט יידן. בערך ביי אַ העלפט פון די אַנטלאָפענע זיינען די הייזער אָדער די קראָמען און וואַרשטאַטן פאַרברענט אָדער צענומען; ביי דריי פערטל פון די אַנטלאָפענע איז צעראַבעוועט דאָס גאַנצע האָב און גוטס.

אָט דאָס זיינען די עטלעכע אַלגעמיינע ציפערן, וואָס איך האָב געפונען פאַר מיין חוב דאָ צו געבן, כאָטש זיי פּרעטענדירן ניט אויף קיין אַבסאָלוטער פּינקטלעכקייט, כדי מען זאָל אויפהערן זיך אַזוי גרינג צו וואַרפן מיט הונדערטער טויזנטער יידישע געשענדעטע פרויען און מיט הונדערטער טויזנטער הרוגים.

דער מחבר פון „שרעקלעכן אמת פון אוקראַינע" האָט נאָך געפּרוּווט צו געבן אונז אַ ביסל געשיכטלעכע פילאָזאָפיע. און אויך אין דעם פּרט האָט ער ניט געהאַט מער מזל. לויט זיין מיינונג איז די זאַך גאָר און גאָר פּשוט. ס'איז געקומען די רעוואָלוציע; איז געוואָרן הפקר — אַלץ מעג מען! „פרייהייט! — פלעגן זיי שרייען — מען מעג שוין אַלץ און פון די ערשטע טעג האָט זי (אוקראַינע) זיך גלייך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָגראָם".

אין דער אמתן איז די זאַך גאָר ניט אַזוי איינפאַך און פּשוט. און אַפילו די פּסיכאָלאָגישע עקסקורסיע וועגן דעם „שוואַכן ווילן און פוילן דענקען" פון רוסלאַנד איז אויך נאָך ניט גענוג אויפצוקלערן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, וואו די באַפעלקערונג האָט גראָד גאַנץ גוט דערוויזן, אַז זי האָט דווקא אַ שטאַרקן רצון און קען מיט אַ געוואַלדיקער עקשנות דורכפירן דאָס, וואָס זי וויל נאָר. מיט אַזעלכע אַלגעמיינע פראַזעס און אַבסטראַקטע באַגריפן קען מען ניט אויפדעקן די אמתע סיבות פון אַזאַ קאָלאָסאַלן אויסבראָך, ווי די פּאָגראָמען אין אוקראַינע; מיט דער טעאָריע, אַז רוסלאַנדס סטיכיע איז „דושאַ נאַ ראַספּאַשקו", קען מען ניט צע-

וויקלען דעם פֿאַרפֿלאָנטערטן געדיכטן קנויל פֿון סאָציאַל־פּאָליטישע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע סתּירות און ווידעראַנאַנדן, וואָס האָבן באַשאַפֿן דעם באָדן פֿאַר פּאָגראָמען און האָבן געמאַכט מעגלעך אַזאַ ווילדן געוואַלגער פֿון מענטשן.

פֿאַרשטייט זיך, מיר לייקענען ניט, אַז אויך די פּסיכאָלאָגיע פֿון די מאַסן, זייער קולטורעלער צושטאַנד, זייערע היסטאָרישע טראַדיציעס, זייער רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם און די פֿון גאַנצע דורות איינגעפֿלאַנצטע שנאה צו יידן — דאָס אַלץ האָט אַ געוויסע ווירקונג, אַמאָל אַ גרעסערע און אַמאָל אַ קלענערע, אויף די פּאָגראָמען, מערסטנטייל אפשר אויף דעם כּ אַ ר אַ ק ט ע ר פֿון די פּאָגראָמען. די דאָזיקע אַלע מאָמענטן ווערן אויסגענוצט פֿון די, וועלכע זייען פֿאַראינטערעסירט אין פּאָגראָמען. זיי אַליין זיינען אָבער ווייניג אויף אַרויסצורופֿן פּאָגראָמען, בפֿרט נאָך אין אַזאַ מאַסשטאַב.

מען מוז דעריבער די יידישע פּאָגראָמען אַריינשטעלן אין דער ראַם פֿון די גרויסע היסטאָרישע צוזאַמענשטויסן, וועלכע האָבן מחמת טיפֿע פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ווידעראַנאַנדן געמוזט אויסברעכן. נאָר ווען מיר נעמען די יידישע פּאָגראָמען, ווי אַ רינגעלע אין דער קייט פֿון קאַמפֿן צווישן קלאַסן און פֿעלקער, וואָס האָט זיך געוויקלט און געוועבט הונדערטער יאָרן און האָט געגעבן דעם גראָבן קנויל פֿון סתּירות און קאָנפֿליקטן, קלאַסן־האַס און נאַציאָנאַלן צאָרן, וועלכע ווערן דער בעסטער באָדן פֿאַר עקסצעסן און הריגות און שחיטות—ערשט דעמאָלט קען מען כאָטש וויפֿיל עס איז זיך פֿונאַנדערקלייבן אינם פּלאָנטער.

מיר פֿאַרשפּאָרן דאָ צו זאָגן, אַז מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז יעדער סאָציאַלער קאָנפֿליקט און יעדער קלאַסן־סתּירה באַקומען נאָר אַן אַנדער אויסדרוק־פֿאָרם און אַן אַנדער קראַפֿט פֿון דעם דאָזיקן אויסדרוק, ווען זיי פֿאַלן צוזאַמען מיט נאַציאָנאַלע פֿאַרשיידנהייטן, ווען זיי ווערן צוגעפּאַרבט אין אַ נאַציאָנאַלן קאָליר. דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן מיר אַרויסגעזאָגט נאָך צוריק מיט 16 און 17 יאָר. דערפֿון איז אָבער אַבסאָליט ניט געדרונגען, אַז די נאַציאָנאַלע פֿאַרשיידנהייטן ליגן אין גרונט פֿון דער זאַך.

און ווייל טאַקע מיר נייען צו אַזוי ברייט און אַזוי ערנסט צו די סיבות פון די פּאָגראָמען, מוזן מיר, נאַטירלעך, זיך אָפּזאָגן אין דעם דאָזיקן אַרטיקל באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגע.

אָקטאָבער 1921.

דער שרעק פון ציפערן.

(פּאָגראָמען־סטאַטיסטיק)

.1

די פיזישע קרבנות

די פּאָגראָמען האָבן אַרויסגעשטויסן פון די אַלטע אײַנגע־זעסענע ערטער — דער עיקר פון די דערפער און פון די קלײנע שטעטלעך — אַ גוואַלדיק גרויסע יידישע מאַסע. לויט די מיני־מאַלסטע השערות מוז מען קומען צום פּועל־יוצא, אַז ס׳האָבן פאַרלאָזט די אַלטע היימען פון 400 ביז 500 טויזנט יידישע נפשות.

ביז וואַנען די כוואַליעס פון די פּאָגראָמען האָבן געהאַלטן אין וואַקסן; ביז וואַנען דאָס צוזאַמענשפּאַרן זיך פון די הײמלאָזע אין די גרעסערע און מיטעלע שטעט האָט געהאַלטן אין שטײַגן, האָט ניט געקאָנט זײַן קײן שום רײד וועגן קאָנסטרוקטיווער הילף און אויך נישט וועגן אויספאָרשונגען פון דער לאַגע פון די גע־ליטענע מאַסן.

אַרײַנגעפאַלן אין די גרעסערע פּונקטן, זײַנען די דאָזיקע מאַסן געוואָרן נאָר אַן אָביעקט פאַר די שרעקלעכע עפּידעמיעס און מגפות, וואָס האָבן אײַנגעשלונגען אפשר נישט ווײניקער קרבנות פון די פּאָגראָמען גופא. ערשט צום סוף פון זומער 1920, ווען די ראַטן־מאַכט האָט זיך פאַרפעסטיקט אין אוקראַינע און ס׳האָט זיך איר אײַנגעגעבן צו ליקווידירן אַ גרויסן טײל פון די באַנדעס, — אָט ערשט דעמאָלט האָבן גענומען פאַלן די כוואַליעס פון די אַנטלויפנדיקע פון דער פּראָווינץ, די עפּידעמיעס האָבן במעט אינגאַנצן אויפגעהערט, און אויפן סדר־היום איז אַוועקגע־

שטעלט געוואָרן די האַרבע שאלה וועגן ראַציאָנאַלער קאָנסטרוקטיווער הילף פאַר די היימלאָזע מאַסן. און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס'איז תיכף אַרויסגעשוואומען די פראַגע וועגן באַקענען זיך גענויער און ערנסטער מיט דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון דער היימלאָזער מאַסע.

דער ערשטער פרווו פון אַן ערנסטער אויספאָרשונג צווישן די פאָגראָמירטע איז געמאַכט געוואָרן סוף זומער 1920 פון קיעווער קאָמיטעט פון „אָרט“ אינטער דער אָנפירונג פון מחבר פונם דאָזיקן אַרטיקל. צום באַדויערן, איז די דאָזיקע אַרבעט נישט איינגאַנצן דערפירט געוואָרן ביזן סוף מחמת דער פאַניק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין קיעוו מיטן אָפּטרעטן פון דער ראַטן־אַרמיי פון פוילן.

דער מאַטעריאַל אָבער, וואָס איז צו יענער צייט צונויפגענומען געוואָרן, שטעלט פאָר אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס.

דריי הויפט־צילן האָט זיך די אויספאָרשונג געשטעלט:

1. באַקומען אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן פיזישן און קולטורעלן צושטאַנד פון מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך די פאָגראָמען, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט אויסצואַרבעטן אַ רעאַלע קאָנקרעטע פּראָגראַם פאַר הילף דורך אַרבעט;

2. באַקומען אַ קלאָר בילד פון דער רויִנירטער פאַרלאָזטער היים, כדי צו וויסן, וואָס פאַר אַ האָפענונגען די אַרויסגעשטויסענע מאַסן קאָנען נאָך האָבן אויף אומקערן זיך צוריק אין די אַלטע ערטער און צו די אַלטע קוואַלן פון חיונה.

3. פאַרפיקסירן דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון דער רויִנירטער און צעשטויבטער מאַסע צום מאָמענט פון דער אויספאָרשונג.

דער באַקומענער מאַטעריאַל האָט געגעבן אויף אַלע געשטעלטע פראַגן קלאָרע און בולטע, אמת, זייער טרויעריקע תשובות.

לויט דער פּראָגראַם, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון קיעווער קאָמיטעט פון „אָרט“, זיינען אין משך פון 1921טן יאָר דורכגעפירט געוואָרן אויספאָרשונגען פון די פאָגראָמירטע אין אייניקע אַנדערע שטעט, ווי באָהוסלאַוו און אומאַן. אין דערזעלבער צייט זיינען זעלבשטענדיק דורכגעפירט געוואָרן אויספאָרשונגען

אין אָדעס, כאַרקאָוו און ווייס־רוסלאַנד. אויף אַזוי אופן פאַרמאָגן מיר איצט מאַטעריאַלן וועגן די פּויזישע און עקאָנאָמישע רעזולטאַטן פון די פּאָגראָמען, וואָס נעמען אַרום כמעט 50 טויזנט נפשות. דאָס איז אַזאַ מין גרויסע מאַסע נפשות, אַז מען מעג מיט אַ גאַנץ רויִקן געוויסן באַטראַכטן די באַקומענע רעזולטאַטן פונם דאָזיקן מאַטעריאַל פאַר טיפּיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער לאַגע פון די פּאָגראָמירטע בכלל. און נאָך איין זאַך. די פּאָגראָמירטע זיינען אָנגעקומען אין די ערטער, וואו די אויספאָרשונגען האָבן זיי געטראָפן פון הונדערטער פּונקטן. אַזוי, למשל, האָט די אָדעסער אויספאָרשונג אַרומגענומען פּאָגראָמירטע פון 339 פּונקטן; די קיִעווער אויספאָרשונג האָט איבערגעשריבן פּאָגראָמירטע פון 228 פּונקטן; די ווייס־רוסישע פון 177 פּונקטן. דערפון איז נעדרונגען, אַז די אויסגעפאָרשטע מאַסע שטעלט ניט פאָר קיין אָפּגעצוימט ווינקעלע פון איין פּאָגראָמירטן ראַיאָן, נאָר, פאַרקערט, אַ דורכשניטלעכן כּך־הכּל פונם גאַנצן שטח, וואָס איז געווען פאַרכאַפּט פון די פּאָגראָמען. און נאָך אַ באַווייז איז פאָלגנדיקע ערשיינונג: אינם רוב פאַלן זיינען די רעזולטאַטן כמעט גלייך אין אַלע פּונקטן.

מיר גייען איבער צום מאַטעריאַל גופא.

איבערלעבן אַ פּאָגראָם — דאָס אַליין קאָסט שוין זייער טייער, ווען אַפילו אַלע נפשות האָבן זיך לעבעדיק אַרויסגעראַטעוועט, ווען אַפילו ס'האָט זיך איינגעגעבן דאָס גאַנצע האָב און גוטס מציל צו זיין. ס'זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס מען קאָן זיי נישט ציילן און נישט מעסטן און נישט וועגן. און דאָס בלוט, וואָס צאַפּט זיך אָפּ בשעת דעם בעסטן ראַטעווען זיך פון אַ פּאָגראָם; דאָס געוווּנט, וואָס ווערט אַנטפּאַלן ביים גליקלעכסטן איבערקומען אַ פּאָגראָם, — דאָס אַלץ קאָן מען אויפן אָרט ניט אָפּשאַצן. דער פאָלקס־אָרגאַניזם פילט עס אָבער און מוז עס פילן גאַנץ שטאַרק. וואָרעם די, וואָס האָבן איבערגעלעבט אַ פּאָגראָם, און שוין על אחת כמה וכמה די, וואָס האָבן איבערגעלעבט עטלעכע פּאָגראָמען און דערצו נאָך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך גע־צווינגן וואָכנווייז, ווערן גאָר אַנדערע מענטשן — אַנדערע פּיזיש און פּסיכיש. און דער דור, וואָס קומט אַרויס פון אָט די אַנדערש

נעוואָרענע מענטשן, מוז אויך זיין אַן אַנדערער — אַ שוואַכערער פיזיש, אַ קראַנקערער פסיכיש.

אָט זיינען ידיעות וועגן דער צאָל פאָגראָמען, וואָס עס האָבן איבערגעטראָגן 7876 פאַמיליעס פון די אויסגעפּאָרשטע היימלאָזע:

צאָל איבערגעליטענע פאָגראָמען	נפשות	פּראָצענט
1. קיין איין פאָגראָם	51	0,6
2. איין פאָגראָם	1589	20,2
3. צוויי פאָגראָמען	1444	18,3
4. דריי פאָגראָמען	1703	21,6
5. פיר פאָגראָמען	1118	14,2
6. פינף פאָגראָמען און מער . . .	1813	23,1
7. נישט באַוואוסט	158	2,0
סך-הכל	7876	100%

כמעט אַ פערטל פון די אַנטלאָפענע פון פאָגראָמען האָבן איבערגעלעבט מער פון פינף פאָגראָמען — און צווישן די דאָזיקע זיינען פאַראַן נישט ווייניק, וואָס האָבן איבערגעלעבט מער פון צען פּראָגראָמען, און אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן איבערגעלעבט ביז צוואַנציק פאָגראָמען. מער פון 60 פּראָצענט פון אַלע אויסגעפאָרשטע האָבן איבערגעלעבט מער פון דריי פאָגראָמען — אַ גענוגע פּאָרציע האַרץ-קלאַפעניש און נשמה-אַרויספאַלן, אַז אַ ייִדער גוף אי די נשמה זאָלן נישט אַרוים גאַנץ און אומגעריירט.

וועגן דעם געשלעכט פון די היימלאָזע זיינען פאַראַן ידיעות וועגן 38.815 נפשות. פון זיי זיינען געווען:

מענער . . . . 17.352 — 44,7 פּראָצענט
פרויען . . . . 21.463 — 55,3 פּראָצענט

הייסט עס, אַז פרויען זיינען געווען מער פון מאַנסבילן אויף גאַנצע 10 פּראָצענט אָדער אויף יעדע הונדערט מענער איז

געווען צווישן די פּאָגראָמירטע 121,5 פּרויען. לויט דער ציילונג פון 1897טן יאָר זיינען געווען ביי יידן אין אוקראַינע אויף יעדע הונדערט מענער — 104,4 פּרויען. פאַרשטייט זיך, אַז די פאַר־קלענערונג פון דער צאָל מענער ביי די פּאָגראָמירטע איז נישט קיין רעזולטאַט נאָר פון די פּאָגראָמען. דעם גרעסטן חלק אין דער ערמאָרדונג פון די מענער האָט אויך ביי יידן די מלחמה. און אין דעם פּרט, פאַרשטייט זיך, פאַרנעמט רוסלאַנד דאָס ערשטע אָרט, וואָרעם רוסלאַנד האָט געגעבן די גרעסטע צאָל קרבנות דעם אָפּנאָט פון מלחמה. אַזוי זיינען געווען פאַר דער מלחמה אויף יעדע הונדערט מענער:

אין גאַנץ אייראָפּע . . . . 103,8 פּרויען
אין רוסלאַנד (אָן פּוילן און פינלאַנד) 104,2 "

נאָך דער מלחמה איז געווען אויף יעדע הונדערט מענער:

אין גאַנץ אייראָפּע . . . . 111,0 פּרויען
אין רוסלאַנד (אָן פּוילן און פינלאַנד) 123,2 "

מיר זעען, אַז אין רוסלאַנד האָט זיך דאָס פאַרהעלטעניש צווישן דער צאָל מענער און פּרויען אַ סך מער געביטן, ווי אין גאַנץ אייראָפּע,—דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס רוסלאַנד האָט אַוועקגעלייגט אויף די צענדליקער מלחמה־פעלדער אין משך פון זיבן יאָר אַ סך מער יונגע קרבנות, ווי אַנדערע פעלקער אין אייראָפּע. די יידן האָבן, פאַרשטייט זיך, פון דעם אויך געליטן, און דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די פּאָגראָמען, און דאָך איז ביי די פּאָגראָמירטע געווען אויף יעדע הונדערט מענער אַביסל ווייני־קער (121,5) פּרויען, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד (123,2).

אַ קליינע צאָל מענער ביי אַ פאָלק און אַ גרויסע צאָל פּרויען איז געוויס פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט אַ גרויס אומגליק— פּרויען זיינען ווייניקער פּראָדוקטיוו, ווייניקער באַטייליקט אין ווירטשאַפטלעכן לעבן און ווייניקער שעפעריש אין אַלע פּרטים. נישט קיין קלענער אומגליק איז אָבער, ווען ביי אַ פאָלק ווערן געבוירן ווייניק קינדער אָדער ווען זיי שטאַרבן אויס אין די יונגע יאָרן.

ביי די פּאָגראָמירטע זיינען געווען קינדער אין עלטער ביז 1 יאָר:

אין קיעוו · ·	אויף	15811	נפשות	— 113 —	0,7%
אין באָהוסלאַוו	„	4685	„	— 52 —	1,1%
אין אָדעס · ·	„	9042	„	— 102 —	1,1%

מיר זעען, אַז די קינדער ביז אַ יאָר באַטרעפן מאַקסימום 1,1 פּראָצענט — און לויט דער ציילונג פון 1897טן יאָר זיינען געווען ביי אוקראַינער יידן קינדער ביז 1 יאָר — 3,08 פּראָצענט. דאָס הייסט דריי מאָל מער.

פון 20496 אויסגעפאָרשטע פּאָגראָמירטע אין קיעוו און אין באָהוסלאַוו זיינען געווען קינדער ביז 8 יאָר — 2616, אָדער 12,8%. פאַר דער מלחמה האָבן ביי אוקראַינער יידן קינדער ביז 8 יאָר באַטראָפן פון 20 ביז 21 פּראָצענט. די אויסגעפאָרשטע פּאָגראָמירטע יידן פון קיעוו און באָהוסלאַוו האָבן, הייסט עס, אויף אַ גאַנץ דריטל ווייניקער קינדער ביז 8 יאָר, ווי יידן האָבן געהאַט פאַר דער מלחמה.

פון די געבראַכטע ציפער זעען מיר נאָר דעם טרויעריקן פאַקט; מיר ווייסן אָבער נישט, וואָסערע סיבות האָבן אים גורם געווען: צי אין די צייטן פון דער מלחמה און פּאָגראָמען זיינען פשוט ווייניקער קינדער געבוירן געוואָרן, צי מחמת מען האָט אַ סך פון די יונגע יידישע קינדער אויסגעהרגעט אין די פּאָגראָמען, צי מחמת אַ סך קינדער זיינען אויסגעשטאָרבן פון די מגפות און עפּידעמיעס. דער אמת איז, אַז דאָ האָבן געווירקט אַלע דריי סיבות צוזאַמען.

מיר גייען איבער צום פאַמיליען־צושטאַנד פון די פּאָגראָמירטע. דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן — די פאַמיליע איז נאָך עד־היום די עקאָנאָמישע גרונט־אָרגאַניזאַציע, וואָס באַשטימט דעם גורל פון יעדן יחיד גאָר אין אַ גרויסער מאָס, בפרט נאָך בנוגע צו די אַלע סאָציאַלע עלעמענטן, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט זיי — מיט קליינע קרעמערלעך, קליינע הענדלער, קליינע האַנטווערקער וכדומה.

פון 5163 משפחות, וועלכע זיינען אויסגעפאָרשט געוואָרן אין קיעוו און אין באָהוסלאַוו, זיינען געווען:

פאַמיליעס מיט ביידע עלטערן	3179 —	61,6%
פאַמיליעס אָן אַ פאָטער . . .	1214 —	23,5%
פאַמיליעס אָן אַ מוטער . . .	261 —	5,1%
פאַמיליעס אָן ביידע עלטערן .	509 —	9,8%
סך־הכל	5163 —	100%

גאַנצע פאַמיליעס זיינען אַלזאָ געווען סך הכל 61,6 פראָצענט, און העכער אַ דריטל פון אַלע פאַמיליעס — 38,4 פראָצענט — זיינען געווען צעבראָכענע. פון צעבראָכן ביז צעבראָכן איז אָבער אַ חילוק — ביטער איז, פאַרשטייט זיך, אָן אַ מאַמען; טויזנט מאָל ערגער איז אָבער אָן אַ פאָטער, אָן דעם, וואָס קאָן אויסהאַלטן, וואָס קאָן דעם חיות אונטערהאַלטן. און נאָך טויזנט מאָל ביטערער איז, ווען מען פאַרלירט ביידע עלטערן. און מיר זעען, אַז כמעט אַ צענטחלק פון אַלע פאַמיליעס — 9,8 פראָצענט — האָבן גאָר קיין עלטערן נישט; כמעט אַ פערטל פון אַלע פאַמיליעס — 23,5 פראָצענט — האָבן נישט קיין פאָטער; און אָן אַ מוטער זיינען פאַראַן — 5,1 פראָצענט פון אַלע פאַמיליעס. לייגן מיר צונויף די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס פאַמיליעס, באַקומען מיר, אַז אַקוראַט אַ דריטל פון אַלע פאַמיליעס (33,3 פראָצענט) זיינען אָן אַ פאָטער, אָן אַ ברויט־געבער.

אין די 38,4 פראָצענט פאַמיליעס, וואָס מיר האָבן אָנגערופן צעבראָכענע, זיינען געווען נפשות—6483. פון זיי גאַנצע יתומים— 18,7 פראָצענט און האַלבע יתומים — 81,3 פראָצענט.

ווי שרעקלעך ס'איז די לאַגע פון די קינדער פון די פאָגראָמירטע, זעט מען נאָך בולטער פון די ציפערן וועגן דער צאָל יתומים צווישן די קינדער פון אַדעסער און כאַרקאָווער היימלאָזע פאָגראָמירטע. פון 3739 קינדער ביז 16 יאָר זיינען געווען יתומים 755 אָדער 20,2 פראָצענט. מער פון אַ פינפטל פון די קינדער פון די פאָגראָמירטע זיינען יתומים. פון די 755 יתומים זיינען געווען גאַנצע יתומים — 134 אָדער 17,7 פראָצענט און האַלבע יתומים — 621 אָדער 82,3. פון די האַלבע יתומים זיינען אָבער מער פון 85

פּראָצענט אָן אַ פאָטער, ד"ה אָן דעם ווירקלעכן ברויט־געבער. אינטערעסאַנט זיינען די דאַטע וועגן די יאָרן פון די יתומים. 28,9 פּראָצענט פון אַלע אַדעסער יתומים זיינען געוועזן יינגער פון 8 יאָר.

מיר זיינען זיכער, אַז די אַלע גאָר־וואָס געבראַכטע דאַטעס וועגן דער צאָל צעבראָכענע פאַמיליעס, וועגן די גאַנצע און האַלבע יתומים און וועגן עלטער פון די יתומים זיינען טיפּיש פאַר דער לאַגע פון די פּאָגראָמירטע אין אוקראַינע בכלל.

אַ גרויזאַם בילד פון פיזישן חורבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע אַנטפּלעקן פאַר אונז די ציפערן וועגן די הרוגים. נישט וועגן אַלע פּונקטן האָבן מיר אַזעלכע ידיעות. נאָר די דאַטעס, וואָס מיר פאַרמאָגן, זיינען העכסט אינטערעסאַנט און נאָך מער גרויזאַם.

די הײמלאָזע פּאָגראָמירטע פון באָהוסלאַוו, אומאַן, אַדעס, טאַרקאָוו, ווייס־רוסלאַנד און כערסאָנער און דניעפּראָווער קרייזן האָבן אָנגעוויזן, אַז אין זייערע פאַמיליעס זיינען דערהרגעט געוואָרן אין די פּאָגראָמען — 5216 מענטשן. פון די ציפערן ווייזט זיך אַרויס, אַז ביז 30 פּראָצענט פון אַלע איבערגעבליבענע פאַמיליעס האָבן געהאַט פיזישע קרבנות — הרוגים. פון די פאַמיליעס, וואָס האָבן פאַרלאָרן לעבעדיקע נפשות אין די פּאָגראָמען, זיינען געווען 12 פּראָצענט וועלכע האָבן געהאַט מער פון דריי געהרגעטע אין יעדער משפּחה; 21 פּראָצענט האָבן געהאַט צו צוויי הרוגים אין יעדער פאַמיליע און 77 פּראָצענט האָבן געהאַט צו איין הרוג.

וועמען פלעגט מען הרגענען? פון פּראַקטיק ווייסן מיר זייער גוט, אַז הרגען פלעגט מען מער מענער און מער פון די מיטעלע יאָרן — די פעיִקסטע און פּראָדוקטיווסטע עלעמענטן פון פאָלק. אָט זיינען ציפערן, וואָס באַלייכטן גאַנץ קלאָר די דאָזיקע פראַגע.

פון 2439 געהרגעטע, וואָס מיר האָבן ידיעות וועגן זייער געשלעכט, זיינען געווען:

מענער	1729 — 70,9%
פרויען	710 — 29,1%

און אינטערעסאַנט: בנוגע צו די מענער האָט מען מער איבערגעקליבן, אַז ס'זאָלן געהרגעט ווערן דווקא מענטשן אין די

מיטעלע יאָרן. אַזוי זיינען געווען פון יעדע הונדערט געהרגעטע אין די יאָרן:

	מענער	פרויען
ביז 16 יאָר	10,3%	21,8%
פון 17 ביז 50 יאָר	62,2%	56,0%
העכער פון 50 יאָר	27,5%	22,2%

פון די דאָזיקע אַלע ציפער זעען מיר, אַז מער פון 70 פראָצענט פון אַלע געהרגעטע זיינען געווען מאַנסבילן און אַז צווישן די מענער זיינען כמעט צוויי־דריטל (62,2 פראָצענט), פון 17 ביז 50 יאָר. ביי די פרויען זיינען פאַראַן געהרגעטע קינדער צוויי מאָל מער (21,8 פראָצענט), ווי ביי די מענער (10,3 פראָצענט). עלטערע מענטשן, מער פון 50 יאָר, זיינען פאַראַן מער געהרגעטע צווישן די מענער; פון יעדע הונדערט געהרגעטע מענער זיינען געווען עלטער פון 50 יאָר — 27,5 פראָצענט; פון יעדע הונדערט געהרגעטע פרויען זיינען געווען עלטער פון 50 יאָר נאָר 22,2 פראָצענט. פון די געבראַכטע ציפערן ווערט אַלזאָ קלאָר: די פעטליוראָווצעס און דעניקינצעס האָבן געהאַט אַ גוטן טייוולאָנישן ציל — פאַרטיליקן די געזינטסטע און פרוכטבאַרסטע עלעמענטן. נאָך קלאָרער ווערט דער דאָזיקער ציל פון פאָלגנדיקער טאַבעלע:

די עלטער־גרופעס פון די געהרגעטע אין די פאָגראָמען.

(לויט די אָנווייזונגען פון די אויסגעפאָרשטע אין באָהוסלאַוו און אומאַן)

עלטער־גרופעס	מענער	פרויען	סך־הכל	פראָצענט פון: מענער	פרויען	סך־הכל
ביז 7	12	11	23	52,2	47,8	100%
8 „ 13	21	16	37	56,8	43,2	100%
14 „ 16	31	12	43	72,1	27,9	100%
17 „ 30	251	65	316	79,4	20,6	100%
31 „ 50	265	86	351	75,5	24,5	100%
51 און עלטער	203	68	271	74,9	25,1	100%
ניט באַוואוסט	32	21	53	60,4	39,6	100%
סך־הכל ...	815	279	1094	74,5	25,5	100%

די ידיעות וועגן די געהרגעטע אין די ראַיאָנען פון אומאַן און באָהוסלאַוו זיינען זייער טיפיש פאַר די אוקראַינישע, אַזוי-גערופענע, פעטליורישע פאָגראָמען, וועלכע האָבן זיך מער אויסגעצייכנט מיט דער קלאָר-אויסגעשפּראָכענער טענדענץ צו פאַרניכטן די יידישע יוגנט און באַזונדערס די יידישע מענלעכע באַפעלקערונג. און אין דער טאַבעלע זעען מיר עס טאַקע קלאָר און שאַרף. פון יעדע הונדערט געהרגעטע זיינען 74,5 פראָצענט מענער און 25,5 פראָצענט פרויען. אַלזאָ מענער האָט מען געהרגעט דריי מאָל מער, ווי פרויען.

גייט מען איבער צו די עלטער-גרופעס, זעט מען, אַז ביז 7 יאָר קינדער ווערן געהרגעט כמעט גלייך יינגלעך מיט מיידלעך. פון 8 יאָר ביז 13 איז נאָך אַלץ דער פראָצענט געהרגעטע מיידלעך זייער נאָענט צום פראָצענט געהרגעטע יינגלעך; ביי די געהרגעטע אָבער פון 14 ביז 16 יאָר בייט זיך שוין די לאַגע: יינגלעך ווערן געהרגעט 72,1 פראָצענט און מיידלעך — 27,9; און קומען מיר צו די יאָרן פון 17 ביז 30 — די בליענדסטע יאָרן — גיבן שוין די געהרגעטע מענער—79,4 פראָצענט, און די פרויען— 20,6 פראָצענט, — די מענער פון 17 ביז 30 יאָר ווערן געהרגעט פיר מאָל מער, ווי די פרויען פון די זעלבע יאָרן. פון 31 ביז 50 יאָר ווערן די מענער דריי מאָל מער געהרגעט, ווי די פרויען.

אויף צו מאַכן קלאָרער, ווי ווייט ס'דערגרייכן צווישן די געהרגעטע די יונגע גרופעס, וועלן מיר שטעלן קעגן אַנאַנד די עלטער-גרופעס פון די געהרגעטע און פון די היימלאָזע:

די עלטער-גרופעס ביי די היימלאָזע און ביי די געהרגעטע

(אין אומאַן און באָהוסלאַוו)

עלטער-גרופעס	ביי די היימלאָזע: אַבסאָלוטע צאָל	ביי די היימלאָזע: % פון אַלע היימלאָזע	ביי די געהרגעטע: אַבסאָלוטע צאָל	ביי די געהרגעטע: % פון אַלע געהרגעטע
ביז 16 יאָר	5152	41,5	103	9,4
פון 17 ביז 50 יאָר	5812	46,8	667	61,0
עלטער פון 50 יאָר	1424	11,5	271	24,8
ניט באַוואוסט	19	0,2	53	4,8
סך-הכל	12407	100%	1094	100%

דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע טאַבעלע. מיר זעען פון איר גאַנץ קלאָר, אַז ביים הרגען יידן האָט מען נישט סתם גע־הרגעט, ווען מען האָט געפּאַקט, וואָרעם דעמאָלט וואָלטן באַ־דאַרפט די עלטער־גרופּעס פון די געהרגעטע צוזאַמענפאַלן מיט די עלטער־גרופּעס ביי די פּאָגראָמירטע בכלל. קינדער מאַכן אויס צווישן די היימלאָזע בכלל — 41,5 פּראָצענט און צווישן די געהרגעטע נאָר 9,4, ד. ה. $4^1/_2$ מאָל ווייניקער; ביי די עלטערע גרופּעס איז שוין די לאַגע פאַרקערט: די גרופּע פון 17 ביז 50 יאָר מאַכט אויס צווישן די היימלאָזע — 46,8 פּראָצענט און גע־הרגעטע — 61,0 פּראָצענט; די גרופּע עלטער פון 50 יאָר: צווישן די היימלאָזע — 11,5 פּראָצענט און צווישן די געהרגעטע — 24,8.

דער אַלגעמיינער איינדרוק פון די פּאָגראָמען איז געווען אַזאַ, אַז מער פון אַלע האָבן געליטן די מיטעלע קלאַסן, די קרעמער און הענדלער. די אַרבעטער זיינען זיך צעלאָפן פון די קליינע שטעטלעך נאָך בשעת מלחמה, בשעת אין די גרויסע שטעט איז געווען אַ סך גרינגער צו געפינען אַרבעט; חוץ דעם זיינען די אַרבעטער געווען די ערשטע, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין דער רויטער אַרמיי און זיינען געפאַלן, ווי העלדן, אויפן שלאַכט־פעלד און נישט ווי שעפסן אין די פאַרשטיקטע לעבער. איז קיין חידוש נישט, וואָס די גרופּע — דער יידישער אַרבעטער־קלאַס — האָט פון די פּאָגראָמען אַלס אַזעלכע זייער ווייניק געליטן. נאָר אויך די זעלבשטענדיקע בעלי־מלכות האָבן ווייניקער געליטן פון די פּאָגראָ־מען, ווי די קרעמער און הענדלער. און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך: די פּאָגראָמשטשיקעס פלעגן אָפטער פון אַלץ זיך וואַרפן אויפן צענטער פון שטעטל, אויף דעם טייל איינוואוינער, וואו מען האָט געקאָנט האָפן אויף אַ גרעסערן רויב, אויף אַ גרעסערער באַלוינונג פאַר דער „שווערער אַרבעט". און דאָס איז תמיד דער טייל שטעטל, וואו די קרעמער און סוחרים וואוינען; דער אָרעמער טייל באַפעלקערונג — און צווישן זיי איז די גרעסטע צאָל בעלי־מלאכות — וואוינט אויך אין די שטעטלעך מער אין די זייטיקע גאַסן, אין די פאַרוואָרפענע געסלעך. מיר האָבן נישט, צום באַ־דויערן, קיין ידיעות וועגן סאָציאַלן באַשטאַנד פון אַלע 5216

הרוגים — מיר פאַרמאָגן אַזעלכע דאַטן נאָר װעגן 880 געהרגעטע פון די אָדעסער פּאָגראָמירטע. דאָס איז אָבער אױך אַ גענוגע צאָל, אַז מען זאָל די אױספירן, װאָס באַקומען זיך פון זײ, רעכענען פאַר כאַראַקטעריסטישע; בפרט נאָך, אַז די דאָזיקע אױספירן פאַלן אַקוראַט צונױף מיט די אַלגעמײן באַקאַנטע אײנ-דרוקן, װאָס מיר האָבן העכער געשמועסט װעגן זײ.

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די הרוגים פון די אָדעסער פּאָגראָמירטע

סאָציאַלע גרופּעס	די צאָל געהרגעטע	% צו דער אַלגעמײנער צאָל הרוגים
קרעמער, סוחרים און אונטערנעמער .	326	37,0
הױז-װירטשאַפט	189	21,5
בעלי-מלאכות	117	13,3
אָנגעשטעלטע	92	10,5
שילער	73	8,3
ליבעראַלע פּראָפעסיעס	46	5,2
אַרבעטער און ערד-אַרבעטער	37	4,2
סך-הכל	880	100%

מיר װײסן בכלל פון דער ייִדישער סטאַטיסטיק, אַז די בעלי-מלאכות מאַכן אױס נישט קײן סך װײניקער פון די קרעמער און סוחרים. דאָ זעען מיר, אַז צװישן די הרוגים גיבן די קרעמער און סוחרים 37,0 פּראָצענט און די בעלי-מלאכות נאָר 13,3 פּראָ-צענט — כמעט דרײ מאָל װײניקער. נאָר מען מוז דאָ אָנװײזן נאָך אַמאָל אױף װאָס: מעגלעך, אַז די צאָל הרוגים בעלי-מלאכות איז אַזױ קלײן, מחמת צװישן די אַנטלאָפענע מוז זײן קלענער דער פּראָצענט פון די בעלי-מלאכות. די לעצטע זײנען װײניקער געלאָפן פון די פּאָגראָמירטע ערטער, װי די קרעמער און סוחרים. טעמים זײנען געװען עטלעכע: ערשטנס, האָבן די קרעמער און סוחרים געהאַט מער מעגלעכקײטן צו אַנטלױפן, װי די אָרעמע

בעלי־מלאכות; שנית, ווייל די לעצטע האָבן ווייניקער געליטן, זיינען זיי ווייניקער געווען נוטה צו וואַרפן אויף הפקר אַלץ, אויף וואָס אַ סך דורות האָבן הונדערטער יאָרן געהאָרעוועט, און לויפן ווכן אַן אָרט, וואו מען קאָן אַבי דעם נפש מציל זיין; און, שלישית, זיינען געווען ערטער, וואו די פּויערים האָבן אַליין אויסגעבאַהאַלטן די יידישע בעלי־מלאכות, ווייל זיי האָבן נייטיק באַדאַרפט דעם יידישן שמיד, דעם יידישן סטאָליאַר, דעם יידישן סטעלמאַך.

בכלל גענומען זיינען פון די פּאָגראָמירטע געווען ווייניק פאַרוואונדעטע — די רוצחים האָבן דערפירט זייער אַרבעט ביזן סוף, ביזן טויט. נאָר פונדעסטוועגן איז נאָר קיין ספק נישט, אַז די פּאָגראָמען האָבן אונז געלאָזט אַ ירושה, אַ חוץ אלמנות און יתומים פון געהרגעטע יונגע מענער, נישט ווייניק קאַליקעס און פאַרוואונדעטע, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער אַרבעטס־פעיקייט, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז געוואָרן אַ קייט פון פּיין און יסורים. מיר האָבן ביי איצטיקן מאָמענט נאָך זייער ווייניק מאַטעריאַל וועגן די פאַרוואונדעטע און קאַליקעס געוואָרענע בשעת די פּאָגראָמען, דאָך האַלטן מיר פאַר נייטיק כאָטש צו ברענגען די ווייניק ציפערן, וואָס מיר פאַרמאָגן.

ס'זיינען געווען פאַרוואונדעטע און קאַליקעס געוואָרענע בשעת די פּאָגראָמען צווישן די:

פּאָגראָמירטע פון כערסאָנער און דניעפּראָווער קרייז . . .	822
פּאָגראָמירטע פון ווייסרוסלאַנד	147
היימלאָזע פון באָהוסלאַוו	80
היימלאָזע פון כאַרקאָוו	51
היימלאָזע פון קיעוו	111
סך־הכּל	1211

צווישן די אָדעסער פּאָגראָמירטע היימלאָזע האָט מען אין 550 פאַמיליעס געפונען פאַרוואונדעטע, קאַליקעס און געשענדעטע פרויען; צווישן די כאַרקאָווער פּאָגראָמירטע היימלאָזע זיינען געווען געשלאָגענע: 111 מענער און 172 פרויען; צווישן די כערסאָנער פּאָגראָמירטע האָט מען געטראָפן 11, וועלכע זיינען פון זינען אַראָפּ פון די פּאָגראָמען.

פון 80 קאַליקעס און פאַרוואונדעטע צווישן די באַהוסלאָזער פּאַגראָמירטע זיינען געווען מענער—50 אָדער 62,5% און פרויען—30 אָדער 37,5%. דאָס זעלבע פאַרהעלטעניש צווישן די געשלעכטן פון די קאַליקעס און פאַרוואונדעטע זעען מיר ביי די כאַרקאָווער פּאָגראָמירטע: פון 51 זיינען געווען מענער — 34 אָדער 66,7% און פרויען — 17 אָדער 33,3%.

בנוגע צו די פאַרוואונדעטע און קאַליקעס זעען מיר דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבן פריער געזען בנוגע צו די הרוגים: די מענער האָבן געגעבן צוויי מאָל אַזוי פיל קרבנות ווי די פרויען.

מען דאַרף אָבער זיך נישט פאָרשטעלן, אַז דער עיקר קאַ-ליקעס און פאַרוואונדעטע האָבן געגעבן די פּאָגראָמען,—פאַרקערט, אין דעם פּרט האָבן מיר אַ סך מער קרבנות פון דער מלחמה און פונעם בירגער-קריג. צווישן 16048 קיעווער היימלאָזע פּאָגראָמירטע זיינען געווען מענטשן מיט פיזישע דעפעקטן, ד"ה אָן אַ האַנט אָדער אָן אַ פוס, אַ טויבער אָדער אַ שטומער וכדומה, 599, ד"ה 3,7% — דאָס איז אַקוראַט צוויי מאָל מער, ווי אין דער צייט פון דער פּאָקלס-ציילונג פון יאָר 1897. פון די דאָזיקע 599 קאַ-ליקעס זיינען אָבער געוואָרן אַזעלכע בשעת די פּאָגראָמען נאָר 111, דאָס הייסט סך-הכל 18,5%; 249 זיינען געוואָרן קאַליקעס פון דער מלחמה און פון דעם בירגער-קריג; 330, דאָס הייסט העכער אַ העלפט, זיינען געווען קאַליקעס נאָך פון פאַר דער מלחמה. ווייזט אויס, אַז אַזאַ הויכער פּראָצענט קאַליקעס צווישן די קיעווער היימלאָזע — צוויי מאָל מער ווי אין יאָר 1897 — איז אַ רעזולטאַט פון ביידע מלחמות — פון דער יאַפּאַניש-רוסי-שער און פון דער וועלט-מלחמה, פון בירגער-קריג און פון די פּאָגראָמען.

פון 599 מיט פיזישע דעפעקטן צווישן די היימלאָזע פּאָגראָ-מען פון קיעוו זיינען געווען:

מענער	404 —	67,4%
פרויען	195 —	32,6%
סך-הכל	599 —	100,0%

מענער גיבן אויך דאָ צוויי מאָל אזוי פיל קרבנות, ווי די פרויען.

מיר האָבן געזאָגט, אַז די פּאָגראָמען האָבן געגעבן זייער ווייניק קאַליקעס; דאָס איז אמת אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ס'איז אָנגענומען צו רעכענען פאַר אַ קאַליקע נאָר דעם, וועמען ס'פעלט אַ פוס, אַ האַנט, אַן אויער, אָדער אַן אַנדער אבר. אויב אָבער מען זאָל דעם באַגריף „קאַליקע" אַ ביסל ברייטער אויס־טייטשן און מאַכן דעם פשט, אַז אַ מענטש מיט אַ האַרץ־פעלער, מיט אַ לונגען־חולאת, מיט אַ רעוומאַטיזם וכדומה ערנסטע קראַנק־הייטן איז נישט קיין קלענערער קאַליקע, ווי אַ מענטש אָן אַ האַנט אָדער אָן אַ פוס, דעמאָלט וועט מען מוזן קומען צום אויספיר, אַז דער פּראָצענט יידישע קאַליקעס איז נאָך די פּאָגראָמען און טאַקע פון די פּאָגראָמען שרעקלעך, ממש אומגעהייער אויסגעוואַקסן.

אָט זיינען אייניקע ציפערן, וואָס באַלייכטן די דאָזיקע ערנסטע פראַגע.

פון 20,733 אויסגעפאָרשטע פּאָגראָמירטע אין קיעוו און אין באָהוסלאַוו זיינען געווען קראַנקע אויף אַן ערנסטער קרענק (האַרץ־פעלער, לונגען־קראַנקהייט, רעוומאַטיזם און אַנדערע) — 2105, אָדער 10,2 פּראָצענט פון אַלע אויסגעפאָרשטע. מער פון אַ צענט־חלק פון דער פּאָגראָמירטער באַפעלקערונג ליידט פון איינעם און אָפט פון צוויי אָדער דריי פון די העכער אויסגערעכנטע ערנסטע און געפערלעכע קראַנקהייטן. אַז אַ מענטש מיט אַ האַרץ־פעלער אָדער מיט טובערקולאָז איז אָפט ווייניקער אַרבעטספעיק און ווייניקער לעבנספעיק, ווי אַ מענטש אָן אַ האַנט, איז יעדן באַקאַנט. און אַזעלכע פאַרמאָגן מיר מער פון אַ צענט־חלק. לייגן מיר צונויף די פיזישע קאַליקעס פון ביידע קאַטעגאָריעס, באַקומען מיר, אַז 13,9 פּראָצענט פון די פּאָגראָמירטע זיינען אין אַ צו־שטאַנד, ווען דער מענטש איז ווייניקער פּראָדוקטיוו, מער נוטה צו קרענק־אָנפאַלן, נייטיקט זיך אין בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, שטאַרבט אָפטער און יונגער, ווי געוויינלעך.

פון 2105 קראַנקע צווישן די פּאָגראָמירטע פון קיעוו און באָהוסלאַוו זיינען קראַנק געוואָרן:

פאַר דער וועלט־מלחמה	941	44,7%
אין די יאָרן פון בירגער־קריג און פאָגראָמען	827	39,3%
בשעת דער וועלט־מלחמה	275	13,1%
נישט באַוואוסט ווען	62	2,9%
סך־הכל	2105	100,0%

כמעט פערציק פראָצענט (39,3%) פון אַלע חולאים זיינען קראַנק געוואָרן אין די יאָרן פון בירגער־קריג און פאָגראָמען. די דאָזיקע צוויי ערשיינונגען זיינען פאָרנעקומען איינצייטיק און ס'איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, שווער פעסטצושטעלן, פון וואָס דער אָדער יענער פאָגראָמירטער האָט באַקומען רעומאַטיזם אָדער האַרץ־פעלער: צי פון ליגן אין קעלער וואָכנווייז באַהאַלטן פון פאָגראָם־שטשיקעס, צי פון באַהאַלטן זיך אין די קעלערס פון די האַרמאַטן, וואָס פלעגן באַשיסן די שטעט אַלע וואָך פון אַן אַנדער מאַכט.

איצט איז שוין קלאָר פאַר אַלע, וואָס זיינען באַקאַנט מיט די רעזולטאַטן פון די פאָגראָמען, אַז די צאָל געשטאָרבענע פון מגפות און עפּידעמיעס און פון האַרץ־פעלערן און לונגען־קראַנק־הייטן פאַר די דאָזיקע דריי יאָר (1918 — 1920) איז אַ סך, אַ סך, גאָר אָן אַן ערך גרעסער, ווי די צאָל הרוגים. דאָ האָבן מיר אַוועקגעלייגט קרבנות אין די הונדערטער טויזנטער. צום באַדויערן איז אויך די דאָזיקע פראַגע נאָך ווייניק, גאָר ווייניק אויסגעפאָרשט. מיר קאָנען זיך אָבער נישט אָפּזאָגן פון ברענגען כאָטש די ציפערן, וואָס מיר פאַרמאָגן וועגן דער דאָזיקער פראַגע בנוגע צו די היימלאָזע פאָגראָמירטע פון באָהוסלאַוו. ביי 4685 פאָגראָמירטע זיינען געשטאָרבן פאַר דריי יאָר (1918 — 1920) פון סיבות פאַרבונדענע מיט די פאָגראָמען און מיט דער היימ־לאָזיקייט — 413 נפשות.

פון זיי זיינען געשטאָרבן:

פון טיפוס	154	37,3%
פון לונגען־קראַנקהייטן	63	15,2%
פון האַרץ־קראַנקהייטן	26	6,3%
פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן	170	14,2%
סך־הכל	413	100,0%

פון די 413 געשטאָרבענע זיינען געווען:

קינדער ביז 16 יאָר . . .	233 — 56,4%
עלטער פון 16 יאָר . . .	180 — 43,6%
סך־הכל . .	413 — 100,0%

מיר זעען, אַז פון די מגפות און חולאתן, וואָס זיינען געקומען נאָך די פּאָגראָמען, האָבן מער פון אַלע געליטן די יידישע קינדער.

מיר וועלן פאַרענדיקן מיט דעם טרויעריקסטן קאַפּיטל אין דער פּאָגראָם־עפּאָפּעע און מיט דעם צומווייניקסטן אויסגעפאָרשטן — מיט די געשענדעטע פרויען. מיר האָבן ידיעות נאָר וועגן ווייס־רוסלאַנד און כערסאָנער און דניעפּראָווער קרייז. ס'זיינען געשענדעט געוואָרן פרויען:

אין כערסאָנער און דניעפּראָווער קרייז	306
אין ווייס־רוסלאַנד	1257
סך־הכל	1563

פאַרשטייט זיך, אַז וועגן מען האָט צונויפגעציילט אין ווייס־רוסלאַנד 1257 געשענדעטע פרויען, הייסט דאָס אַבסאָלוט נישט, אַז דאָס איז דער גאַנצער אמת אָדער אַז די דאָזיקע ציפער איז קרוב לאמת. מען ווייס וועגן 1257 געשענדעטע פרויען; וויפיל האָבן באַגראָבן די שאַנד טיף אין האַרצן און וועלן זי דאָס גאַנצע לעבן אויסקרענקען — וועגן דעם ווייס קיין מענטש נישט און קאָן נישט ווייסן.

מיר האָבן געגעבן טרוקענע ציפער. באַשרייבונגען, בילדער, סצענעס און טראַגעדיעס — מיט דעם אַלעמען האָט מען שוין אַזוי פאַרפלייצט אונזער ליטעראַטור, אַז איך האָב בכיוון געשטאַרעט זיך אויסצומיידן אַלץ, וואָס „באַפּוצט“ די טרוקענע פאַקטן. שוין צייט אונטערפירן דעם טרוקענעם חשבון פון אונזער פּאָגראָם־עפּאָפּעע. און דער דאָזיקער טרוקענער חשבון וועט זיך אַרויסווייזן געווים אַ סך, אַ סך טראַגישער, ווי די אַלע הונדערטער און טויזנטער דערציילטע טראַגעדיעס, וואָס מיט זיי האָט מען ביז איצט זיך געשטאַרעט נעמען דאָס האַרץ פון לעזער־געבער.

2.

די מאַטעריעלע קרבנות

אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון מענטשן ליגט שוין אַזוי, אַז ער וואַרפֿט ניט אַוועק ביי דער ערשטער סכּנה זיין ביסל האָב און גוטס, זיין פֿאַרמעגן, וואָס עס האָבן אָפֿט געהאָרעוועט אויף אים דורות גאַנצע. און אין דעם פּרט האָט די יידישע קליינשטעטלדיקע מאַסע אַרויסגעוויזן אַ וואונדערבאַרע עקשנות — אין איין עק שטעטל זעט מען שוין די שחיטה, און אין צווייטן עק האַלט מען אין באַגראָבן אַ פּאָר קישנס אָדער גאָר אַ בייכיקן סאַמאָוואַר, וואָס דאַרף אַ דריי־מעטערדיקע גרוב; אין איין עק גאַס הערן זיך די געשרייען פֿון די געשענדעטע פֿרויען, און אין צווייטן עק גאַס שלעפּט מען אויף זיך מער מיט אַ קליידל, האָפֿנדיק עס אָפּצוראַטעווען פֿון די רוצחישע הענט.

ווער עס האָט געזען נאָכדעם אין די גרויסע שטעט די אומבאַשרייבלעכע נויט פֿון די היימלאָזע, זייער אויסגיין פֿון הונגער און ווי אָפֿט עס האָבן אָט די דאָזיקע מיט סכּנות נפֿשות אַרויסגעראַטעוועטע שמאַטעס טאַקע אָפּגעראַטעוועט פֿון הונגער־נויט, דער וועט קיין פֿאַראיבל ניט האָבן אויף די אומגליקלעכע מאַסן, וואָס, אַנטלויפֿנדיק פֿון חלף, פֿלעגן זיי שלעפּן אויף די פּלייצעס פּעקלעך און זעקלעך. זייער געזונטער אינסטינקט האָט זיי ווי אונטערגעזאָגט, אַז עס שטייען פֿאַר אַזעלכע ביטערע הונגער־יאָרן, אַז מען מוז, ליגנדיק אונטערן חלף, דאָך געדענקען, אַז אויב מען וועט בלייבן לעבן, וועט מען מוזן עסן, טרינקען און אויך זיך אויסבאַהאַלטן פֿון קעלט, און דאָס אַלץ וועט שרעקלעך שווער אָנקומען.

און אויב ס'איז שווער געווען זיך צו שיידן מיטן ביסל מטלטלין, מיט דער קישן, אָדער מיטן סאַמאָוואַר, קאָן מען זיך שוין פֿאָרשטעלן, ווי שווער ס'איז געווען אַוועקוואַרפֿן די שטוב, דאָס מעבל, די קראָם, דעם וואַרשטאַט, די מאַשין, די אינסטרומענטן א. אַז. וו. נאָכן ערשטן פּאָגראָם איז מען דעריבער זייער זעלטן געלאָפֿן, סיידן איינצלנע מענטשן אָדער גאָר רייכע פֿאַמיליעס,

וואָס האָבן געהאַט אַ סך מזומן געלט אָדער גאָלד און זילבער אויף מיטצונעמען. געלאָפן איז מען געוויינטלעך נאָכן דריטן אָדער פערטן פּאָגראָם.

וואָס־זשע איז געוואָרן מיט די איבערגעלאָזטע הייזער, קראָמען, פאַבריקן, וואַרשטאַטן, שטוביקע זאַכן, סחורות, מאַשינעס, אינסטרומענטן א. אַז. וו.? דאָס איז דאָך סוף־כּל־סוף די וויכטיקסטע פראַגע. וואָרעם זאָל זיין, אַז ס׳איז שוין טאַקע אַבסאָלוט רויק, האָט אָבער דער קרעמער פאַרלאָרן זיין קראָם, זיין הויז, זיין סחורה; האָט דער בעל־מלאכה פאַרלאָרן זיין מאַשין, זיינע אינסטרומענטן, זיין שטיבל, זיין ביסל שטוב־באַלעבאַטישקייט, וועט ניט דער און ניט יענער זיך ניט אומקערן מער אין זיין שטעטל אַריין. מיט לייזיקע הענט איז אין דער גרויסער שטאָט אַ סך גרינגער צו עפּעס זיך צוצושלאָגן. איז אָבער דער אַלטער לעבנס־יסוד ניט אינגאַנצן חרוב, ניט מיט די וואָרצלען אויסגעריסן, דעמאָלט איז נאָר קיין ספק ניט, אַז אַ גרויסע מאַסע פון די אַנטלאָפענע וועט ביי דער ערשטער מעגלעכקייט זוכן דעם וועג צו דער אַלטער היים און צו דער אַלטער פרנסה.

אין ערשטן פאַל באַקומען מיר אין די גרויסע שטעט גרויסע קאָמפּאַקטע פאַראָרעמטע מאַסן, וואָס וועלן מוזן זיך צופּאַסן צו די פאָדערונגען פון דער גרויסער שטאָט און וועלן פריער פון אַלץ מוזן זיך צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז מיט קליינשטעטלדיקע קרעמערישע און לופט־פרנסות איז אַ סוף און מען מוז איבערגיין צו אַרבעט. אין צווייטן פאַל וועט דאָס קליינע יידישע שטעטל טיילווייז צוריק אויפגעשטעלט ווער׳ן און די טראַדיציאָנעלע יידישע פרנסות וועלן צוריק פאַרנעמען זייער אָרט. מיר זאָגן „טיילווייז“, ווייל פאַר דער צייט, וואָס די יידישע באַפעלקערונג איז ניט געווען אין די צענטראַליקער און הונדערטער פונקטן, פון וואַנען מען האָט זיי מיט געוואַלד פאַריאָגט, איז דאָס לעבן דאָרט ניט אָפּגעשטאָרבן אינגאַנצן.

דער רוסישער און אוקראַינישער אינטעליגענט, באַאַמטער, געוועזענער אָפיציר און אויך דער אַרבעטער — אָט די אַלע

עלעמענטן, וואָס זיינען מאַסנווייז געלאָפן אין די דערפער אַריין און אין די קליינע שטעטלעך, בשעת די יידישע באַפעלקערונג איז פון דאָרט געלאָפן, — אָט זיי האָבן זיך געפרוווט פאַרבייטן דעם יידן, אויספילן זיינע פונקציעס און, ווי מען גיט איבער, ניט גאָר אָן ערפאָלג. די יידישע מאַסע, ווען אַפילו זי זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צוריק אין די אַלטע היימען, וועט טרעפן אין די פאַרלאָזענע קראָמען אַ סך נייע פריש־אויפגעקומענע קריסטלעכע קרעמער. און אויך דער פויער האָט זיך פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר ניט ווייניק אויסגעלערנט אין הלכות האַנדלען און מסחרן. נאָך פאַר דער מלחמה איז געגאַנגען אין אוקראַינישן דאָרף אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן דעם אויפגעקומענעם יונגן אוקראַינישן קרעמער און דעם אַלטן יידישן קרעמער. און נאָך פאַר דער מלחמה האָט דער אוקראַינישער יונגער קרעמער צוגענומען ביים יידן ניט ווייניק פאָזיציעס. פאַר דער צייט פון די פאָגראָמען איז די קרעמעריי אין דאָרף אינגאַנצן איבערגעגאַנגען אין פויערשע הענט. און אָט דאָס האָט מיטגעהאָלפן אין אַ גרויסער מאָס דעם אויפקומען פון אַ הורטאָוונעם קריסטלעכן קרעמער אויך אין שטעטל.

דער אויספיר איז אַלזאָ אַ גאַנץ קלאָרער: ווען אַפילו די יידישע באַפעלקערונג וועט באַקומען די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אין די אַלטע היימען, וועט זי דאָרטן טרעפן אַ גאַנץ נייע עקאָנאָמישע סיטואַציע, וואָס וועט אַ סך פאַרשווערן איר קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ. נאָר צי האָט די יידישע פאָגראָמירטע באַפעלקערונג צו וואָס זיך אומצוקערן?

דערויף גיבן אַ תשובה די קומענדיקע טאַבעלעס.

די ערשטע פראַגע איז אָט וואָס: וואָס איז געוואָרן מיט די הייזער פון די אַנטלאָפענע פון פאָגראָמען?

אַן אייגענע שטוב אין אַ קליין שטעטל איז אָפט אַ מקור פון פרנסה; יעדנפאַלס איז אַן אייגן ווינקל אַ גענוג צוצי־קראַפט פאַרן פאָגראָמירטן און וועט אין אַ סך פאַלן באַשטימען דעם גורל פון זיין צוקונפט.

מיר האָבן ידיעות וועגן 4078 הײַזער פון די הײמלאָזע פון קיעוו, בראַסלאַוו, אומאַן, און דאָ האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאָלגנ־דיקע רעזולטאַטן:

1.	צענומען	1226	הײַזער	30,1	פּראָצענט
2.	פאַרברענט	1164	„	28,5	„
3.	פאַרקויפט	860	„	21,1	„
4.	גאַנץ געבליבן	288	„	7,1	„
5.	פאַרדונגען	173	„	4,2	„
6.	צוגענומען מיט געוואַלד	147	„	3,6	„
7.	רעקווירירט	114	„	2,8	„
8.	אומבאַקאַנט	106	„	2,6	„
	סך־הכל	4078	„	100,0	„

מיר זעען, אַז כמעט אַ דריטל (30,1%) פון אַלע הײַזער זײַנען צענומען. וואָס הײסט „צענומען”?

אָט וואָס דאָס הײסט. נאָך דעם ווי די באַנדעס פון פּעט־לורען און דעניקינען פלעגן אויסלײדיקן און אַרויסטראָגן פון די הײַזער דאָס גאַנצע ביסל פאַרמעגן, און דאָס מעבל אויך אין כּלל, פלעגן קומען די אָרטיקע פויערים און די פויערים פון די אַרומיקע דערפער און פלעגן פאַרענדיקן די אַרבעט אויף אַזאַ אופן: אַראָפּנעמען די דעכער, אַרויסנעמען די פענסטער, אַראָפּ־נעמען די טירן, אַרויסרײַסן די טירלעך פון די אויוונס און דאָס אַלץ אַוועקפירן צו זיך. און די ווענט האָבן די פויערים צום גרעסטן טײל געלאָזט מיט די אָפענע לעכער, ווי אַ זכר־לחורבן. גאַנצע קוואַרטאַלן אין אַ סך שטעטלעך שטײען אָט אַזוי אָ: ווענט אָן דעכער און אָפענע מײַלער.

פאַרשטײט זיך, אַז אַזוי האָבן געהאַנדלט באַטראַכטע גוײם, באַלעבאַטישע גוײם, וועלכע האָבן פריער פון אַלץ געהאַט אין אויג דעם „כאָזײַסטווענע” שטאַנדפּונקט. אַזעלכע פויערים האָבן גערא־בעוועט מיט „טאַלק”, מיט חשבון, מיט תּכלית. ס'זײַנען אָבער געווען נענוג פּעטלורישע און דעניקינשע רוצחים, וואָס זײ איז

געוועזן דער עיקר איין זאַך — אויסוואָרצלען דעם יידן, אים פאַרטיליקן און אָפּווישן פֿון דער ערד. אָט=אָ די רוצחים האָבן געצונדן גאַנצע שטעטלעך, אָדער גאַנצע קוואַרטאַלן, און מיר זעען, אַז מער פֿון אַ פערטל (28,5%) פֿון אַלע הייזער זיינען טאַקע אָפּגעברענט.

מער פֿון אַ פינפטל (21,1%) פֿון אַלע הייזער זיינען פאַרקויפט געוואָרן. אין ניינציק פּראָצענט פאַלן זיינען די הייזער פאַרקויפט געוואָרן צו קריסטן, אי דאָס פאַר נראָשנס, ממש טאַקע האַלב אומזיסט. מ׳האָט געמוזט אַנטלויפן און מען האָט פאַרקויפט פאַר נישטיקע סומעס גרויסע פאַרמעגנס, ערשטנס, ווייל אָפּט האָט מען מיט דעם געלט געקאָנט ראַטעווען דעם נפש און זיך דערשלעפּן ביז אַ גרויסער שטאָט, און צווייטנס, האָט מען געוואוסט, אַז סיי ווי וועט די שטוב אָדער פאַרברענט ווערן אָדער צענומען ווערן.

פֿון די דריי דערמאָנטע קאַטעגאָריעס — צענומען, פאַרברענט און פאַרקויפט — באַקומען מיר שוין 79,7 פּראָצענט פֿון אַלע יידישע הייזער, וואָס אומקערן זיך אַהין קאָן מען ניט. מען מוז אָבער דערצו נאָך צוגעבן די קאַטעגאָריע הייזער פֿון דער רובריק „צונעמען מיט געוואַלד”, ווייל די דאָזיקע יידישע הייזער וועלן שוין אויף תמיד פאַרבלייבן אין די הענט פֿון די רויבער. צונעמען מיט געוואַלד פלעגט פאָרקומען אויף אַזאַ אופן — מען קוקט אַרויס אויף אַ פּאָגראָם, יידן זוכן קונים אויף זייערע הייזער און קראָמען; די פּויערים מאַכן יד=אחת, אַז מען זאָל ניט געבן די „זשידעס” קיין געלט, וואָרעם סיי ווי וועלן זיי אַנטלויפן און איבערלאָזן די הייזער. הינטן אַרום אָבער פאַרגנבעט זיך יעדער פּויער און קויפט בחצי חנם אַ יידישע שטוב און קלייבט זיך אַריין נאָך פאַרן פּאָגראָם, כדי צו האָבן חזקה. זיינען אָבער געווען אַזעלכע קריסטלעכע שכנים, וועלכע האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף אַ יידיש הויז און קויפן האָט זיך שטאַרק ניט געגלוסט — וועמען גלוסט זיך גלאַט סתם אַרויסוואַרפן געלט!? אָט אָ די ליבהאָבער פֿון באַשטימטע יידישע הייזער, אָפּט פֿון גרויסע יידישע הייזער, מיט אַ סך שטאַלן און סקלאַדעס און מיט גרויסע גאָרטנס, אָט אָ

די ליבהאָבער פון פרעמדן גוטס פלעגן ניט וואַרטן ביז דער לעצטער מינוט און פשוט אַרויסטרייבן דעם יידן נאָך פאַרן פּאָגראָם און פאַרנעמען זיין אָרט. די טענה איז געווען אַ ניגון לאָגישע: דאַרפסט דאָך סיי ווי אַנטלויפן, טאָ קלייב זיך ניט לאַנג און מאַך ניט קיין שהיות און לויף וואָס גיכער. און דער ייד האָט געמוזט צוליב טאָן דעם אומגעדולדיקן רויבער.

אינאיינעם באַקומען מיר, בכן, מער פון 83 פּראָצענט יידישע הייזער, וואָס אויף זיי איז ניטאָ וואָס צו רעכענען.

וואָס איז געוואָרן מיט די שטוב־זאַכן?

אויף דער דאָזיקער פראַגע האָבן מיר אַ תשובה נאָר פון באָהוסלאַווער און אָדעסער היימלאָזע. פון 1161 היימלאָזע האָט מען:

ביי 829 אָדער ביי 71,3% צעראַבעוועט די שטוב־זאַכן,

ביי 204 אָדער ביי 17,5% טיילוויין צעשטערט די שטוב־זאַכן,

ביי 68 אָדער ביי 5,8% פאַרברענט די שטוב־זאַכן.

באַקומען מיר, הייסט עס, אַז מער פון 94 פּראָצענט פון אַלע היימלאָזע פאַמיליעס האָבן פאַרלוירן זייערע שטוב־זאַכן. נאָר 37 פאַמיליעס האָבן באַוויזן אַרויסצופירן די שטוב־זאַכן מיט זיך און סך־הכל 23 פאַמיליעס האָבן פאַרקויפט זייערע שטוב־זאַכן.

פון 2290 היימלאָזע פאַמיליעס, וועלכע זיינען אויסגעפאָרשט געוואָרן אין אָדעס, האָבן געפטרט זייערע שטוב־זאַכן 2077, ד״ה 90,7 פּראָצענט פון אַלע פאַמיליעס. ווי אַזוי האָבן זיי געפטרט זייערע זאַכן? ביי 1810 פאַמיליעס זיינען די שטוב־זאַכן צעראַבירט געוואָרן; ביי 117 צעשטערט געוואָרן און נאָר ביי 150 פאַמיליעס האָט מען די שטוב־זאַכן פאַרברענט.

ווי מיר זעען, האָבן די רוצחים דאָך געהאַט אַ שטיקל קלעפקע אין קאָפּ: זאַכן, וואָס ס׳איז אַ סך גרינגער מיטצונעמען, אַוועקצוטראָגן אָדער אַוועקצופירן, האָט מען ווייניקער געברענט, ווי הייזער.

מיר גייען איבער צו די קראַמען. מיר וועלן אָבער זיך ניט נאָר אָפּשטעלן אויף דער פראַגע, וואָס איז געוואָרן מיט די קראָמען און מיט דער סחורה. ביי דער אויספאָרשונג פון הײמלאָזע האָט מען באַקומען אַ סך אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל, וואָס באַלייכט בכלל די לאַגע פון יידישן קליינשטעטלדיקן קרעמער. און ביי אונזער אַרעמקייט אין עקאָנאָמישער סטאַטיסטיק וואָלט געווים געווען אַן עבירה, ווען מיר זאָלן דעם דאָזיקן מאַטעריאַל ניט אויסנוצן.

מיר האָבן גענויע און אויספירלעכע ידיעות בנוגע דער קרעמעריי נאָר וועגן די קיעווער און באָהוסלאַווער הײמלאָזע.

פון 5163 הײמלאָזע פאַמיליעס זיינען געווען קרעמער—1766 אָדער 34,2 פּראָצענט. דער דאָזיקער פּראָצענט קרעמער שטימט בערך מיט דער לאַגע, וואָס איז געווען אין 1897 יאָר בשעת דער פאָלקס־ציילונג.

פון 1766 קרעמער האָבן געהאַט:

1.	אייגענע קלייטן	1062	אָדער 60,1	פּראָצענט
2.	גערונגענע „	697	„ 39,5	„
3.	ניט באַקאַנט	7	„ 0,4	„
	סך־הכל . .	1766	אָדער 100,0	פּראָצענט

מער פון 60 פּראָצענט פון די קליינשטעטלדיקע יידישע קרעמער האָבן געהאַט אייגענע קלייטן.

וואָס זיינען דאָס אָבער פאַר אַ קלייטן?

פון 1062 אייגענע קלייטן זיינען געווען:

1.	הילצערנע	884	אָדער 83,2	פּראָצענט
2.	געמויערטע	159	„ 15,0	„
3.	ניט באַקאַנט	19	„ 1,8	„
	סך־הכל . . .	1062	אָדער 100,0	פּראָצענט

מיר זעען, אַז דער גרעסטער רוב קליינשטעטלדיקע קלייטן זיינען נאָך עד־היום די אַמאָליקע הילצערנע געביידעס, וואָס ברענען אַזוי גרינג און אַזוי אָפט.

וועגן דער גרייס פון די קראָמען קאָן מען אורטיילן לויט פאָלגנדיקער טאַבעלע. פון 1766 קראָמען זיינען:

1.	לאחדים-קראָמען	1431	אָדער	81,0	פּראָצענט
2.	הורט-קראָמען	203	"	11,5	"
3.	הורט און לאחדים	96	"	5,4	"
4.	ניט באַקאַנט	36	"	2,1	"
	סך-הכל . . .	1766	אָדער	100,0	פּראָצענט

מער פון אַכציק פּראָצענט קראָמען פון די פּאָגראָמירטע זיינען לאחדים-קרעמערלעך, וואָס זייער ווערט האָט אָפּט באַטראָפן גאַנץ קליינע סומעס.

נאָך קלאָרער ווערט דאָס בילד פון דער קליינשטעטלדיקער קרעמעריי, ווען מיר טיילן די קרעמער לויט דער צאָל משרתים.

פון 1766 קראָמען זיינען געווען:

1.	אָן משרתים	1157	קראָמען	— 65,51		פּראָצענט
2.	מיט 1 משרת . . .	268	"	— 15,17		"
3.	מיט 2 משרתים . .	207	"	— 11,72		"
4.	מיט 3 משרתים . .	83	"	— 4,70		"
5.	מיט מער פון 3 . .	51	"	— 2,90		"
	סך-הכל .	1766	קראָמען	— 100,00		פּראָצענט

צוויי דריטל קראָמען באַגייען זיך גאָר איינגאַנצן אָן דער הילף פון משרתים, און דאָס באַטייט, אַז דאָס זיינען גאָר קליינע לאחדים-קראָמען; איין משרת האָבן אַ זעקסטל פון אַלע קראָמען; צוויי משרתים האָבן נאָר אַ צענטל פון אַלע קראָמען און מער פון דריי משרתים האָבן סך-הכל דריי פּראָצענט פון אַלע קראָמען.

אינטערעסאַנט איז אָבער, וואָס פאַר אַ טייל משרתים איז געווען פאַרנומען אין פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס. נעמען מיר נאָר די קראָמען מיט משרתים. אַזעלכע זיינען געווען 609 און אין זיי-

זיינען געווען 1227 משרתים. טיילן מיר די קראָמען אויף דעם זעלבן אופן ווי פריער, באַקומען מיר פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע טאַבעלע.

קאַטעגאָריעס פון קראָמען	משרתים		קראָמען	
	אַבסאָל. צאָל	פראָצענט פון אַלע קראָמען מיט משרתים	אַבסאָל. צאָל	פראָצענט פון אַלע משרתים
מיט 1 משרת	268	44,0	268	21,84
מיט 2 משרתים	207	34,0	414	33,74
מיט 3 משרתים	83	13,6	249	20,30
מיט מער פון 3	51	8,4	296	24,12
סך־הכל	609	100,0	1227	100,0

מיר זעען, אַז די יידישע גרויסע קרעמער מיט מער פון דריי משרתים, וועלכע מאַכן אויס סך־הכל 8,4 פראָצענט פון אַלע קראָמען, באַשעפטיקן אָבער 24,12 פראָצענט פון אַלע משרתים; פאַרקערט, די קליינע קראָמען מיט איין משרת, וועלכע מאַכן אויס גאַנצע 44 פראָצענט פון אַלע קראָמען, באַשעפטיקן משרתים נאָר ביי 22 פראָצענט. פון דעם איז צו זען, אַז עס איז שוין געווען אַ גרויסע צאָל קראָמען אַפילו אין דער תחומדיקער פראָווינץ מיט מער פון פינף און אויך פון 10 משרתים. די צאָל פון די דאָזיקע קראָמען איז נאָך געווען קליין, די מאַכט אָבער פון די דאָזיקע קרעמער איז געווען אַ היפשע.

מיר וועלן שפּעטער זען, וואָס ס'איז געוואָרן מיט די אַלע קראָמען. דערווייל וועלן מיר ברענגען אַ פּאָר אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן די עקסיסטענץ־יאָרן פון די קראָמען און זיי ווייזן זיך אַרויס ביז גאָר אינטערעסאַנט.

פון 366 קראָמען פון די באָהוסלאַווער היימלאָזע האָבן עקסיסטירט ביז די פּאָגראָמען:

.1	מער פון 20 יאָר . . .	123	קראָמען —	33,6	פּראָצענט
.2	פון 11 ביז 20 יאָר . .	114	" —	31,2	"
.3	פון 5 ביז 10 יאָר . .	95	" —	25,9	"
.4	ווייניקער פון 5 יאָר . .	31	" —	8,5	"
.5	ניט באַקאַנט	3	" —	0,8	"
	סך־הכל .	366	קראָמען —	100,0	פּראָצענט

ביי אַ פֿאָלקס־חורבן קאָן מען ניט אָפּשאַצן נאָר דעם ווערט פון די פּאַראַנענע מאַטעריעלע גיטער — פֿאָלקס־ענערגיע, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין דער.ווירטשאַפט, האָט אַמאָל אַ גרעסערן ווערט, ווי דאָס ביסעלע סחורה אָדער די געביידע. און ווי מיר זעען, האָט אַ דריטל יידישע קראָמען שוין מער פון צוואַנציק יאָר הינטער זיך; דאָס צווייטע דריטל קראָמען ציילט שוין אויך פון 10 ביז 20 יאָר; און נאָר אַרום אַכט פּראָצענט קראָמען זיינען זייער יונג — ווייניקער פון פינף יאָר.

און איצט לאָמיר נאָר זען, וואָס איז געוואָרן מיט די גע־ביידעס פון די קראָמען, מיטן אינווענטאַר און מיט די סחורות.

פון 1552 קראָמען פון קיעווער און באָהוסלאַווער הײמלאָזע, וואָס מיר האָבן ידיעות וועגן זיי, זיינען:

.1	פאַרברענט געוואָרן	423	אָדער	27,5	פּראָצענט
.2	צענומען	425	"	27,4	"
.3	פאַרקויפט	148	"	9,6	"
.4	צונענומען מיט געוואַלד . . .	49	"	3,2	"
.5	נאַציאָנאַליזירט	21	"	1,3	"
.6	געבליבן אין רשות פון די אַלטע באַלעבאַטים	481	"	31,0	"
	סך־הכל . . .	1552	אָדער	100,0	פּראָצענט

די ערשטע ציפער נייטיקן זיך ניט אין קיין לאַנגע פירושים. די ערשטע צוויי שורות — פאַרברענטע און צענומענע קראָמען — גיבן שוין מער פון אַ העלפט (54,9%) פון אַלע געביידעס. מיר האָבן שוין אויבן ביי די הייזער דערקלערט, וואָס דאָס הייסט

צענעמען אַ הויז, און בערך דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט די קראָמען: מען האָט גענומען אַלץ, וואָס מען האָט „באַדאַרפט": דעם דאַך, די טירן, די פענסטער, די קליאַמקעס, די זאַווּיסעס, די לאָדן, די קייטלען, די שלעסער, א. אַז. וו. די ווענט האָט מען אָפט געלאָזט שטיין.

קרוב צו צען פּראָצענט יידישע קראָמען זיינען פאַרקויפט געוואָרן — דאָס רוב צו קריסטן. ליינן מיר צונויף די ערשטע פינף שורות, וואָרעם די אַלע געביידעס קאָן מען רעכענען פאַר אַבסאָלוט פאַרפאַלענע, באַקומען מיר, אַז 69 פּראָצענט פון אַלע יידישע קראָמען האָבן שוין מער פאַר די פאָנראָמירטע קיין ווערט ניט.

נאָך ערגער איז געווען מיטן אינווענטאַר פון די קראָמען.

פון 1543 קראָמען, וואָס מיר האָבן וועגן זיי ידיעות, איז דער אינווענטאַר:

1.	צעראַבעוועט און צוגענומען געוואָרן ביי	848	אָדער	54,9	פּראָצענט
2.	פאַרברענט געוואָרן	394 „	„	25,5	„
3.	נאַציאָנאַליזירט	20 „	„	1,3	„
4.	פאַרקויפט	103 „	„	6,7	„
5.	אַרויסגעפירט	12 „	„	0,9	„
6.	געבליבן גאַנץ אין דער היים . .	166 „	„	10,7	„
	סך־הכל	1543	אָדער	100,0	פּראָצענט

און ניט בעסער איז געווען מיט דער סחורה.

פון 1655 קראָמען, וואָס מיר האָבן וועגן זיי ידיעות בנוגע דעם גורל פון דער סחורה, איז:

1.	סחורה צעראַבעוועט געוואָרן אין	1406	קראָמען	אָדער אין	84,9	פּראָצ.
2.	סחורה פאַרברענט געוואָרן אין	126	„	„	7,6 „	„
3.	סחורה נאַציאָנאַליזירט אין	16	„	„	1,1 „	„
4.	סחורה פאַרקויפט געוואָרן אין	107	„	„	6,4 „	„

פאַרגלייכט מען די נאָר־וואָס געבראַכטע טאַבעלעס, קאָן מען גרינג מאַכן אייניקע זייער אינטערעסאַנטע אויספירן: ראשית,

אַז די פּאָגראָמשטשיקעס האָבֿן געאַרבעט מיט שׂכל: וואָס מען האָט נאָר געקאָנט צונעמען, האָט מען ניט געבֿרענט. סחורה איז גרינגער צו ראַבֿעווען ווי אינוועטאַר; אינוועטאַר איז גרינגער צו ראַבֿעווען ווי געבֿיידעס — און אין אַזאַ סדר גייט עס: סחורה ראַבֿעוועט מען גאַנצע 85 פּראָצענט און מען פאַרבֿרענט נאָר 7,6 פּראָצענט; אינוועטאַר ראַבֿעוועט מען 55 פּראָצענט און מען פאַרבֿרענט שוין 25,5 פּראָצענט; און געבֿיידעס פאַרבֿרענט מען נאָך אַ גרעסערן פּראָצענט. די סאָוועטישע מלוכה האָט גאָר ווייניק גענאָמען פון די שטעט, וואו ס'זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען: מען האָט נאַציאָנאַליזירט סך־הכּל איין פּראָצענט פון די קראָמען און פון דער סחורה. פאַרקויפט געוואָרן איז הן פון דער סחורה און הן פון אינוועטאַר גאָר אַ נישטיקער פּראָצענט — פון 6 ביז 7 פּראָצענט — און נאָך ווייניקער פלעגט זיך איינגעבֿן אַרויסצופירן מיט זיך — סך־הכּל איין פּראָצענט פון דער סחורה.

פון די בֿיזאַהעריקע ציפערן האָבֿן מיר געזען, וואָסער תּכלית די פּאָגראָמען האָבֿן געמאַכט פון דעם יידישן קרעמער און קרעמערל, פון דעם טייל פון אוקראַינישן יידנטום, וואָס האָט אויסגעמאַכט אַ גאַנץ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג. לאָמיר איצט זען, וואָס איז געוואָרן מיטן יידישן בעל־מלאכה און מיטן יידישן פאַבֿריקאַנט, מיט די צוויי עלעמענטן, וואָס האָבֿן אויסגעמאַכט אינם אוקראַינישן יידנטום ניט ווינציקער פון פערציק פּראָצענט פון אַלע דאָרטיקע יידן.

כּדי דער לעזער זאָל האָבֿן אַ קלאָרערע פאָרשטעלונג וועגן דעם אמתן ווערט פונם חורבֿן, וועלן מיר צוערשט זיך אָפּשטעלן אויפן כאַראַקטער פון די פאַבֿריקן און וואַרשטאַטן, וועלכע זיינען אַריין אין דער אויספאָרשונג, און ערשט נאָכדעם ווען מיר דערציילן וואָס ס'איז געוואָרן מיט זיי אַדאַנק די פּאָגראָמען.

ראשית, וואָסערע פאַכן האָבֿן צום מייסטן געאַרבעט אין די פּאָגראָמירטע שטעטלעך? דאָס ווייזט אונז פאָלגנדיקע טאַבעלע:

די וואַרשטאַטן פון די קיעווער היימלאָזע לויט די מלאכות:

1. שניידער און וועש-נייטערקעס	241 —	37,08%
2. קירישנער	28 —	4,31%
3. שוסטערס און שטעפּערס	124 —	19,07%
4. שמידן און שלאָסערס	63 —	9,69%
5. סטאָליאַרעס	29 —	4,46%
6. בעקערס	25 —	3,85%
7. יוּווּעלירן און זייגער-מאַכערס	22 —	3,39%
8. רימערס	16 —	2,46%
9. פאָטאָגראַפן	11 —	1,69%
10. פּאַפּיראָסמאַכערס	10 —	1,54%
11. פאַרשיידענע	81 —	12,46%
סך-הכל	650 —	100,00%

די דאָזיקע איינטיילונג פון די פאַרשיידענע מלאכות איז זייער ענלעך צו דער ועלבער פון דער פאָלקס-ציילונג פון 1897טן יאָר. אַ באַווייז, אַז די ידיעות, צונויפגענומען צווישן די פּאַגראָמירטע, זיינען ניט קיין צופעליקע.

פון 650 וואַרשטאַטן האָבן גאָרניט געהאַט קיין אַרבעטער:

1. פאַר דער מלחמה	264 —	40,6%
2. פאַרן אַנטלויפן	302 —	46,5%

אַפילו פאַר דער מלחמה זיינען געווען מער פון 40 פּראָצענט וואַרשטאַטן גאָר אָן פרעמדע אַרבעטס-קראַפט — דאָס זיינען על-פּי רוב די בעלי-מלאכות, וואָס אַרבעטן טאַנדעט-אַרבעט, ד"ה פּאַרטיקע קליידער פאַר די מאַגאַזינען. דער דאָזיקער מין אַרבעט האָט זיך פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן שטאַרק אַנטוויקלט אַפילו אין די קלענסטע שטעטלעך.

פון דעם דאַרף מען אָבער ניט אַרויסדרינגען, אַז די אַנטוויקלונג פון דער יידישער האַנטווערקערייַ איז געשטאַנען אויף איין אָרט. בפירוש ניט! ס'איז געוואַקסן שטאַרק די צאָל טאַנדעטניקעס; ס'איז אָבער אויך געוואַקסן די צאָל גרויסע וואַרשטאַטן מיט אַ גרעסערער צאָל אַרבעטער.

אַזוי זיינען געווען וואַרשטאַטן מיט מער פון 5 אַרבעטער:

1.	פאַר דער מלחמה	45	אָדער	6,90	פּראָצענט
2.	פאַרן פּאָגראָם	24	"	3,70	"

די צאָל גרעסערע וואַרשטאַטן — מיט מער פון 5 אַרבעטער — איז געווען, ווי מיר זעען, אַפילו פאַר דער מלחמה ניט זייער גרויס, סך־הכל איין פּופצנטל פון אַלע וואַרשטאַטן. אין דעם דאָזיקן קליינעם פּראָצענט וואַרשטאַטן איז אָבער געווען קאָנצענטרירט מער פון 40 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער.

צווישן די קיעווער היימלאָזע זיינען געווען 350 פאַבריקאַנטן, גרויסע און קליינע צוזאַמען. וואָס פאַר אַ פאַבריקן האָבן זיי געהאַט? דאָס דערציילט אונז פאָלגנדיקע טאַבעלע:

1.	מילן	109	אָדער	31,14	פּראָצענט
2.	לעדער־פאַבריקן	82	"	23,43	"
3.	זייף־זידערייען	21	"	6,00	"
4.	מינעראַלוואַסער־זאַוואָדן	21	"	6,00	"
5.	וועבערייען	17	"	4,86	"
6.	אייל־זאַוואָדן	12	"	3,43	"
7.	פאַרשיידענע	88	"	25,14	"
	סך־הכל	350	אָדער	100,00	פּראָצענט

די מילן און די לעדער־פאַבריקן מאַכן אויס מער ווי אַ העלפט (54,57%) פון אַלע פאַבריק־אונטערנעמונגען. צווישן די לעדער־פאַבריקן און אויך צווישן די מילן טרעפן זיך גאַנץ גרויסע אונטערנעמונגען מיט גרויסע מאַסן אַרבעטער. די זייף־, אייל־ און מינעראַלוואַסער־זאַוואָדן זיינען אַלע קליינינקע אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטן אָפט אַפילו גאָר אָן געדונגענער אַרבעטס־קראַפט, טיפּישע יידישע קליינשטעטלדיקע „פאַבריקן".

אין די 350 פאַבריקן און פאַבריקלעך זיינען געווען פאַרנומען:

פאַר דער וועלט־מלחמה:

אַרבעטער	1948
העכערער פּערסאָנאַל	191
לערנייִנגלעך	70
סך־הכל	2209

פאַרן אַנטלויפן:

אַרבעטער	2122
העכערער פּערסאָנאַל	202
לערנייִנגלעך	49
סך־הכל	2373

די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון העכערן פּערסאָנאַל — בוכהאַלטערס, קאַסירערס וכדומה — האָט זיך פאַר דער מלחמה שטאַרק פאַגרעסערט, דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אַפילו נאָך צוויי יאָר רעוואָלוציע און פאָגראָמען איז דאָך די צאָל באַשעפטיקטע אין דער פאַבריקאַציע געווען גרעסער ווי פאַר דער מלחמה.

אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס שטעלט פאַר די צעטיילונג פון די פאַבריקן לויט דער צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער פאַרן אַנטלויפן. אַזוי זיינען געווען פאַבריקן:

1.	גאָר אָן אַרבעטער	69	אָדער	19,71	פּראָצענט
2.	מיט איין אַרבעטער	29	„	8,29	„
3.	מיט 2 אַרבעטער	42	„	12,00	„
4.	פון 3 ביז 5 אַרבעטער	127	„	36,32	„
5.	פון 6 ביז 10 אַרבעטער	40	„	11,43	„
6.	פון 11 ביז 20 אַרבעטער	26	„	7,42	„
7.	פון 20 ביז 50 אַרבעטער	13	„	3,69	„
8.	מער פון 50 אַרבעטער	4	„	1,14	„
	סך־הכל	350	אָדער	100,00	פּראָצענט

דער גרעסטער פּראָצענט מאַכן אויס די קליינע פאַבריקלעך מיט אַ צאָל אַרבעטער פון 3 ביז 5 — זיי מאַכן אויס מער פון אַ דריטל — 36,32% — פון אַלע פאַבריקן. נאָך דעם גייט די צאָל „פאַבריקן“, וואָס אַרבעטן גאָר אָן לוין־אַרבעטער — אַ גאַנץ פינפטל — 19,71% — פון אַלע פאַבריקן. פאַבריקן מיט מער פון 50 אַרבעטער זיינען פאַראַן בסך־הכל אַ ביסל מער פון איין פּראָצענט. די פאַבריקן מיט מער פון 10 אַרבעטער מאַכן

אויס אומגעפּער אַן אַכטל — 12,25% — פון אַלע פאַבריקן. די דאָזיקע קליינע צאָל פאַבריקן באַשעפטיקט אָבער אַ נרויסע צאָל אַרבעטער. אין די פאַבריקן מיט מער פון 10 אַרבע־טער זיינען געווען באַשעפטיקט מער פון 60 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער.

וואָס ושע איז געוואָרן מיט די וואַרשטאַטן און מיט די פאַבריקן פון די קיעווער היימלאָזע? וואָס איז געוואָרן מיט די מאַשינען און אינסטרומענטן?

פון אַלע טויזנט אינדוסטריע־אונטערנעמונגען זיינען געוואָרן?

1.	צענומען און צעראַבעוועט	385	—	38,5%
2.	פאַרברענט	151	—	15,1%
3.	צוגענומען	43	—	4,3%
4.	נאַציאָנאַליזירט	40	—	4,0%
5.	פאַרקויפט	24	—	2,4%
6.	עוואַקוירט	47	—	4,7%
7.	געבליבן גאַנץ	183	—	18,3%
8.	אומבאַקאַנט	127	—	12,7%
	סך־הכל	1000	—	100,0%

די ערשטע צוויי שורות (צענומענע און פאַרברענטע אונטער־נעמונגען) גיבן שוין מער פון אַ העלפט (53,6%) פון אַלע אונ־טערנעמונגען. גיבן מיר צו נאָך די פאָלגנדיקע דריי קאַטעגאָריעס (צוגענומענע, נאַציאָנאַליזירטע, פאַרקויפטע), באַקומען מיר, אַז די יידישע אונטערנעמער האָבן פאַרלאָרן אויף שטענדיק ביי צוויי דריטל (64,3%) פון זייערע אונטערנעמונגען. דאָס ווייס מען שוין אויף קלאָר. ס'איז אָבער קיין ספק ניט, אַז פון די 127 אונטער־נעמונגען, וואָס זייער גורל איז ניט באַקאַנט די באַלעבאַטים — און אינטערעסירט האָט זיך יעדער מיט זיין וואַרשטאַט און מיט זיין פאַבריקל גאַנץ גענוג — זיינען פאַראַן ניט ווייניק פאַרברענטע, צענומענע און צוגענומענע.

גאַנץ זיינען געבליבן פון טויזנט אונטערנעמונגען סך־הכל 183 אָדער 18,3 פּראָצענט. און עוואַקוירן האָט זיך איינגעגעבן נאָך

ווייניקער — סך־הכל 47 אונטערנעמונגען אָדער 4,7 פּראָצענט פון אַלע אונטערנעמונגען.

ניט בעסער איז געווען דער גורל פון די מאַשינעס און אינסטרומענטן.

פון טויזנט וואַרשטאַטן און פאַבריקן זיינען די מאַשינעס און אינסטרומענטן געווען:

.1	צעראַבעוועט און פאַרברענט .	אין	659	— 65,9%
.2	פאַרקויפט	"	33	— 3,3%
.3	צוגענומען	"	31	— 3,1%
.4	נאַציאָנאַליזירט	"	30	— 3,0%
.5	עוואַקוירט	"	75	— 7,5%
.6	געבליבן גאַנץ אויפן אָרט . . .	"	85	— 8,5%
.7	אומבאַקאַנט	"	87	— 8,7%
	סך־הכל . .	אין	1000	— 100,0%

צוויי דריטל מאַשינעס זיינען פאַרברענט און צעראַבעוועט; רעכענען מיר נאָך צו די פאַרקויפטע, צוגענומענע און נאַציאָנאַליזירטע מאַשינעס, באַקומען מיר, אַז די יידישע אונטערנעמער האָבן פאַרלאָרן מער פון דריי פערטל (75,3%) פון זייערע פּראָדוציר־מיטלען. און דאָ מוז מען איבערחזרן, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט: די 87 אונטערנעמונגען, וואָס וועגן זייערע פּראָדוציר־מיטלען זיינען ניט פאַראַן קיין ידיעות, זיינען געווים ניט אַלע געבליבן גאַנץ. און מיר וועלן געווים זיין נאָענט צום אמת, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז ניט ווייניקער ווי אין אַכציק פּראָצענט וואַרשטאַטן און פאַבריקן זיינען די פּראָדוציר־מיטלען פאַרלאָרן געגאַנגען אויף דעם אָדער יענעם אופן.

גאַנץ געבליבן זיינען פּראָדוציר־מיטלען נאָר פון 16 פּראָצענט אונטערנעמונגען (מיט די עוואַקוירטע).

דאָס זעלבע איז געווען מיט די היימלאָזע פון באָהוסלאַוו— מער פון 70 פּראָצענט פון די מאַשינעס און אינסטרומענטן זיינען צענומען אָדער פאַרברענט געוואָרן, אָדער צוגענומען געוואָרן און אַוועקגעפירט אין דאָרף אַריין. ניט ווייניק יידישע בעלי־מלאכות,

וועלכע זיינען שפּעטער געגאַנגען אין די דערפער אַריין אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט, פלעגן דאָרט טרעפן ביי די פויערים זייערע אייגענע מאַשינעס — זאָגן אָבער האָט מען ניט געטאָרט, וואָרעם דאָס וואָלט געהייסן אַיינשטעלן דאָס לעבן.

אַזוי איז פאַר דער צייט פון דער רעוואָלוציע איבערגעגאַנגען פון שטאָט אין דאָרף אַריין ניט נאָר דאָס בעסטע מעבל, די בעסטע וועש און קליידער, נאָר אַ סך, נאָר אַ סך יידישע מאַשינעס און אינסטרומענטן. ס'איז בפירוש מקויים געוואָרן דער פסוק פון „וינצלו”: די אוקראַינישע פויערים האָבן אויסגעליידיקט די יידישע שטעטלעך.

אָט דאָס איז געוואָרן פון דער אַלטער היים, וואָס צענדליקער יידישע דורות האָבן זי געבויט און געבאָוועט, וואו יעדער שטיינדעלע איז באַנעצט מיט יידיש בלוט, מיט יידישן שוויים. דאָס וואָרט חורבן איז שוין צו שוואַך אויף געבן אַ געניעען אין פולן באַגריף פון דער פאָלקס-קאַטאַסטראָפע, וואָס די אוקראַינער יידן האָבן איבערגעלעבט.

.1923 — 1922

די יידישע קאָמוניסטן און די זעלבסטשוץ אין אוקראַינע.

די „יידנעוקאָמען״ [1] פון ניו־יאָרק און מאָסקווע האַלטן אין איין שרייען: סטייטס, איר זייט מודיע, אַז דאָרטן און דאָרטן האָט מען געהרגעט 22 יידן און דאָרטן האָט מען צעהאַקט אַ יידישע פרוי — דאָס אַלץ איז לא היה ולא נברא! אין אוקראַינע און אין ווייס־רוסלאַנד איז רויק, שטיל, פשוט אַ גן־עדן! און ווילט איר אַ ראיה? אָט האָט איר אַ בפירוש פּאַפּירל, געחתמעט פון פאָרזיצער פון מאָסקווער „יידנעוקאָם״ אַליין, פון מאַנדעלסבערגן בכבודו ובעצמו, אַז אומעטום איז רויק, אומעטום איז שלום־ושלוה.

אַי, די קאָרעספּאָנדענטן שרייען וועגן אָפטע אָנפאַלן, וועגן אָפטע הריגות, וועגן אַראָפּנעמען יידישע פּאַסאַזשירן פון שיפן אויפן דניעפּער און זיי וואַרפן אין וואַסער און נאָך אַזעלכע אומגליקן — זיינען דאָך דאָס אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס ווילן נאָר קאָמפּראָמיטירן די ראַטן־מאַכט, וואָס ווילן זיך נוקם זיין אָן די באָלשעוויקעס! אַזוי דערקלערט מאַנדעלסבערג.

ביי אייך אין אַמעריקע ווייסט מען אפשר נאָך ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ נייער אדם־גדול ביי יידן. איז גענוג אייך צו זאָגן, אַז ער איז פאָרזיצער פון יידנעוקאָם אין מאָסקווע, וועט איר שוין אַליין פאַרשטיין, אַז דאָס איז ניט קיין פשוטער בשר־ודם, נאָר אַ מאַכט־מענטש. און ווייבאַלד אַ מאַכט־מענטש, מוזט איר אים גלויבן, דאָס הייסט, איר מוזט ביי זיך פועלן, אַז ער מעג האַקן

1 „יידנעוקאָם״ — יידישער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט.

שקרים וויפיל ער וויל נאָר, ער מעג זאָגן אויף טאָג נאַכט און פאַרקערט; ער מעג אַייך זידלען וויפיל ער וויל, ער מעג זיין גאַנצע חוצפה און העזה אַרויסלאָזן אויף פּאַפּיר און עס לאָזן אָפּדרוקן. און איר טאָרט אים אַפילו ניט ענטפערן; אַז ניט — זייט איר אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנער, אַ פּראָוואָקאַטאָר און וואָס אין דער קאָרט.

וויל איך טאַקע היינט פּרווון ווייזן די לעזער פון „פאָר-ווערטס", ווער עס איז דער ליגנער — איך, צי מאַנדעלסבערג.

זאָל מיר ערלויבט זיין גלייך פון אָנהייב ברענגען אייניקע גרעסערע ציטאַטן. „דאָס שטעטל אוסוויאַט (וועליזשער אויעזד, וויטעבסקער גובערניע) איז אַרומגערינגלט מיט באַנדיטן. עס ווערן אויסגעשאָכטן יידישע פאַמיליעס צענדליקווייז, קיין רחמנות צו פרויען און קינדער". „דעם 24טן מאַי איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ דאַמפער אויפן דניעפּער, אַלע פּאַסאַזשירן — יידן — זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן". „היינט האָט מען לעבן שטעטל אויסגע-קוילעט עטלעכע געזינדן פון יידישע ערד-אַרבעטער. עס מיזן אָנגענומען ווערן דרינגענדע שריט, כדי צו ראַטעווען די איבעריקע באַפעלקערונג, וואָס געפינט זיך אין גרויס געפאַר".

מיינט איר אפשר, לעזער, אַז דאָס איז אַ טעלעגראַם פון יעקב לעשטשינסקין, פון דעם דאָזיקן קאָנטער-רעוואָלוציאָנער, וואָס וויל אָנטאָן צרות דער ראַטן-מאַכט א. אַז. וו.? האָט איר, נעבעך, אַ גרויסן טעות! דאָס איז אַ ציטאַטע — וואָרט אין וואָרט — פונם אמתן „עמעס", פונם כפול-שמונהדיקן מאָסקווער „עמעס" אַליין, נומער 114, יאָר 1922, טאָג 7טן יוני. און איך וואָלט געוועזן זייער דאַנקבאַר דעם ניו-יאָרקער „יידנעזקאָם", ווען ער וואָלט דערקלערט פאַר אַמעריקאַנער לעזער דעם טייטש פון די ווערטער: „אויסגעשאָכטן", „יידן", „יידישע פאַמיליעס", „אויסגעקוילעט", „אין גרויס געפאַר".

מענלעך, אַז אויפן לשון פון די „יידנעזקאָמען" הייסט עס נאָר: „גלעטן איבער דעם קעפּל", „אַרומנעמען און צודריקן צום האַרץ", „זיין אין גן-עדן" א. אַז. וו.

אין אויב דער „יידנעזקאָם", דער ניו־יאָרקער אָדער דער מאָסקיוער, וועט שוין אויף זיך נעמען די אַרבעט פון פּאַרטייטשן די אויבנדערמאָנטע ווערטער, וואָלט איך אים געבעטן, אַז ער זאָל שוין זיך אין איין וועגס מטריח זיין און פּאַרטייטשן אויך פּאָלנדיקע ציטאַטן גענומען פון דעם איינענעם נימער מאָסקווער „עמעס".

„די לעצטע צייט האָט אין טשעריקאָווער אויעזד גענומען אָפּערירן אַ באַנדע פון 6 — 7 פּערזאָן, וואָס האָבן שוין אומגעבראַכט אַ גרויסע צאָל יידישע לעבנס. פון 29טן אַפּריל ביזן 3טן מאַי האָט די דאָזיקע באַנדע געמאַכט אָנפאַלן אין פינף ערטער".

„דעם 29טן אַפּריל, 12 אַ זייגער בייטאָג, זיינען 7 באַנדיטן באַפאַלן אין מאַרינאַ־בודאַ (טשעריקאָווער אויעזד), 25 ווי־אָרסט פון קראַסנאָפּאָליע, דאָס הויז פון ראובן כהן. די באַנדיטן זיינען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן, רעוואָלווערן און שווערדן. זיי האָבן דערשאָסן און דערנאָך צעשניטן אויף שטיקער 4 מיטגלידער פון דער פאַמיליע, צווישן זיי צוויי מיידלעך פון 4 יאָר. זיי האָבן אויך ערמאָרדעט אַ געוועזענעם מיליציאָנער און צופעליק פאַרוואונדעט אַ קריסט. נאָכדעם ווי זיי האָבן באַרויבט אַלע ווערטפולע זאַכן זיינען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן".

„דעם 2טן מאַי, 11 אַ זייגער אינדערפרי, זיינען 7 באַנדיטן אָנגעקומען קיין זאַגאָריע (פּאָליעסער וואָלאָסט), און באַפאַלנדיק דאָס הויז פון משה סלאַוויטין, האָבן זיי דאָרט דערהרגעט צוויי שלאָפנדיקע קינדער פון 11 און 3 יאָר און האָבן באַראַבעוועט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ וואָסער־ניט־איז ווערט. באַגעגענענדיק די עלטערן פון די קינדער, האָבן די באַנדיטן זיי אָפּגעפירט אין הויז פון ברוך קאָסאָי. אַהין האָבן זיי אָפּגעפירט די 60יעריקע שרה־הינדע באַלשון מיט איר אַכט־מאָנאַטיקן אייניקל. באַלשונס שטוב האָבן זיי נאָך פריער צעראַבעוועט און דערהרגעט די 90יעריקע קלאַרא ראָזינאָוו. און ביי ברוך קאָסאָי אין שטוב האָבן זיך געפונען צען פּערזאָן פון 40 ביז 10 יאָר אַלט. זיי האָבן אַלעמען צונויפגעבונדן מיט שטריק און האָבן זיי פּאַרפייניקט מיט די שרעקלעכסטע עינויים. די טויטע קערפּערם האָבן

זיי צעשניטן אויף שטיקלעך. וואָס זיי האָבן געקענט צונעמען, האָבן זיי צוגענומען. פונם איבעריקן האָבן זיי געמאַכט אַ באַרג אַש".

און טאַקע אין דעמזעלבן נומער „עמעס" שטייט:

„אין זאַגאָריע איז ניט איבערגעבליבן קיין איין ייד. אַלע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן". און דאָרט שטייט ווייטער געשריבן:

„דעם 9טן מאַי אינאָוונט זיינען 6 באַוואָפנטע באַנדיטן אָנגעקומען אין דאָרף בעטאָכנע (סטודענעצער וואָלאָסט, טשעריקאָווער אויעזד). דאָרט האָבן געוואוינט די יידישע פאַמיליעס פון די ברידער קאָזאַטשקאָוו, וואָס האָבן צוזאַמען געציילט 12 פערזאָן (צווישן זיי 7 מינדעריעריקע קינדער). די באַנדיטן האָבן אַלעמען דערהרגעט מיט העק; געראַטעוועט האָבן זיך נאָר צוויי קליינע קינדער, וועלכע זיינען געבליבן פאַרוואונדעטע און זיי געפינען זיך איצט אין שפּיטאָלן. דאָס גאַנצע האָב און גוטס איז צעראַבירט געוואָרן".

און דאָרטן ווערט נאָך דערציילט, אַז אין דאָרף ביעליאַיעווקע (פּאָקאַטער וואָלאָסט) האָבן באַנדיטן דערהרגעט צוויי יידן און אין דאָרף אָסיפּאָווקע (פּאָליעסער אויעזד) זיינען דערהרגעט געוואָרן בערל שענדעראָוו מיט זיין 13יעריקער טאָכטער האָדע.

דער רעדאַקטאָר פון „עמעס" האָט פאַר אַזאַ אָפנהאַרציקייט געווים געכאַפּט אַ גוטע פאָרציע פון באַלעבאָס. פון דער יעווסעק [1]. איך וויים זייער גוט, אַז פון אַזעלכע זאַכן, ווי פּאָגראָמען און באַנדיטן-אָנפאַלן, טאָר מען ניט שרייבן אין ראַטן-רוסלאַנד, און דער נומער 114 „עמעס" איז ניט מער ווי אַ צופאַל, וואָס האָט זיך געטראָפן קעגן דעם ווילן פון מאַנדעלסבערגן. אָבער האָט זשע באַטש ניט קיין קעצענע מחות און געדענקט, אַז איר האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז איר זייט דורכגעפאַלן און קלאַפּט ניט קיין דעפּעשן בכל תפוצות ישראל, אַז דער יידגעוקאָם פאַרזיכערט, אַז אין וויים-רוסלאַנד איז אַבסאָלוט רויק, אַז די ידיעות פון די קאָרעספּאָנדענטן זיינען אויסגעטראַכטע. מאַכט ניט קיין אָנשטעל, אַז איר ווייסט נאָרניט, פונוואַנען די קאָרעספּאָנדענטן האָבן גענומען זייערע טעלעגראַמעס וועגן דער לאַגע אין וויים-רוסלאַנד.

1 יעוסעק — יידישע סעקציע ביי דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

דאָס אַלץ איז גערעדט געוועז וועגן ווייס־רוסלאַנד. און פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן ניט געבראַכט דעם גאַנצן מאַטעריאַל. מיר שרייבן איצט ניט די געשיכטע פון באַנדיטיזם אין ווייס־רוסלאַנד. מיר האָבן נאָר געוואָלט ווייזן, וואָס פאַר אַ נאַרישער ליגנער דער פאָרזיצער פון מאָסקווער יידגעזקאָם איז, און געבן אַן עצה דעם ניו־יאָרקער יידגעזקאָם, אַז מיט הכחשות זאָל ער אויף מאַנדעלסבערגן זיך ניט פאַרלאָזן, וואָרעם דער דאָזיקער שלימזל־דיקער שקרן וועט אים אויך אַריינשלעפּן אין אַ בלאָטע.

ווייסן מיר אָבער אַלע, אַז בנוגע באַנדיטיזם דאַרף ווייס־רוסלאַנד זיך לערנען ביי אוקראַינע. אָט דאָרטן איז דער צענטער פון די ווילדסטע באַנדעס און פון די שרעקלעכסטע הריגות. און ווירקלעך, עס גייט ניט אַוועק די וואָך, אַז אונזערע קאָרעספּאָנדענטן פון קיעוו און אָדעס, איינער אַ קאָמוניסט און דער צווייטער אַ מיטפילער, זאָלן ניט מודיע זיין וועגן אַן אָנפאַל פון באַנדיטן, און מערסטנטייל אויף יידן און כמעט שטענדיק מיט מענטש־לעכע קרבנות. און איך מוז דאָ זאָגן: אונזערע קאָרעספּאָנדענטן פון אָדעס און קיעוו זיינען מענטשן, וואָס פאַרדינען אַ סך מער צוטרוי פון אַלע יידגעזקאָמניקעס אינאיינעם! קומען אָבער די לעצטע און שרייען: אין אוקראַינע הרגעט מען יידן? לא דובים ולא יער! אויסטראַכטעניש! אין אוקראַינע באַנדיטיזם? שוין לאַנג אויסגעראָטן! שוין לאַנג פאַרניכטעט! ניט געבליבן אויף קיין זכר!

איז אָט וואָס עס שרייבט די מאָסקווער „איזוועסטיאַ“ פון 1טן אָקטאָבער 1922, נומער 221:

„די לעצטע וואָכן האָט זיך אוקראַינע אויסגעצייכנט מיט אינטערעסאַנטע פּאָליטישע געשעענישן. באַזונדערס איז אינטערע־סאַנט דאָס בילד פון קאַמף מיט די רעשטלעך פון פּעטלורעס נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך שוין לאַנג אַנטוויקלט אין אַן אָפענעם באַנדיטיזם. באַטש דאָרטן, וואו איין אָרגאַניזאַציע איז פאַרניכטעט געוואָרן, האָט זיך שוין ניט געיאַוועט קיין אַנדערע, דאָך איז דער קאַמף מיט די רעשטלעך פון די באַנדעס ניט פאַרענדיקט נאָך ביז איצט. נאָך גאָר ניט לאַנג זיינען אייניקע „אָטריאַדן“ געוועזן אויף

אזוי פיל ניט דערגרייכבאַר און האָבן אַזוי ניט באַשטראָפט געפירט זייער אַרבעט, אַז אויף פּאָדאָליע זיינען פון זייער טראַר געפאַלן עטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכע חברים — אָנפירער פון דער גובער- ניאַלער אַרבעט. באַזונדערס חוצפּהדיק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ באַנדע אין ניקאָלאַיעווער גובערניע. נאָר די סאַמע ערנסטע באַנדיטישע נעסט האָט זיך די לעצטע צייט גערעכנט דער „קאַל- טער יאַר” אין קיעווער גובערניע, טשערקאַסער אויעזד. אין משך פון לאַנגע חדשים איז די אָרטיקע מאַכט געבליבן מאַכטלאָז און האָט ניט געקענט איינגעמען דעם באַנדיטישן פּונקט. איצט איז די ליקווידאַציע פון דעם דאָזיקן נעסט שוין ביים סוף”.

ווייטער דערציילט דער מחבר פון דעם אַרטיקל, אַז אין דאָנער באַסיין האָט זיך איינגעגעבן אַ גרופּע „סאַמאָסטיניקעס” (אוקראַינער, וואָס שטרעבן זיך אָפּצורייסן פון רוסלאַנד און בילדן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה) צו פאַרכאַפּן די סאָוועטישע הידראָ- מעטרישע סטאַנציע, וואו זיי האָבן געהאַט אין זייער רשות ביי הונדערט מענטשן, האָבן גוט אַוועקגעשטעלט דאָס איינקויפן געווער, האָבן אָרגאַניזירט פאַרבינדונגען מיט אַנדערע גרופּעס א. אַז. וו.

ווי מיר זעען, שעמט זיך ניט דער מחבר פון אַרטיקל צו דערציילן וועגן ערנסטע נעסטן פון באַנדעס, וועגן באַנדיטישע פּונקטן, וואָס לאַנגע חדשים האָט מען זיי ניט געקאָנט איינגעמען— הכלל, דאָס באַווייזט דאָך, אַז עפּעס איז היינטיקן זומער געשען אין אוקראַינע, אַז „אינטערעסאַנטע פּאָליטישע געשעענישן” זיינען דאָרטן פאָרגעקומען.

אמת, מען קאָן ניט פאַרגלייכן די באַנדיטישע גרופּעס פון לעצטן זומער מיט די אויפשטאַנדן פון 19טן און 20טן יאָר; מען קאָן אויך ניט פאַרגלייכן די איצטיקע מעגלעכקייטן פון דער ראַטן-מאַכט אין קאַמף מיט די באַנדעס מיט דער לאַגע פון דער ראַטן-מאַכט אין 20טן יאָר. דאָס אַלץ מוז קלאָר און דייטלעך אַרויסגעזאָגט ווערן, און דאָס איז תמיד ניט נאָר אַרויסגעזאָגט, נאָר אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן, סיי אין מיינע דעפּעשן, סיי אין די קאָרעספּאָנדענצן פון קיעוו און אָדעס.

קומען אָבער די מאַנדעלסבערגס און פאַרגלאָצן די פרומע קאָמוניסטישע אויגן צום הימל און שרייען: „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן פאַרשפרייטן פאַלשע קלאַנגען, פראָוואָקאַטאָרן ווילן קאָמפראָמיטירן די ראַטן־מאַכט!" — בלייבן זיי ניט נאָר מיאוסע ליגנערס, נאָר אויך גרויסע נאַראָנים.

אין די אַלע געבראַכטע ציטאַטן רעדט זיך וועגן באַנדיטיזם בכלל. יעדער ווייס אָבער, אַז וויפיל די „יידנעוקאָמען" זאָלן אונז ניט וועלן איינריידן, אַז די באַנדיטן זיינען געוואָרן גאָר „אינטערנאַציאָנאַל" און הרגענען אָן שום חילוק גוים גלייך מיט יידן — ווייסן מיר, צו דאָס איז אַ פרעכער ליגן. די יידנעוקאָמען ווייסן גוט, אַז ווען צוריק מיט אַ פאָר חדשים האָבן באַנדיטן אָפגעשטעלט ביי רזשישטשעוו אַ שיף, האָבן זיי אָפגעקליבן נאָר 22 יידן און קיין איין קריסט ניט און האָבן די יידן געוואָרפן אין וואַסער אַריין. זיי ווייסן זייער גוט, אַז אויף דעם וועג פון שפאָלע קיין זלאַטאָפאָל האָט מען עטלעכע מאָל היינטיקן זומער געהרגעט נאָר יידן; זיי ווייסן זייער גוט, אַז לעבן האָראָדישטש, אויף דעם גאַנצן וועג קיין צוויעטקאָוואָ און קיין כמילע האָט מען אַ גאַנץ זומער געהרגעט נאָר יידן; זיי ווייסן זייער גוט, אַז אין בערדיטשעווער געגנט האָט געאַרבעט היינטיקן זומער אַ פאָר חדשים אַ באַנדע און האָט געהרגעט נאָר יידן; זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז היינטיקן זומער האָבן באַנדיטן עטלעכע מאָל אָפגעשטעלט די באַנען צווישן זנאַמענקע און יעליסאַוועטגראַד און האָבן געהרגעט נאָר יידישע פאַסאַזשירן; זיי ווייסן זייער גוט, אַז שוין אין סעפטעמבער איז געווען אַ געוואַלדיק־גרויסער אומגליק מיט אַ צוג, וואָס באַנדיטן האָבן ביי יעליסאַוועטגראַד באַפאַלן און האָבן פיר יידן דערשאָסן, אַ יונגע יידישע מיידל צוגענומען מיט זיך און אַן אַלטע יידישע פרוי צעהאַקט אויף שטיקער, און אַלע קריסטן אָפגעלאָזט גאַנץ און פריי; זיי ווייסן זייער גוט, אַז אין כיראָווקע האָט מען געהרגעט נאָר יידן — זיי ווייסן דאָס אַלץ און שרייען אַקוראַט ווי שלום־עליכמס יידענע: ערשטנס, איז נאָר שטיל און רויק, און, צווייטנס, אַז מען שלאָגט, שלאָגט מען "קאָסמאָפאָליטיש", גוים גלייך מיט יידן! יידן זיינען געוואָרן אוים מיוחסים ביי די באַנדיטן!

הלוואַי וואָלט מאַקע געווען, אַז עס זאָל ווערן שטיל און רויק, און אַז ווען עס טרעפט זיך שוין אַן אומגליק, זאָלן מיר ניט זיין פּריווילעגירט אויף געהרגעט און פאַרגוואַלדיקט צו ווערן. עס איז אָבער ניט אַזוי!

נאָר אָט דאָ הייבט זיך אָן אַ נייע טענה: די דאָזיקע אַלע אָנפאַלן זיינען ניט קיין פּאָגראָמען, נאָר באַנדיטישע איבערפאַלן.

ערשטנס, מוז איך קאָנסטאַטירן, אַז איך האָב קיין איינמאָל ניט דעפּעשירט, אַז אין אוקראַינע אָדער ווייס-רוסלאַנד קומען פאָר פּאָגראָמען. איך האָב מודיע געווען די פאַקטן, ווי זיי קומען פאָר, און אין וואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע די דאָזיקע אַלע צענדליקער געהרגעטע יידן זאָלן אַריינגערעכנט ווערן, צי ווי קרבנות פון פּאָגראָמען, צי ווי קרבנות פון באַנדיטישע אָנפאַלן, דאָס איז ניט נאָר פאַר די געהרגעטע אַלץ איינס, נאָר אַפילו מיך אינטערעסירט עס אויך גאָר ווייניק.

און נאָך אַ זאַך — אין די אַלע דעפּעשן, הכחשות און אַרטיקלען, וואָס די יידנעוזקאָמניקעס שיקן, קלינגט אַזאַ מין טאָן: „אויך מיר פּאָגראָמען! 22 יידן דערהרגעט! 14 יידן! 12 יידן! 6 יידן געקוילעט! לוינט זיך וועגן אַזעלכע קלייניקייטן מודיע צו זיין!?“

דאָס — מוז איך מודיע זיין — איז שוין אַ זאַך פון געשמאַק: ביי די „יידנעוזקאָמניקעס“ איז אַ גרויסער „ראַזמאַך“, אַ גרויסער פאַרנעם: אויב פּאָגראָמען איז ניט אַנדערש אין נוסח פּראָסקוראָוו אָדער יעליסאַוועטגראַד, מיט עטלעכע הונדערט הרוגים! פאַר אונז איז אָבער גאַנץ גענוג, ווען מען הרגעט 22 יידן, אַז מיר זאָלן וועגן דעם שרייבן און טעלעגראַפירן.

די חוצפּה פון די דאָזיקע „ראַזמאַך“-מענטשן איז אַזוי גרויס, אַז איינער פון זיי ערלויבט זיך צו זאָגן, אַז דער „יידנעוזקאָם“ פאַרשוויגט ניט קיינמאָל די באַנדיטישע אָנפאַלן און פאַרעפנטלעכט וועגן זיי באַלד ידיעות — שקר וכזב! פרעכער ליגן באַוואוסטזיניק פאַרבלענדן די אויגן! דער יידנעוזקאָם מאַכט אויספאָרשונגען עטלעכע חדשים נאָך די באַנדיטישע אָנפאַלן און שרייבט גאַנצע חקירות אויף דער טעמע, וויפיל יידן דאַרף מען הרגענען

אָדער קוילען, אַז ס׳זאָל הייסן „פּאָגראָם“, און וויפיל אַז עס זאָל הייסן „באַנדיטיזם“.

מיר קומען צום לעצטן פּונקט:

איך האָב דעפּעשירט, אַז די יידישע קאָמוניסטן זיינען קעגן דער יידישער זעלבסט־שוץ. נאָר אַדאַנק דער צענטראַלער אוקראַאינער ראַטן־רעגירונג ווערט פאַרשטאַרקט די יידישע זעלבסט־שוץ. די „יידנעוקאָמניקעס“ האָבן געמאַכט אַ פּנים, ווי מען וואָלט זיי אונטערגעוואָרפן אַ ממזר־בילבול. לאָמיר זשע זען, וויפיל אמת עס שטעקט אין דאָזיקן געמאַכטן אָנשטעל.

ווי באַלד עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן גרופּעס פון יידישער זעלבסט־שוץ — אין יאָר 1919 — איז אַרויסגעטראָטן אַן אָנגעזעענער יידישער קאָמוניסט מיטן נאָמען מ. ה. און האָט געשריבן אין דער קיעווער „קאָמוניסטישער פאָן“ (נומ׳ 20, קיעוו, 13טן יוני, 1919) וועגן דער „עזות פון יידישן קליינבירגערטום, צו פאָדערן געווער ביי דער ראַטן־מאַכט“, אַז „די יידישע קליינבירגער געפינען זיך אין מאָנאַרכיסטישן לאַגער“, און האָט געמאַכט דעם אויספיר, אַז עס איז אַ געוואַלדיקע סכנה פאַר דער ראַטן־מאַכט צו באַוואָפענען די יידישע זעלבסט־שוץ.

אויף דעם דאָזיקן פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט שטייט נאָך ערהיום די יידישע סעקציע און דער יידנעוקאָם!

אמת, די טאַקטיק אין דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך געביטן: אין יאָר 1919 האָבן די יידישע קאָמוניסטן אַקטיוו געקעמפט קעגן דער זעלבסטשוץ, די לעצטע צייט זיינען זיי געווען געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פונם דאָזיקן אַקטיוון קאַמף און דערין קומט אַ גרויסער דאַנק דעם פּאָרזיצער פון אַל־אוקראַאינישן סאָוונאַרקאָם, דעם ניט־יידישן קאָמוניסט ראַקאָווסקין! דאָס איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד אין אוקראַאינע, אַז ראַקאָווסקי האָט די גאַנצע צייט געשטיצט די יידישע זעלבסטשוץ און האָט געקעמפט קעגן אירע יידישע קעגנער. די לעצטע צייט, ווייזט אויס, איז נאָכאַמאָל געווען אַ צוזאַמענשטויס אויפן באָדן פון דער דאָזיקער פראַגע צווישן יידישע קאָמוניסטן און ראַקאָווסקין, און דאָס האָט מודה געווען דער קיעווער קאָרעספּאָנדענט.

כדי טאַקע אויפצוקלערן די דאָזיקע וויכטיקע, געוואַלדיק־וויכטיקע פראַגע, וואָלט געווען זייער גוט, ווען דער יידגעזקאָם זאָל ענטפערן אויף פאָלגנדיקע פראַגן:

א) ווי איז דאָס צו דערקלערן, וואָס פאַר דער גאַנצער צייט פון דער עקסיסטענץ פון די דריי קאָמוניסטישע יידישע צייטונגען („אמת", „וועקער" און „קאָמוניסטישע פאָן") איז קיין איין מאָל ניט געווען קיין איין וואָרט וועגן דער יידישער זעלבסטשוץ, ניט קיין איין באַריכט וועגן איר אַרבעט, ניט קיין אָנווייזונגען, קיין אַרטיקלען. זאָל עס זיין פון גרויס ליבע צו דער זעלבסטשוץ?

ב) ווי איז צו דערקלערן, וואָס פאַר דער גאַנצער צייט פון דער עקסיסטענץ פון דער יידישער זעלבסטשוץ איז ניט געווען קיין איין אויפרוף פון די יידישע קאָמוניסטן צו די יידישע אַרבע־טער וועגן אַריינטרעטן אין דער זעלבסטשוץ?

ג) ווי איז צו דערקלערן, וואָס אין די אַלע דרוק־מאַטער־יאַלן פון אַלע יידגעזקאָמען איז ניט דערמאָנט מיט קיין וואָרט וועגן דער יידישער זעלבסטשוץ? און אין די באַריכטן וועגן דער אַרבעט פון די יידגעזקאָמען איז קיינמאָל ניט דערמאָנט, וויפיל געלט איז אויסגעגעבן אויף העלפן אויסהאַלטן די זעלבסטשוץ? אין וואָס דריקט זיך אויס די הילף פון די באַפּולמעכטיקטע פון די יידגעזקאָמען, בשעת זיי באַזוכן די פּראָווינץ, פאַר דער זעלבסט־שוץ א. אַז. וו.

ד) מיט וואָס דערקלערט זיך עס, וואָס די גאַנצע יידישע זעלבסטשוץ, וועלכע ציילט איצט אַ סך טויזנטער באַוואָפנטע מיט־גלידער, באַשטייט כמעט אויסשליסלעך פון ציוניסטישער יוגנט און באַלעבאַטישע קינדער?

ענטפערט! נאָר ענטפערט קלאָרע דיבורים!

האָט מוט ניט צו זיין לאַקריץ־זיס אין ניו־יאָרק, בשעת איר זייט ביטער־גאַל אין רוסלאַנד!

האָט מוט צו זאָגן אומעטום און אַלעמען דאָס, וואָס איר זייט!

און צום סוף נאָך אַ פּאָר ווערטער:

וואָלט איר, יידנעזקאָמניקעס, ניט נעווען שלימזלים, אַזעלכע מלמדישע פּאָליטיקער, וואָלט איר פאַרשטאַנען, אַז עס איז נאָר אַ קליינער אומגליק פאַר דער ראַטן־מאַכט, ווען מען זאָגט אויס פון חדר, אַז פון צייט צו צייט טרעפן דאָ און דאָרטן באַנדיטישע איבערפאַלן, און עס פאַלן פון זיי צענדליקער יידישע קרבנות; בפרט נאָך, ווען דערביי ווערט דערציילט, אַז פאַר יעדער יידישן קרבן ווערט פון דער ראַטן־מאַכט נענומען נקמה; אַז די ראַטן־מאַכט שיסט פאַר פאָנראָמען און באַנדיטיזם. פאַר אָנטייל אין פאָנראָמען צוריק מיט 2 און 3 יאָר האָט זי נעשאָסן צענדליקער באַנדיטן; אַז די ראַטן־מאַכט אַרעסטירט אַלע מאַנסבילן פון נאַנצע דערפער, כדי אַרויסצובאַקומען באַנדיטן, וואָס האָבן נעהרגעט דריי אָדער פיר יידן; אַז די ראַטן־מאַכט באַוואָפנט טויזנטער יונגעלייט, כדי זיי זאָלן קעמפן קעגן די באַנדיטן.

אָקטאָבער 1922.

יידישע קאָמוניסטן קעמפן קעגן
אַ יידישער זעלבסטשוץ.

איך וועל דערציילן פאַקטן פון דער טעטיקייט פון די יידישע קאָמוניסטן אין רוסלאַנד, פאַקטן טיפּישע, און זאָל דער לעזער אַליין מאַכן די נייטיקע אויספירן.

פאַקט נומער 1. דאָס איז געווען ווינטער פון 1920 און 1921טן יאָר. ס'איז געווען דער ווינטער, וואָס נאָך די פּאָגראָמען פון דעניקינען. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון אוקראַינע איז געווען פאַרבישופט פון איין געפיל, פון איין באַנער, פון איין געדאַנק — לויפן, לויפן פון דעם דאָזיקן גהינום; אַנטלויפן פון אוקראַינע, וואָס איז שוין געווען דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט יידיש בלוט; ראַטעווען פון פייער וויפיל עס איז נאָר מעגלעך. ס'איז שווער מיט ווערטער איבערצוגעבן די מהומה, וואָס האָט באַהערשט אַלע יידן פון אוקראַינע. דער דאָזיקער ווינטער האָט מיט זיינע שרעקלעכע עפּידעמיעס און מגפות איינגעשלונגען מער קרבנות ווי די זומערדיקע פּאָגראָמען; און דאָ האָט מען זיך געריכט, אַז צו פרילינג וועט זיך אָנהויבן נאָכאַמאָל אַן אויפשטאַנד פון די פּעטלוראָווצעס, נאָכאַמאָל אַ כוואַליע פּאָגראָמען און נאָכאַמאָל אַ פּעקל עפּידעמיעס. די יידישע באַפעלקערונג איז געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַזוי אויסגעמוטשעט, אַז נאָכאַמאָל דורכמאַכן די דאָזיקע גאַנצע סדרה האָט זי ניט פיזיש און ניט גייסטיק געקאָנט. קיינער האָט ניט געוואָלט הערן וועגן דעם, אַז אין רומעניע און פּוילן, וואוהין מען קאָן אַנטלויפן, שטאַרבט מען פון הונגער, ווערט מען גערודפט פון דער פּאָליציי און מען גייט דורך שבעה מדורי גהינום, איידער ס'גיט זיך איין זייער ווייניקע זיך אַריבערצוכאַפּן קיין אַמעריקע. די בשורה איז געווען אַן אַלגעמיינע: דאָרטן וועל איך אפשר שטאַרבן פון הונגער און אפשר קומען קיין אַמעריקע און אָנהייבן אַ נייע לעבן; דאָ אָבער וועל איך געוויס שטאַרבן פון הונגער אָדער טיפוס, אָדער, וואָס נאָך מעגלעכער, געהרגעט ווערן פון אַ פּעטלוראָוועץ. און דער אויספיר

איז געווען אַן אַלגעמיינער: ראַטעווען זיך ווער עס קאָן און וואוהין מען קאָן נאָר!

און מען האָט אָנגעהויבן לויפן, דער עיקר צום רומענישן גרענעץ. פאַר אַ פאָר חדשים האָט זיך אין די שטעטלעך בײַם גרענעץ אָנגעקליבן אַ פאָר צענדליק טויזנט יידישע עמיגראַנטן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ חורבן: די טשעקיסטן, וואָס היטן דעם גרענעץ, זיינען צווישן די טשעקיסטן די „בעסטע". און זיי האָבן באַלד דערשמעקט, אַז מיט אַזאַ איבערגעשראָקענער אויסגעמאַטערטער מאַסע קאָן מען טאָן וואָס מען וויל, בפרט נאָך אַז זי קלייבט זיך טאָן אַזאַ פאַרברעכן, ווי פאַרלאָזן אוקראַינע. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן!... נאָך איצט שטעלן זיך די האָר קאַפויר, ווען מען לייענט די באַשרייבונגען פון די ווילדע מעשים וואָס זיינען דאָרטן אָפגעטאָן געוואָרן; מען האָט הונדערטער פאַמיליעס פשוט אויסגעטאָן נאַקעט און זיי געטריבן צוריק פון גרענעץ. כדי די עמיגראַנטן זאָלן אָפגעבן דעם לעצטן באַהאַלטענעם גראָשן, פלעגט מען שיסן עטלעכע מענטשן פון יעדער פאַרטיע עמיגראַנטן, און די איבעריקע פלעגן שוין „מיט נוטן" אָפגעבן די באַהאַלטענע זאַכן אָדער געלט.

די קולות פון די דאָזיקע קרבנות האָבן דערגרייכט קיין קיעוו און כאַרקאָוו. האָבן זיך געפונען עטלעכע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען אַוועקגעפאָרן צום גרענעץ, האָבן צונויפגענומען גענוג מאַטעריאַל וועגן דעם שרעקלעכן אומגליק דאָרטן, זיינען געלאָפן קיין מאָסקווע, האָבן געקלאַפט אין אַלע טירן פון דער רעגירונג און האָבן זיך דערשלאָגן, אַז עס איז אָפגעגעבן געוואָרן אַ טעלעגראַפישער באַפעל, אַז מען זאָל די יידישע עמיגראַנטן פריי דורכלאָזן דורכן גרענעץ, מען זאָל אַרעסטירן עטלעכע טשעקיסטן, וואָס ווילדעווען בײַם גרענעץ, און וואָס גיכער אָרגאַניזירן הילף פאַר די עמיגראַנטן.

אַזוי האָט געטאָן די צענטראַלע סאָוועט־רעגירונג. נאָר וואָס פאַרשטייט די „גוישע" סאָוועט־רעגירונג אין יידישע ענינים? די „יעווסעקן" און די „יידגעזקאָמניקעס" — אָט זיי ווייסן גוט, וואו עס שטעקט די אמתע קאָנטר־רעוואָלוציע. אַז דער באַפעל איז

אָנגעקומען קיין אוקראַינע און די יידישע קאָמוניסטן האָבן באַ־דאַרפט אָנטייל נעמען און דורכפירן אים אין לעבן, האָט מען אָנגעהויבן ציען און אויסטייטשן, און אַזוי באַגרענעצט דעם באַפעל, אַז חדשים זיינען אַוועקגעגאַנגען און טויזנטער קרבנות זיינען געפאַלן ביים גרענעץ, און קיין הילף און קיין שוץ איז ניט געקומען.

נאָר אָט איז דאָס בעסטע: באַקומען דעמאָלט אַן אַפידייוויט פון אַמעריקע איז געווען אַזאַ גרויסער גליק, אַז מיט טרערן פלעגט מען כאַפּן די אַמעריקאַנער בריוו און זוכן אין זיי דאָס דאָזיקע פּאַפּירל, וואָס האָט געראַטעוועט פון אַלע אומגליקן און האָט אַזוי פיל גליק צוגעזאָגט. און האָט איינער באַקומען אַן אַפידייוויט, איז געווען נאַטירלעך, אַז ער זאָל פאַרקויפן ביז דער לעצטער העמד און זיך לאָזן אין וועג אַריין. וואָס זשע טוען אָפּ די יידישע קאָמוניסטן? סך־הכל אַ קלייניקייט: זיי עפענען אַלע אַמעריקאַנער בריוו און נעמען אַרויס אַלע אַפידייוויטס.

אָט איז אַ בריוו צו מיר פון אַ מענטשן, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון קיעווער „יידגעזקאָם" און וואָס האָט אָנגעפירט דאָס קאָרעספּאָנץ־ביוראָ פון דאָזיקן „יידגעזקאָם".

בערלין, דעם 2 דעצעמבער 1923.

ה׳ יעקב לעשטשינסקי,

בערלין.

זייער געערטער חבר!

באַאַרבעטנדיק די מאַטעריאַלן וועגן יידישע פּאָגראָמען אויף אוקראַינע און דער הילפס־אַרבעט פאַר די געליטענע, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַרטיקל פון ה. זאַלצ־מאַן (געוועזענער דעלעגאַט פון קאַנאַדער קאָמיטעט אין רוסלאַנד), אין „פאָרווערטס" פון אַפּריל 1921, אין וועלכן ה׳ זאַלצמאַן שרייבט צווישן אַנדערעס, אַז איך שטיי בראש פון קיעווער „יידגעזקאָם".

איך ערקלער, אַז ה׳ זאַלצמאַן האָט פאַלש אינפאָר־מירט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, ווייל אים איז גוט

באַקאַנט, אַז די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס זיינען אַרויסגעטראָטן פון קיעווער יידגעזקאָם דעם 14טן פעברואַר 1921, און אַז איך, אַלס פאַרטרעטער פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין פרעזידיום פון קיעווער יידגעזקאָם, בין אַרויסגעטראָטן מיט אַן ערקלערונג אין נאָמען פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, איבער די מאָטיוון פון אונזער אַרויסטרעטונג, אין וועלכער עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער „יידגעזקאָם" אינטערעסירט זיך נאָר מיט פאַרטיי-פּאָליטיק, אָבער ניט מיט הילפס-אַרבעט. נאָך מיין אַרויסטרעטן פון פרעזידיום פון קיעווער יידגעזקאָם, בין איך אויך ניט געבליבן אין אים אַלס מיטאַרבעטער. איך בין נאָר געבליבן אויפן פּאָסטן פון פאַרוואַלטער פון קאָרעספּאָנדענץ-ביוראָ פון יידישן קאָמיסאַריאַט, דורך וועלכן ס'זיינען געגאַנגען די בריוו קיין אַמעריקע.

אָבער דעם דאָזיקן פּאָסטן האָב איך אינגיכן פאַרלאָזן, נאָכדעם ווי אין אַפּריל 1921 האָט דער מאָסקווער יידגעזקאָם פאַרגעלייגט דער קיעווער אָפּטיילונג עפענען אַלע בריוו, וואָס קומען פון אַמעריקע, און אַרויסנעמען פון זיי די אַפידייוויטס אויף פאָרן קיין אַמעריקע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב ניט געקאָנט בלייבן קיין פאַרוואַלטער פון אַ פּערלוסטראַציע-קאַבינעט און האָב דעמיסיאָנירט.

כדי ס'זאָל ניט פאַלן קיין חשד, אַז איך טראָג וועלכע ס'איז פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שעדלעכער טעטיקייט פון „יידגעזקאָם", בעט אַייך זייער, געערטער חבר, ביי אַ געלעגנהייט פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע מעלדונג מיינע אין „פאָרווערטס".

מיטן בעסטן חבר-גרוס,

געוועזענער פרעזידיום-מיטגליד פון צענטראַלן יידישן הילפס-קאָמיטעט אויף אוקראַינער „יעקאָפּאָ"
און פון קיעווער יידגעזקאָם

נ. גערנעל

קיינע פאַרטייטשונגען צו דעם דאָזיקן דאָקומענט פאָדערן זיך ניט. דאָ איז אַלץ קלאָר — די יידישע קאָמוניסטן האָבן פשוט באַראַבעוועט די פאָגראָמירטע יידן, די אומגליקלעכסטע פון דער גאַנצער וועלט; האָבן זיך ערלויבט אַזאַ חווק פון דער יידישער טראַגעדיע, אַז דאָס וועט בלייבן איינער פון די שוואַרצסטע פלעקן אויף זייער גאַנצער פאַרפלעקטער אַרבעט. וואָרעם אויב מיט זייער פאַרברעכערישן קאַמף קעגן דעם יידישער ועלבסטשוץ האָבן זיי געבראַכט טויזנטער יידישע קרבנות, זיינען ניט ווייניק קרבנות געפאַלן ביים נרענעץ איבערן נאַרישן פאַטריאָטיזם פון די יידישע קאָמוניסטן — און ס׳איז באמת שווער צו זאָגן, וועלכע פון די צוויי פאַרברעכנס איז גרעסער, וועלכער פון די צוויי שאַנד־פלעקן איז שרעקלעכער.

נאָר אָט איז נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט פון דער פאַטריאָטישער איבערגעבנקייט פון די יידישע קאָמוניסטן.

דאָס איז געווען סוף ווינטער 1920. אין ריגע איז שוין במעט ווי אונטערגעשריבן געווען דער שלום־אָפּמאַך צווישן די באָלשעוויקעס און די פאָליאַקן. מינסק איז געווען ביי די באָלשעוויקעס און 30 וויאָרסט פון מינסק זיינען געשטאַנען די פאָליאַקן. אַ גאַנצע ריי דערפער און שטעטלעך פלעגן איבערגיין טאָג־טעגלעך פון די באָלשעוויקעס צו די פאָליאַקן און צוריק. האָבן די פאָליאַקן געמאַכט אין שטעטלע קאָידענאָוו אַ פאָגראָם. איז געקומען צו לויפן אַ דעפּוטאַציע קיין מינסק פון דער יידישער באַפעלקערונג און האָט זיך געווענדט אין „אָזע״ (געזעלשאַפט צו זאָרגן פאַרן געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג) וועגן הילף. און די שלוחים האָבן דערציילט שרעקלעכע זאַכן: יידן וואַלגערן זיך אין די גאַסן הונגעריקע און נאַקעטע; די פענסטער און טירן אַלע אויסגעבראָכן און חרוב; מעדיצינישע זאַכן זיינען אַבסאָלוט ניטאָ און די קינדער שטאַרבן פון דיזענטעריע און טיפוס. הכלל, אַ באַקאַנט בילד. אָרגאַניזירט „אָזע״ באַלד אַן „אָטריאַד״, גרייט צו פּראָדוקטן און מעדיצינישע זאַכן און וויל שיקן אין שטעטלע. דאַרף מען אָבער האָבן פון דער רעגירונג אַן ערלויבעניש. גייט מען צום פאָרזיצער פון דער ווייס־רוסישער סאָוועטן־רעגירונג. אַ ווייס־רוסישער קאָמוניסט,

פריענט ער קיינע קשיות ניט און זאָגט, אַז מען וועט געוויס געבן אַן ערלויבעניש. מען דאַרף אָבער פאָרמעל זיך ווענדן צום קאָמי־סאַריאַט פאַר סאָציאַלער הילף („סאָבעז”). לויפט מען אין „סאָבעז” און דאָרטן טרעפט מען שוין אָבער יידישע קאָמוניסטן. דאָ נייט שוין אַן אַנדער נוסח — „אָזע” מעג אַוודאי געבן געלט, מעדיצינען און פּראָדוקטן, אָבער דער „אָטריאַד” מוז הייסן „אָטריאַד” פון קאָמיסאַריאַט פון סאָציאַלער הילף. טענהן די פאָרשטייער פון „אָזע”, אַז קיין מענטש וועט איצטער ניט פאָרן אַרבעטן אין נאָמען פון „סאָבעז”, ווייל די לאַגע איז ביים גרענעץ ניט פעסט, מאָרגן קאָן דאָס שטעטעלע צוריק אַריינפאַלן אין די הענט פון די פּאָליאַקן, וועלכע וועלן אויסקוילען די פאָרשטייער פון „סאָבעז”, די באָלשעוויקעס. גאָר אַנדערש איז די נייטראַלע פירמע פון „אָזע” — וויפיל מאָל די רעגירונג זאָל זיך ניט בייטן, קאָן דאָך דער „אָטריאַד” בלייבן און היילן די יידישע קינדער אָדער טיילן פּראָדוקטן הונגעריקע קינדער.

פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע קאָמוניסטן האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון דער דאָזיקער כיטרער „קאָנטר־רעוואָלוציע” און די פאַנראַמירטע קאָידענאָווער יידן זיינען אַ גאַנצן חודש גע־בליבן אָן הילף.

און אָט איז נומער דריי. אַלע געדענקען נאָך וואָס פאַר אַ שחיטה דער גענעראַל באַלאַכאָוויטש האָט אָנגעטאָן אין ווייס־רוסלאַנד. בשעת די דאָזיקע שחיטות זיינען געווען אין סאַמע ברען, איז געקומען אַ דעלעגאַט פון אַ יידישער קאָלאָניע לעבן באָברויסק, אַ קאָלאָניסט גאָלדמאַן, און האָט אין נאָמען פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע געבעטן, אַז מען זאָל ערלויבן אַ יידישע זעלבסט־שוץ. האָבן, פאַרשטייט זיך, די יידישע קאָמוניסטן ניט דערלאָזט. און אין עטלעכע טעג אַרום איז אין דער דאָזיקער קאָלאָניע געווען אַ פּאָגראָם. ס'זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן העכער הונדערט יידן און צווישן זיי די פרוי און צוויי זין פון דערמאָנטן דעלעגאַט גאָלדמאַן. דאָס האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין גאַנץ ווייס־רוסלאַנד. מינסק איז אויפגערודערט געוואָרן און די גאַנצע גובערניע איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די יידישע קאָמוניסטן, ווייל

טיף איז געווען די איבערציינונג ביי אַלע, אַז די געזונטע יידישע קאָלאָניסטן, וואָלטן זיי נאָר געהאַט געווער, וואָלטן זיי זיך געווען גוט נוקם געווען אין די כוליגאַנעס און וואָלטן ניט געווען געפאַלן ווי די שאָף.

צווישן די יידישע קאָמוניסטן פון דער פּראָווינץ האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע שטרעבונג צו אַ יידישער זעלבסטשוץ. צווישן די אָנפירער פון דער דאָזיקער „קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער" שטרעבונג זיינען געווען צוויי באַקאַנטע באָברויסקער קאָמוניסטן. איינער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי פאַר אַזאַ „פאַרברעכן", ווי יידישע זעלבסטשוץ, און דער צווייטער איז אַליין אַרויס פון דער פּאַרטיי. און די יידישע סעקציע האָט געזאָגט: קיין יידישע זעלבסטשוץ איז ניט צוגעלאָזט געוואָרן.

זיינען אָבער ניט אַלע יידן אויסגעקוילעט געוואָרן פון באַלאַכאָוויטשעס רוצחים — פלעגן יעדן טאָג קומען קיין מינסק דעלעגאַציעס און בעטן ראַטעווען די איבערגעבליבענע יידישע באַפעלקערונג פון הונגער, פון טיפוס, פון קעלט. האָבן זיך צונויפגענומען פאַרטרעטער פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס — פון „אָרט", „אָזע" און „יעקאָפּאָ" — און האָבן געשיקט אַ דעלעגאַציע פון פאָלגנדיקע פיר באַקאַנטע כלל-טוער פון מינסק — ד"ר פּאָליאַק, אַדוואָקאַט מיעטשיק, פרוי לאָנגנאָוואַ און ה. ליפשיץ. זיי האָבן געבעטן צו ערלויבן אָרגאַניזירן אַ יידישע זעלבסטשוץ און אויך אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף צו זאַמלען געלט, קליידער און שיך אין שטאָט און שיקן די פּאָגראָמירטע הילף. דער פאָרזיצער פון ווייס-רוסישן „סאָוונאַרקאָם" האָט מיט גרויס אינטערעס און מיטגעפיל זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון דער יידישער דעלעגאַציע, נאָר ער האָט דערקלערט, אַז אָן די יידישע קאָמוניסטן קאָן די זאַך ניט באַשלאָסן ווערן. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז געווען אַ זיצונג ביים פאָרזיצער פון „סאָוונאַרקאָם"; ס'איז געווען די יידישע דערמאָנטע דעלעגאַציע און די יידישע קאָמוניסטן אָרשאַנסקי און ווײַנער. די רעזולטאַטן זיינען געווען די סאַמע טרויעריקסטע — די יידישע קאָמוניסטן האָבן ניט דערלאָזט, אַז מען זאָל ערלויבן אַ יידישע זעלבסטשוץ און אַ יידישן הילפס-קאָמיטעט.

אַזעלכע פֿאַקטן, ווי איך האָב נאָר וואָס געבראַכט, קאָן מען ברענגען נאָך צענדליקער. איך וועל עס מיט דער צייט נאָך טאָן. איצט לאָז מיר זיין ערלויבט צו ענדיקן מיין אַרטיקל מיט אַ קליי־נער פּערזענלעכער ערקלערונג.

אַ סך באַקאַנטע פֿרעגן מיך: פֿאַרוואָס האָב איך ביז איצט געשוויגן? פֿאַרוואָס האָב איך אַפֿילו אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן איך האָב רעקאָמענדירט אַרבעטן דורכן „יידגעזקאָם"?

איך געפֿין פֿאַר מיין חוב דאָס צו דערקלערן. ערשטנס, מוז מען זיך אַריינטראַכטן אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון מענטשן, וועלכע זיינען נאָר וואָס אַרויס פֿון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד. מיר זיינען געווען אַלע אין דער לאַגע פֿון פֿאַרשפּאַרטע אין אַ שטאַל, און ביי דער טיר איז אַוועקגעשטעלט אַ שומר. מיר האָבן גע־וואוסט, אַז דער שומר איז פֿעיִק אויף די מיאוסטע מעשים, אויף די פֿאַרברעכערישסטע טאַטן; ער אַליין אָבער האָט דעם שליסל צו דער טיר און ער קאָן כאָטש עפּעס איבערגעבן די פֿאַרחלשטע אין אויסגעהונגערטע, נאָר ער קאָן כאָטש עפּעס אָפּראַטעווען פֿון הונגער אין פֿון טיפֿוס. און גאַנץ נאַטירלעך, אַז ביי מיר און אויך ביי אַלע איבעריקע, וועלכע זיינען אַרויס דעמאָלט פֿון אוק־ראַינע און ווייס־רוסלאַנד, איז געווען אַזאַ מין פּסיכאָלאָגישע שטימונג: בעסער דורכן „יידגעזקאָם" איידער גאָרנישט; בעסער דורכן שלעכטן שומר, איידער גאָר אויסגיין פֿון הונגער אָדער אויסשטאַרבן פֿון עפּידעמיעס.

און נאָך אַ סיבה.

בשעת מיר זיינען אַוועק פֿון רוסלאַנד, איז אַלץ געווען פֿאַרבאָטן: מען האָט ניט געטאָרט עפֿענען קיין שול פֿאַר יידישע קינדער, מען האָט ניט געטאָרט עפֿענען אַ הויז פֿאַר יתומים, מען האָט ניט געטאָרט עפֿענען אַ ביבליאָטעק, אַ פֿאָלקס־אוניווערסיטעט, אַרויסגעבן אַ צייטונג א. אַז. וו. מען האָט אָבער אויך ניט גע־טאָרט האַנדלען מיט וואַליוטע, אַרומפֿאָרן מיט סחורות, האַלטן אַרבעטער און אַרבעטן מיט זיי 16 שעה אין מעת־לעת, עפֿענען קלייטלעך און קרעמלעך א. אַז. וו. ס'איז געווען אַ גרויס אומ־

גליק, אָבער אַן אַלגעמיין אומגליק. אַלע זיינען געווען געבונדן, אַלע זיינען געווען געפּענטעט. אַ ווילדע אָרדענונג, אָבער דאָך אַ געוויסע אָרדענונג. און איצט? אַ טייל פון דער באַפעלקערונג האָט מען באַפרייט. מיט וואַליוטע נייט מען איצט אַרום אין רוסלאַנד אויף די מערק און מען שרייט: „ווער דאַרף דאָלאַרן? ווער דאַרף פונטן? איך האָב פראַנקן! איך בייט פראַנקן אויף דאָלאַרן" א. אַז. וו. די יידישע וואַליוטשיקעס לויפן איצט אַרום איבער גאַנץ רוסלאַנד מיט שטאַרק פאַררוקטע היטלען, שטאַרק פאַרהיצטע און פאַרקאָכטע, און מען מאַכט אַ גוטן גראָשן און קיינער טשעפּעט זיי ניט און קיינער טאָר זיי ניט טשעפּען. אַלע יידישע קלייטלעך און קרעמלעך און שטעלעכלעך און סחורה־לעבער האָבן זיך געעפנט און פילן זיך נישקשה. דער יידישער אַרבעטער אַרבעט איצט ביי די ערגסטע באַדינגונגען פון שוויץ־סיסטעם. די אַמאָליקע לאָנדאָנער סוועט־סיסטעם איז נאָר אַ נול קעגן דעם, ווי דער יידישער אַרבעטער אַרבעט איצט אין רוסלאַנד. מען גיט איצט אַרויס אַרבעט נאָר אַהיים. און אין דער היים קאָן מען שוין אַרבעטן וויפיל דאָס האַרץ גלוסט. און אַ הונגעריקן יידן „גלוסט זיך" אַרבעטן אי 16 אי 18 שעה אין מעת־לעת. די קאָמוניסטישע פרעסע אַליין באַשרייבט וייער לעבעדיק ווי די יידישע פאַבריקאַנטלעך און בעל־מלאכות פאַרמאַכן זייערע פאַבריקלעך און וואַרשטאַטלעך, טיילן אויס אַרבעט אַהיים און מען קאָן גאָרניט טאָן דערצו און מען טוט גאָרניט!

אַלזאָ, אַרויסציען די מאַרך פון די ביינער פון יידישע אַרבעטער איז שוין ערלויבט; עפּענען אָבער אַ שול פאַר זיין קינד, ווען די רעגירונג און דער יידנעזקאָם האָבן ניט קיין מיטלען אויף שולן, טאָר מען ניט; באַהאַלטן סחורות עטלעכע חדשים און אַרויפציען די פרייזן — דאָס מעג מען, אויף דערויף איז „נעפּ"; עפענען אַ הויז פאַר יתומים, וואָס העבער צוויי מיליאָן פון זיי וואַלגערן זיך אין די אוקראַינער גאַסן און ווערן גנבים און פּראָסטיטוטקעס — דאָס טאָר מען ניט; ספּעקולירן מיט וואַליוטע, וויפיל דיין האַרץ געלוסט נאָר, מעג מען; לייענען אָבער פריי אַ לעקציע פאַר אַרבעטער — דאָס ניט.

אָט דאָס איז דער חילוק פֿון צוריק מיט אָנדערהאַלבן יאָר ביז איצט! און דאָס איז, דוכט זיך, אויך אַ גענוגע סיבה, פֿאַר־וואָס איצט קאָן מען מער ניט און מען טאָר מער ניט שווייגן.

און נאָך אַ דריטע סיבה: בשעת מיר, די יידישע ליטעראַטן, זיינען „אַנטלאָפֿן" פֿון רוסלאַנד, האָבן די יידישע קאָמוניסטן גע־האַלטן ביים סאַמע אָנהייב — ביי „מה טובו". אמת, אין אַלגע־מיינעם קאָמוניזם איז שוין געווען נאָך דער צווייטער „שמונה עשרה", דאָך האָבן די יידישע קאָמוניסטן, וועלכע זיינען געקומען זייער שפּעט, אָנגעהויבן דאַווענען פֿון אָנהייב. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט זייער אַ מיאוסן קוויטש, נאָר פֿונדעסטוועגן האָט קיינער פֿון אונז זיך ניט געריכט דעמאָלט, אַז זיי וועלן דערגיין צו אַזאַ ווילדן קודים־טאַנץ. איצט אָבער טאַנצן זיי אויף די יידישע חורבות אַן אמתן שדים־טאַנץ. וועגן דעם דאָזיקן שדים־טאַנץ האָב איך נאָך צו דערציילן זייער אינטערעסאַנטע זאַכן.

מערץ 1923.

אסתר און ליטוואַקאָוו קעמפן קעגן מלקות און ישיבות.

דאָס, וואָס די יידישע קאָמוניסטן טוען איצט מיט פלאַם און ברען אין די יידישע שטעט און שטעטלעך, קאָן מען אַנדערש ניט אָנרופן ווי אַ ווילדער שדים־טאַנץ אויף די שרעקלעכע יידישע חורבות. מיר זאָגן „חורבות", ווייל באַגראָבן האָבן מיר פאַר די לעצטע יאָרן אין רוסלאַנד און אוקראַינע ניט נאָר צענדליקער טויזנטער יידישע הרוגים; ניט נאָר די ריינקייט פון צענדליקער טויזנטער יידישע טעכטער, נאָר אויך ניט ווייניקער האָפענונגען, אויסזיכטן און גייסטיקע און קולטורעלע פאַרמעגנס.

וואָרעם ס'איז ניט גענוג פעסטצושטעלן די פאַקטן: אַזויפיל און אַזויפיל געהרגעטע און געשענדעטע; אַזויפיל יתומים און אלמנות; אַזויפיל אונטערגעגאַנגענע קהילות; אַזויפיל הייזער און קראָמען פאַרברענטע, צענומענע און צוגענומענע; אַזויפיל פאַבריקן און וואַרשטאַטן חרובע און פאַרברענטע — און דער חשבון איז פאַרטיק!

ניין, דער חשבון איז נאָך ווייט ניט פאַרטיק, גאָר ניט פאַרטיק! ער הייבט זיך ערשט רעכט אָן! וואָרעם די גאַנצע נשמה פון פאָלק איז אויפגעטרייסלט ביז אירע טיפסטע גרונדן, ביז אירע טיפסטע תהומען — ניטאָ קיין איין גאַנץ ווינקעלע; וואונדן און מכות, וואָס אייטערן זיך און אייטערן זיך; וואָס טריפן מיט בלוט און הערן ניט אויף; קאָנען ניט אויפהערן; נאַקעטע וואונדן, אָפענע מכות, וואָס מיט גרויסער ליבע דאַרף מען צוגיין צו זיי און מיט גרויסער מי זיי איבערבינדן.

און אויף די דאָזיקע אָפענע מכות און נאַקעטע וואונדן טאַנצן זיי, די „יעווסעקן", זייער שדים־טאַנץ, זייער ווילדן רוחות־

קאַרעהאָר! ס'מוז איינמאָל אָפן און קלאָר, שאַרף און הויך געזאָגט ווערן — די יידישע קאָמוניסטן האָבן ניט אין יידישן לעבן קיין שום סאָציאַלע און פּאָליטישע צילן, און דעריבער האָבן זיי אָנגעווארפן אַלע זייערע כּוחות אויף דער כלומרשטיקער קולטורעלער אַרבעט, אין אמתן אויפן קאַמף מיט דער אָפּגעלעבטער יידישער פרומקייט, וואָס שטייט אויף תּחית־המתים און באַקומט צוריק איר פריערדיקע עקשנות אונטערן איינפלוס פון דעם ווילדן געיעג, וואָס זיי האָבן פאַרגענומען אויף איר.

יאָ, אַ ווילדער, נאַרישער, אומגעלומפּערטער געיעג אויף שאָטנס, וואָס ווילן ווערן אונטער דער ווירקונג פון פייף פון די בייטשן פון די יענער צוריק לעבעדיק; באַקומען הויט און ביינער זיך אָנקליידן אין די אַלטע לאַנג־יעריקע טראַדיציע־קליידער און ווערן באמת אַ נעפּערלעכער כּוח און יידישן לעבן.

שאָטנס — מלקות, חדרים, ישיבות, מוסרניקעס, דאָס זיינען אין יידישן לעבן אַזעלכע בלאַסע שאָטנס, אַזעלכע אָפּגעלעבטע און איבערגעלעבטע זאַכן, אַז מען דאַרף ווירקלעך זיין נאָר אַזוינע ליידיקגייער, ווי די יידישע קאָמוניסטן, ליידיקגייער, וואָס האָבן אַבסאָלוט ניט וואָס צו טאָן אין יידישן לעבן, כּדי אַרויסצושלעפּן דאָס גאַנצע פּעקל אַלטוואַרג און באַמבאַרדירן אין דעם פון גרויסע האַרמאַטן. מען דאַרף זיין אַזעלכע טויגעניכטסן ווי די „יעווסעקן", וואָס האָבן פאַרטריבן פון רוסלאַנד די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ און קענען איצט ניט צוטרעטן צו וויכטיקע דערציִונגס־אַרבעט, כּדי זיך אַריינצוואַרפן ביז איבערן האַלז און מיט אַ געשריי ביז הייזעריק צו ווערן אין קאַמף מיט די מלקית און ישיבות.

דער קאַמף מיט די מלקות! די יידישע אַרבעטער האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן מיט וואָס מען עסט עס און ס'קריכט זיי גאָר ניט אין קאָפּ אַריין. אָבער דער רעדאַקטאָר פון „עמעס", אָט דער דאָזיקער מומר להכעיס, אָט דאָס דאָזיקע יידעלע, וואָס פאַרגנבעט זיך שפּעט ביינאַכט און לייענט דורך אַ פּאָר בלעטלעך „השלח", אָט דאָס דאַר, טרוקן, שפּיצעכיק יידעלע, וואָס קאָן עד־היום ניט איינשלאָפן אָן קריאת שמע, — אָט דער דאָזיקער משכּיל, וואָס קריכט פון דער הויט כּדי אַרויסצוקראַבקען זיך פון דעם

קליינבירגערלעכן זומפּ, פון וואַנען ער קומט אַרויס און וואָס אין אים בלייבט ער עד היום שטעקן ביז איבערו האַלז, — אַט דער דאָזיקער טיפּישער משכיל האָט אַרויסגעשלעפּט די מלקות און האָט זיי צעליינגט אויף טעלערלעך און האָט דערוויזן, אַז דער קלאַסן־קאַמף איז געווען שטרענג דורכגעפירט ערב־יום־כיפּור ביים שלאָגן מלקות.

זאָל דער לעזער ניט מיינען, אַז איך מאַך אַ שפּאַס. יאָ, דער באַרימטער רעדאַקטאָר פון באַרימטן „עמעס" האָט אָנגע־שריבן אַזאַ „ווערק" ניט פאַר יידן, נאָר פאַר קריסטן, אין דער רוסישער צייטונג „בעזבאָזשניק" נומ. 2, און דאָרט לייענען מיר:

„ערב־יום־כיפּור ווערט איינגעאָרדנט אין בית־מדרש אַ מלקות־שלאָגן פאַר אַלע: ביי דער טיר פון בית־מדרש שטייט דער שמש מיט אַ רימען אין האַנט. ס'גייען צו איינער נאָכן אַנדערן די יידן, פאַלן מיטן פּנים אַראָפּ, און דער שמש שיט יעדערן אַריין 39 מלקות אין אַ געוויסן אָרט פון גוף...

„דער דאָזיקער מנהג איז אויפגעקומען ביי יידן אין מיטל־עלטער און איז איבערגענומען פון די קריסטלעכע סעקטעס. לכתחילה האָט דער דאָזיקער מנהג אַרויסגערופן פּראָטעסטן מצד די רבנים, וועלכע האָבן אין יעדער איבערנעמען ביי אַנדערש־גלויביקע אַפילו אָבערגלויבערייען געזען אַ סכנה פאַר זייער מאַ־גאָפאָל אויף פאַרדרייען די קעפּ פון די מאַסן. נאָר די פּראָטעסטן האָבן ניט לאַנג געדויערט, און אינגיכן האָבן זיי אַליין אָנערקענט דעם דאָזיקן מנהג פאַר הייליק. און שפּעטער האָבן די הייליקע כּוהנים פון בית־מדרש אַריינגעטראָגן אין דעם דאָזיקן מנהג פון מלקות־שלאָגן די שטרענגע איינטיילונג לויט די קלאַסן: די נגידים און די פּני שלאָגט מען מיט ליבע, קוים־קוים זיך צורירנדיק צו זיי מיטן רימען; די אָרעמעלייט אָבער שמייסט מען אַזוי אָן רחמנות, אַז אָפט קאָנען זיי ניט אויפשטיין. און אַ מצוה! זאָלן זיי ניט פאַלן כּורעים פאַר די רבנים און מלקות־שלעגער".

מיר האָבן איבערגעזעצט וואָרט אין וואָרט, ניט געענדערט קיין אות — און זאָל דער לעזער, אדרבא, אַליין אַ טראַכט מאָן, ווי הויך דאַרף זיין דער גייסטיקער צושטאַנד פון דעם בינטל

יידישע קאָמוניסטן, ווען זייער קאָפּ, זייער פּירער, זייער געזעצגעבער איז אַזוי ווייט פאַרקראָכן. און זאָל ער אויך אַ טראַכט טאָן, ווי שטאַרק קאָנען זיין מענטשן פאַרנומען מיט נוצלעכער אַרבעט, ווען אין 1923 יאָר האָבן זיי צייט און מוח צו שרייבן אַרטיקלען וועגן שלאָגן מלקות, און דאָס נאָך אין אַ רוסישן פּאָפּולערן בלעטל, וואָס ווערט פאַרשפּרייט אויסשליסלעך צווישן רוסישע אַרבעטער.

דאָס דאָזיקע מלקות=אַרטיקל האָט אָבער אין זיך נאָך עטוואָס, וואָס מען טאָר בשום=אופן ניט פאַרשווייגן — דאָס איז אָנגעשריבן ספּעציעל פאַר גויים, כדי זיי צו דערוויזן, אַז די יידישע קאָמוניסטן זיצן חלילה ניט ליידיק; אַז זיי דינען געטריי דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז זיי רודפן די יידישע רבנים, מלמדים און אַנדערע כלי=קודש אַ סך מער ווי די רוסישע קאָמוניסטן זייערע כלי=קודש.

יאָ, יאָ, אַזוי באַרימען זיך בפירוש די יידישע קאָמוניסטן אין זייערע געדרוקטע ווערק. אין „עמעס" איז שוין געווען צענדליקער מאָל אַרויסגעזאָגט דער געדאַנק, אַז אין פּרט פון קעמפן מיט רעליגיע מעגן זיך די רוסישע קאָמוניסטן לערנען ביי די יידישע. אין מאָסקווער „פּראַוודאַ" איז געווען אַן אַרטיקל פון דעם באַקאַנטן רוסישן קאָמוניסט סטעפּאַנאָוו, וועלכער האָט געשריבן, אַז ער וואָלט אַ בלעטן געווען זען, ווען די רוסישע קאָמוניסטן זאָלן זיך אַזוי אַריינרייסן אין די רוסישע קלויסטערס בשעת די גרויסע הייליקע יום=טובים, ווי די יידישע קאָמוניסטן האָבן דאָס געטאָן יום=כיפּור. נאָר אָט איז אַ בעסערער באַווייז: נאָר וואָס איז אַרויס אַ בראָשורע, אויך אין רוסיש, פון אסתרן, מיטן קעפּל: „אַרונטער מיט די רבנים!" („דאָלאָי ראַווינאָוו!") און זי שרייבט אויף זייטל 4: „פון דער דאָזיקער בראָשור וועלן זיך די רוסישע חברים איבערציינגן, אַז סיי די אַנטי=רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע, סיי דער קאַמף מיט דעם איינפלוס פון די כלי=קודש ווערט געפירט אין דער יידישער סביבה ניט נאָר ניט שוואַכער, נאָר, אדרבא, ענערגישער, עקשנותדיקער און דער עיקר סיסטעמאַטישער, ווי אין דער ניט=יידישער סביבה".

די דאָזיקע בראָשור האָט אַן אומגעהייערן אינטערעס. פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער פון דער פינסטערער אַרבעט פון די יידישע קאָמוניסטן איז דאָס ממש אַן אוצר. אסתּר איז אַ טאַלאַנטפולער מענטש, מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט און מיט אַ גוואַלדיקן פאַנאַטיזם — אַן אמתע יידישע טאָכטער פון כלי־קודשדיקן שניט. און זי גיט אין איר בראָשור ניט נאָר די פּסיכאָלאָגיע פון די יענערס נאָך די בלאַסע שאָטנס, וואָס איך האָב גערעדט וועגן זיי אין אָנהייב, נאָר זי ווייזט אונז באַשיימפערלעך, ווי אונטער די קלעפ פון די יענערס וואַכן די דאָזיקע בלאַסע שאָטנס אויף, ווערן לעבעדיק און באַקומען די גרויסע קראַפט און עקשנות פון קרבנות, פון גערודפטע, פון געיאָגטע.

אסתּר שרייבט אין דערמאָנטן ביכל אויף זייט 40: „באַזונדערס שווער איז דער קאַמף מיט דער ישיבה, וואָרעם דאָ קומט אָפט אויס צו האָבן צו טאָן מיט אַ פאַנאַטישער יוגנט, וואָס גלויבט טאַקע באמת און איז גרייט אויף אַלע קרבנות פאַר אירע אָבערגלויבערייען. די מוסרניקעס און ישיבהניקעס דערקלערן, אַז זיי זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זייער ישיבה. די פאַרמאַכטע ישיבות ווערן איבערגעוואָרפן פון איין וואוינונג אין אַ צווייטער, אפילו פון איין שטאָט אין אַ צווייטער. מען לערנט אין באַהאַלטענע ערטער און די ישיבות בלייבן לעבן, באַקומענדיק שטיצע פון „נעפּ“־לייט. עס עקסיסטירן אויך די חדרים באַהאַלטן. נאָר די אייזערנע האַנט פון דעם רעוואָלוציאָנערן געזעץ שטראָפט שוין די פאַנאַטיקער. די מלמדים און רבנים ווערן איבערגעגעבן צום געריכט און ווערן באַשטראָפט מיט צוואַנגס־אַרבעט“.

באַשרייבנדיק דעם יום־כיפּור, זאָגט אסתּר: „מען דאַרף נאָך געדענקען, אַז זייער אָפט פלעגן די פּאָגראָמשטשיקעס זיך באַנוצן מיט דעם דאָזיקן יום־טוב, ווען אַ סך יידן נעמען זיך צונויף אויף איין אָרט, כדי צו מאַכן אויף זיי פּאָגראָמען, אַז אין זיכּרון פון פאָלק זיינען נאָך געבליבן לעבעדיק די לעגענדעס וועגן דעם, ווי אַזוי די אינקוויזיטאָרן פלעגן אויסשפּירן און פלעגן אויסזוכן די אנוסים, די באַהאַלטענע יידן, וועלכע פלעגן זיך צוזאַמענ־

נעמען אין די קעלערס אויף תפילה צו טאָן" („אַרונטער מיט די רבנים", זייט 14).

פאַרשטייט שוין אסתר גאַנץ גוט, אַז מען קאָן זיך באַהאַלטן אין קעלערס, מען קאָן אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר אַ זאַך, וואָס דו גלויבסט אין איר, און נאָך מער פאַר אַ זאַך, וואָס דו ווערסט פאַר איר גערודפט, געיאָגט. און אין דער זעלבער בראָשור דערציילט זי אויף זייט 46: „די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען און די באַריכטן פון די יידישע סעקציעס זיינען פול מיט ידיעות וועגן איבערגעגעבענע צום געריכט פאַר עפענען אומגעזעצלעכע חדרים און ישיבות".

ווער ס'איז נאָר באַקאַנט מיטן צושטאַנד פון די חדרים און ישיבות ביז דער רעוואָלוציע, ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס זיינען געווען גוססדיקע, אויסגייענדיקע אַנשטאַלטן; אַז דאָס איז געווען ניט מער ווי דאָס לעבן פון אַן אַלטער אינסטיטוציע, וואָס שטאַרבט אָפּ אונטער די מעכטיקע קלעפּ פון דער נייער צייט. יעדער קאַמף מיט זיי איז געווען לחלוטין איבעריק — וואָלט מען נאָר געעפנט אין די יידישע שטעט און שטעטלעך געגוג מאָדערנע שולן, וואָלטן די עלטערן אַליין אָפּגעגעבן זייערע קינדער בעסער אין די שולן, ווי אין די חדרים און ישיבות.

מעגלעך, אַז נאָך די פּאָגראָמען, נאָך די טייכן יידיש בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן, האָבן זיך די רעליגיעזע שטימונגען ביי דער יידישער מאַסע אפשר פאַרשטאַרקט — דאָס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. ווייסן מיר דאָך איצט, אַז צווישן די, וואָס האָבן דאָס יידיש בלוט פאַרגאָסן, מערקן זיך אויך רעליגיעזע שטרעמונגען, ווי די סעקטע נייע משיחים, וועלכע פאַרקויפן אויס אַלץ און לאָזן זיך קיין ארץ-ישראל צופוס. דאַרף שוין גאָר קיין וואונדער ניט זיין, ווען ביי די געשלאָגענע און געקוילעטע זאָל פאַרשטאַרקט ווערן דער רעליגיעזער גלויבן. ווי אַזוי-זשע דאַרף מען צוגיין צו דער מאַסע, וואָס האָט איבערגעלעבט אַזאַ טראַגעדיע, וואָס צו איר יאוש איז גאָר קיין גרענעץ ניטאָ און אירע ליידן און יסורים האָבן קיין ברעג ניט? איז דאָך קלאָר, אַז ווען צו אַזאַ צערודערטער מאַסע, צו אַזאַ אויפגערעגטער נשמה, צו אַזאַ

פאַרוואונדעטן געוויסן וועט מען צוגיין מיט קלעפּ און רדיפות, מיט טורמעס און צוואַנגס=אַרבעט, מיט שפּאָט און געלעכטער, וועט מען דער דאָזיקער מאַסע נאָר גרינגער מאַכן זיך אומצוקערן אין איר אַמאָליקן געטאָ; וועט מען איר יאוש און איינזאַמקייט דער= פירן צו דער מדרגה, ווען זיי מוזן פאַרטרייבן די מאַסע אין איר ענגער שאָלעכץ, אין איר אַלטן בית=מדרש, צו איר טראַדיציאָנעלן ספר, אין אירע אָפּגעצוימטע און אַרומגעצוימטע פיר ווענט פון דער אַלטער יידישקייט.

און אָט די דאָזיקע אַרבעט פון פאַרטרייבן די יידישע מאַסע צוריק אין פינסטערן געטאָ טוען מיט גרויס הצלחה טאַקע די „יעווסעקן“!

מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר בילדער פון דעם שוין אויבנ= דערמאָנטן ביכל אסתרס, און דער לעזער וועט אַליין דערפילן, ווי גלענצנד די יידישע קאָמוניסטן טוען זייער שוואַרצע אַרבעט:

„מינסק. אויף דער נאַכט צו כל=נדרי. אַלע בתי=מדרשים פול מיט יידן. שטיל איז אויף די גאַסן, און קיין נפש זעט מען ניט. מיט אַמאָל!... עפּעס הערט זיך אַ טומל פון דער געביידע, וואו דער קלוב פון דער קאָמוניסטישער יוגנט געפינט זיך. אַלץ נעענטער און נעענטער ווערט דער גערודער. אָט איז ער שוין אויפן פרייהייט=פּלאַץ, וואו די יוגנט דעמאָנסטרירט. עס גייען עטלעכע טויזנט מענטשן, מיט פאָנען, מיט ברענענדיקע לאַמ= טערנעס. איבער די קעפּ פון די דעמאָנסטראַנטן — פיגורן פון קאַרטאָן: אַ גלח און אַ רב. דער גלח מיטן רב קושן זיך. די יונגט זינגט: „מיר האָבן אַ תשובה אויף אַלץ שוין גרייט, די רבנים און גלחים אַראָפּ, אַראָפּ“!

„אַ געוואַלג, אַ געלעכטער, געשרייען רייסן זיך אַריין אין בית=מדרש, וואו מען וויינט, קלאָגט און מען ציטערט פאַר גאָט“ (ז׳ 16 — 17).

אָט אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס ווערן פאָרגעקומען אין צענד= ליקער שטעט און אין זייער אַ סך ערטער זיינען פאָרגעקומען אמתע שלעגערייען מיט בלוט, מיט אַרעסטן, מיט געריכטן נאָכ= דעם און מיט צוואַנגס=אַרבעט. פאַרשטייט זיך, פאַר די יידן,

וועלכע האָבן ניט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעטראָטן קעגן די קאָמוניסטישע ווילדע קאָמעדיעס.

אַלס אַ טיפּישן פאַל וועלן מיר נאָר ברענגען דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין באָריסאָוו. מיר גיבן איבער דעם פאַל מיט די ווערטער פון דער קאָמוניסטישער צייטונג „וועקער", און דער לעזער וועט אַליין פאַרשטיין, ווי „אומפּאַרטייאיש" די קאָמוניסטן דערציילן אַזעלכע זאַכן.

דער „וועקער" נומ׳ 230, פון 11טן אָקטאָבער 1923, שרייבט:

„באָריסאָווער קלעריקאַלן וועלן פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע פון קלעריקאַליזם. דאָס איז ניט אַבי וואָס פאַר אַ קלעריקאַלן — דאָס זיינען העלדן און זייער העלדישקייט האָבן זיי באַוויזן אַ צווייטן מאָל הייַנטיקן יום-כיפּור אויף די גאַסן פון באָריסאָוו. פאַראַיאָרן האָבן זיי אַפילו באַקומען זייער פּסק פאַר אַזוינע שיינע מעשים. זיי זיינען אָפּגעזעסן אַ שיין ביסל צייט אין „חדר-מיוחד". נאָר דאָס האָט זיי ניט אָפּגעשטעלט פון „אַרויסטרעטן אַלס קאָזאַקן" הייַנטיקס יאָר. די יונגע אַרבעטער האָבן זיך צונויפגעקליבן אין קלוב און מיט דער פאָן און פּלאַקאַטן זיינען זיי אַוועק אויף דער אַרבעט. אָפּגעאַרבעט אַ האַלבן טאָג, זיינען זיי אַוועק מיטאָג עסן. דערזעענדיק זיי, זיינען די גאָטס-קאָזאַקן אויפגעשפּרונגען און גענומען זידלען און שילטן די דעמאָנסטראַנטן. די אַרבעטער-יוגנט איז ווייניק נתפּעל געוואָרן און געמאַרשירט אין גאָרקיך עסן. איבערגעביסן, האָבן זיי זיך גענומען צו זייער אַרבעט. פּלייסיק אָפּגעאַרבעט, זיינען זיי אַוועק מאַרשירן איבער די גאַסן. דאָ זיינען שוין די קלעריקאַלן אַרויס פון די כּלים: אַ קלייניקייט? אום יום-כּיפּור פאַר נעילה מאַרשירן מיט פאָנען און אָנשטאָט ונתנה תוקף נאָר רעוואָלוציאָנערע לידער. און כּדי צו ראַטעווען מסתמא די וועלט, האָבן די גאָטס-קאָזאַקן גענומען רייסן פון שול ציגל און געוואָרפן אויף די דעמאָנסטראַנטן. פון שול זיינען אַרויסגעלאָפן אַ מחנה קינדער, אַלטע און יונגע ווייבער, אַלטע יידן, און וואָס געכאַפּט — דאָס געוואָרפן אויף די דעמאָנסטראַנטן. פינף פון די דעמאָנסטראַנטן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן".

פאַרשטייט זיך, אַז די וואָס האָבן געוואָרפן שטיינער אין די דעמאָנסטראַנטן האָבן שוין ניט אָפּגעפּאַסט אין דער היים און האָבן פאַרבראַכט די נאַכט אין טורמע. לויט דעם „וועקער" קומט אויס, אַז די קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַנטן האָבן געשוויגן ווי לעמעלעך און האָבן רויק און געלאַסן אונטערגעשטעלט זייערע געניאַלע קאָמוניסטישע קעפּ אונטער די פאַנאַטישע ציגל פון די בית־מדרש־יידן. מסתמא איז דאָס ווייט ניט געווען אַזוי. נאָר דאָס איז גאָרניט וויכטיק. וויכטיק איז דאָס, וואָס מען האָט צערייצט דעם פאַנאַטיזם פון אַלע — פון אַלטע און יונגע ווייבער, פון אַלטע לייט און קינדער!

אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון זייער „קולטורעלער" אַרבעט! יאָ, דאָס איז דער איינציקער רעזולטאַט פון זייער קאַמף געגן פאַנאַטיזם — אַ צערייצטער און אויפגעוואַכטער יידישער פאַנאַטיזם, וואָס האָט פון וואַנען צו ציען יניקה, וואָס האָט אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן און וואָס האָט שוין דערוויזן, אַז גרעסערע אינקוויזיטאָרן און פּלאָגער האָבן אים ניט געקענט בייקומען.

אין קרעמענטשוג איז אויפן שול־הויף געווען יום־כּיפּור אַ געשלעג, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט פאַרוואונדעטע, מיט אַרעסטן און חלשות־פאַלן און מיט אַ געריכט, וואָס האָט פאַרמשפּט עטלעכע יידן צו צוואַנגס־אַרבעט.

און אָט די דאָזיקע ווילדע פאַנאַטישע סצענעס פון ביידע זייטן האָבן זיך איבערגעחזרט אין צענדליקער שטעט. וויפיל „קולטור" ס'איז דורך דעם אויפגעטאָן און געשאַפן געוואָרן, דאָס קאָן דער לעזער שוין אַליין פאַרשטיין.

מ'האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרגעסן די „ציגל און שטיינער", טורמעס און צוואַנגס־אַרבעט פון יום־כּיפּור, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה מיט צונעמען בתי־מדרשים פאַר קלובן. מיר וועלן ברענגען פון אַסך בראָשור די באַשרייבונג פון קאַמף פאַר די וויטעבסקער בתי־מדרשים. זי איז אַזוי פאַרביק און לעבעדיק צוזאַמענגעשטעלט, אַז מען דאַרף גאָרניט צוגעבן. נאָכדעם ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צוצונעמען עטלעכע בתי־מדרשים פאַר קלובן, „האָבן די גבאים מיט אַנדערע פרומע יידן

זיך באַזעצט אין די בתי־מדרשים און פלעגן דאָרטן בלייבן פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן די בתי־מדרשים איינגאַנצן צו פאַרחתמענען. אַז מ'האָט דאָס אָפּגע־טאָן, זיינען די מתפּללים זיך צונויפגעקומען, אָנגעטאָן אין טליתים, אין די הויפן פון די בתי־מדרשים און האָבן דאָרטן דעמאָנסטרירט גאַנצע טעג. מען האָט געמוזט מאַכן אַן עק דערצו. האָט מען איבערגעגעבן אַ גרופּע פון 15 אַרבעטער אַרויסצוטרייבן פון די הויפן אַלעמען און איבערטראָגן אין אַנדערע ערטער די ספרי־תורות, די ספרים און אַנדערע זאַכן. אַז זיי האָבן זיך געווענדט צו די בירגער און זיי פאָרגעלייגט רויִק אַוועקצוגיין, זיינען זיי פאַרשאָטן געוואָרן מיט שטיינער און שטיקער בלאָטע. די אַרבע־טער האָבן געמוזט אָפּטרעטן. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט קיין איין יידישער קאָמוניסט זיך ניט געטאָרט יאַווען אין גאַס. מען פלעגט זיי פאַרוואַרפן מיט בלאָטע, שטיינער און געשאָלטן מיט קללות און חרמות.

דעמאָלט האָט דער גובערניאַלער אויספיר־קאָמיטעט גע־געבן דעם יידישן קאָמיסאַריאַט אַ באַוואָפנטע גרופּע, וועלכע האָט ענדלעך אָפּגערוימט דעם בית־מדרש־הויף" (זע „דאָלאָי ראַ־ווינאָוו" ז' 52).

מיר ווייסן זייער גוט, ווער עס גייט היינטיקע צייטן דאַוו־נען אין די בתי־מדרשים און נאָך אינמיטן דער וואָך. קיין יונגע לייט זיינען צווישן זיי ניטאָ. על פּי־רוב זיינען דאָס אַלטע לייט, וועלכע האָבן שוין מיט דער וועלט כמעט ווי פאַרענדיקט אַלע חשבונות און האָבן שוין אין דער היים גרייט תכריכים — און אָט מיט די דאָזיקע תכריכים־יידן, מיט די דאָזיקע האַלבע מתים, מיט די דאָזיקע איינגעהויקערטע, אויסגעמאַרעטע זקנים האָלט מען מלחמה און מען שטאָלצירט מיט נצחונות!

יאָ, מען רוישט און מען טומלט אַזוי וועגן די גרויסע נצחונות איבער די בית־מדרש־יידן, מען האָט אויפגעהויבן אַזאַ ספּעציפיש־יידישן יאַריד וועגן די פעסטונגען, וואָס מען האָט איינגענומען, אַז דו דערקענסט באַלד אין די דאָזיקע קעמפער, ווער זיי זיינען — דאָס זיינען אמתע יאַריד־קינדער, אמתע מאַרק־קינדער, וואָס טראָגן

אין זיך, אין די אייגענע נשמות, דעם אמתן טראַדיציאָנעלן יידישן יאַריד, דעם אמתן זומפּ פון דער יידישער מאַרק=בלאָטע.

די העלדן פון יידישן זומפּ — אָט דאָס איז דער פּאַסיקער נאָמען פאַר די דאָזיקע לייט, וואָס פירן דורך מיט אַזאַ אימפּעט דעם שדים=טאַנץ אויף די יידישע חורבנות. רוח, רוח, אַרויס פון דער בלאָטע! אָט די דאָזיקע שפּיל איז איצט אין לעבן מקויים געוואָרן. אַלע רוחות, אַלע בייזע שלעק, וואָס ווידמען זיך און פּרוכפּערן זיך שוין פיינע עטלעכע הונדערטער יאָרן אין אונזער שטייענדיקער בלאָטע, זיינען איצט אַרויף אויף דעם אויבן=אויף און טאַנצן אַ ווילדן טאַנץ, וואָס אַפילו אין אונזער געשיכטע איז עס אַ טשיקאַוועס. וואָרעם קוקט מען זיך צו, באַמערקט מען זייער נריינג, ווי טיף דער דאָזיקער פאַנאַטישער טאַנץ איז יידישלעך=נאַציאָנאַל, אַ געוויקס פון איינגאַרטיקן יידישן זומפּ.

אין דעם שטעקט טאַקע די איראָניע פון דער געשיכטע — די דאָזיקע כפול=שמונה=דיקע אינטערנאַציאָנאַליסטן צווינגט זי אויסצוטאַנצן אַן עכט יידישלעכן טענצל מיטן ספּעציפיש=יידישן פינסטערן פאַנאַטיזם, מיטן ספּעציפיש=יידישן דערגיין יענעם אין דער לעבער, מיט די ספּעציפיש=יידישלעכע שדים=העוויות.

מערץ 1923.

די יעווסעקן נעמען איין אַ פעסטונג אין מינסק.

אין דער מינסקער קאָמוניסטישער צייטונג „דער וועקער" נומער 45 איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אומגעפער מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „די באַסטיליע איז געפאַלן, די פעסטונג איז גענומען! דער שונא איז צעקלאַפּט!"

דער לעזער קאָן אַוודאי מיינען, אַז די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען מינסק, האָבן זיך דאָרט פאַרפעסטיקט; די רויטע אַרמייען האָבן די פעסטונג אָפּגענומען, און די יידישע קאָמוניסטן זיינען דעריבער מלא-שמחה. האָט איר גראָד אַ טעות. ס'זיינען פאַראַן גרעסערע נצחונות. און אַזאַ נצחון האָבן אָפּגעהאַלטן די יידישע קאָמוניסטן אָן איין שאָס, אָן איין באָמבע, נאָר מיט דער קראַפט פון יעקב אבינו, מיטן קול, מיטן טומל, מיטן געשריי. — ווי האָבן פאַרנומען די קאָר-שול, ווי האָבן דעם שונא — די דאַוונער — צעקלאַפּט, און ס'איז ששון-ושמחה — די פעסטונג, די באַסטיליע פון דער בורזשואַזיע איז געפאַלן!

אַ חודש נאָכאַנאַנד האָט מען אַזוי געטרומייטערט וועגן דעם שרעקלעכסטן שונא פון דעם יידישן אַרבעטער — וועגן דער קאָר-שול. מען האָט אויפגעהויבן אַזאַ יאַריד מיט מיטינגען, מיט דעמאָנסטראַציעס, מיט דעלעגאַציעס אַרום דעם צונעמען די קאָר-שול, אַז אַ פרעמדער וואָלט טאַקע געקאָנט מיינען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן ערנסטן קאַמף און וועגן אַן ערנסטן זיג. מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז ס'איז קיין דופק ניטאָ; אַז דאָס טרומייטערן אַ פּאָר באַלעבאַטישע בחורימלעך, וואָס ווי לוינט צו זיין קאָמוניסטן; אַ פּאָר געוועזענע ישיבה-בחורים, וואָס זיינען פשוט נאַיוו; אַ פּאָר

ווילדע ספעקולאַנטן-קאָמוניסטן, וואָס דאַרפן עפּעס פאַרשרייען. מיר ווייסן דאָך, אַז דער שונא האָט גאָרניט אָנגעהויבן זיך צו שטעלן אַנטקעגן, און אים איז אײַנעמען איז גאָרניט קיין העלדישקייט.

נאָר וואָס-זשע איז טומל, אַזאַ רעש, אַזאַ געפילדער, אַזאַ יאַריד?

אָט אין דעם דאָזיקן מינסקער טראַסק אַרום דעם העלדישן זיג איבער די דאַוונער פון דער קאָר-שול אַנטפּלעקט זיך דער גאַנצער זין פון דעם שרים-טאַנץ, וואָס וועגן אים האָבן מיר גערעדט אין פאָריקן אַרטיקל.

וואָרעם לאָמיר נאָר זען, וואָס דאָ קומט פאָר. די דאַוונער פון דער מינסקער קאָר-שול — דאָס זיינען די גבירים פון שטאָט. מיט וואָס פאַרנעמען זיך די דאָזיקע גבירים? אייניקע האַנדלען מיט וואַליוטע, דרייען זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג אויף דער בערזע, בייטן דאָלאַרן אויף סאָוועטסקע רובלס און פאַרקערט, וואַרפן דעם סאָוועטסקן רובל א. אַז. וו.; אַנדערע פירן סחורה פון פוילן, האָבן גרויסע סקלאַדן, וואו מען באַהאַלט קאָנטראַבאַנדע, באַקומען קוויטלעך פון „וונעשטאָרג" (קאָמיסאַריאַט פון אויסערן-האַנדל) אויף אַרייַנפירן הונדערט פוד סחורה און פירן אַריין בגנבה טויזנט פוד סחורה; צאָלן ניט פאַר דער אַרייַנגעפירטער קאָנטראַבאַנדע קיין צינז און קיין שטייער; פאַרדינען הונדערט און צוויי הונדערט פּראָצענט אויף דער סחורה און שינדן די הויט פון אָרעמע לייט; די דריטע האַלטן אין אַרענדע פאַבריקן גענומענע פון „סאָוונאַרכאָז" (ראַט פון פאָלקס-ווירטשאַפט). זיי אַרבעטן אַזוי, אַז די מאַשינען ווערן קאַליע, פאַרקויפן אויס טיילן פון די מאַשינען, פאַרנוצן דעם אייגנטום פון די פאַבריקן פאַר פּערזענ-לעכע צוועקן — הכלל, מאַכן פון דעם מלוכה-אייגנטום אַזאַ תכלית, אַז לאַנג וועלן די פאַבריקן ניט קאָנען עקסיסטירן; די פערטע זיינען „ספּעצן" (ספּעציאַליסטן) אין דער מלוכה-ווירט-שאַפט, פירן די טרעסטן און די טרעסטן דערלייגן געלט, עסן אויף דעם רוי-שטאָף, וואָס זיי באַקומען פון דער מלוכה, נוצן אויס די מאַשינעס — און נאָכן יאָר בעטן זיי שטיצע פון דער מלוכה. אַליין אָבער די „ספּעצן" לעבן זייער גוט, פאָרן אויף

אַוטאָמאָבילן, טראָגן גוטע פּעלצן, די פרויען האָבן גאָלד און פּערל אויף זיך, און פון צייט צו צייט כאַפּט זיך אַזאַ „ספּעץ" נאָך אַראָפּ קיין אויסלאַנד אָדער קיין מאָסקווע און גיט אַזאַ לעב, אַז דער טרעסט גיט אַזש אַ טרעשטשע.

אָט דאָס איז דער עולם דאָזיגער פון דער מינסקער קאָר־שול. פרעגט זיך די קשיה: פאַרוואָס האָט מען דעם דאָזיקן „פרומען" עולם געשטראָפט מיט דעם, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען עולם־הבא? פאַרוואָס רירט מען זיך ניט צו צו זייער עולם־הזה? וואו איז דער קאַמף אויפן סאָציאַלן געביט? וואו איז דער קאַמף אויפן עקאָנאָמישן באָדן?

דער תירוץ איז אָט וואָס: מען האָט אין מאָסקווע איינמאָל געפּרווט מאַכן אַן אָנפאַל, אַן „אָבלאַווע" אויף וואַליוטשיקעס, אַרעסטירן אַ פּאָר צענדליק פון זיי און צונעמען ביי זיי די אַמע־ריקאַנער דאָלאַרן און די ענגלישע פונטן, די דייטשע מאַרקן און די פראַנצויזישע פראַנקן — האָט אויף מאָרגן דער סאָוועטסקי רובל אַזאַ פאַל געטאָן, אַז דער „נאַרקאָמפין" (קאָמיסאַר איבער פינאַנציעלע ענינים) האָט געפאָדערט, מען זאָל תיכף אַרויסלאָזן די וואַליוטשיקעס. און מען האָט די וואַליוטשיקעס אַרויסגעלאָזט און מען האָט זיי דאָס ביסל גוטס אומגעקערט, און מען האָט זיי מיט גרויס כבוד אַרויסגעבאַגלייט צוריק אויף דער בערזע. פון דעמאָלט אָן זיינען די מאָסקווער וואַליוטשיקעס געוואָרן רויטע וואַליוטשיקעס — און אין אַלע שטעט פון רוסלאַנד זיינען די וואַליוטשיקעס געוואָרן „רויטע" וואַליוטשיקעס, דאָס הייסט, גרויסע מיוחסים, נייטיקע לייט פאַר דער מלוכה, נוצלעכע פאַר דעם „נעפּ". און דעריבער איז איצט אין מינסק און אין קיעוו, און אין אָדעס, און אין ניזשני נאָווגאָראָד א. אַז. וו. א. אַז. וו. ממש אַ גן־עדן: די „רויטע" וואַליוטשיקעס שפּאַצירן אויף דער בערזע און האַנדלען מיט דאָלאַרן און מיט פונטן: לעבן זיי שפּאַצירט אַרום די „רויטע" מיליציע און היט זיי ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג— נייטיקע לייט, נוצלעכע מענטשן!

ס'זיינען נאָך פאַראַן נאַיווע קאָמוניסטן, וואָס דערמאָנען זיך אָן די גוטע צייטן, ווען פאַר האָבן אַ צאַרסקן פינפערל אָדער איין

איינציקן דאָלער פלעגט מען גלייך דערזען יענע וועלט. נאָר אַזעלכע נאַרישע קאָמוניסטן באַקומען אַ קאַפּולער אָנצוהערעניש, אַז זיי זאָלן ווייניקער קשיות פרעגן און בעסער העלפן שרייען, אַז מען בויט אַ נייע וועלט.

אַלזאָ, די מינסקער וואַליוטשיקעס זיינען שוין פאַרויכערט. גייען מיר איבער צו די, וואָס האַלטן אויף די סקלאַדעס קאָנטראַבאַנדע־סחורות. די זיינען אויך יחסנים. ראשית, לויגט עס פאַר דער סאָוועט־רעגירונג אין אַ סך פאַלן, אַז די סחורה זאָל בעסער בגנבה אַריבערגעפירט ווערן, איידער זי זאָל דורכגיין די פוילישע טאַמאָזשנע — און די קאָנטראַבאַנדע ווערט אין אַ גרויסער מאָס געשטיצט פון די אָרגאַנען פון „ווגעשטאָרג". חוץ דעם זיינען די אָנגעשטעלטע פון „ווגעשטאָרג" כמעט אַלע אַליין אויך קאָנטראַבאַנדיסטן — און דאָ איז באַשאַפן געוואָרן אַ פאַרפלאָנטערטע נעץ פון גנבות און מאַכינאַציעס; די אָנגעשטעלטע פון „ווגעשטאָרג", און צווישן זיי גאָר ניט ווייניק קאָמוניסטן, זיינען אַזוי טיף אַריינגעשטעקט אין אַלע מאַכינאַציעס און קאָמבינאַציעס, אַז זיך צורירן צו דער דאָזיקער אינסטיטוציע וואָלט געהייסן אָפּשטעלן אויף אַ לענגערער צייט דאָס אָנקומען פון סחורות פון פוילן, און דעריבער האָט מען מורא גאָר זיך שטאַרק צוצוקוקן וואָס דאָרט קומט פאָר.

און אינטערעסאַנט, די אייגענע דאַוונער פון קאָר־שול, וואָס ווערן נעבעך אַזוי געשטראָפט ביים עולם־הבא־חלק, ווערן גאָר פיין און גוט אויפגענומען אין „ווגעשטאָרג" און אין „נאַרקאָמפין", וואו מען טיילט זיך מיט וואַלוטע, וואו מען טיילט זיך מיט קאָנטראַבאַנדע, וואו די אָנגעשטעלטע, די זעלבע וואָס ביינאַכט שרייען זיי אויף מיטינגען, אַז מען דאַרף הענגען די בורזשואַזיע און אָנהייבן דאַרף מען פון צונעמען די קאָר־שול — אָט די זעלבע פאַרברענטע קאָמוניסטן זיינען איינפאַך שותפים צו אַלע טרייפענע געשעפטן פון דער בערזע און פון דער קאָנטראַבאַנדע.

און ניט קיין קלענערע מיוחסים זיינען די אַרענדאַרן און די „ספּעצן", וואָרעם אָן זיי וועט אַפילו דאָס ביסל פאַבריקן, וואָס פּראָדוצירן וויפיל ניט איז סחורות, זיך גאָר אינגאַנצן אָפּשטעלן.

און דעריבער וויפיל מען אַנטפּלעקט ניט שווינדלערייען, וויפיל מען דעקט ניט אויף ווי אַזוי אַלץ האַלט זיך אויף כאַבאַר און גנבות, וויפיל מאָל מען כאַפּט ניט בײַ די הענט די כאַבאַרניקעס און די גנבים — אַלץ בלײַבט בײַם אַלטן און ווערט אויף אַ האָר ניט בעסער. די אַרענדאַרן רויִנירן די אַרענדירטע פאַבריקן; די „ספּעצן" „באַאַרבעטן" די טרעסטן, און די רוסישע ווירטשאַפט גייט צום גרונט. נאָר אַזוי ווי זיך אומקערן צום „ריינעם" קאָמוניזם קאָן מען שוין ניט, און אויפשטעלן אינגאַנצן די פּריוואַט־ווירטשאַפט האָט מען זיך נאָך ניט אַנטשלאָסן, מוז מען לײַדן און ניט טשעפּען די אַרענדאַרן מיט די „ספּעצן".

און נאָך אַמאָל — די אײנענע אַרענדאַרן און „ספּעצן", וואָס ווערן נעבעך אַזוי באַוועלט אין דער קאָר־שול, דרייען זיך גאַנצע טעג אַרום אין „סאָוונאַרכאָז", זײַנען שטאַרק באַפרײַנדעט מיט די קאָמוניסטן, וואָס אַרבעטן אין „סאָוונאַרכאָז"; די שונאים אויף לעבן און טויט איבער דער קאָר־שול זײַנען אין געשעפטס־ענינים גאַנץ גוטע־ברידער, נאָר צווישן־עלײַגשע פרײַנד, נאָר נאָענטע שמעלקעס.

און זאָל נאָר דער פּשוטסטער אַרבעטער זיך אַ ביסל אַרײַנטראַכטן אין דעם בילד, וואָס מיר האָבן ממש פון לעבן אָפּגעפאָטאָגראַפירט, זאָל ער נאָר אַ ביסל פונאַנדערנעמען די געבראַכטע פאַקטן — און דער גאַנצער גרויסער יאַריד, וואָס מען האָט אויפגעהויבן אַרום די חדרים און ישיבות, מלקות און בתי־מדרשים, וועט פאַר אים ווערן גאַנץ קלאָר.

ס'וועט פאַר אים ווערן אויך קלאָר, אַז מינסק איז נאָר אַ משל, אַז דאָס אײגענע וואָס אין מינסק קומט פאָר אין אַלע איבעריקע שטעט; עס וועט פאַר אים אויך ווערן קלאָר, פאַרוואָס די יידישע קאָמוניסטן, וואָס דער סאָציאַלער און פּאָליטישער אינהאַלט פון דער רעוואָלוציע האָט זיך פאַר זיי פריער אויסגעוועבט, האָבן גענומט די ערשטע אָנהייבן אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער אויף מלקות און ישיבות; פאַרוואָס די יידישע קאָמוניסטן מוזן שרײַען אַ סך העכער ווי די רוסישע קאָמוניסטן, אַז דער אומגליק פון פּראָלעטאַריאַט איז אין די בתי־מדרשים;

פאַרוואָס די יידישע קאָמוניסטן, וועלכע פאַרמאָגן אין זייערע רייען נאָר אַ גרויסע פּאָרציע קינדער פון קרעמער און מעקלער, אַגענטן און וואַיאַזשערן, טראָגן אַריין דעם יידישלעכן מאַרק־טאָן אין דעם קאַמף קעגן גאָט.

די לאַגע מוז אַזוי דערקלערט ווערן: וואָס מער ס׳ווערט אויסגעוועבט דער סאָציאַלער און פּאָליטישער אינהאַלט פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, וואָס מער די סאָוועטן־רעגירונג מוז מיט אירע אייגענע הענט בויען די בורזשואַזע וועלט און אויפבויען אירע העסלעכסטע און ווילדסטע פאָרמען, אַלץ מער מוז מען זוכן זייטיקע ענינים, מיט וואָס צו פאַרנעמען דעם מוח פון אַרבעטער־קלאַס; אַלץ העכער מוז מען שרייען וועגן קלייניקייטן, כדי צו מאַכן דעם אַרבעטער פאַרגעסן אין דעם עיקר; אַלץ ווילדער און פאַנאַטישער מוז מען אַרויסטרעטן אויף קולטורעלע פראָנטן, כדי אויפן הויפּט־פראָנט, אויפן עקאָנאָמישן, צו קאָנען מאַכן גרעסערע הנחות דער בורזשואַזיע.

נאָר קאָמוניסטן, בפרט נאָך יידישע קאָמוניסטן, בלייבן תמיד דאָס, וואָס זיי זיינען געווען, און אויב מען קאָן ניט מער צעטרייבן קיין ירידים, פאַרנעמען ברויט ביי די פּוערים, שיסן פאַר אַ דאָלאַר אין קעשענע, מאַכן אינמיטן טאָג אָבלאַוועס אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג און צונויפנעמען פון די קעשענעס דאָס גאַנצע ביסל מינץ מיט די זייגערלעך; פאַרמאַכן אַלע קראָמען און האָרעווען מיט קאַרטעטשקעס, אַרויסגעבן באַפעלן, אַז אַלע גויעס, וואָס טראָגן הינער און אייער, ציבעלעס און פאַסאָליעס אין שטאָט אַריין, זאָלן האָבן צייגענישן פון די דאָרפישע פאַרוואַלטונגען, אַז זיי האָבן אָפּגעצאָלט נאַטור־שטייערן און אַז אַלע, וואָס קויפן אין מאַרק אייער און הינער, ציבעלעס און פאַסאָליעס, זאָלן האָבן צייגענישן פון שטאָטישן ראַט, אַז זיי קויפן דאָס פאַרן אייגענעם געברויך (אַ באַפעל, וואָס איך האָב אַליין געזען אין די גאַסן פון מינסק ווינטער 1920) — אויב מיט דער דאָזיקער קלוגער עקאָנאָמישער פּאָליטיק האָט מען זיך אַזוי צעשלאָגן דעם קאָפּ, אַז מען קאָן זיך בשום־אופן ניט אַרויסדרייען, האָט מען אַריבערגעטראָגן אָט די זעלבע קאַמף־מעטאָדן אויפן קולטורעלן און רעליגיעזן געביט. און

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אויך אויף דעם געביט וועט מען מיט אַזאַ קלוגער פּאָליטיק דערפירן צו אַזאַ קולטורעלן חורבן און אַזאַ רעליגיעזן פאַנאַטיזם, אַז נאָכדעם וועט מען שטאַרק חרטה האָבן; מען וועט זיך נאָר איינגיכן שלאָגן „על חטא" און זיך רוקן צוריק; מען וועט האַלטן לאַנגע דרשות וועגן די געמאַכטע פעלערן און בײַם קולטורעלן חורבן און בײַם צעבלאָזענעם רעלי־גיעזן פאַנאַטיזם וועט מען בלײַבן, ווי מען בלײַבט איצט בײַ דער עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע.

ווער עס האָט מיט זײַנע אייגנע געזען, ווי מען האָט מיט די אייגענע הענט דערפירט צו דעם עקאָנאָמישן חורבן, און קוקט זיך צו צו דעם, וואָס עס ווערט איצטער געטאָן מיט די יידישע קינ־דער, מוז ממש אויסשרייען: אָט דאָס זײַנען דאָך די וועגן, וואָס פירן אין גיהנום אַריין! אָט דאָס זײַנען דאָך די מעטאָדן, וועלכע באַגראָבן יעדער גייסטיקע, אויפקלערנדיקע אונטערנעמונג! אָט דאָס זײַנען דאָך די בייזע ווינטן, וואָס רייסן אַרויס מיטן וואָרצל יעדער לעבעדיק גרעזעלע און פאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין אַ מדבר!

און באמת, לאָמיר נאָר זען, וואָס עס קומט דאָ פאָר מיט די יידישע חדרים, למשל.

אָט וואָס עס שרײַבט דער מאָסקווער „עמעס" נומ' 23 פון 2טן פעוראַל 1923טן יאָר:

„קינדער אָן אַ היים".

„איר זעט זיי אומעטום אין די שטעט און שטעטלעך, אין די דערפער, אויף די באַן־הויפן, הונגעריקע, קראַנקע, נאַקעטע, באָרוועסע, פאַרוואָרלאָזטע, בלאָנקען זיי טויזנטער אַרום פריער מיט אַ צעטומלט פאַרלאָרן פנים, שפּעטער מיט אַן אויסגעשטרעק־טער האַנט נאָך אַ נדבה, און צום סוף ווי אַ מחנה קליינע פאַר־ברעכערס, פאַרדאָרבענע, פאַרביטערטע, דעגענערירטע.

„די פאָגראָמען אַליין האָבן געגעבן פיל צענדליקער טויזנ־טער יידישע קינדער, וואָס זײַנען געוועזן פאַרלאָזט אויף גאָטס באַראָט און וואָס זײַנען אויסגעגאַנגען אין די טויזנטער פאַר הונ־גער, געלט, מגפות. דאַן קומט דער מוראדיקער הונגער און שלאָגט

דעם רעקאָרד אין ענין פון אַרויסוואַרפן טויזנטער קינדער אויף דער גאַס.

„אוקראַינע איז פול מיט קינדער, וואָס וואַלגערן זיך אין די גאַסן, אויף די באַנען, אין די גריבער און לעכער. אין קיעוו, האַלט מען, דאַרף זיין ביז 5 טויזנט אַזעלכע קינדער, אין כאַר־קאָוו — 3 טויזנט, און אַזוי ווייטער אין אַלע איבעריקע שטעט.

„אין קיעוו אויף קרעשטשאַטיק איז פאַראַן אַן איינגעפאַ־לענע פאַרברענטע חורבה. פלוצים האָט מען אָנגעהויבן באַמערקן, אַז פון אונטער די אַיינגעוואָרפענע ציגל זעצט אַ רויך. ביי דעם אָרט פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן מחנות מענטשן און קוקן, ווי דער רויך זעצט פון „אונטער דער ערד". האָט מען גענומען אויס־פאָרשן און געפונען אַן אַריינגאַנג אין אַ פאַרשאָטענעם קעלער, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע גאַסן־קינדער, און דאָס פלעגן זיי צעלייגן דאָרטן אַ פייער, אַ ביסל זיך צו דערוואַרעמען. דאָס זיינען די גליקלעכע, ווייל ס'רוב קינדער וואַלגערן זיך פשוט אין די הויפן, הינטער די שטיינער, אין די גריבער און אין אָפענע פאַרברענטע חורבות. אַ גרויסער טייל פון די קינדער דרייען זיך אַרום אויף די באַנען, אויף די מערק, בכלל אומעטום וואו עס איז פאַראַן אַ צונויפקום פון מענטשן, בעטלען, באַנגבענען, האַנד־לען. פון זיי קומט אַ גרויסער פראָצענט רויבער און אפילו מער־דער, ווי דאָס איז געווען די לעצטע צייט אין קיעוו, ווען ס'רוב אָנפאַלן זיינען געווען געמאַכט דורך מינדעריעריקע גאַסן־קינדער. פון די הונגער־געגנדן איז דאָך שוין אָפגערעדט. דאָרט איז דאָס אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז קינדער זיינען געוואָרן קאַניבאַלן, מענטשן־פרעסער, און זיי האָבן זיך אַ לענגערע צייט געשפּייזט מיט מענטשן־פלייש.

„די קינדער־אַנשטאַלטן אין פאָלטאַווער געגנט לעבן איבער אַ שאַרפן קריזיס. צען טויזנט קינדער זיינען געבליבן אָן אַ שום דערנערונג. פערציק פראָצענט קינדער זיינען קראַנק אויף שווינד־זוכט; ס'איז שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן זיי די קרעץ (טשע־סאָטקע) — אויף פערציק פראָצענט. די שטערבלעכקייט דער־

גרייכט ביי זויג־קינדער ביז נײַנציק פּראָצענט. ביי די קינדער פון 1 יאָר ביז 4 יאָר — ביז 42 פּראָצענט.

„אין כאַרקאָוו וואַלגערן זיך פון די 3 טויזנט היימלאָזע קינדער 2 טויזנט אויפן וואָקזאַל".

זאָל מיר דער לעזער מוחל זיין. די דאָזיקע לאַנגע אויס־צוגן זיינען מיר נייטיק געווען, ווייל ס'איז דאָך גענומען פון „עמעס", און די „יעווסעקן" וועלן ניט קענען מאַכן קיין גוואַלד, אַז די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן פאַרשפּרייטן אומישנע שלעכטע ידיעות וועגן לעבן אין רוסלאַנד.

נו, זאָל דער לעזער זיך אַריינטראַכטן, נאַנץ אומפּאַרטייִש, גאַנץ קאַלטבלוטיק—ווען קינדער ווערן גנבים, מערדער, פאַרברע־כער, קראַנקע אויף טובערקולאָז, מענטשנפרעסער, ווערן פאַרליי־זיקט, באַקומען פאַרבעס, פאַרשפּרייטן מגפות א. אַז. וו. א. אַז. וו.— צי איז דעמאָלט צייט צו פאַרמאַכן טויזנטער חדרים און ניט עפע־נען אויף זייער אָרט קיין שולן?

די קאָמוניסטישע נביאים און משולחים וועלן געוויס אויס־הויבן אַ גוואַלד, אַז איך בין אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער. איז לאָמיר בעסער לאָזן ריידן די קאָמוניסטישע פּרעסע, זי זאָגט דאָך געוויס דעם „עמעס".

„עמעס" נומ' 240 פון 4טן נאָוועמבער 1922 שרייבט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון זשיטאָמיר: „די חדרים און ישיבות זיינען לויט דער פאָדערונג פון „גובאויספּירקאָם" (גובערניע־אַמטן) אין די שטעטלעך און אין גובערניע אינגאַנצן ליקווידירט. עס פאַר־וואַלגערט זיך נאָך דאָ און דאָרט אין אַ וועלכן ניט איז פאַרוואָר־פענעם קליינשטעטל אַ חדר, נאָר זיי ווערן אויך ביסלעכווייז פאַרמאַכט. צום באַדויערן איז ביי די איצטיקע באַדינגונגען שווער צו פאַרשפּרייטן די שול־נעץ, אַז זי זאָל אַריינגעמען אַלע חדר־קינדער".

„קאָמוניסטישע פאָן" נומ' 24 פון 3טן פעווראַל 1923 שרייבט פון גלובאָוו: „ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די חדרים זיינען פאַרמאַכט געוואָרן, איז ביז איצט נאָך קיין שול ניט געעפנט געוואָרן".

„עמעס" נומ׳ 17 פון 26טן יאַנואַר 1923 דערציילט אין אַ בריוו פון וויטעבסק וועגן דער באַראַטונג פון די יידישע ביל־דונגס־טוער: „ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז די יידישע שולן אין די קליינע שטעטלעך האָבן זיך ליקווידירט צוליב דער אָפּוועזנהייט פון לערער. דער גרעסטער טייל פון די עקסיסטירנדיקע יידישע שולן קענען זיך ניט אויסהאַלטן, ווייל דער שכר־לימוד ווערט ניט אַריינגעטראָגן. די באַראַטונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון די חדרים".

פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמוניסטישע פּרעסע פאַרשוויגט געוויס פאַקטן און דאָך וואָלט איך געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך אויפצונגן וועגן ערטער, וואו מען האָט די חדרים פאַרמאַכט און קיין שולן ניט געעפנט. מענטשן, וואָס קומען פון אוקראַינע, גיבן איבער, אַז דאָרטן זיינען כמעט נאָר קיין שולן ניטאָ. דער „ייד־געזקאָם" האַלט קוים אויס די קינדער־היימען און וועגן שולן זאָרגט מען ווייניק. און אָט ניט האָבנדיק קיין געלט אויף עפענען שולן, ניט האָבנדיק קיין לערער, ניט האָבנדיק קיין געביידעס אויף שולן, נעמט מען און מען פאַרמאַכט אַלע חדרים און מען לאָזט אָפּ אויף הפקר צענדליקער טויזנטער קינדער.

זאָל זיין, אַז דער חומש און דער סידור זיינען אַזוי שרעק־לעך שעדלעך, אַז מען מוז זיי מיט גוואַלד אויסראָטן — אַפילו שטייענדיק אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט מוז מען דאָך מודה זיין, אַז גנבים, מערדער, צוועלף־יעריקע פּראָסטיטוטקעס, מענטשנפרעסער, שווינדזוכטיקע, פאַרלייזיקטע, פאַרפאַרכטע, פאַרקרעציקטע קינדער זיינען אַ ביסעלע ערגער פון חומש און סידור.

און הערט זיך נאָר צו צו דער לאָגיק פון די נאַר וואָס געבראַכטע אויסצוגן: „די שולן קאָנען זיך ניט אויסהאַלטן — די באַראַטונג האָט באַשלאָסן ענדגילטיק ליקווידירן די חדרים; ס׳איז שווער צו פאַרשפּרייטן די שול־נעץ, אַז זי זאָל אַריינגעמען אַלע חדר־קינדער — די חדרים און ישיבות זיינען אינגאַנצן ליקווידירט".

דער אויספיר איז אַ קלאָרער: — בעסער זאָלן יידישע קינ־דער זיך וואַלגערן אין די גאַסן; בעסער זאָלן זיי ווערן גנבים און

מערדער; בעסער זאָלן זיי קראַנק ווערן אויף די שרעקלעכסטע קרענק, אַבי אין ישיבות זאָלן זיי ניט לערנען.

דאָס איז אַקוראַט די לאָגיק, וואָס מיט איר הילף פּלענט מען צעטרייבן די מערק און פאַרמאַכן די קראָמען. פּלענן סאָציאַליסטן קומען שרייען: פּראָדוקטן ווערן דאָך טייערער, די ספּעקולאַציע וואַקסט נאָך מער, איר גיט נאָך נאָר שטיינער אָדער קאַרטעשקעס און ניט קיין ברויט, די פּויערים הערן אויף צו פאַרזייען די פעלדער, ס׳קומט אַ הונגער אויפן לאַנד! בעסער נאַציאָנאַליזירט נאָר די גרויס-אינדוסטריע און לערנט זיך אויס פאַרוואַלטן איבער איר און נאָכדעם וועט איר צוביסלעך אָרגאַניזירן די מיטל-אינדוסטריע און ערשט דערנאָך, נאָך צענדליקער יאָרן, די קליין-אינדוסטריע. און אויף אַזאַ אופן וועט מען דערגרייכן דעם סאָציאַליזם. פּלענן זיי אויסלאַכן און דווקא מיט איין קלאַפּ און אין איין אויגנבליק אַלץ נאַציאָנאַליזירן, אַלץ קאָנפיסקירן, אַלץ פאַרשליסן און פאַררינגלען און אָנהייבן האָדעווען די באַפעלקערונג מיט קאַרטעשקעס. דער טרויעריקער סוף איז גוט באַקאַנט. אַקוראַט דאָס זעלבע קומט פאָר ביי די יידישע קאָמוניסטן מיטן קאַמף מיט די חדרים און ישיבות, בתי-מדרשים און מלקות.

דער אומגליק איז נאָר אָט וואָס: דער עקאָנאָמישער קדחת-קאָמוניזם האָט געמוזט ניך באַנקראָטירן און לענין האָט באַלד געמאַכט אַ געוואַלד: השיבנו נאַזאַד! מען מוז פאַרקערעווען! צו ווייט פאַרפאָרן! אַ סך נאַרישקייטן אָפּגעטאָן! אַ סך פאַרברעכנס באַגאַנגען!

דער קולטורעלער און רעליגיעזער קדחת-קאָמוניזם איז אָבער כמעט אויסשליסלעך אַ יידישע ערשיינונג — אין דעם באַשטייט דאָך די איינציקע עקסיסטענץ-באַרעכטיקונג פון די יידישע קאָמוניסטן. לענין האָט אַ סך נייטיקערע זאַכן אויפצוטון, און די יידישע מלקות קריכן אים, ווייזט אויס, ווייניק אין קאָפּ אַריין. מיט די יידישע קאָמוניסטן קאָן דעריבער וואַרטן קדחת ניט איין יאָר — און דער יידישער קולטורעלער חורבן קאָן דערפירט ווערן ביזן סוף; דער אויפגעבלאָזענער רעליגיעזער פאַנאַטיזם קאָן ווירקלעך פאַרטרייבן די יידישע מאַסע אין מיטלעלטערלעכן געטאָ אַריין.

דער קולטורעל'ער חורבן קאָן דערפירט ווערן ביזן סוף, ווייל די יידישע קאָמוניסטן רודפן דאָך ניט נאָר די יידישע ישיבות און חדרים. זיי האָבן דאָך אויך רויִנירט די קולטור-ליגע, וועלכע האָט געפירט אַ ברייטע קולטורעלע און בילדונגס-אַרבעט; זיי האָבן דאָך רויִנירט „אָזע" (געזעלשאַפט צו פאַרהיטן יידיש געזונט), וועלכע האָט געפירט אַ גרויסע קולטורעלע אַרבעט צווישן די יידישע קינדער. און די יידישע קאָמוניסטן לאָזן דאָך ניט די דאָזיקעביידע געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן געפירט זייער נאַנצע קולטורעלע אַרבעט אין גייסט פון יידישן אַרבעטער-קלאַס, אויפצושטיין תחית-המתים. דאָס איז נאָר אַ באַזונדער שוואַרץ בלעטל אין דער פאַרפלעקטער קרחת-אַרבעט פון די יידישע קאָמוניסטן.

אַפּריל 1923.

כּפּרות, מצות און תּשליך און יידישע עקאָנאָמישע אינטערעסן.

מיר האָבּן צונויפגעליינט אַ פּעקל פון הונדערט יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען און האָבּן דורכגעקוקט דעם אינהאַלט פון די אַרטיקלען און פון די קאָרעספּאָנדענציעס, און אָט וואָס ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן: פון הונדערט אַרטיקלען זיינען געווען מער ווי פופציק וועגן יום־כּיפור, כּפּרות, ראש־השנה, תּשליך, שופר־בּלאָזן, חדרים און ישיבות, נאָט און שדים, „געשטאַנק, וואָס איז פאַרבּונדן מיט פּסח־ריטועל, מיט דער מצה, מיט די ארבּע כּוסות״ (זע „עמעס״ נומ׳ 43 פון 25טן פעבּרואַר 1923); אַ חקירה, צי איז פּורים אַ יום־טוב, וועגן שבּת, וועגן אתרוג און לולב, סליחות, רבּנים, חנוכּה. פון יעדע הונדערט קאָרעספּאָנדענציעס זיינען מער פון זעכציק פאַרנומען מיט די זעלבּיקע „וויכטיקע״ און „ערנסטע״ פראַגן. הכּלל, דער שולחן־ערוך איז אַזוי ערנסט און אַלזייטיק אויסגעפאָרשט און באַאַרבּעט, אַז ס׳ווערט קלאָר, אַז די רעדאַקטאָרן פון די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען זיינען ניט נאָר בּקי אין אים, נאָר ווערן נעבּעך פאַרפאָלגט פון אים עד־היום און קאָנען בּשום־אופן זיך ניט בּאַפרייען פון שולחן־ערוכדיקע חלומות.

דערפאַר איז אין די אַלע הונדערט נומערן ניט געווען קיין איין אַרטיקל וועגן אַ יידישער עקאָנאָמישער פראַגע און אַפילו ניט וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידישן אַרבּעטער און אין אַלע הונדערט נומערן מיט העכער דריי הונדערט קאָרעספּאָנדענציעס איז געווען נאָר אין עטלעכע און זעכציק קאָרעספּאָנדענציעס דערמאָנט אויך וועגן עקאָנאָמישע פראַגן און וועגן דער לאַגע פון די יידישע אַרבּעטער.

אָט דאָס הייסט חסידים! אָט דאָס הייסט פרומע לייט! אמתע יידישע פּרושים! איינגאַנצן זיך אויסגעטאָן פון עולם-הזה, כּפּרות געשלאָגן מיט דער וועלט און מיט אַלע אירע אָנגעווייטאָגטע פראַגן, זיך מיט אמתער יידישער היץ און ברען איבערגעגעבן דעם הימל-קאַמף, און דער כּסא-הכּבוד, נאָטס טראָן, טרייסלט זיך און מען האַלט אַזוי שטאַרק אין טרייסלען דעם כּסא-הכּבוד, אַז דער קומענדיקער היסטאָריקער פון אונזער צייט וועט געוויס מיינען, אַז די יידישע קאָמוניסטן האָבן נאָר געלעבט אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט, ווען יידן זיינען געזעסן אין מקווה און געזאָגט ברכות און די משכּילים האָבן געזונגען: „שטיי אויף, מיין פאָלק ישראל!“

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז דאָס פאָלק ישראל האָט אַ סך מער פאַרגעסן די דינים פון שולחן-ערוך, ווי די רעדאַקטאָרן פון די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען; אַז דעם פאָלק ישראל קריכן ווייניקער אין קאָפּ די מלקות מיט די כּפּרות-שלאָגן, די סליחות מיט די פּורים-חקירות, ווי יידישע קאָמוניסטן. געלויבט איז דער רבונו-של-עולם! דאָס יידישע פאָלק זיצט מער ניט אין מקווה און לויפט שוין ניט דאַוונען דריי מאָל אין טאָג, הגם די קאָמוניסטישע ישיבה-בחורים וואָלטן עס זייער געוואָלט און דאַרפן עס טאַקע האָבן צום טאַנץ.

וואָס-זשע טוט דאָס פאָלק ישראל?

אָט איז אַ בילד פון דער „פּראַוודאַ“, פון אָרגאַן פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון נומ' 15, פון 24 יאַנואַר 1923:

„מאַנופאַקטוריסטן.

„אויב איר וועט זיך דורכגיין אין מאָסקווע איבער די גאַסן מאַראָסייקע, פּאָקראָווקע, לוביאַנקע, וועט איר גלייך באַמערקן, אַז במעט אַלע געשעפטן זיינען פאַרנומען מיט מאַנופאַקטור-האַנדל. דער דאָזיקער גאַנצער האַנדל איז אַ הורט-מסחר. דאָ פאַרקויפט מען סחורה נאָר גאַנצע שטיקער און פיל מאַגאַזינען פאַרקויפן אפילו נאָר גאַנצע פּעק סחורה. פון דאַנען גייט מאַנופאַקטור אויף אויף די מאָסקווער באַזאַרן, פון דאַנען גייט סחורה אויף דער

מאָסקווער פּראָווינץ. נאָר אָט די אַלע הורט=סוחרים האָבן ניט קיין געשעפטן מיט די מלוכה=טרעסטן. אַרום די טרעסטן דרייען זיך זייער כוואַטסקע מענטשעלעך, פאַרשיידענע קאַנטראַוויטשעס און גינזבורגס, וואָס מיר האָבן זיי שוין געזען אויף דעם פּראָצעס פון אָרעכאָוו=זויעוו און וואָס מיט זיי וועלן מיר זיך איינגיבן זען נאָך אַמאָל אויפן פּראָצעס פון סערפּוכאָווער טרעסט. אָט די דאָזיקע קליינע, גאָר וואַרעמע קאָמפּאַניע, וואָס ווייס מיט וועמען צו רעדן און ווי אַזוי צו רעדן — אָט זי שטעלט צו סחורה די הורט=סוחרים.

„אויף איליאינקע און אויף די אַרומיקע גאַסן קאָן מען זען אַ גאַנצע שורה קאַנטאָרן אונטער פאַרשיידענע נעמען. דאָ זיינען ניטאָ קיין סקלאַדן, דאָ האַנדלט מען נאָר מיט אָרדערס. כאַראַקטעריסטיש, וואָס די אַלטע מאָסקעווער סוחרים=מאַנופאַקטוריסטן שפּילן אין דעם דאָזיקן האַנדל נאָר אַ נישטיקע ראָלע. געוויינט צו אַרבעטן נאָר ביי אַנדערע באַדינגונגען, האָבן זיי פריער ניט געוואָלט זיך לאָזן אויף אַזעלכע ניט סאָלידע געשעפטן, האָבן אויסגעוואַרט, און אין רעזולטאַט זיינען זיי אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אַנגעלאָפענע קיין מאָסקווע מאַכערס און דרייערס, וואָס פאַר זיי איז די „נעפּישע מאָסקעווע" באמת אַ שמאַלץ=גריב. פאַרמאָגנדיק אַ גוטן האַנדלס=חוש און אַ לאַנג יעריקע געניטקייט אין „לופט=געשעפטן", האָבן זיך די דאָזיקע „אויך=מיר=מאָסקוויטשי", ווי דעמיאַן בעדני האָט זיי אַ נאָמען געגעבן, אַ נעם געטאָן פאַרן מאַנופאַקטור=מסחר און פאַר חברים האָבן זיי גענומען געוועזענע סאָוועטן=אָנגעשטעלטע, כדי צו וויסן וואו אַ טיר עפנט זיך. די דאָזיקע „רויטע" סוחרים, וואָס זיינען געקומען אָן אַ גראָשן אין קעשענע, אָט זיי פאַרנעמען דעם אויבן=אָן אין דער „נעפּמאַנישער" געזעלשאַפט. דאָס האַלטן זיי אונטער די קאַבאַרעטן און גרויסע רעסטאָראַנען, לוקסוס=מאַגאַזינען און די מאַגאַזינען פון די בעסטע מאכלים. אמת, לפי=ערך איז די דאָזיקע קאָמפּאַניע גאָר ניט אַזוי גרויס, נאָר מיטן טומלען און טראַסקען, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיי, שאַפט זי יענע שטיקנדיקע נעפּמאַנישע אַטמאָספערע, וועלכע רופט אַרויס דעם צאָרן פון אַלע אַרבעטנדיקע.

„פונוואַנען=זשע נעמען די דאָזיקע חברה=לייט די „טריליאָנען״? אויף וועמענס חשבון לעבן און הוליען די דאָזיקע נעפּמאַנישע חברה? כדי צו באַקומען אַ תשובה אויף דער דאָזיקער פראַגע, האָב איך זיך געווענדט צום סך=הכל פון אונזער טעקסטיל=אינדוסטריע. און ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי האָט געענדיקט דאָס יאָר מיט אַ דעפיציט פון 50 מיליאָן רובל אין גאָלד. און דאָס איז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די ענערגיע, די אַרבעט האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט און דערגרייכט כמעט די מדרגה פון פּראָדוקציע פון פאַר דער מלחמה. די סיבה פון דעפיציט ליגט אויסשליסלעך אין דעם, וואָס מען פאַרקויפט די סחורה מיט היזק״.

אַ ביסל אַ צו לאַנגער אויסצוג, אָבער איך רעכן, ס׳איז כדאַי. דאָס איז אַ בילד ניט נאָר פון מאָסקווע, נאָר פון גאַנץ צענטראַל=רוסלאַנד. ניט וויכטיק, וואָס אין מאָסקווע האַנדלט מען מיט מאַנופאַקטור און אין גאַנץ רוסלאַנד מיט אַנדערע סחורות: מיט ברויט, מיט צוקער, מיט מעל, מיט וואַלד, מיט טויזנטערליי אַנדערע סחורות. איבער גאַנץ צענטראַל=רוסלאַנד, פון מאָסקווע ביז אוראַל און פון אוראַל ביז אין די ווייטסטע טיפענישן פון סיביר, האָבן זיך אָט די טומלדיקע און טראַסקעדיקע „אויך=מיר=מאָסקוויטשעס״ צעשאָטן און צעוואָרפן און מען האָט פאַרפאַקט די קראָמען, די בערזעס, די מערק און די יאַרידים. אין פעטערבורג, אין דעם אַזוי גערופענעם „גאָסטיני ריאַד״, וואו עס איז אַמאָל געווען איין אָדער צוויי פּראָצענט יידישע קרעמער, זיצן איצט ניט ווייניקער פון אַ העלפט יידישע קרעמער. די וואַליוטע=בערזע באַשטייט פון 80 אָדער 90 פּראָצענט יידן. באַשרייבנדיק דעם יאָריאַריד אין יעקאַטערינבורג, דערציילט אַ פעטערבורגער צייטונג, אַז אויפן יאַריד זיינען געווען גאָר נייע סוחרים, וואָס פאַר דער רעוואָלוציע האָט מען זיי כמעט דאָרטן ניט געזען, סוחרים, וואָס ריידן עפעס אַ מאָדנעם לשון: „אַכצן, צוואַנציק, אַכטאונצוואַנציק״ און דאָס גלייכן.

און דאָס זעלבע איז אין ניזשני=נאָווגאָראָד, אין סאַראַטאָוו, אין סאַמאַרע און אין אָמסק און אין טאָמסק — און אין צענדליקער אַנדערע שטעט, וואו ביז דער רעוואָלוציע זיינען אָדער גאָר

ניט געווען קיין יידן אָדער ס'זיינען געווען עטלעכע מנינים יידן, וועלכע זיינען געווען צעשאָטן איבער צענדליקער באַשעפטיקונגען און פּראָפעסיעס.

אינטערעסאַנט איז אָבער פאַר אונז איצט ניט דאָס, וואָס יידן דרייען אַ וועלט, פליען און טראַסקען, מאַכן גרויסע געשעפטן און שאַפן די שטיקנדיקע אַטמאָספערע, וואָס רופט אַרויס דעם „צאָרן פון אַלע אַרבעטנדיקע" — היינטיקס מאָל אינטערעסירט אונז דער יחוס פון די דאָזיקע נייע נעפּמאַנישע סוחרים, די „מנחם־מענדלס", ווי שלום־עליכם פלעגט זיי רופן, די נעפּמאַנישע פליער און טראַסקער, וואָס שאַפן אָט די דאָזיקע שטיקנדיקע אַטמאָספערע. לאָזט זיך אויס, אַז נאָר אַ גרויסער פּראָצענט פון די דאָזיקע חברה־לייט קומען אַרויס פון די מחנות יידישע קאָמיסאַרן און סאָוועטן־אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן אין משך פון 19טן און 20טן יאָר פאַרפלייצט רוסלאַנד, אַלס פאַרטרעטער פון דער רעגירונג, אַלס אַגענטן, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַר פּראָוויאַנט און אַנדערע זאַכן פאַר דער רויטער אַרמיי, און נאָכן „נעפּ", ווען ס'האָבן זיך גערעפנט די ליכטיקע אויסזיכטן פון טראַסקען און פליען, האָבן זיי אויסגעטאָן די קאָמיסאַרסקע קליידער, האָבן זיך געזעגנט מיט די סאָוועטן־אַנשטאַלטן און מען האָט זיך גענומען שאַפן די שטיקנדיקע אַטמאָספערע, וואָס וועגן איר זאָגט די „פּראַוודאַ" און איז גערעכט, אַז זי „רופט אַרויס דעם צאָרן פון אַלע אַרבעטנדיקע". לאָזט זיך אויס, אַז די אַלע פאַרברענטע קאָמוניסטן, פריש געבאַקענע רעטער פון דער מענטשהייט, אי דאָס מיט איין קלאַפּ, אָן לאַנגע שהיות, ווי די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מענשעוויקעס לייגן פאָר — אָט די אַלע, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט פון אוקראַינע און וויים־רוסלאַנד, כדי צו פאַרזאָרגן די רויטע אַרמיי; אָט די אַלע, וואָס האָבן פאַרפלייצט אַלע קאָמיסאַריאַטן און באַזונדערס דעם שפּייז־קאָמיסאַריאַט — דאָס זיינען גאָר געווען געטרייע אייניקלעך פון די יידישע פּאָדריאַדשיקעס, וועלכע האָבן אין אַלע מלחמות געטריי געזאָרגט פאַר דער רוסישער אַרמיי. פאַרמאַסקירטע פּאָדריאַדשיקעס! און עס זיינען נאָך פאַראַן גאָרניט ווייניק צווישן די דאָזיקע, וואָס שאַפן איצט די שטיקנדיקע אַטמאָ־

ספערע, וועלכע זיינען נאָך עד־היום פאַרשריבן אין דער קאָמוניס־טישער פאַרטיי, און וועלכע זיינען געווים צווישן די ערשטע, וועלכע שרייען, אַז מען מוז אויסראָטן, עוקר מן השורש זיין די רבנים און די מענשעוויקעס, די שוחטים און די בונדיסטן, די קולטור־ליגעס און די חדרים א. אַז. וו. א. אַז. וו.

איך האָב אַפילו אַ חשד, אַז דאָס אַרטיקל אין „פּראַווראַ" איז אויך געשריבן פון אַ יידן אַ קאָמוניסט, פון די, וואָס שאַפן די שטיקנדיקע אַטמאָספערע. וואָרעם דווקא אַ קריסט אַ קאָמוניסט וואָלט זיך אפשר אָפּגעהאַלטן צו שרייבן „קאָנטאָראָוויטשעס און ראָזענבערגס", „לופט־געשעפטן", „טומלען און טראַסקען", „כאַ־ראַקטעריסטישע פאַר די מענטשן מיט אַ האַנדלס־חוש", „אויך־מיר־מאָסקוויטשי" און דאָס גלייכן. דער קריסט וואָלט דאָ געפילט זיך אַ ביסל געבונדן, ווען דער ייד האָט זיך צעשפּילעט אַלע קנעפּ־לעך, כדי צו ווייזן, אַז מיר, יידן, זיינען כשר און געטריי, אַז מיר שטייען אויף דער וואַך און היטן די מלוכה.

און אַ נאַיִווע פראַגע פּיקט ביי מיר אין מוח — די פראַגע וועגן דער ניי־אויפגעקומענער יידישער בורזשואַזיע, וועגן דעם כאַראַקטער פון איר טעטיקייט, וועגן איר ראָלע אין די באַציִונגען, וואָס שאַפן זיך צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקע־רונג; וועגן איר אָפּשטאַמונג און וועגן איר קלעפּן עד־היום אַרום דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און אַרום די רעגירונגס־קאַנצעלאַ־ריעס — איז די דאָזיקע פראַגע ווייניקער וויכטיק, ווי די פראַגע וועגן סליחות און מלקות, שופר־בלאָזן און תשליך, המן־טאַשן און ארבע־כוסות?

און אויב שוין יאָ פרעגן, האָב איך נאָך אַ פּאָר נאַיִווע קשיות.

אין „עמעס" נומ׳ 40 פון 22טן פעברואַר 1923 שטייט גע־שר בן: „די שטרעבונג אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד איז געוואָרן זייער גרוים נאָר די לעצטע צייט און הייבט אָן צו באַקומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. מען פאָרט און מען קלייבט זיך פאָרן ניט נאָר קיין אַמעריקע, נאָר אויך קיין פּאַלעסטינע. פאַרשטייט זיך, דאָס האָט ניט צו טאָן מיט ליבע צו ארץ־ישראל, נאָר פּשוט

דערפאַר, וואָס מען רעכנט, אַז דאָס אַריינפאָרן אַהין איז פיל גרינגער, איבערהויפּט פאַר די, וועלכע האָבן ניט קיין קרובים אין אַמעריקע. אגב, דאַרף מען באַמערקן, אַז די דאָזיקע ערשיינונג איז ניט קיין אָרטיקע, נאָר אַן אַלגעמיינע, אַזוי פאָרנדיק פון האָמעל קיין מאָסקווע, טרעפט איר כמעט אין יעדן צוג איינע אָדער אַ פּאָר געזינדן, וועלכע פאָרן קיין אַמעריקע אָדער אויף טיפלים און באַטום קיין פאַלעסטינע. די קליינע הענדלער, וועלכע זיינען נאָך ווי עס איז איבערגעקומען דאָס 1922 יאָר, האָבן אויפן נייעם יאָר פאַרלאָרן יעדן במחון צו שטעלן זיך אויף די פיס איבער די אומגעהייער גרויסע שטייערן".

הייסט עס, אַז די יידישע הענדלער, וואָס קאָנען ניט אויסהאַלטן זייערע געשעפטן איבער די גרויסע שטייערן, מוזן עמיגרירן. איך לייען זייער פלייסיק די רוסישע קאָמוניסטישע צייטונגען און האָב ניט געפונען קיין איין נאָטיץ, אַז קריסטלעכע קרעמער, וועלכע ליידן דאָך ניט ווייניקער פון די שטייערן פון די יידישע, זאָלן איבער דעם לויפן קיין אַמעריקע אָדער אין אַנדערע לענדער. ווי פאָרן מסתמא אין דאָרף אַריין אָדער קיין סיביר.

פרעגט זיך טאַקע די קשיה — איז די פראַגע וועגן די סיבות פון דער איצטיקער יידישער עמיגראַציע, וועגן דער גרייס פון דער דאָזיקער עמיגראַציע און וועגן דעם סאָרט מענטשן, וואָס פאַרלאָזן רוסלאַנד, ווייניקער וויכטיק, ווי די פאַנאַטישע ישיבה־בחורים, די איינגעשפאַרטע מלמדים און די פאַרעקשנטע דאַווענער פון די בתי־מדרשים? אין דער גאַנצער יידישער קאָמוניסטישער פרעסע איז פאַרן גאַנצן פאַרגאַנגענעם יאָר ניט געווען מער, ווי אַ צופעליקע נאָטיץ אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון האָרקער אויעזד וועגן דעם, אַז מען פאָרט און מען קלייבט זיך פאָרן.

אמת, עס איז געווען אין „עמעס" אַן אַרטיקל וועגן די יידישע עמיגראַנטן, נאָר דאָרט האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אַז די אַלע שיפס־קאָמפּאַניעס, וואָס פאַרפלייצן איצט רוסלאַנד, עקספּלואַטירן שרעקלעך און פאַרפירן אָפט די יידישע עמיגראַנטן און אַז דער איינציקער געטרייער פאָטער זייערער איז דער „יידגעזקאָם". מעג דער לעצטער אמת זיין ווי גרויס און וויכטיק, שעפּט

ער דאָך ניט אוים אינגאַנצן די גרויסע פראַגע וועגן דער יידישער עמיגראַציע.

וואָרעם פון אַנדערע אויסצוגן טאַקע פון דער יידישער קאָמוניסטישער פרעסע ווערט קלאָר, אַז עמיגרירן וועלן דאַרפן ניט נאָר די קליינע הענדלער, נאָר אויך בעלי־מלאכות, אַרבעטער און אַנדערע.

אין „עמעס״ נומ׳ 30, פון 10טן פעברואַר 1923, שרייבט זיך אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון וויטעבסק:

„די פאַבריקן זיינען צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות געצוואונגען געווען זיך צו שליסן, און אַ גרויסע צאָל שוסטער, שניידער, בלעכער, שלאָסער, זאָקנמאַכער און אַנדערע זיינען אַוועק צו זייערע וואַרשטאַטן, צו זייער מאַשינדל, צו זייער אייגענער מאַשינדל, צו זייער אייגענעם וואַרשטאַטל, ווער אַרבעטנדיק אַליין און ווער עקספּלואַטירנדיק נאָך ווער. אַ טייל צופעליק־פּראָלעטאַריזירטע האָבן זיך גענומען צו האַנדל און מען דרייט ווייטער דאָס רעדל, ווי אַמאָל. די אַרבעטסלאָזיקייט איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויך געוואַקסן. די גרויסע שטייערן, וועלכע ווערן אַרויפגעלייגט אויף די בעלי־מלאכות מיט זייערע וואַרשטאַטלעך, רייסן אונטער זייער עקסיסטענץ, הגם מען דאַרף דאָ באַמערקן, אַז די שטייערן רופן זיך שווער אָפּ אויף אונזערע מלוכה־פאַבריקן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ביי דער צאַרישער צייט פלעגט מען פון דער פּראָדוקציע (פון אומזאַץ) נעמען נאָר צוויי פּראָצענט און איצט 27 פּראָצענט. מען דאַרף צוגעבן, אַז צוזאַמען מיט דער סאָציאַלער אַסעקוראַנץ און אַנדערע צינזן מאַכן די שטייערן אוים ניט 27 פּראָצענט, נאָר דערגייען ביז 40 פּראָצענט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ לאַגע רייסט אונטער אונזער אַזוי אויך שוואַכע פּראָדוקציע״.

ווי איר זעט, איז דאָס כמעט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קאָרעספּאָנדענץ. נאָר אָט איז נאָך אַן אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ פון מאָהילעוו אין „עמעס״, נומ׳ 31, פון 11טן פעברואַר 1923:

„כדי צו באַזאָרגן די אַרבעטער פון אַרבעטסלאָזיקייט, האָט דאָס אָרטיקע ביוראָ פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען באַשלאָסן, אַז די פאַרנומענע אין דער פּריוואַטער אינדוסטריע דאַרפן, אין פאַל

ווי פאַרלירן די אַרבעט. באַקומען נעהאַלט פאַר פיר חדשים פאָר=
אויס. דער דאָזיקער באַשלוס, וואָס האָט געהאַט בדעה צו פאַר=
לייכטערן דעם אומגליק פון אַרבעטסלאָזיקייט, פאַרשטאַרקט אין
דער אמתן די אַרבעטסלאָזיקייט, פאַרוואַנדלענדיק זי אין אַ שטענ=
דיקער, ווייל קיינער וואַגט איצט ניט צו נעמען אַן אַרבעטער אויף
אַרבעט, מורא=האָבנדיק, אַז אין פאַל פון אַרבעטסלאָזיקייט וועט
ער ניט זיין אימשטאַנד אויסצוהאַלטן דעם אַרבעטער, ניט אָפּצאָלן
אים. די קוסטאַרעס (האַנטווערקער), ביי וועלכע ס'אַרבעטן שוין
אַרבעטער, האָבן געמוזט, ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק, זיך אונ=
טערוואַרפן די אַלע פאָדערונגען, נאָר זיי האָבן זיך אויף ניך צע=
צאָלט מיט זייערע אַרבעטער און פאַרלאָזט די שטאָט.

אָבער שמערצלעכער פון אַלץ האָט זיך די פּראַקטיק פון
די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אָפּגערופן אויף דער פּראָדוקציע,
וואָס אַרבעט אויף אַרויספירן — אויף דער לעדער=אינדוסטריע.
ווען די דאָזיקע אינדוסטריע וואָלט ניט געטראָגן אַזאַ קליינעם
כאַראַקטער, ווען זי וואָלט זיך געפונען אין פעסטערע הענט, איז
מעגלעך, אַז זי וואָלט אויסגעטראָגן דעם דראַקאָנישן באַשלוס.
נאָר ס'רוב אונטערנעמער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר קליינווּנג
און ווי איז אויסגעקומען, אָנשטרענגענדיק אַלע כוחות, צעצאָלן
זיך מיט די אַרבעטער און ליקווידירן זייערע אונטערנעמונגען. כדי
אויסצומיידן די שטרענגע באַשלוסן האָבן אייניקע קוסטאַרעס גע=
פרוווט בילדן אַרטעלן און אַרבעטן מיט די אייגענע כוחות. בשעת
דעם סעזאָן האָבן זיך די דאָזיקע אַרטעלן אויסגעשלאָגן פון די
כוחות, געאַרבעט ביז 12 שעה אין מעת=לעת און מער, כדי נאָר
אויסקומען אָן דער הילף פון זייטיקע אַרבעטער.

כדי צו מאַכן אַ סוף צו אַלע פרוּוון פון די קוסטאַרעס
אויסצוקומען אָן אַרבעטער, האָט דאָס ביוראָ פון די פאַראיינען
נעפרוווט פאַרשפּרייטן דעם געזעץ פון אַכט=שעהדיקן אַרבעטסטאָג
אויף די קוסטאַרעס גופא און האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די
קוסטאַרעס וועלן פאַרבאָטן צו אַרבעטן שפּעטער פון 6 אַ זייגער
אינאָוונט. נאָר אויך דאָס דאָזיקע מיטל האָט ניט געראַטעוועט
די לאַגע. די קוסטאַרעס האַלטן פאַר בעסער צו פאַרקירצן די

פראָדוקציע אָדער גאָר ליקווידירן זי, איידער אָנקומען צו רינגען אַרבעטער. כמעט אַלע אַרטעלן האָבן געפּלאַצט — און אַלס רעזולטאַט איז אַ פאַרקירצונג פון דער פּראָדוקציע אין דער גאַנ־צער אינדוסטריע און בפרט אין דער לעדערנער".

דער פאַרצווייפלטער מאָהילעווער קאָרעספּאָנדענט ענדיקט מיט אַזאַ ביז גאָר טרויעריקן אויספיר:

„בכלל איז די אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע אין אונ־זער צייט פאַרבונדן מיט אַזעלכע שוועריקייטן, אַז אַלע געפינען פאַר בעסער צו האַנדלען מיט סחורה, איידער זי צו פּראָדוצירן. דער רעזולטאַט איז אַזאַ, אַז ס׳רוב קוסטאַרעס און אַרבעטער אין מאָהילעוו פאַרברענגען זייער צייט מער אויפן מאַרק, איידער אין אונטערנעמונג. אויפן מאַרק קען מען איצטער טרעפן אַרבעטער־פאָרשטייער פון סאַמע פאַרשיידענע פאַכן, באַזונדערס געוועזענע לעדער־אַרבעטער, און די ספּעקולאַציע וואַקסט אויפן חשבון פון דער פּראָדוקציע".

כדי דאָס בילד פון לעבן פון יידישן אַרבעטער זאָל זיין פול, וועלן מיר מוזן ברענגען נאָך אַ פּאָר ציטאַטן און נאָכדעם וועלן מיר זיך פּרוּוון מאַכן אייניקע אויספירן.

די קיעווער „קאָמוניסטישע פאָן" נומ׳ 228, פון 17טן דע־צעמבער 1922, באַשרייבט אונטערן קעפּל „פון אַרבעטער־לעבן" אַזאַ באַזוך אין אַ וואַרשטאַט:

„איך האָב געזוכט אַ דירה אויף איבערנעכטיקן, האָט מען מיר אָנגעוויזן גיין צום שניידער, וועלכער וואוינט לעבן דער בריק. אַז איך בין געקומען אַהין, האָב איך שוין געטראָפן אַ סך שלאָפנ־דיקע געסט. אויף אַ טיש איז געלעגן איינגעקאָרטשעט עפּעס אַ יונג, צוגעדעקט מיט אַ צעריסענעם פּאַלטאָ; האָט דער באַלעבאָס ביי אים אָפּגענומען דעם קישן, און פּאַר צוויי מיליאָן מיר געמאַכט אַ געלעגער. אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך שוין געטראָפן דעם יונג ביי דער מאַשין. מיט אַ שמייכל האָט ער מיר געוויזן די אַרבעט, וואָס ער האָט שוין באַוויזן צו מאַכן, בעת איך בין נאָך געשלאָפן. דאָס איז געווען אַ פּאַלטאָ, וואָס ער האָט צוגעשניטן און האָט אָנגעהויבן צו נייען. אַז איך בין שפּעט אין אָוונט צוריקגע־

קומען, האָב איך שוין געטראָפן דעם אַרבעטער פּאַרפּאַרטיקן דעם פּאָלטאַ, קייענדיק דערביי אַ שטיק שוואַרץ ברויט. איך האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס ער אַרבעט אַזוי שפּעט. דער באַלעבאָס האָט געלאַכט: די באָלשעוויקעס הייסן אַרבעטן אַכט שעה אין מעת-לעת, נאָר אויב מען וויל פאַרדינען, דאַרף מען אַרבעטן 16 שעה.

איך האָב פאַרפירט מיטן אַרבעטער אַ שמועס, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער אַרבעט פון שטיק. אַז איך בין אַוועק שלאָפן איז נאָך דער אַרבעטער געזעסן ביי דער אַרבעט".

און נאָך איין קליינער אויסצוג פון קיעווער „קאָמוניסטישער פאָן" נומ. 10, פון 16טן יאַנואַר 1923.

„דער קריזיס, וואָס האָט די לעצטע חדשים באַהערשט די טעקסטיל-אינדוסטריע, לאָזט זיך ביי אונז אין שטאָט שטאַרק פילן. אויב אין כאַרקאָוו אָדער אין אַנדערע שטעט, וואו דער מלוכה-קאַפּיטאַל האָט פּאַקטיש דעם אויבנאָן, פילט זיך ניט אַזוי שטאַרק דער קריזיס, איז ביי אונז אין קיעוו, וואו די אַרבעט ליגט אויסשליסלעך אין פּריוואַטע הענט, די לאַגע שרעקלעך. אַלץ פאַרמאַכט זיך, ווערט ליקווידירט און פון טאָג צו טאָג קומען צו נייע גרופּעס אַרבעטסלאָזע. אַלע אַרבעטער, אויסער די אָנגע-שטעלטע אין די טרעסטן, זיינען אַרבעטסלאָז: וועבער, זאָקנמאַכער, נאַרן, וואַטע, טריקאָטאַזש. דער פאַראיין האָט פאַרחתמעט עטלעכע פאַבריקן, וואָס האָבן ניט געוואָלט אויסצאָלן די געהעריקע סומע געלט די אַרבעטער.

פון די דאָזיקע אַלע אויסצוגן, וועלכע גיבן זייער אַ טיפּיש און כאַראַקטעריסטיש בילד פון דער לאַגע אין די שטעט מיט גרויסע יידישע מאַסן, קען מען מאַכן פאָלגנדיקע אויספירן:

1. די יידישע בעלי-מלאכות און קליינע פאַבריקאַנטלעך קענען ניט אויסהאַלטן די גרויסע שטייערן און ס'קומט זיי אָפּט אויס צו וואַרפן זייערע אונטערנעמונגען און זיך נעמען פאַר האַנדל אָדער גאָר עמיגרירן.

2. די בעלי-מלאכות, וואָס בלייבן ביי זייער אַרבעט, מיידן אויס צו דינגען אַרבעטער, אָדער זיי אַרבעטן על-פּי רוב מיט איין אַרבעטער.

3. דער יידישער אַרבעטער, וואָס איז כמעט גאָרניט פאַר־נומען אין דער מלוכה־אינדוסטריע און נאָר אין דער פּריוואַטער אינדוסטריע, ליידט מער פון אַלע פון דעם קריזיס, האָט אַ גרע־סערע אַרבעטסלאָזיקייט און איז ווייניקער באַוואָרנט אין פאַל ווען די פאַבריק פאַרמאַכט זיך.

4. דער יידישער אַרבעטער איז איצט נאָך מער ווי פאַר דער מלחמה צעשטויבט און צעוואָרפן איבער קלייניטשקע וואַר־שטאַטלעך און איז דעריבער שוואַך אין זיין קאַמף מיט די באַלע־באַטים. ער מוז אַרבעטן פון שטיק און אַרבעט פאַקטיש ביז 16 שעה אין מעת־לעת.

5. דער יידישער אַרבעטער, דערשלאָגן פון די קריזיסן, אַרבעטסלאָזיקייט און פון אַ 16שעהדיקן אַרבעטסטאָג, וואַרפט גאָר איינגאַנצן אַוועק זיין פאַך, ווערט אַ הענדלער, אַ טענדלער, דרייט זיך אַרום אין מאַרק אָדער קלייבט זיך צו עמיגרירן.

אָט די אַלע פראַגן זיינען, פאַרשטייט זיך, ניט אויסשליסלעך יידישע. זיי זיינען אָבער ספּעציפיש יידישע. און אָט אין וואָסער אַ זינען. 95 פראָצענט יידישע אַרבעטער געפינען זיך אין דער לאַגע, וועלכע מיר האָבן נאָר וואָס באַקומען פון די געבראַכטע אויסצוגן, ווען, פאַרקערט, ביי די קריסטלעכע אַרבעטער געפינט זיך די מערהייט אין דער מלוכה־אינדוסטריע.

מיר מיינען אויך ניט, אַז צו די דאָזיקע ספּעציעלע יידישע מכות מוז מען זוכן ספּעציעלע יידישע רפואות. די רפואות מעגן און דאַרפן זיין אַלגעמיין־מלוכישע.

ווער אָבער דאַרף זיך מער אינטערעסירן מיט די דאָזיקע אַלע פראַגן — זיי אויספאָרשן, באַשרייבן, אַוועקשטעלן אויפן טאָג־אָרדנונג, שרייען, פאָדערן? דאַרפן וואָלטן עס באַדאַרפט טאָן, פאַרשטייט זיך, די יידישע קאָמוניסטן. זיינען זיי אָבער פאַר־נומען! שטאַרק פאַרנומען מיט אַ סך וויכטיקערע, גאָר וויכטיקערע אַרבעטן!

וואָרעם ביי יידן, מען האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אויסצוהיילן פון די קלעפּ און וואונדן פון די ראש־השנה־ און יום־כפור־מלחמות, ווי ס'לויפט שוין אָן אַ פסח. אַ פסח מיט מצות, מיט אַרבע־כוסות,

מיט קניידלעך, מיט לאַטקעס. און די יידישע קאָמוניסטן גרייטן זיך; זיי גרייטן זיך ערנסט און באַוואָפענען זיך צום קאַמף. ס'איז שוין צעשיקט געוואָרן אַ צירקולאַר צו אַלע סעקציעס, אַז מען זאָל צוטרעטן צו אַ ברייטער אַגיטאַציע אין די שולן און אין די קינדער=היימען, וואָרעם מען מוז ראַטעווען דעם יונגן דור פון די רעליגיעזע קניידלעך און פאַנאַטישע לאַטקעס. אַ גאַנצן חודש פון פאַר פסח אָן זיינען אַלע סעקציעס מחוייב צו מאַכן גרויסע פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס און קאָנפערענצן און אַרויסטראָגן שאַרפע רעזאָלוציעס קעגן קאָנטער=רעוואָלוציאָנערן מרור און שאַרפע פּראָטעסטן קעגן מענשעוויסטישן אַפיקומן. און אַזוי ווי אין די יידישע סעקציעס, אין די דאָזיקע פסולת פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, הערשט פונדעסטוועגן נאָך גענוג שטרענגע דיסציפּלין, קענען מיר זיין רויק — דער אַנטי=פסח=קאַמף וועט ניט פאַרשעמען מיטן יאָריד=געשריי און מאַרק=געפּילדער דעם אַנטי=ימים=נוראים=קאַמף.

איז דאָס ניט קיין אמתער שדים=טאַנץ אויף די יידישע עקאָנאָמישע און גייסטיקע חורבות?

אַפּריל 1923.

די געשלעכטלעכע צעלאָזנקייט פון די קאָמסאָמאָלצעס.

מען שרייבט זייער אַ סך פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד. אַ סך האַלטן אין איין שרייבן, אַז דאָרטן איז דער אמתער גן־עדן; אַנדערע פאַרגלייכן דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד מיט אַ גהינום, אַ גרוב. מיר גלויבן, אַז ביידע מיינונגען זיינען פאַלש. און ס׳איז אַן אמתער פאַרדראָס, וואָס נאָך עד־היום האַלט מען אין איין לויבן און זינגען שבחים, אָדער פאַרקערט, אין איין שילטן. אונז וואָלט זיך וועלן וויסן דעם אמת, דעם נאַקעטן, ריינעם אמת — צי איז ער אַ פריילעכער צי אַ טרויעריקער, וועלן מיר שוין אַליין באַשליסן. פריער פון אַלץ זאָל מען אונז אויסמאָלן, ווי אַזוי זעט אויס דאָס יידישע לעבן; פון וואָס האָבן יידן פרנסה; מיט וואָסערע פּאָליטישע און קולטורעלע אינטערעסן לעבן יידן, ווי ווערט דערצויגן דער יונגער דור, אין וואָס גלויבט ער און אין וואָס לייקנט ער.

איך בין זיך מודה — איך שלינג יעדער וואָרט וואָס קומט פון רוסלאַנד, סיי אַ לעבעדיקס, סיי אַ געדרוקטס; מאָמענטנווייז דוכט זיך מיר אויס, אַז איך בין שוין גאַנץ גוט באַקאַנט מיט אַלץ, וואָס דאָרטן קומט פאָר. נאָר גאָר פלוצלונג אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אַ ניי ווינקעלע, אַ נייע מכּה, אַ נייע וואונד, אַזאַ יאַטעריקע, טיפע וואונד, וואָס וואַרפט אַריין ממש אין שוידער — און דאָך האָט קיין איין קאָרעספּאָנדענט וועגן דעם ניט געשריבן, קיין איינער, וואָס איז געקומען פון דאָרטן, ניט דערציילט, און אין די קאָמוניסטישע צייטונגען איז ניט געווען קיין איין אַרטיקל איבער דעם דאָזיקן ענין.

איך האָב צוריק מיט עטלעכע וואָכן באַקומען אַ בריוו פֿון מאָסקווע פֿון מיינעם אַ גוטן פֿריינד, און ער שרייבט:

„דאָס מאָראַלישע זינקען פֿון דער יוגנט, די געשלעכטלעכע צעלאָזנקייט פֿון די „קאָמסאָמאָלצעס" (קאָמוניסטישע יוגנט) איז ניט צו באַשרייבן. מען שיכורט און מען הולטאַיעוועט, און מיט אַ ווענערישער קראַנקהייט באַרימט מען זיך, ווי מיט אַן אויסגעהאַלטענעם עקזאַמען אויף אמתער פּראָלעטאַרישקייט; היינט האָט מען חתונה, און מאָרגן גט מען זיך, און איבערמאָרגן האָט מען נאָכאַמאָל חתונה און נאָך איבערמאָרגן האָט מען אין דער ערד ביידע ווייבלעך, ווען אַפֿילו זיי האַלטן ביי ווערן מאַמעס... אָפּטרייבן קינדער איז ביי אונז געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך, און 15יעריקע מיידלעך זיינען בקי אין די דאָזיקע ענינים מער ווי אין דער אַריטמעטיק אָדער אין יידישער גראַמאַטע".

איך האָב דעם בריוו געלייענט אַ פּאָר מאָל. ער האָט לכתחילה געמאַכט אויף מיר אַ גאַנץ שטאַרקן איינדרוק, נאָר איך האָב מיך באַרויִקט. מיין חבר, וועלכער האָט דעם בריוו געשריבן, איז אַ ביסעלע אַ נערוועזער מענטש, אַ סאָציאַליסט איז ער גאָר פֿון אַלטן שניט, מיט שטרענגע מאָראַלישע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָדערונגען, און איך האָב מיר געטראַכט: מסתמא האָבן אים אַ פּאָר פֿאַקטן אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים, און ער האָט געמאַכט צו ברייטע אויספֿירן, צו אַלגעמיינע באַשולדיקונגען. וואָרעם — האָב איך געטראַכט — וואָלט אַלץ וואָס ער זאָגט געווען טאַקע אמת, פֿאַרוואָס־זשע שווייגן אַלע און דערמאָנען גאָרניט וועגן אַזעלכע וויכטיקע זאַכן? ווי קומט עס, אַז די קאָמוניסטישע פּרעסע זאָל גאָרניט קעמפֿן קעגן אַזאַ שרעקלעכער ערשיינונג? ווי קען עס זיין, אַז מען זאָל גאָרניט ריידן, גאָרניט שרייבן וועגן אַזאַ דעמאָראַליזאַציע, וועגן אַזאַ פֿאַלן פֿון דער יוגנט?!

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז טאַקע מיין חבר איז געווען גערעכט. אָט ליגן פֿאַר מיר די לעצטע נומערן „עמעס", די נומערן 215 און 216 פֿון 25טן און 26טן סעפּטעמבער. דאָרטן איז דאָ אַן אַרטיקל פֿון אסתּר, פֿון דער אַמאָליקער באַרימטער בונדיסטקע, וועלכע איז איצט אַ פֿלאַם־פֿייערדיקע קאָמוניסטקע. און איר

אַרטיקל, ווי ער איז געשריבן פּאָרזיכטיק און מיט אָנצוהערעניש, פאַרשטעלט און באַהאַלטן — קאָן באמת אַריינגוואָרפן אין שווידער יעדערן, וועמען עס האָט נאָך ניט אינגאַנצן פאַרלוירן זיין מענטשלעכע נשמה. לאָמיר נאָר ברענגען עטלעכע ווערטער פון דעם דאָזיקן אַרטיקל. אסתּר שרייבט:

„ווי אָפט טרעפט זיך, אַז דער זעלביקער חבר, וואָס האָט געטענהט, אַז צוליב דער פאַמיליע קאָן ער ניט פאָרן אַרבעטן ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם העק, און האָט אויסגעמאָלט דעם פּאַרטיי=אָרגאַן אַלע צרות: דעם טובערקולאָז פון ווייב, דאָס לערנען פון קינדער, די אַלטע שוויגער און נאָך—ווי אָפט טרעפט זיך, אַז ביי דעם זעלביקן מענטשן ווערן אַזוי לייכט בטל אַלע אָט די זעלביקע טענות!

„ער פאַרלאָזט דאָס ווייב מיט טובערקולאָז, די קינדער מיט זייערע שולן, די אַלטע שוויגער — און לייכטער פון אַ פויגל פליט ער פון זיי אַוועק, ווייל ס'האָט אים אַ צי געטאָן צו אַ צווייטער פרוי. דעמאָלט איז אים גרינג צו ברענגען קרבנות. די פאַמיליע איז דאָך אַן אָפּגעלעבטע אינסטיטוציע".

ריידנדיק ווייטער וועגן דעם, אַז טויזנטער קינדער בלייבן לעבעדיקע יתומים, אַוועקגעוואָרפענע פון די פאָטערס אויף די שוואַכע פּלייצעס פון די פאַרלאָזטע, אומגליקלעכע מוטערס, און ווי לייכטזיניק עס ווערן געשלאָסן פאַרבינדונגען און ווי גיך עס ווערן אויסגעוועפּט געפילן — שרייבט אסתּר:

„אויב דער עולם אַרום באַטראַכט אַ פאָטער, וואָס וואַרפט אַוועק זיינע קינדער צוליב אַן אַנדער פרוי, ווי עפּעס אַ העלד, וואָס באַגייט אַן עכט = רעוואָלוציאָנערן און פּראָלעטאַריש = אויסגעהאַלטענעם אַקט, ווען מענטשן וואָס בייטן אַלע ווײַלע זייערע פאַרבינדונגען — „שטאָלצירן מיט זייער פרייהייט", ווען דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט בנוגע צו די קינדער, וועלכע דער פאָטער האָט געבראַכט אויף דער וועלט, ווערט אויסגעלאַכט ווי רעשטלעך פון קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע, ווען די צווייטע פרוי, וואָס אָפט צוליב איר מינוט=קאַפּריז נעמט זי צו אַ פאָטער ביי קליינע קינדער, טוט דאָס מיט אַ ריינעם געוויסן, מיינענדיק,

אַז זי העלפט בּרעכן דעם אַלטן בּנין פון אָפּגעלעבּטן אינסטיטוט, — דעמאָלט מונטערט די סביבה אויף דעם יחיד אייף אַזעלכע אַקטן, דעמאָלט נעמט זי אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די לעבּעדיקע יתומים".

זאָל מיר דער לעזער מוחל זיין, וואָס איך וועל אים קאָרמענען נאָך מיט עטלעכע אויסצוגן פון „עמעס". די טעמפּעראַמענטפולע אסתּר קאָן לחלוטין ניט זיין קיין „קאָזיאָנע" שרייבּערין, און ווי זי סטאַרעט זיך ניט אויסצוזאָגן פון חדר, ניט אָנצורירן חלילה דעם כּבוד פון די העלדישע „קאָמסאָמאָלצעס" און ניט צו זינדיקן קעגן דער דיסציפּלין, קומט בּיי איר פאָרט אַרויס אַ פּרעכטיק אמת בּילד, קומט בּיי איר פאָרט אַרויס אַ בּאַשולדיקונגס=אַקט קעגן אירע יונגע חברים. מיר וועלן דעריבּער בּעסער לאָזן אסתּרן ריידן:

„די סביבה קאָן מאַכן, די יוגנט זאָל וויסן, אַז די אינטערעסן פון קאָלעקטיוו (כּלל) דערלאָזן ניט אַזאַ לייכטקייט, אַזאַ פלאַטערן אין די געשלעכטלעכע פאַרבּינדונגען. דער פּראָלעטאַרישער קאָלעקטיוו האָט רעכט צו פאָדערן, דער יונגלינג זאָל ניט פאַרשווענדן זיינע נערוון און זיין כּוח אין שטענדיקער געשלעכטלעכער אויפרעגונג און אין ליבּע=געשיכטעס, וועלכע בּייטן זיך ווי אַ קאַליידאָסקאָפּ. דער פּראָלעטאַרישער קאָלעקטיוו האָט רעכט צו פאָדערן, דאָס אַ יונגע מיידל זאָל כאָטש אין די יאָרן פון איר ערשטער בּליונג ניט אונטעררייסן איר געזונט און ניט אָנמאַכן זיך קיין היסטעריע דורך קינסטלעכע מיטלען צו פאַרהיטן שוואַנגערשאַפט און דורך סיסטעמאַטישע אַבּאָרטן, וואָס דאָס אַלץ איז, נאַטירלעך, אומפאַרמיידלעך בּיי דער געשלעכטלעכער אויסגעלאַסנקייט".

איבּערגייענדיק צו די סיבּות, וואָס האָבּן געבּראַכט צו די „סיסטעמאַטישע אַבּאָרטן", צו די קאַליידאָסקאָפּישע ליבּעס=פאַרבּינדונגען", צו די „לייכטזיניקע שוואַנגערשאַפטן" און צו די „היסטעריעס פון די יונגע מיידלעך", זאָגט אסתּר:

„איך ווייס זייער גוט די ערנסטע סיבּות, וועלכע האָבּן אַרויסגערופן אַזאַ פלאָנטער און צעפאָרנקייט אין אָט דער אָנגע=

ווייטאָגטער פראַגע. איך ווייס אויך, אַז מער פון אַלץ האָבן אַזעלכע ערשיינונגען אַריינגעבראַכט אין דער יוגנט=פּראָלעטאַרישער סביבה די קליינבירגערלעכע אינטעליגענטלעך. דאָ האָט אויך געשפּילט אַ גוואַלדיקע ראָלע די גאַנצע אומגעבונג פון מיליטערישן קאָמוניזם, וועלכע האָט ערצויגן זאָרגלאָזיקייט אַפּילו אין דער קינדער=פראַגע. אָבער איצט איז די צייט אָפּשטעלן זיך, פאַרטראַכטן זיך און אַריינטראָגן קלאָרקייט".

אסתּר וויל אָנשרעקן די יוגנט מיט די ביטערע רעזולטאַטן, וואָס וועלן זיך באַקומען פון אַזאַ צעלאָזענעם לעבן, און שרייבט:

„זאָל זי (די יוגנט) וויסן מיט וואָס זי האָט צו טאָן, וואָס פאַר אַ דור עס קאָן שפּעטער געבאָרן ווערן פון פּאָטערס און מוטערס, וועלכע האָבן אין די ערשטע יוגנט=יאָרן, ווען זיי זיינען נאָך אַפּילו ניט רייף געווען, סיסטעמאַטיש רוינירט זייער נערוון=סיסטעם דורך דעם אויבנאָנגעוויזענעם אַרט לעבן — אויסגעלאַסנקייט, אָנאַניזם, פּראָסטיטוציע".

איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ געוואַלד די באַצאָלטע משרתים פון מאָסקווע וואָלטן אויפגעהויבן, ווען עמעצער אַנדערש, ניט אסתּר, און ניט אין „עמעס", וואָלט אָפּגעדרוקט אַזאַ אַרטיקל; איך שטעל מיר פאָר, ווי ברייט זיי וואָלטן געעפנט זייערע מיילער און וויפל קללות זיי וואָלטן אויסגעשאָטן אויף יענעם „קאָנטררעוואָלוציאָנער", וועלכער וואָלט זיך ערלויבט צו זאָגן אויף די בראַווע „קאָמסאָמאָלצעס", אַז זיי פאַרנעמען זיך נאָר מיט עקלהאַפטע נעווינהייטן, אַבאָרטן און מיט פּראָסטיטוציע! איצט אָבער, אַז אַזאַ אַווטאָריטעט ווי אסתּר זאָגט אויס דעם סוד און הייבט אויף דעם פאָרהאַנג, איצט, אַז אסתּר אַליין דערציילט, אַז עס זיינען דאָ טויזנטער קינדער=קרבנות, וואָס זיינען געבליבן לעבעדיקע יתומים, אַז אסתּר אַליין זאָגט, אַז די אומרייפע יוגנט רוינירט אירע כוחות מיט נעשלעכטלעכער הפקרות — איצט וואָס וועלן זיי זאָגן, די געדונגענע שבחים=זינגער?

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז ווי אָפנהאַרציק אסתּר איז ניט געווען, האָט זי דאָך דעם גאַנצן אמת ניט אַנטפּלעקט. וואָרעם ווען

אסתּר זאָגט, אַז שולדיק זיינען די אינטעליגענטלעך מער פון די אַרבעטער, שטעקט אין דעם געוויס אַ שטיק אמת. צי זיינען אָבער שולדיק נאָר די קליינבירגערלעכע אינטעליגענטלעך? צי פאַלט ניט אַ גאַנץ גרויסער חלק שולד פאַר דער פאַרשפּרייטער פּראָסטיטוציע און געשלעכטלעכער הפקרות אויך אויף די קאָמוניסטישע אינטעליגענטן? האָבן זיי דען ניט געפּרידיקט דאָס גאַנצע לעצטע יאָר, אַז מ'קען שוין איינפירן אַ נייעם לעבנסשטייגער, און האָבן עס פאַרטייטשט גאַנץ קלאָר, אַז מען דאַרף קעמפן מיט דער קליינבירגערלעכער אָפּהענגיקייט פון מאַן, פון פרוי און קינד, מיט די קליינבירגערלעכע אחריות־געפילן פאַר די קינדער, וועלכע ווערן געבראַכט אויף דער וועלט? האָבן זיי דען ניט אויסגעלאַכט און אויסגעשפּעט די אַלע געפילן און געזאָגט, אַז אין אַ קאָמוניסטישער מלוכה, ווי דאָס איצטיקע רוסלאַנד, איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אַזאַ קליינבירגערלעכן שימל און פאַר אַזעלכע „אָפּגעלעבטע שמות־זאַכן״?

די „קאָמסאָמאָלצעס״ זיינען נעבעך נאָט די נשמה שולדיק — זיי האָבן דאָך נאָר געצויגן די קאָנסעקווענצן פון די דרשות פון זייערע רביים, זיי זיינען נאָר געווען גוטע תלמידים און האָבן פּראַקטיש פאַרווירקלעכט די תורה, וואָס די עלטערע האָבן מיט זיי געלערנט.

מיר ווייסן זייער גוט, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך טיפערע סיבות, ווי די דרשות פון די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די זנות־כוואַליע אין איצטיקן רוסלאַנד. נאָך אַזאַ מלחמה און נאָך אַזאַ רעוואָלוציע איז דאָס אַן ערשיינונג כמעט אַ נאַטירלעכע — האָט מען באַדאַרפט באַצייטנס זיך גרייטן צו דער דאָזיקער הפקרות און זיך איר אַנטקעגנשטעלן פון סאַמע אָנהייב. האָט מען אָבער געגאָסן בוימל אויפן פייער. האָט מען געדרשנט, אַז אין „קאָמוניסטישן״ רוסלאַנד מוז שוין הערשן פרייע ליבע, מוז שוין אַ סוף געמאַכט ווערן צו אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי פאַמיליע, אייגענע קינדער, מאָנאָגאַמיע אדג״ל, האָט מען צערייצט די נערוון און די געפילן פון פּופּצניעריקע יינגלעך און מיידלעך מיט דרשות וועגן געשלעכטלעכער פרייהייט און אומבאַגרענעצטקייט —

מוז מען שוין טראָגן אויך די אחריות פאַר די אַבאָרטן און פאַר די קאַליידאָסקאָפּישע ליבע־געשיכטעס, וואָס אסתּר דערציילט וועגן זיי.

אסתּר שרייבט אויס אין איר אַרטיקל:

„איצט איז צייט אָפּצושטעלן זיך, פאַרטראַכטן זיך!" איצט איז שוין אַוודאי צייט. נאָר איך רעכן, אַז ס'איז שוין לאַנג געווען צייט. מען האָט באַדאַרפט לכתחילה פאָראויסזען, וואָס פאַר אַ ווירקונג די דרשות פון פרייער ליבע וועלן האָבן אויף די נערוועז, אויפגעטרייסלטע און אויסגעליידיקטע נשמות פון דער יוגנט, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ זיבן־יעריקע מלחמה און אַ פינף־יעריקן בירגער־קריג; פון אַ יוגנט, וואָס האָט כמעט קיין שול ניט באַזוכט, וואָס האָט כמעט קיין ערציִונג ניט באַקומען; וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די באַרימטע פריוטן און הקדשים. אסתּר איז אַוודאי גערעכט, ווען זי רעדט וועגן די „אינטעלינענטלעך". געוויס האָבן די דאָזיקע קינדער פון יידישן קליינבירגערטום אַריינגעטראָגן גענוג דעמאָראַליזאַציע און קרעמערישן גייסט אין די רייען פון די אַרבעטער. אָבער נאָך מער דעמאָראַליזאַציע און נאָך מער קרעמערישן גייסט האָבן אַריינגעטראָגן די יידישע גרויסע קאָמוניסטישע אינטעליגענטן. די „קאָמסאָמאָלצעס" האָבן זיך ניט מיט וואָס צו שעמען פאַר זייערע עלטערע חברים. אויף יעדן מוסר־וואָרט פון די דערוואַקסענע קאָמוניסטן, וועלכע שלאָגן זיך איצט על־חטא און האָבן חרטה אויף זייער לייכטזיניקייט, וועט זיי אַ ליאַדע „קאָמסאָמאָליעץ" אונטערטראָגן אַ פּסוק פון אַ פריערדיקן אַרטיקל, וואָס ער פאָלגט און סטאַרעט זיך פאַרווירקלעכן אין לעבן. דער דאָזיקער ליאַדע קאָמסאָמאָליעץ וועט געוויס גאָר אין גיכן דערקלערן אסתּרן פאַר אַ קליינבירגערלעכער מענשעוויטשקע, וועלכע האָט זיך נעבעך דערשראָקן, ווען זי האָט דערזען די אמתע געשלעכטלעכע און פאַמיליע־רעוואָלוציע אין לעבן, און ער וועט זי געוויס באַשולדיקן אין קליינבירגערלעכן „השיבנו־נאַזאַד".

איינס איז אָבער קלאָר: די קאָמוניסטן זיינען נעבעך אויך דאָס מאָל מיאוס און פאַסקודנע דורכגעפאַלן. אויך אין קאַמף מיטן שטיינער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מעג מען ווי הויך שרייען,

אַז מען איז ווייס, ווי שניי, זיצט מען אָבער אין בלאָטע — מוז מען בלייבן שוואַרץ.

אויפן עקאָנאָמישן געביט האָט מען מיטן קאָמוניזם געליטן אַ מיאוסע מפּלה — האָט מען לכתּחילה דערקלערט אַ מלחמה קעגן נאָט, און מען האָט געהאָפט דערמיט צו פאַרגיטיקן די מפּלה אויפן עקאָנאָמישן געביט. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז די מלחמה קעגן נאָט מיט בעזעמער גיט זייער שלעכטע רעזולטאַטן. די שטעקנס דערשלאָגן די אַזוי אויך געגוג פינסטערע מוחות און די בעזעמער פאַרקערן און פאַרדעקן מיט מיסט דאָס בימעלע פאַרשטאַנד, וואָס האָט שוין געהאַט זיך אויפגעכאַפּט. האָט מען חרטה געהאַט און אָנגענומען אַ רעזאָלוציע — ניט מיט שטעקנס און ניט מיט בעזימער, נאָר מיט גוטע, זיסע רייד, און מיט ליבע און לאַסקע קען מען דעם גראָבן עולם אַרויסנאַרן פון נאָטס הייזער. גוט! זאָל זיין מיט מזל! איז מען דאָך געבליבן אָן אַ פּויק, וואָס אין אים מוז מען באַראַבאַנען, כּדי צו פאַרהילכן און פאַרשרייען די אָפּטע מפּלות אויפן עקאָנאָמישן געביט. האָט נאָט צוגעשיקט אַ נייעם פּויק און מען האָט גענומען קלאַפּן און באַראַבאַנען: נידער מיט דער קליינבירגערלעכער פאַמיליע, נידער מיט דער מאָנאָגאַמיע, מיט דער איינווייביקייט, מיט דעם חרם פון רבינו־גרשום! לעבן זאָל די פרייע ליבע! לעבן זאָל די געשלעכטלעכע פרייהייט!

און מען האָט זיך נעבעך נאָך אַמאָל אָפּגעבריט. ס'איז נאָך ניטאָ קיין יאָר, ווי מען האָט דעם דאָזיקן נייעם פּויק גענומען אין די הענט, מען האָט ערשט אָנגעהויבן באַראַבאַנען וועגן דעם, ווי אַזוי מען וועט אויף אַזאַ אופן אויסלייזן די מענטשהייט פון איר קליינבירגערלעכן זומפּ, מען האָט זיך ערשט פאַרמאָסטן אַזאַ קנאַק טאָן אין באַראַבאַן, אַז אַלע זיילן פון אַלטן לעבן זאָלן זיך אַ טרייסל טאָן און אומפאַלן — און נאַ־דיר! שוין מוז מען קלאַפּן אויף צוריק, שוין מוז מען כאַפּן פאַרטרייבן צוריק די שוואַרצע כּוחות, וואָס מען האָט אַליין אַרויסגערופן, שוין מען מוז זיך בעטן רחמים ביי די אַרויסגערופענע בייזע גייסטער, אַז זיי זאָלן צוריק אין זייער קליינבירגערלעכער רו אַריין, ווייל ניט זיי האָט מען

געמיינט מיטן קלאַפּן אין פּויק. און בכלל וועט מען שוין מער ניט באַראַבאַנעווען.

בייזע רוחות האָבן אָבער אַ מיאוסע טבע—איינמאָל דערזועען זיי נאָטם ליכטיקע וועלט, גלוסט זיך זיי ניט צוריק אין זייער וומפּיק וועלטל אַריין.

נאָוועמבער 1923.

ווי די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַר־פלאָנטערט אין נעץ פון „געפּ“.

ביי די רוסישע קאָמוניסטן איז פריילעך — מען זידלט זיך, מען פאַלט אָן איינער אויפן אַנדערן, מען באַשולדיקט איינער דעם אַנדערן אין שווערע זינד. סטאַלין, דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער פּאָרזי־צער פון פּאָליטישן ביוראָ, הכּלל, דער אמתער הערשער איבער רוסלאַנד, וואַרפט אויף טראָצקין, אַז ער איז אַ דעמאַגאָג אַ מענ־שעוויק, וואָס איז גרייט יעדער מינוט צו שפּאַלטן די פּאַרטיי איבער פּערזענלעכע אַמביציעס. טראָצקי פאַלט דווקא ניט אָן פּערזענלעך אויף קיינעם, נאָר ער זאָגט איין פראַזע, סך־הכּל איין פּסוק, נאָר דער דאָזיקער איינציקער פּסוק ברענגט אַרויס פון די כּלים אַלע גרויסע מאַכערס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. טראָצקי זאָגט, אַז דער איצטיקער צענט־ראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט געבראַכט רוסלאַנד צום אָפּגרונד, צום שרעקלעכסטן חורבן.

ריאַזאַנאָוו, דער דאָזיקער כּלומרשט־שטילער מענטש פון דער פּאַרטיי, רופט אָן קאַמענעוון מיט זינאָוויעוון אַלטע נאַראָנים! וואָס מער קאַמענעוו מיט זינאָוויעוון חזרן איבער די פּסוקים פון לענינען, וואָס מער זיי קלאַפּן זיך אין האַרצן און שווערן, אַז זיי טרעטן ניט אָפּ אויף אַ האָר פון לענינס ירושה, אַלץ העכער שרייט ריאַזאַנאָוו, אַז זיי זיינען פּשוט אַלטע נאַראָנים, וואָס זאָגן עפּעס נאָך און ווייסן נעבעך ניט וואָס זיי זאָגן נאָך.

מילא, לאָזן זיך די דאָזיקע גענעראַלן פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי באַצאָלן איינער דעם אַנדערן וויפיל זיי זיינען נאָר

ווערט — אמת, ווייערע מחלוקתן און קריגערייען האָבן געווים אַ גרויסן ווערט און אויך אינטערעס, נאָר מיר ווילן זיך דערמיט ניט פאַרנעמען.

מיר ווילן אַ ביסל מאַכן קלאָר פאַרן לעזער, פאַרוואָס האָט די מכה גראָד איצטער אויפגעריסן און פאַרוואָס האָט די מכה געפלאַצט מיט אַזאַ אימפעט, מיט אַזאַ שטאַרקייט.

אַז מען לייענט די לאַנגע רעדעס פון די גענעראַלן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, קאָן זיך אויסווייזן, אַז דער גאַנצער אינטערעס פון די קריגערייען באַשטייט מאַקע נאָר אין דעם, צי זאָלן צוגעלאָזן ווערן פראַקציעס און גרופקעס אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, צי ניין; צי זאָל מען אויסקלייבן אַלע קאָמיטעטן, קאָמיסיעס, פאָרזיצערס און סעקרעטאַרן, צי מען זאָל זיי באַשטימען פון אויבן, ווי ס'איז געווען ביז איצט. זעלטן, זעלטן ווען ביי אַ גענעראַל כאַפּט זיך אַרויס אַ פראַזע, וואָס שלעפט אַראָפ דעם געדיכטן שלייער פון דער פאַרטונקלטער קריגעריי און מאַכט ליכטיק און דעקט אויף דאָס אמתע אָרט, וואו דער שוך קוועטשט, וואו די מכה האָט אָנגעריסן, וואו דער בלאָטער האַלט ביי פלאַצן. דערפאַר אָבער טרעטן אָפט אַרויס פּראָסטע גוישעלעך, פשוטע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און זאָגן אויס פון חדר. די דאָזיקע נאַיווע קאָמוניסטן ווייסן ניט פון קיין דיפּלאָמאַטיעס; קאָנען זיך ניט איינהאַלטן און פלאַצן אַרויס אויף די פאַרזאַמלונגען מיט אַלע צרות און ווייטאָגן; שטעלן אַרויס אָפן אַלע מכות און בלאָטערן און לאָזן אַרויס זייער גאַנצע פאַרצווייפלטע נשמה.

די גענעראַלן בלייבן נעבעך זיצן ווי אָפגעשמיסן; דער עולם אָבער אַפּלאָדירט באַגייסטערט און מיט גרויס היץ. ס'פילט זיך, אַז דער דאָזיקער פשוטער רעדנער מיט זיין אָפנהאַרציקייט און אמתדיקייט האָט מער צוגעטראָפן דעם ברייטן עולם קאָמוניסטן, ווי די שיין־רעדנערישע גענעראַלן מיט זייער גיין אויף שטריק, מיט זייער ווייזן קונצן, ווי מען קאָן אונטער אַ באַרג פראַזן באַהאַלטן דעם אָנגעווייטאָגטן אמת.

כדי צו דערווייזן דאָס געזאָגטע, ווילן מיר ברענגען עט־לעכע ציטאַטן וואָרט אין וואָרט פון דער מאָסקווער „פּראַוודאַ".

אין „פּראַוודאַ" פון 15טן דעצעמבער 1923, נומ' 285, אויף ז' 4, איז אָפּגעדרוקט אַ רעדע פון אַן אומבאַקאַנטן קאָמוניסט, אַנדרייציק, וועלכע ער האָט געהאַלטן אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע.

און אָט וואָס דער דאָזיקער קאָמוניסט זאָגט:

„ס'איז ניט נאָר די פראַגע וועגן קאַמף קעגן פּאַרטיי־שן אַפּאַראַט; די פראַגע איז אַ סך טיפער. אונזער פּאַרטיי געפינט זיך צווישן צוויי גרויסע סכנות: פון איין זייט די געפאַר פון דעם, וואָס ס'קלייבט זיך אָן קאַפּיטאַל אין די הענט פון פיינדלעכע קלאַסן, אין די הענט פון אונזערע קאַפּיטאַליסטישע פיינד; פון דער צווייטער זייט קומט די געפאַר פון גלייכגילטיקייט און אָפּגע־לאָזנקייט פון די סאָוועטישע און פּאַרטייישע קרייזן. דער אָנפאַל פון פיינד פילט זיך אומעטום און מען טרייסט אונז, אַז ס'איז נאָר פויגלדיק ביי אונז. אַז דער „נעפּמאַן" שטופּט אַרויס דעם מלוכה־האַנדל, לייקנט גאָר קיינער ניט. דער „נעפּמאַן" פאַרקויפט בילינער, ער באַדינט בעסער דעם קונה; די פאַבריקאַציע איז טאַקע אין אונזערע הענט, נאָר די סחורות שווימען עפּעס כסדר אַוועק אין די גרויסע און קליינע קראָמען פון די ספּעקולאַנטן. אונזערע טרעסטן און סינדיקאַטן זיינען ניט פעיק צו קאָנקורירן מיט די „נעפּלייט". כסדר, ווען מען דאַרף העכערן די פּרייזן, גראָד דעמאָלט פאַרקויפן אונזערע טרעסטן גרויסע פּאַרטיעס סחורה צו די ספּעקולאַנטן און אויף מאָרגן ווערט מען געוואָר, אַז אין די מאַגאַזינען פון די טרעסטן פאַרקויפט מען זאַלץ, געוואַנט און אַנדערע סחורות טייערער מיט פופצן פּראָצענט, ווי ביי די ספּעקולאַנטן.

„אויף אילאַינקע, סרעטענקע און קיטאַיגאָראָד וואַקסן אָן אַ שיעור הורטאָווגע קראָמען, וועלכע פאַרקויפן דער סאָוועטישער מלוכה די אייגענע סחורות, וואָס זיי האָבן ביי איר טאַקע געקויפט און פאַרדינען דערביי גראָב געלד — אָט וואו ס'שטעקט די סכנה!

„אונזערע טרעסטן האַנדלען ניט צווישן זיך; זיי מוזן האָבן אַ מעקלער, וועלכער לויפט אַרום מיט פּאַפּירלעך און מאַנדאַטן און פאַרדינט אין איין טאָג מער וויפיל די מלוכה אַ גאַנץ יאָר.

„די דאָזיקע מעקלערס אַקערן ניט, נאָר באַקומען דעם שניט. אָט דער זיג פון די „נעפּלייט" איז אַ סך געפערלעכער, ווי אַן אויפשטאַנד, ווייל זיי, די „נעפּלייט", שרייען גאָרניט: נידער מיטן קאָמוניזם!

„די „נעפּלייט" זאָגן, פאַרקערט: די קאָמוניסטישע מלוכה איז פאַר אונז די בעסטע מלוכה אין דער וועלט, און בשעת־מעשה שטאָפּן זיי גוט אָן די קעשענעס אויף אונזער חשבון. ס'קלייבן זיך אָן קאַפּיטאַלן אין די הענט פון די ספּעקולאַנטן און אָפּט שווימען די דאָזיקע קאַפּיטאַלן אַריבער די גרענעצן פון רוסלאַנד.

„אונזערע אינדוסטריעס ווערן אַלץ מער און מער ביוראָקראַטישע אַפּאַראַטן, וואָס שלינגען איין גרויסע געלטער, נאָר קיין נוצן באַקומט פון זיי ניט די מלוכה".

זאָל מיר דער לעזער מוחל זיין, וואָס איך האָב געבראַכט אַזאַ גרויסע ציטאַטע. מיט די ליפּן פון אָט דעם פּשוטן קאָמוניסט רעדט ממש דאָס רוסישע לעבן אַליין; ניט ס'רעדט, נאָר ס'שרייט: סטייטש, צוליב דעם, אַז אַ קופּקעלע ספּעקולאַנטן זאָלן קענען אָנשטאָפּן זייערע קעשענעס איז כדאי צו האַלטן דאָס גאַנצע לאַנד אין קנעכטשאַפט? שטיקן און ווערגן סאָציאַליסטן? דערפירן ביז זעלבסטמאָרד יונגע אידעאַליסטן? ניט לאָזן אויפהייבן קיין קאָפּ די גאַנצע אינטעליגענץ? ניט לאָזן אַפילו לייענען אַ בוך וואָס מען וויל?

אָט די הויפּט־פראַגע שטייט איצט אין איר גאַנצער טראַגישער גרויסקייט פאַר דער ברייטער מאַסע קאָמוניסטן: צוליב וועמען און צוליב וואָס? וואָס דערגרייכן אין דער אמתן די קאָמוניסטן דערמיט, וואָס זיי בלייבן אַליין ביי דער מאַכט, וואָס זיי ווערגן און שטיקן אַלץ אַרום זיך — וואָס דערגרייכט מען דערמיט?

מען שאַפט מיט אייגענע הענט אַ פאַסקודנע מיאוסע און עקלהאַפטע בורזשואַזע אָרדענונג; אַזאַ מיאוסע און עקלהאַפטע, אַז ס'איז גאָר אַזאַ אין דער וועלט ניטאָ!

די גאַנצע טראַגעדיע פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז דאָך באַשטאַנען אין דעם, וואָס דעם אַרבעטער־קלאַס איז אויסגעקומען אויסצופירן אַ פרעמד שטיקל אַרבעט.

מען האָט באַדאַרפט מאַכן אַ סוף צום צאַריזם, וואָס האָט געהאַלטן געשמידט אין קייטן אַ דריטל פון דער אייראָפּעישער באַפעלקערונג; מען האָט באַדאַרפט מאַכן אַ סוף צו די פריצים, וואָס האָבן געהערשעוועט ווי אין מיטלאַלטער. ווער האָט באַדאַרפט אָט די אַרבעט אויספירן? פאַרשטייט זיך, די בורזשואַזע קלאַסן. האָט אָבער די געשיכטע געשטראָפט רוסלאַנד מיט זייער אַ שוואַכער בורזשואַזיע, מיט זייער אַ קליינער צאָל מיטעלע קלאַסן און מיט זייער אַ נישטיקער שטאָטישער באַפעלקערונג. אָט די אַלע קלאַסן, וועלכע האָבן אין אַלע לענדער אָפּגערוימט די מיטלאַלטערלעכע אָרדענונג און האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אַנטוויקלונג, אָט די קלאַסן זיינען אין רוסלאַנד געווען צו שוואַך, אַז זיי זאָלן אַליין בייקומען דעם צאַר מיט די פריצים.

די מיטעלע קלאַסן און די שטאָטישע באַפעלקערונג זיינען געווען שוואַך אַנטוויקלט אין רוסלאַנד — די גרויס־פאַבריקאַציע אָבער מיט אַ געדיכטן און קאָנצענטרירטן אַרבעטער־קלאַס איז דווקא דאָרט געווען שטאַרק אַנטוויקלט. פאַר וואָס דאָס איז געווען אַזוי, איז ניט איצט די צייט צו דערקלערן. נאָר דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט; און דער דאָזיקער פאַקט דערקלערט זייער אַ סך.

די אָרעמע, דאָרפישע, אָפּגעשטאַנענע, כמעט מיטלעלטער־לעכע רוסישע מלוכה האָט פאַרמאָגט אַ מאָדערנעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אין אַ קליינער צאָל שטעט און אין אַ קליינער צאָל פאַבריקן — און דער דאָזיקער אַרבעטער־קלאַס האָט גענומען נעמען אויף זיך די ראָלע פון דורכפירן די בורזשואַזע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. איבער אַ גאַנצער ריי סיבות, ווי די מפּלה אויפן פראָנט, די אויפגערייצטקייט פון די אונטער־דריקטע פעלקער בעת מלחמה און, דער עיקר, דאָס, וואָס צען מיליאָן פויערים האָבן געהאַט גרייט די ביקסן אין די הענט —

מחמת דעם אַלעמען האָט זיך איינגעגעבן צו פּאַריאָגן פון רוסלאַנד אַלע פּריצים און הערשער, מאַכן אַ סוף צום צאַרישן און פּריצישן יאָך.

אַז דער אַרבעטער-קלאַס זאָל וועלן פּאַרטרייבן אינאיינעם מיטן צאַר און פּריץ אויך דעם פאַבריקאַנט, איז געווען גאַנץ נאַטירלעך; אַז דאָס האָט מען אָבער ניט געטאָרט דערלאָזן און אַז דאָס איז געווען שרעקלעך שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציע, איז איצט שוין קלאָר אַפילו פאַר די קאָמוניסטן, הגם אָפן זיינען זיי נאָך אין דעם זיך ניט מודה. און אין דעם טאַקע איז באַשטאַנען די טראַגעדיע פון דער רוסישער רעוואָלוציע — מאַכט דער אַרבע-טער-קלאַס אַ רעוואָלוציע, גלוסט זיך אים שוין מאַכן זיין אייגענע רעוואָלוציע, גלוסט זיך פאַרלויפן אַ סך ווייטער, ווי די היסטאָ-רישע סלופּעס האָבן אָנגעצייכנט, גלוסט זיך איבערשפּרינגען די גרענעצן, וואָס פאַרצוימען די רעוואָלוציע; גלוסט זיך זיין קלינער פון דער געשיכטע, וואָס קריכט אַזוי פּאַמעלעך און קוים וואָס זי רירט זיך פון אָרט.

ווי טייער דאָס דאָזיקע וועלן איבערקלינגן די לאַנגזאַמע געשיכטע האָט רוסלאַנד געקאָסט, ווייסן מיר אַלע און ניט דערויף וועל איך זיך דאָ מאָל אָפּשטעלן.

איך וויל נאָר זאָגן, אַז די טראַגעדיע פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז געוואָרן אויך די טראַגעדיע פון דער רוסישער קאָנטר-רעוואָלוציע. וואָרעם די אייגענע סיבות, וואָס האָבן גע-צוואונגען דעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס אַליין צו מאַכן די גאַנצע רעוואָלוציע, צווינגען אים אויך אַליין, מיט אייגענע הענט, דורכ-צומאַכן די קאָנטר-רעוואָלוציע.

קאָנטר-רעוואָלוציע הייסט ניט דווקא שיסן פון האַרמאַטן, מאַכן אויפשטאַנדן, בייטן די הערשער — ס'קאָן אויך זיין אַ שטי-לע קאָנטר-רעוואָלוציע, אַ קאָנטר-רעוואָלוציע אָן בלוט און אָן האַרמאַטן.

אָט די אויבנגעבראַכטע ציטאַטן פון דער רעדע פון פּשוטן קאָמוניסט באַווייזן אויף קלאָר, ווי פּאַמעלעכן די קאָמוניסטישע מאַכט אַליין מאַכט נעבעך די קאָנטר-רעוואָלוציע. האָבן זיך אין

רוסלאַנד ניט געפונען קיין מיטעלע שטאַטישע בירגערלעכע קלאַסן, וועלכע זאָלן אויפשטעלן אַ בירגערלעכע אָרדענונג און געבן רוס־לאַנד די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ בורזשואַזן לעבן, האָט געמוזט די קאָמוניסטישע מאַכט אַליין אויף זיך נעמען די דאָזיקע אויפגאַבע. אין דעם שטעקט טאַקע די טראַגעדיע פון דער לאַגע— אַ קאָמוניסטישע מאַכט, וואָס מוז נעבעך איינפירן אַ מיאוסע בור־זשואַזע אָרדנונג.

מען מוז אָבער!

הינטער די פּלייצעס שטייט די געשיכטע און טרייבט און יאָגט. און וויל ניט טראָצקי נעמען אויף זיך די דאָזיקע מיאוסע עקלהאַפטע אַרבעט, וועלן סטאַלין און קאַמענעוו אויספירן די באַפעלן פון דער געשיכטע. זי איז אַ שטרענגע ריכטערין, די גע־שיכטע. מיט איר טרייבט מען קיין שפּאַס ניט — און מעג מען זיך איינריידן, אַז מען פליט אין הימל אַריין, אויסלאָזן לאָזט זיך גאָר אויס, אַז מען זיצט טיף אין בלאָטע.

פּשוטע קאָמוניסטן טאַפּן שוין אָן די בלאָטע, וואָס אין איר זיצט מען, און אין נומער „פּראַוודאַ" 287 שרייט אויס איינער סמירנאָוו: „מיר האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער „נעפּמאַנישער" נעץ. דער קאַפּיטאַל פון „נעפּ" וואַקסט און מיר האָבן מורא פאַר דער דאָזיקער כוואַליע, וועלכע גייט אויף אונז".

אין דעם זעלבן נומער „פּראַוודאַ" פון 18טן דעצעמבער ווערט איבערגעגעבן אַ דיסקוסיע צווישן סטודענטן. צווישן די סטודענטן זיינען טאַקע פּאַראַן אַ סך אַרבעטער און פּויערים — און די ווערטער פון די סטודענטן זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש. דאָ פילט זיך אַזאַ געפאַלנקייט, אַזאַ דערשלאָגנקייט, אַזאַ יאוש, אַז ממש אַ שוידער כאַפּט אָן.

דער סטודענט קאַרמיליצי טענעט, אַז די סאָוועטישע מלוכה מיט אירע שרעקלעך גרויסע הוצאות לעבט פון דעם, וואָס זי עקספּלואַטירט דעם אַרבעטער־קלאַס. ניט דער נעפּמאַן האַלט אויס די מלוכה, ווי מען האָט געמיינט אין אָנהייב „נעפּ", נאָר די וואָלוועלע אַרבעט פון אַרבעטער! — שרייט אויס דער דאָזיקער סטודענט.

אַ גאַנצע האַלבע שעה לייענט אויף דער פאַרזאַמלונג פון די סטודענטן איינער פון זיי אַ צעטל פון גנבות בלויז אין מאָסקווע גופא און מאַכט אַ חשבון, אַז נאָר פאַר איין יאָר האָט מען געמשפט גנבים, וואָס האָבן בּאַראַבעוועט די מלוכה־פאַבריקאַציע אויף 49 מיליאָן גאָלד־רובל. געכאַפּט ביי דער האַנט האָט מען אָנפירער־גנבים אויף 49 מיליאָן רובל! און וויפיל האָט מען ניט געכאַפּט ביי דער האַנט! און דער סטודענט מאַרטינאָוו מאַכט אַ סך־הכל: „אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער אַרבעט פון אונזער צענטראַל־קאָמיטעט! אָט אַזוי גיבן מיר זיך אונטער דעם קאַפּיטאַל, דעם נעפּמאַן!"

דער זעלבער סטודענט קומט צום באַשלוס, אַז די „סאָוועטישע מלוכה האָט שוין אָפּגעטרעטן די בעסטע פּאָזיציעס דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַל", און ער שטעלט דער פאַרזאַמלונג אַ ביטערע און האַרבע פראַגע: „צי האָט געלוינט צו גיין אויפן וועג פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, אויב ער ברענגט צו אַזעלכע רעזולטאַטן?"

דער באַריכט־אָפּגעבער פון דער פאַרזאַמלונג דערציילט, אַז ס'האָט זיך געפילט אין אַלע רעדעס דער נאַטירלעכער פּראָטעסט „קעגן יענע עקאָנאָמישע ווידעראַנאַנדן, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער צייט און וועלכע ברענגען צו אַ שווערער לאַגע פון די אַרבעטער".

אַלזאָ, צי האָט זיך געלוינט צוליב אַזעלכע רעזולטאַטן? וועלכע רעזולטאַטן האָט אין דער אמתן געגעבן דער „נעפּ"?

מיר וועלן אין גאַנץ אַלגעמיינע שטריכן אָנמערקן די דאָזיקע רעזולטאַטן.

אויף אָנדערהאַלבן מיליאָן אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרנומען אין דער סאָוועטישער פאַבריקאַציע, זיינען פאַראַן העכער אַ מיליאָן אַרבעטסלאָזע, העכער אַ מיליאָן, וואָס שטאַרבן ממש פון הונגער, ווייל זיי באַקומען כמעט קיין שטיצע ניט פון דער מלוכה; מער פון אַ מיליאָן אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן קיין שום האָפענונג ניט אין די נאָענטסטע יאָרן אפילו צו געפינען אַרבעט אין דער פאַבריק

און וואָס האָבן אויך קיין שום האָפענונג ניט צו געפינען אַרבעט אין דאָרף.

אָט איז אַ בילד פון דער לאַגע פון אַרבעטסלאָזע אין „פּראַוודאַ" נומ' 2, פון 3טן יאַנואַר 1924:

„דער פּראָפּאַראַיין לייגט פאָר אַ גאַנצע ריי מיטלען — זאָגט איינער פון די אַרבעטסלאָזע אויף אַ פאַרזאַמלונג — נאָר וואָס זאָלן מיר ביז דעמאָלט טאָן? אָט, למשל, בין איך שוין מער פון אַ יאָר אָן אַרבעט,—זאָגט, וואָס־זשע זאָל איך טאָן? די אַרבעטס־בערזע גיט מער ניט קיין שטיצע, ווייל איך האָב שוין 6 חדשים באַקומען. ס'איז ניטאָ קיין האָלץ אין שטוב, ניטאָ קיין ברויט, ניטאָ קיין קליידער און ניטאָ קיין שטיוול. פאַר ליכט און וואַסער מוז מען צאָלן. האַנדלען טאָר מען ניט. גנבענען טאָר מען אויך ניט. זאָגט זשע, וואָס זאָל איך פאָרט טאָן?"

דער באַריכט־געבער פון דער פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטסלאָזע גיט צו: „קוקסט זיך איין אין רעדנער און זעסט פאַר זיך אַ בלייכן פּנים, שמאַטעס אויפן גוף און אַ פּאָר אויפגעריצטע אויגן; פילסט, אַז מיר זיינען אין אַ טעמפן ווינקל, וואָס מיר קענען זיך פון אים ניט אַרויסרייסן. ס'איז אַ ווייטאָג צו פילן, אַז מען קען גאָר ניט העלפן".

און דער שרייבער ענדיקט: „אויף דער רעדע פון אַרבעטסלאָזן האָט די פאַרזאַמלונג געענטפערט מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס אין זיי האָט זיך געהערט דער געשריי פון אַלע אַרבעטסלאָזע: „גיט אונז אַרבעט! גיט אונז ברויט!"

פון וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן די אַרבעטסלאָזיקייט?

ערשטנס, פון דעם, וואָס אַ סך אַרבעטער, וועלכע זיינען אין די יאָרן פון הונגער אַנטלאָפן אין דאָרף אַריין, האָבן זיך צוריק אומגעקערט אין די שטעט. אין דאָרף האָבן זיי ניט וואָס צו טאָן, זוכן זיי אַרבעט אין שטאָט. צווייטנס, און דאָס איז די הויפּט־סיבה: ביז ניט לאַנג האָט די מלוכה אויסגעהאַלטן אויף קעסט הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, און איצט זאָגט זי זיך אָפּ. דאָרט, וואו עס האָבן געקענט אַרבעטן פופציק אַרבעטער, זיינען געווען פאַרנומען הונדערט — דאָס האָט געמאַכט די פּראָדוקטן

שרעקלעך טייער, און די מלוכה האָט אָנגעהויבן פאַרמאַכן פאַבּ־ריקן, אַפּזאָגן אַרבעטער און האָט קאָנצענטרירט די פאַבּריקאַציע אויף אַ קלענערער צאָל פאַבּריקן. די דאָזיקע קאָנצענטרירונג איז נאָך ניט פאַרענדיקט און דעריבער איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די צאָל אַרבעטסלאָזע וועט דאָס יאָר שטאַרק אויסוואַקסן.

אָט וואָס עס שטייט געשריבן אין „פּראַוודאַ" נומ' 290, פון 21טן דעצעמבער, 1923:

„אין אוקראַאינע שטעלט זיך איצט די פראַגע וועגן אַרבעטס־לאָזיקייט אין אַ זייער שאַרפער פאָרם. פאַראַיאָרן יאַנואַר זיינען געווען אַרבעטסלאָזע 92,206; דעם ערשטן יוני — 125,280; און איצט דערגרייכט שוין די צאָל אַרבעטסלאָזע 152,477. אין איינצלנע גובערניעס דערגרייכט די צאָל אַרבעטסלאָזע:

אין אָדעסער גובערניע	54,000
אין כאַרקאָווער	25,000
אין קיעווער	26,000
אין קאַטערינאָסלאַווער	15,000

און אין די איבעריקע גובערניעס דאָס איבעריקע.

„צי קען מען האָפן, אַז די אַרבעטלאָזיקייט וועט זיך אין דער נאָענטער צייט פאַרקלענערן?

„אַלץ ווייזט דערויף, אַז ניט נאָר קאָן מען ניט האָפן, אַז די אַרבעטסלאָזיקייט וועט זיך פאַרקלענערן, נאָר, פאַרקערט, מען מוז פאַראויסזען, אַז די אַרבעטסלאָזיקייט וועט זיך נאָך פאַר־גרעסערן אַדאַנק דער קאָנצענטרירונג פון דער פאַבּריקאַציע און אַדאַנק די פאַרקירצונגען פון די אָנגעשטעלטע אין די מלוכה־אינסטיטוציעס".

אָט אַזוי שרייבט דער כאַרקאָווער קאָרעספּאָנדענט פון „פּראַוודאַ" וועגן אוקראַאינע, און ניט בעסער, און אפשר גאָר נאָך ערגער איז די לאַגע אין די איבעריקע טיילן פון סאָוועט־רוסלאַנד.

האָט איר אייך גומער איינס.

איצט לאָמיר זען, וואָס הערט זיך ווייטער.

ווי גייען די געשעפטן פון דער מלוכה־פאַבּריקאַציע?

אין נומער 77 פון „עקאָנאָמיטשעסקאיאַ זשיזן" פון 3טן יאַנואַר, 1924, שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס:

„דאָס לאַנד האָט באַקומען אין פאַבריקן יאָר קרוב צו דריי און דרייסיק פראָצענט, דאָס הייסט, קרוב צו איין דריטל פראָדוקטן פון פאַר דער מלחמה, האָט אָבער געמוזט אָפּצאָלן קרוב צו זעקס און פופציק פראָצענט פון דעם געלט, וואָס ס'האָט געצאָלט פאַר דער מלחמה".

דער מחבר פון אַרטיקל זאָגט, אַז אין דער דאָזיקער טייערקייט פון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן שטעקט דער גאַנצער אומגליק פון דער מלוכה-פאַבריקאַציע, און ער ברענגט ציפער, וואָס ווייזן, ווי דער פדיון איז געפאַלן.

פאַר מאַנופאַקטור (שניט-סחורה) האָט די מלוכה געלייזט:

„אין יוני	40,000,000
אין יולי	32,000,000
אין אויגוסט	25,000,000
אין סעפּטעמבער	26,000,000

און אין אָקטאָבער פאַלט די לייזונג פון דער גאַנצער פאַבריקאַציע כמעט אויף אַ העלפט, ערשט אין נאָוועמבער און דעצעמבער הייבן אָן די שווערע פאָרמען פון קריזיס אַ ביסל שוואַכער צו ווערן".

מען דאַרף געדענקען, אַז האַרבסט-צייט איז תמיד די בעסטע צייט פאַר לייזן, ווייל באַלד נאָכן שניט האָט דער פויער געוויינלעך מער געלט, ווי אין די איבעריקע חדשים פון יאָר, דעריבער איז גאָר קיין ספק ניט, אַז צו ווינטער צו מוז דער קריזיס אַ סך שטאַרקער ווערן.

טאַקע, אין דעם זעלבן דערמאָנטן אַרטיקל שטייט געשריבן:

„האַרבסט איז די סאַמע בעסטע צייט פאַר דער פאַבריקאַציע, און די גאַנצע שווערקייט פון פאַרקירצן די אַרבעט אויף די פאַבריקן וועט געוויס אויספאַלן אויף די נאָענטע חדשים פון קומענדיקן יאָר".

ווייל מען זען דעם חילוק פון דער מלוכה-אינדוסטריע ביז דער פּריוואַטער פאַבריקאַציע, קען מען דאָס אויך געפינען טאַקע אין דער אָפיציעלער צייטונג „עקאָנאָמיטשעסקאיאַ זשיזן".

אין נומ׳ 76 פֿונם 1טן יאַנואַר 1924 ווערט געבראַכט, אַז אין 1913טן יאָר האָט די גרויס-פֿאַבריקאַציע פֿון רוסלאַנד אַרויסגעגעבן סחורות אויף דריי מיליאַרד מיט 700 מיליאָן רובל, און אין 1923טן יאָר אויף איין מיליאַרד 293 מיליאָן רובל. אַלזאָ, ווייניקער פֿון אַ דריטל; און די קליין-פּראָדוקציע, וועלכע האָט אין 1913טן יאָר אַרויסגעגעבן פּראָדוקטן פֿאַר 730 מיליאָן רובל, האָט שוין אין 1923טן יאָר געשאַפֿן פּראָדוקטן פֿאַר 500 מיליאָן רובל, דאָס הייסט כמעט צוויי-דריטל פֿון פֿאַר דער מלחמה.

אַלזאָ, די קליין-פּראָדוקציע, וואָס איז בכלל שוואַך אין איר קאַמף מיט דער גרויס-פּראָדוקציע, וואָס באַקומט ניט פֿון דער רעגירונג קיין שטיצע, וואָס האָט ניט די אַלע פּריווילעגיעס, וואָס די נאַציאָנאַליזירטע גרויס-פֿאַבריקאַציע האָט פֿון דער רעגירונג — די פּריוואַטע קליין-פּראָדוקציע, וואָס קרעכצט אונטערן יאָך פֿון גרויסע שטייערן, וואָס גייט אויס נאָך קרעדיט און קען אים ניט באַקומען, וואָס אַרבעט כמעט אָן מאַשינעס און מיט אַלטע אָפּגעטראָגענע אינסטרומענטן, האָט זיך דאָך גיכער און שטאַרקער אַנטוויקלט, ווי די מלוכה-פֿאַבריקאַציע.

דער מחבר פֿון אַרטיקל זאָגט, מיט רעכט, אַז ס׳איז דאָך אַ סך שווערער צו פֿירן אַ גענויעם חשבון וועגן די צענדליקער טויזנטער קליינע וואַרשטאַטלעך און פֿאַבריקלעך, ווי אין דער גרויסער פֿאַבריקאַציע, און קומט צום באַשלוס, אַז די קליין פּראָדוקציע איז אין דער ווירקלעכקייט נאָך מער שוין אויפֿגעשטעלט. ער שרייבט: „דאָס דאַרף באַפֿרידיקט דעם גרעסטן חלק פֿון זיינע באַדערפֿענישן נאָך מיט די סחורות פֿון דער קליין-פּראָדוקציע און ניט פֿון דער גרויס-פֿאַבריקאַציע״.

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? גאַנץ פּשוט!

די קליין-פּראָדוקציע פֿאַרקויפֿט ביליקער, איז ריזעוודיקער, דער בעל-מלאכה דערגרייכט גיכער צום קונה אאַז״וו.

און ווי האַלט עס מיטן האַנדל?

אין „פּראַוודאַ״ נומער 292, פֿון 23טן דעצעמבער 1923, שטייט געשריבן:

„דער נאָר קליינער האַנדל געפינט זיך אינגאַנצן אין פּרי־וואַטע הענט. אין דעם לאחדים־האַנדל באַטרעפט דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל אַכציק פּראָצענט, און אין הורט־האַנדל באַטרעפט דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל פינפאונצוואַנציק פּראָצענט". אינגאַנצן האָט דער פּריוואַטער האַנדל געמאַכט פּדיון אויף קרוב צו צוויי מיל־יאַרד רובל, וואָס דערביי האָט ער פאַרדינט ריינעם ריווח ניט ווייניקער פון 200 מיליאָן רובל גאָלד".

דאָס זיינען אַלץ אָפיציעלע ציפערן, וועלכע זיינען כסדר קלענער, ווי אין דער ווירקלעכקייט. דער פּריוואַטער האַנדל האָט געווים געמאַכט אַ גרעסערן פּדיון, ווי צוויי מיליאַרד רובל, און זיין פאַרדינסט מעג מען געווים טאָפּלען אויף צוויי. וועלן מיר טאַקע באַקומען אַ פיינעם פאַרדינסט פון 400 מיליאָן רובל גאָלד!

איך פאַרשפּאַר צוצוגעבן, אַז דער מלוכה־האַנדל האָט ניט נאָר ניט געהאַט קיין ריווח, נאָר פאַרקערט, האָט דערליינט אַ סך, אַ סך געלט. וועגן דעם, ווי פלינק די „רויטע" סוחרים זיינען, ווי געניט זיי זיינען און וויפיל זיי צאָלן אָפּ די מעקלערס, כדי צו פאַרקויפן אַ מין סחורה, וואָלט מען געקאָנט פון די קאָמוניס־טישע צייטונגען ברענגען אַ סך אַנעקדאָטן. מיר וועלן נאָר צוגעבן, אַז די דאָזיקע אַנעקדאָטן פון די „רויטע" סוחרים האָבן שוין געבראַכט צו צענדליקער טויט־אורטיילן, אפשר טאַקע צו הונדער־טער טויט־אורטיילן, און עס העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס.

מיר האָבן ביז איצט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שטאָט. וואָס הערט זיך אין דאָרף?

אין סאָוועטישן זשורנאַל „קראַסנאַיאַ נאָווי", נומ׳ 4 פון 1923 איז פאַראַן אַן אַרטיקל פון באַקאַנטן קאָמוניסט לאַרין וועגן דער לאַגע אין דאָרף. און ער דערציילט דאָרטן, אַז די פאַרמעגלעכע מיט די רייכע פּויערים מאַכן אויס סך־הכל אַכט פּראָצענט פון אַלע פּויערים; די דאָזיקע אַכט פּראָצענט פּויערים האַלטן אָבער אין זייערע הענט צוואַנציק פּראָצענט פון דער גאַנצער ערד, דאָס הייסט צוויי מיט אַ האַלבן מאָל מער, און זיי באַקומען פון זייערע פעלדער אַ גאַנץ דריטל פון דער גאַנצער תבואה פון רוסלאַנד, אַלזאָ פיר מאָל מער, ווי זייער צאָל נפשות.

לאָרין דערציילט גאַנץ נענוי, ווי אַזוי דער רייכער פּויער האָט פאַר די לעצטע פּאָר יאָר פון „נעפּ" באַקומען צוריק אין זיינע הענט דעם אָרעמען פּויער; ווי דער קולאַק נעמט צו די ערד פון אָרעמען פויער, מאַכט אים פאַר אַ קנעכט, וואָס איז אונ־טערגעוואָרפן זיין הערשאַפט, ווי אַזוי דער אָרעמער פּויער האָט ניט קיין זריעה, ניט קיין מאַשינעס, ניט קיין בהמות, ניט קיין מיסט אויף צו באַמיסטיקן די פעלדער — און ער קומט צום אויספיר, אַז די דאָרפיש׳ע בורזשואַזיע האָט זיך שוין געשטעלט גאַנץ פעסט אויף די פיס; האָט שוין אַ גרויסע מאַכט אין דאָרף; ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. פאַרקערט, די אָרעמע פּויערים ווערן נאָך אָרעמער, האָבן ניט קיין מעגלעכ־קייט זיך אַרויסצודרייען פון דער קנעכטשאַפט פון רייכן פּויער, ווייל זיי מוזן עקאָנאָמיש צו אים אָנקומען.

יאַקאָוולעוו, איינער פון די בעסטע קענער פון איצטיקן רוסישן דאָרף, שרייבט אין „פּראַווּדאַ", אַז דער אָרעמער פּויער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז די קאָמוניסטן האָבן אים געהאָלפן פאַרטרייבן דעם פריץ און דעם „זעמסקי נאַטשאַלניק". דאָס איז שוין פאַר אים אַ בלעטל געשיכטע און ניט מיט דעם לעבט ער. די איצטיקע ווירקלעכקייט אָבער שטויסט דעם אָרעמען פּויער אָפּ פון דער סאָוועטן־מאַכט.

אין „פּראַווּדאַ" נומער 289, פון 20 דעצעמבער 1923, שרייבט סקוואָרצאָוו, אַ קאָמוניסטישער טוער אין דאָרף:

„די אָרעמע פּויערים פאַרלאָזן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי טרעטן נאָר אַריין פאַרשיידענע אָנ־געשטעלטע און די יעניקע „קאָמסאָמאָלצעס", וועלכע האָפן מיט דער הילף פון דער פּאַרטיי אָנצוקומען אין אַ לערן־אַנשטאַלט".

אָט אַזוי זעט אויס דער איצטיקער קאָמוניסטישער „גן־עדן", און דעריבער איז קיין חידוש ניט, וואָס די קאָמוניסטישע מאַסע, די וואָס האָבן ניט קיין שטעלעס און קאָמאַנדעווען ניט, הייבן זיך אָן שטעלן די פראַגע:

צוליב וואָס?

פעברואַר 1924.

וואָס איז געוואָרן פון יידישן האַנדל אין סאָוועט־רוסלאַנד.

עס איז ניט אַזוי לייכט צו שרייבן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד און אין אוקראַינע. די לעצטע צייט הערט מען זייער פיל וועגן אַ שרעקלעכן הונגער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג; קראַנקען פאַרמאַכן זיך; בעלי־מלאכות האָבן קיין אַרבעט ניט; אַרבעטער גייען אַרום ליידיק און האָבן ניט אַפילו אויף טרוקן ברויט. קומט אָבער צו געבן אַ בילד וועגן איצטיקן עקאָנאָמישן לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד, האָבן מיר במעט ניט קיין מאַטעריאַלן. די יידישע קאָמוניסטן זיינען נאָך שטאַרק פאַרנומען מיט האַלטן מלחמה מיט גאָט אָדער מיט די ציוניסטן און האָבן קיין צייט ניט זיך אָפּצוגעבן מיט אויספאָרשן און באַשרייבן די עקאָנאָמישע לאַגע פון פאַרשיידענע טיילן פון יידישן פאָלק. און די געזעלשאַפטן, וואָס אַרבעטן אין רוסלאַנד, ווי „דזשאָינט" און „יק"א", האָבן אויך, ווייזט אויס, געהאַלטן פאַר איבעריק זיך ערנסט צו פאַרנעמען מיט זאַמלען מאַטעריאַל וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד.

קומט טאַקע אויס צו טאַפּן אין דער פינסטער און זיך באַנוצן מיט דעם קנאַפּן און צופעליקן מאַטעריאַל, וואָס פאַלט פאָרט אַריין אין די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען.

לאָמיר צוערשט זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויף דער אַלגעמיי־נער לאַגע פון רוסלאַנד און זען, ווי דאָס מוז ווירקן אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן.

ווי מיר ווייסן, האָבן פון די רוסישע און אוקראַינישע יידן בערך פערציק פּראָצענט געלעבט פון האַנדל. וואָס איז דאָס

געווען פאַר אַ האַנדל? אַ גרויסער פּראָצענט יידן זיינען געווען פאַרנומען מיט תבואה=האַנדל, מיט אויפקויפן תבואה, פלאַקס, אַרבעס, וואָל און אַנדערע דאָרפישע פּראָדוקטן. די דאָזיקע אַלע זאַכן פלעגן יידן אויפקויפן אין די דערפער, אויף די מאַרקן פון די קליינע שטעטלעך און גרעסערע שטעט. זיי פלעגן די דאָזיקע אַלע סחורות איבערשיקן אין די גרויסע שטעט אָדער גלייך קיין אויסלאַנד.

אויב פון גאַנצן האַנדל האָבן געלעבט בערך פערציק פּראָצענט פון אַלע יידן, האָבן פון תבואה=האַנדל אַליין געצויגן חיונה ניט ווייניקער פון פופצן פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַזוי ווי מיר האָבן איצט אין רוסלאַנד און אוקראַינע צוויי מיליאָן מיט אַכט הונדערט טויזנט יידן, קומט אויס, אַז פון אויפקויפן און פאַרקויפן דאָרפישע סחורות וואָלטן באַדאַרפט לעבן קרוב צו 400 טויזנט יידן.

ווען וואָלט דאָס אָבער מעגלעך געווען, ווען די לאַגע אין רוסלאַנד וואָלט געווען די אייגענע, וואָס פאַר דער מלחמה. ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז די זאַך האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. עס איז געגוג צו זאָגן, אַז פאַר דער מלחמה האָט רוסלאַנד פאַרקויפט מער פון אַ מיליאַרד פוד פאַרשיידענע דאָרפישע סחורות, און אין יאָר 1923 — סך=הכל 150 מיליאָן פוד, כדי צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ חילוק עס איז צווישן דער לאַגע פון היינט און פון פאַר דער מלחמה. דער גרויספיר פון אַ מיליאַרד פוד דאָרפישע סחורות איז ביז 60 פּראָצענט אָדער אפשר נאָך מער געלעגן אין יידישע הענט. דער קליינשטעטלדיקער אָדער דאָרפישער ייד האָט אויפגעקויפט די ווייץ און קאָרן, די חזיר=האָר און פעל, דעם פלאַקס און וואָל — דאָס אַלץ האָט ער געשיקט אין דער גרויסער שטאָט, וואו די גרעסערע יידישע סוחרים האָבן דאָס אַלץ געשיקט ווייטער אָדער איבערגעאַרבעט און נאָכדעם פאַרקויפט ווייטער, טאַקע קיין אויסלאַנד.

הונדערטער טויזנטער יידן האָבן געהאַט פּרנסה פון אָט דעם האַנדל. און איצט איז דער דאָזיקער האַנדל כמעט אינגאַנצן חרוב. קיין אויסלאַנד פאַרקויפט איצט רוסלאַנד ווייניקער פון אַ זעקסט=

חלק פון דעם, וואָס זי פלעגט פאַרקויפן פאַר דער מלחמה. דער אינעווייניקסטער מאַרק, דאָס פאַרקויפן דאָרפישע סחורות פאַר די שטעט, איז אויך געוואָרן אַ סך קלענער. ערשטנס, אַרבעטן איצט אויס די פּויערים נאָר ביי 70 פּראָצענט פון דעם, וואָס דאָס רוסישע דאָרף פלעגט אַרויסגעבן פאַר דער מלחמה, דערויף זיינען פאַראַן אַ סך סיבות, וואָס מיר קענען זיך איצט אויף זיי ניט אָפּ־שטעלן. אָבער אויף איין סיבה מוזן מיר אָנווייזן, מחמת זי איז זייער וויכטיק פאַר אונז.

די דאָזיקע וויכטיקע סיבה שטעקט אין דעם, וואָס די רוסישע אינדוסטריע אַרבעט איצט אויס ווייניקער פון אַ דריטל פון דעם, וואָס זי פלעגט אויסאַרבעטן פאַר דער מלחמה. אַרבעט די פאַבּ־ריקאַציע ווייניקער אויס, פאַרנוצט זי ווייניקער רויע סחורות פון ד׳אָרף. דאָס רוסישע דאָרף פלעגט פאַרקויפן פלאַקס, וואָל, חזיר־האָר, פעל און צענדליקער אַנדערע דאָרפישע סחורות ניט נאָר קיין אויסלאַנד, נאָר אויך אין די גרויסע שטעט פון רוסלאַנד. דער דאָזיקער מסחר איז אויך געלעגן זייער אין אַ גרויסער מאָס אין יידישע הענט.

און איצט? איצט, וויבאַלד די שטאָטישע פאַבריקאַציע איז אויף צוויי דריטל טויט, איז, נאַטירלעך, דער מסחר מיט די דאָזיקע אַלע דאָרפישע פּראָדוקטן אויך אויף צוויי דריטל קלענער.

אַלזאָ, דער אויספיר איז אַ גאַנץ קלאָרער: קיין אויסלאַנד פירט רוסלאַנד איצט אַרויס זעקס מאָל ווייניקער, ווי פאַר דער מלחמה — האָט געמוזט די צאָל מענטשן, וואָס האָבן געהאַט פּרנסה ביי דעם דאָזיקן האַנדל, אויך ווערן זעקס מאָל ווייניקער. און, צווייטנס, דער אָרטיקער מאַרק, די אייגענע שטאָטישע פאַברי־קאַציע, איז אויף צוויי דריטל קלענער, מוז אויך די צאָל מענטשן, וואָס האָבן געהאַט פּרנסה פון צושטעלן דאָרפישע פּראָדוקטן דער רוסישער שטאָטישער פאַבריקאַציע, ווערן קלענער אויף צוויי דריטל.

נאָר דאָס אַלץ וואָלט געווען, ווען דער האַנדל מיט דאָרפישע סחורות קיין אויסלאַנד וואָלט געלעגן אין פּריוואַטע הענט. מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז דער האַנדל מיט אויסלאַנד איז

מאָנאָפּאָליזירט, ליגט אינגאַנצן אין די הענט פון דער מלוכה. דאָס זעלבע איז מיט דער שטאָטישער פּאַבריקאַציע — זי איז אין די הענט פון דער מלוכה, און די אַגענטן פון דער מלוכה קויפן אויף די נייטיקע דאָרפישע סחורות.

אמת, די מלוכה האָט גענוג יידישע אַגענטן, וואָס קויפן אויף פאַר איר אַלע דאָרפישע סחורות. אָבער אַז זייער צאָל איז אַ סך, גאָר אַ סך קלענער פון דער צאָל יידן, וואָס וואָלטן באַדאַרפט האָבן חיונה פון מסחר מיט דאָרפס-פּראָדוקטן, איז קלאָר פאַר יעדערן.

מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, אַז ביי אַ נאָרמאַלער לאַגע, דאָס הייסט, ווען די לאַגע וואָלט געווען בערך די זעלבע, וואָס פאַר דער מלחמה, וואָלטן געמוזט האָבן חיונה פון האַנדל מיט דאָרפי-שע סחורות בערך 400 טויזנט יידן. איך בין אין גרויס ספק, צי ס'האָבן איצט 100 טויזנט יידן פּרנסה פון האַנדלען מיט דאָרפישע סחורות — און די איבעריקע 300 טויזנט יידישע נפשות? פון וואַנען זאָלן זיי ציען חיונה? פון וואַנען זאָלן זיי פאַרדינען אויף ברויט פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער?

אַלע גרוסן, וואָס מיר האָבן פון רוסלאַנד, דערציילן, אַז יידן קערן זיך אום זייער ווייניק צוריק אין די קליינע שטעטלעך—דאָס איז זייער אַ קלאָרער סימן, אַז ס'איז ניטאָ צוליב וואָס צו שטרעבן צו זיין נענטער צום דאָרף, אַז דאָס דאָרף איז איצט ניט אַזאַ קוואַל פון חיונה, אַז דער ייד זאָל צוליב דעם זיך ווילן אומקערן אין זיין פאַרלאָזטער היים.

ווען מיר, אַז ביים האַנדל מיט דאָרפישע סחורות זיינען איבעריק געוואָרן בערך 300 טויזנט יידן, מיר ווילן ווייטער זען, אַז די דאָזיקע 300 טויזנט איבעריק געוואָרענע יידן האָבן קיין שום האָפענונגען ניט אין די נאָענטסטע עטלעכע יאָרן צו געפינען פּרנסה אין רוסלאַנד. זיי זיינען אָבער ניט קיין איינציק איבעריק געוואָרענע — ס'איז נאָך פאַראַן אַ גרעסערע מאַסע אַנדערע הענד-לער, וועלכע זיינען אויך איבעריק געוואָרן.

פון צוויי מיליאָן און אַכט הונדערט טויזנט רוסישע און אוקראַינישע יידן וואָלטן באַדאַרפט האָבן פּרנסה פון האַנדל און

קרעמעריי ביי פערציק פראָצענט, דאָס הייסט, בערך איין מיליאָן מיט 120 טויזנט יידן. מיר האָבן גערעכנט ביי תבואה־מסחר קרוב צו 400 טויזנט יידן, הייסט עס, אַז פון קראָמען און אַנדערע געשעפטן האָבן באַדאַרפט האָבן חיונה ביי 720 טויזנט יידן.

איז מעגלעך, אַז ביי איצטיקן צושטאַנד פון רוסלאַנד און אוקראַינע זאָלן 720 טויזנט יידן האָבן פרנסה פון קרעמעריי? מיר וויסן שוין, אַז די שטאָטישע פאַבריקאַציע איז געוואָרן אויף צוויי דריטל קלענער. נעמען מיר אַ ממשותדיקן ביישפּיל. וואָס הייסט, אַז די טעקסטיל־אינדוסטריע איז געוואָרן אויף צוויי דריטל קלענער? דאָס הייסט, אַז אויפן אָרט פון אויסאַרבעטן 100 טויזנט אַרשין סחורה אַרבעט מען איצט אויס נאָר 33 טויזנט אַרשין. אַרבעט מען אויס ווייניקער, הייסט עס אויך, אַז מען פאַרקויפט ווייניקער. נאָר טראַכט מען זיך אַ ביסל מער אַריין אינם ענין, איז גרינג צו פאַרשטיין, אַז פאַרקויפן פאַרקויפט מען איצט נאָך אַ סך ווייניקער, ווי אַ דריטל. בלייבן מיר ביים ביישפּיל מיט מאַנופאַקטור, ווייל גראָד דער האַנדל מיט מאַנופאַקטור איז געלעגן כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט. וויטעבסקער און מינסקער, האָמלער און מאָהילעווער, קיעווער און פאָדאָליער און אַלע אַנדערע אַזוי־גערופענע יידישע גובערניעס פלעגן פאַרקויפן אַ סך מער מאַנופאַקטור־סחורות פון לאָדז און ביאַליסטאָק, ווי פון מאָסקווער געגנט. די רוסישע פאַבריקאַציע האָט זיך פאַרקלענערט אויף צוויי דריטל, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז דאָס לייזן פאַר פאַבריק־סחורות האָט זיך אויך פאַרקלענערט נאָר אויף צוויי דריטל. דאָס לייזן האָט זיך אַ סך מער פאַרקלענערט, ווייל רוסלאַנד פלעגט דאָך אַריינפירן אַ סך שטאָטישע סחורות פון אויסלאַנד.

די רוסישע עקאָנאָמיסטן האַלטן כמעט אַלע, אַז דאָס לייזן פאַר פאַבריקאַציע־סחורות איז געוואָרן קלענער אויף פיר־פינפטל, דאָס הייסט, אַז די באַפעלקערונג קויפט איצט נאָר צוואַנציק פראָצענט פון דעם, וואָס זי פלעגט קויפן פאַר דער מלחמה.

דער פויער קען ניט קויפן קיין קלייד, קיין פאַר שטיוול, אַפילו ניט קיין זאַלץ, קעראָסין, שוועבעלעך, און אַנדערע גאָר

נייטיקע זאַכן. קויפט ניט דער פּויער, האָט דער קרעמער ניט וואָס צו טאָן אין זיין קראָם. און עס קומען אָן זייער טרויעריקע ידיעות פון רוסלאַנד און אוקראַינע וועגן דער לאַגע פון דער יידישער קרעמעריי. הונדערטער מאַנופאַקטור-געשעפטן, וועלכע האָבן זומער צוגעגרייט סחורות, ווייל זיי האָבן געהאָפט, אַז נאָכן שניט וועט מען לייזן פאַר סחורה, האָבן באַנקראָטירט, און הונדערטער געשעפטן האָבן געפּלאַצט, מחמת זיי האָבן געמוזט באַצאָלן אַזעלכע הויכע שטייערן, וועלכע האָבן באַטראָפן מער פון גאַנצן פאַרמעגן אין קראָם.

גיבן מיר נאָך דאָ אויך צו, אַז די קרעמעריי, דאָס הייסט, דאָס צושטעלן שטאָטישע סחורות דער דאָרפישער באַפעלקערונג, ליגט אין אַ גרויסער מאָס אין די הענט פון דער מלוכה, וועלכע האָט אירע גרויסע קראָמען און סטאַרעט זיך ניט דערלאָזן, אַז דער קונה זאָל גיין אין פּריוואַטן געשעפט, וועלן מיר פאַרשטיין, אַז אַ סך הונדערטער טויזנטער יידן זיינען אויך אין דער בראַנזשע געוואָרן איבעריק, האָבן ניט וואָס צו טאָן.

אַ חוץ דעם, וואָס די מלוכה האָט געעפנט אין אַ סך שטעט אייגענע קראָמען און קאָנקורירט מיטן פּריוואַטן קרעמער, דאַרף מען נאָך געדענקען אָט וואָס: נאָך פאַר דער מלחמה האָט זיך די קאָאָפּעראַציע שטאַרק אַנטוויקלט אין רוסישן דאָרף; איצט ווערט די קאָאָפּעראַציע שטאַרק געשטיצט פון דער מלוכה, כדי זי זאָל קענען מיט ערפאָלג קאָנקורירן מיטן פּריוואַטן קרעמער. די קאָאָפּעראַציע האָט אַ סך פּריווילעגיעס סיי ביים איינקויפן סחורה ביי דער מלוכה און סיי ביים צאָלן שטייער.

אמת, די סאָוועטישע פּרעסע ברענגט אַליין אַ סך פאַקטן, אַז די מלוכה-מאַגאַזינען און אַפילו די קאָאָפּעראַציע, וואָס ווערט אַזוי געבאָוועט פון דער מלוכה, פאַרקויפן זייערע סחורות טייערער, ווי די פּריוואַטע קרעמער, דאָך קען מען ניט לייקענען, אַז זיי האָבן אַרויסגעשטויסן אַ גרויסע צאָל קרעמער.

און נאָך אַ זאַך — נאָך פאַר דער מלחמה איז דער יידישער קרעמער ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דאָרף דורך דעם קריסטלעכן. ס'איז אויסגעוואַקסן אין דאָרף אַ דור, וואָס האָט גאַנץ

גוט קאָנקורירט מיט די יידישע מסחר=טאַלענטן. פאַר די לעצטע יאָרן איז דער ייד אינגאַנצן אַנטלאָפן פון דאָרף — אַלע פּאָזיציעס האָט פאַרנומען דער קריסטלעכער קרעמער. אויך אין די שטעטלעך, פון וואַנען די יידן האָבן געמוזט אַנטלויפן, איז אויסגעוואַקסן אַ ניט=יידישער קרעמער. און דער איצטיקער ניט=יידישער קרעמער איז נאָר ניט געגליכן צום דאָרפישן גוי פון פאַר דער מלחמה. ער איז געווען אין דייטשלאַנד אין „פלען" עטלעכע יאָר, האָט פאַרבראַכט אויפן פראָנט, איז אויסגעווען אין אַ סך גרויסע שטעט — הכלל, ער איז געוואָרן רירעוודיקער, שטאָטישער, געניטער, קולטורעלער און אויך פעיִקער צו קאָנקורענץ, פעיִקער צו פירן אַ קראָם, צו טרייבן אַ געשעפט.

נעמען מיר אַלע אויסגערעכנטע מאָמענטן — אי דאָס, וואָס דער פדיון איז געוואָרן אַ סך קלענער, אי דאָס, וואָס קאָנקורענטן זיינען געוואָרן אַ סך — און מיר מוזן קומען צום אויספיר, אַז אַ גוטע העלפט פון יידישע קרעמער האָבן געמוזט בלייבן אָן פרנסה, האָבן געמוזט זיך געזעגענען מיט זייערע קרעמערישע און הענדלערישע געשעפטן.

דער סוף איז, אַז אין רעזולטאַט פון דער מלחמה, רעוואָלוציע, פּאָגראָמען, בירגער=קריג, מיליטערישן קאָמוניזם, מלוכה=קאַפּיטאַליזם אאַז"וו האָבן מיר אַ מאַסע פון כמעט 700 טויזנט נפשות, וואָס מוזן זוכן אָדער דעם וועג אין אַנדערע לענדער אָדער נייע פרנסות אין רוסלאַנד גופא. 700 טויזנט נפשות נאָר פון הענדלער און קרעמער! מיר וועלן נאָך ווייטער שמועסן און מיר וועלן זען, אַז אויך ביי די בעלי=מלאכות און ביי די אַרבעטער איז די לאַגע גאָרניט גלענצנד. על=כל פנים, דאָס קענען מיר שוין מיט זיכערקייט זאָגן: די דאָזיקע איבעריק געוואָרענע הענדלער און קרעמער קענען בשום=אופן זיך ניט ריכטן אין די נאָענטסטע יאָרן צו קריגן אַן אָרט אין דער האַנטווערקעריי אָדער אין דער פאַבריק. דאָס איז אויסגעשלאָסן, מחמת די האַנטווערקער און אַרבעטער לעבן אויך איבער אַ שרעקלעכן קריזיס.

ערד=אַרבעט? דאָס איז אַוודאי אַ גוטע זאַך, אָבער אַ צו טייערע. דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט ניט, און לאָמיר זיך בעסער אין דעם

פֿרט ניט נאַרן, צו קאָלאָניזירן אַפֿילו אין רוסלאַנד גופֿא צענדליקער טויזנטער יידישע משפחות: דאָס איז אַ שעדלעכע פֿאַנטאַזיע, וואָס וועט אונז נאָר פֿאַרפֿירן אויף פֿאַלשע וועגן.

דעריבער איז אַזוי פֿאַרשטענדלך, וואָס מען לויפֿט פֿון רוסלאַנד, הגם מען ווייס, אַז אַלע טויערן זיינען כמעט פֿאַרשפּאַרט. דער אָדעסער און קיעווער, זשיטאָמירער און טשערניגאָווער, האָמלער און מינסקער ייד ווייס זייער גוט, אַז אין אַמעריקע איז די קוואָטע פֿאַרן היינטיקן יאָר פֿאַרפֿולט; ער ווייס, אַז אין רומעניע און פּוילן האָבן די אַנטלאָפֿענע אויסצושטיין געברענטעליידן; ער ווייס, אַז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל שטאַרבט מען פֿון הונגער און פֿון מגפֿות; ער ווייס, אַז קאַנאַדע און אַרגענטינע זיפּן איבער די עמיגראַנטן און קלייבן אָפּ נאָר יידן מיט גרויסער גבורה, און אַז ער וועט געוויס ניט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. ער ווייס, אַז עס שטייט אים פֿאָר אַ דערגער־וועג, וואָס קען אים איננאַנצן אומבערענגען — ער ווייס דאָס אַלץ און שטייט דאָך וואָכנווייז אין די ביוראָס, וואו מען גיט אַרויס פּאַספּאָרטן און בעט אַן אויסלענדישן פּ־ס.

ער פֿאָרט! וואוהין? — דאָס ווייס ער אַליין ניט! אויף וואָס פֿאַר אַ גרונט? — אָן אַ שום גרונט! וואָסערע האָפֿענונגען האָט ער? — יידישע עקשנות און יידישע אמונה אין זיך! סטייטש, נאָך וואָס זשע פֿאָרט ער? אַ ברירה האָט ער?!

אָט אָ דער „אַ ברירה האָט ער!" באַשליסט דעם גורל פֿון הונדערטער טויזנטער יידן, וועלכע רייסן זיך אין וועג אַריין. ס'רייסן זיך הונדערטער טויזנטער און עס רייסן זיך אַרויס אַ סך, אַ סך ווייניקער — ווער מאַכט בעסער, צי דער וואָס לאָזט זיך אויף סכנות נפֿשות אין ווייטן וועג אַריין, צי דער, וואָס בלייבט אויפֿן אָרט זיך מוטשען? דאָס איז שווער צו זאָגן. איינס אָבער איז קלאָר: דאָס איבערגיין פֿון אָט די אַלע איבעריק־געוואָרענע הונדערטער טויזנטער יידן צו נייע פּרנסות און אָפּט אויך אין נייע לענדער איז אַ קרענקלעכער, אַ דויערנדיקער פּראָצעס און מוז און וועט געוויס קאָסטן אַ סך קרבנות.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף זיך ניט פֿאָרשטעלן די לאַגע אַזוי, אַז די 700 טויזנט יידן, וואָס וועגן זיי רייד איך, זיצן שוין ביי היינטיקן טאָג אַלע אָן פּרנסה און מוזן אָדער אויסגיין פֿון הונגער אָדער עמיגרירן. אין לעבן קומט די זאַך ניט אַזוי פֿאָר. עס קומט פֿאָר אַ ביסל אַנדערש: דאָרט, וואו עס קען האָבן פּרנסה איין משפּחה, הענגען זיך אָן דריי; דער דלות מאַכט קלוג — און עס געפֿינען זיך נייע פּרנסות: מען ספּעקולירט, מען פֿאַרפֿילט די גרויסע שטעט, וואו מען קויפֿט און מ׳פֿאַרקויפֿט אַלץ, אַבי בּרויט פֿאַר די קינדער אַרויסצורייסן ביים גרויזאַמען גורל.

מענטשן, וואָס קומען פֿון מאָסקווע, גיבּן איבּער שוידערלעכע בּילדער, ווי הונדערטער יידישע יונגעלייט, געזונטע און אפשר אויך פֿעיִקע, פֿאַרפֿילן אַלע גאַסן און שלעפּן יעדן דורכגייער ממש בּיי די פּאָלעס. קויפֿט אָדער פֿאַרקויפֿט! אַלץ איינס וואָס. זיי זיינען קונים פֿון אַלץ און זיי קענען אייך צושטעלן אַלץ, וואָס אייער האַרץ גלוסט נאָר און וואָס אייער פֿאַנטאַזיע פֿאַרטראַכט נאָר. גרויסע בּריות!

און אַלע גרויסע שטעט זיינען איבּערפֿולט מיט אַזעלכע יידן. דאָס יידישע שטעטל קומט ניט צו זיך, שטייט ניט אויף תּחית־המתים. יידן, פֿאַרקערט, ציען זיך נאָך איצט פֿון די קלענערע פּונקטן אין די גרויסע שטעט. און אַזוי ווי קיין געזונטע פּרנסות זיינען ניטאָ אין די גרויסע שטעט; בּעלי־מלאכות זיצן דאָרטן אויך אָן אַרבּעט און צווישן די אַרבּעטער איז אַ שרעקלעכע אַרבּעטס־לאָזיקייט, מוז מען זיך לאָזן אויף די ריזיקאַלסטע געשעפֿטן.

מעג די סאָוועטן־רעגירונג אַרעסטירן אַ פּאָר טויזנט ספּעקו־לאַנטן און ליידיקגייער, גאַסן־שרייער און פּאָלע־שלעפּערס — דאָס וועט ניט אָפּהאַלטן דעם הונגעריקן און פֿאַריאושטן ווייטער צו טרייבּן זיינע פֿינסטערע געשעפֿטן. ס׳זיינען געווען ערגערע צייטן, ווען פֿאַר איין צאַרסקן פֿינפֿערל האָט מען געשאָסן — און דאָך האָט מען געהאַנדלט מיט פֿינפֿערלעך! מען האָט געהאַנדלט, ווייל אַנדערע געשעפֿטן זיינען ניט געווען. אַזאַ טבע האָט שוין דער מענטש, און דער ייד נאָך דאָפּלט: ווייל ער עסן, איז ער גרייט די מיאוסטע זאַכן צו טאָן און אַפֿילו דאָס לעבּן איינצושטעלן.

די רעגירונג וועט גיכער מיד ווערן צו אַרעסטירן, איידער די ספּעקולאַנטן צו ספּעקולירן. די דאָזיקע מכה מוז מען היילן מיט אַנדערע וואַלבן — פון צעקראַצן די וואונד וועט זי ניט פאַר־שווינדן.

מערץ 1924.

דער קולטורעלער חורבן און די יידישע קאָמוניסטן.

ס׳איז שוין געוואָרן ביי די קאָמוניסטן אַ געזעץ, אַז אַלע דריי חדשים שלאָגט מען זיך על־חטא. און אַזוי ווי זייערע עקאָנאָמישע קריזיסן פאַרענטפערן זיי קיינמאָל ניט, נאָר מען גייט איבער צו אַ פרישן קריזיס און מען שרייט אָפּ עטלעכע חדשים אָן פראַקטישע רעזולטאַטן, כדי נאָכדעם צו שרייען וועגן נאָך אַ נייערן און פרישערן קריזיס, אַזוי איז אויך מיט זייער על־חטא זיך שלאָגן. אָט, דוכט זיך, האָט מען שוין פאַרשטאַנען, וויפיל שטותעריי און פאַרברעכן ס׳שטעקט אין דעם פאַרוואַנדלען בתי־מדרשים אין קלובן, האָט מען אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט חדרים און מלמדים; איז מען אויך מיט דעם דורכגעפאַלן און מען האָט זיך אָפּגעשלאָגן על־חטא, האָט מען אָנגעהויבן אַרעסטירן ציוניסטן און העברעיִשע לערער, אאַז״וו, אאַז״וו.

איצט איז די סדרה פון שלאָגן זיך על־חטא שחטאתי באַסימילאַציע.

אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן איז אויפגעשטאַנען אַ יידישער קאָמוניסט, דווקא אַ זון פון אַ כלי־קודש, און האָט דערקלערט, אַז אויף כפרות דאַרף מען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, די גאַנצע יידישע פרעסע מיט די אַלע ספּעציעל־יידישע אינסטיטוציעס. ווייל מען זיין אמת פּראָלעטאַריש, ווייל מען זיך מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה איבערגעבן דעם קאָמוניזם און שוין פאַרווירקלעכן צווישן יידן דעם קאָמוניסטישן אידעאַל, מוז מען פריער פון אַלץ מאַכן אַ סוף צו די דאָזיקע אַלע קליינבירגערלעכע רעשטלעך, ווי די יידישע שפּראַך, יידישע ליטעראַטור, יידישע אינסטיטוציעס וכדומה.

אַפּגעזאָגט — און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון ליק=
ווידירן דאָס ביסעלע יידישע קולטור. און זיי האָבן אין איינע
דריי=פיר יאָר רויִנירט, חרוב געמאַכט דאָס, וואָס די יידישע
אַרבעטער=באַוועגונג האָט מיט אַזוי פיל מי און קרבנות געשאַפן
אין משך פון דרייסיק יאָר.

דער רעדאַקציע פון „עמעס" איז עפּעס ניט געווען צום
האַרצן אָט=דער נייער „ריין=קאָמוניסטישער" קורס, נאָר אַרויס=
טרעטן קענען האָט זי ניט געהאַט קיין מוט. האָט זי אַרויסגע=
שטעלט דאָס שיק=יִינגל פון דער רעדאַקציע, איינעם אַן עם=הארץ
סטרעליק, וועלכער האָט עפּעס געבעלעמעטשעט, אַז ס׳קאָן זיין
טאַקע, אַז מיר האַלטן ביי גסיסה, נאָר כאַפּן זיך שטאַרבן איז
ניטאָ וואָס, אונטערטרייבן דעם טויט איז ניט כּדאי און לאָמיר
בעסער זיצן רויִק און וואַרטן אויפן מלאך=המות.

אינגיכן וועט מען קיין אַמעריקע ברענגען אַ פילם, וואָס מיט
אים וועלן מסתּמא אַרומפאָרן דער ווייך=דזשענטלמענישער בלאָפער
ראַשקעס און דער מנוול כּץ און וועלן ווייזן די אַמעריקאַנער
יידן, ווי די קאָמוניסטישע גבורי=ישראל ראַטעווען דאָס פאָלק
ישראל און מאַכן פּשוט גליקלעך די יידישע אַרבעטער. איך האַלט
דעריבער פאַר פּאַסיק צו דערציילן די יידישע אַרבעטער אין
אַמעריקע, וואָס די דאָזיקע לייט האָבן אויפגעטאָן פאַר דער יידי=
שער קולטור, ווי זיי האָבן געבראַכט אַ גאַנצן דור יידישע אַרבע=
טער צו אַזאַ עם=הארצות, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט געקענט.
איך וועל אַלץ, וואָס איך וועל זאָגן, באַשטעטיקן מיט ציטאַטן
טאַקע פון די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען.

דער גאַנצער אומגליק פון דעם ביסעלע יידישע אַרבעטער,
וועלכע גלויבן נאָך דער „פרייהייט", איז, וואָס זיי לייענען ניט
די צייטונגען, וואָס גייען אַרויס אין רוסלאַנד. די „פרייהייט"=
מנוולים האָבן דאָך קיין מוט ניט מודה צו זיין אין אַ סך זאַכן,
וואָס זייערע חברים אין רוסלאַנד שטאָלצירן מיט זיי.

בשעת דער „עמעס" איז געווען אויפן זיבעטן הימל, וואָס
מען האָט איינגענומען די לעצטע מינסקער בורזשואַזע פעסטונג,
דעם גרויסן בית=מדרש, האָבן די קופּערנע שטערנס פון דער

„פרייהייט" געלייקנט שטיין און בײן; בשעת מען האָט אין רוס־לאַנד געטאַנצט פון שמחה, וואָס מען האָט אַריינגעזעצט עטלעכע מלמדים און אַ פּאָר רבנים אין תּפיסה און מען האָט געקנאַקט לאַנגע אַרטיקלען, וואָס אין זיי האָט מען געוואָרנט די מלמדים און די רבנים, אַז מען וועט זיך מיט זיי ניט צאַצקען, האָבן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע משרתים, וואָס פאַרשטייען אַן עסק און ווייסן וואָס מען דאַרף אין אַמעריקע, געטענהט, אַז פאַרקערט, רבנים און מלמדים האָבן נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזעלכע פעטע יאָרן, ווי בײַ די יידישע קאָמוניסטן; בשעת אין רוסלאַנד האָט מען געשיקט כּמעט טעלעגראַפישע ידיעות פונם יום־כּיפּור־פראָנט, פון די נצחונות, וואָס מען האָט אָפּגעהאַלטן איבער די טליתים־יידן, ווענן די מפּלות, וואָס די בונדיסטן האָבן געכאַפּט, ווען זיי האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף ניט טשעפּען די דאַווענער, און אַלע יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען זיינען געווען פאַרנומען אויסשלים־לעך מיט דערציילן די גבורות, ווי אַזוי קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך געשלאָגן מיט די בית־מדרש־יידן און האָבן זיי גובר געווען, האָבן יענע פאַרקויפטע נשמות, וואָס זיינען געשיקט און אָנגעשטעלט דער־עיקר אויף קלאַפּן מיט דער פּושקע, געלייקנט אַלץ און געהאַט די חוצפּה אײַנצורײדן דעם עולם, אַז די אַלע זאַכן זיינען נאָר אויסגעטראַכטע.

דעריבער זאָג איך: הלוואי זאָלן די טיפּשים פון „פרייהייט" נאָך אַמאָל פאַלן אויף אַזאַ געדאַנק און מיר אָפּטאָן אַ שפּיצל און איבערדרוקן די אַרטיקלען, וועלכע איך וועל ווייטער ציטירן. הלוואי! וועלן טאַקע די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע זען, וויפיל אמת ס'שטעקט אינם מיאוקען פון אַ געדונגענער קאַץ.

אין אַמעריקע זיינען פאַראַן ניט הונדערטער, נאָר געוויס טויזנטער יידישע אַרבעטער, וואָס געדענקען נאָך די קרייזלעך פון דער צייט פון פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע, פון פאַרן 1905טן יאָר. מיר האָבן געהאַט אָט פון די דאָזיקע קרייזלעך אַ סך, גאָר אַ סך ממש געבילדעטע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן נאָכדעם אָנגעפירט די געווערקשאַפטן, די קאָאָפּעראַטיוון, די קראַנקען־קאַסעס און אויך די קולטורעלע אַרבעט. נאָר מסתּמא זיינען שוין פאַראַן

אין אַמעריקע ניט ווייניק יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן איבערגעלעבט אין רוסלאַנד און דער עיקר אין אוקראַינע די צווייטע רעוואָלוציע און האָבן מיט זייערע אויגן געזען, וואָס פאַר אַ ברייטע און וויט־פאַרצווייגטע קולטורעלע אַרבעט ס'האָט זיך אָנגעהויבן. אין אַלע גרויסע שטעט האָבן מיר געהאַט פאָלקס־אוניווערסיטעטן און ס'פלעגט תמיד זיין געפּאַקט — יידישע אַרבעטער פלעגן שלינגען יעדער וואָרט פון לעקטאָר און פלעגן פלייסיק זיך לערנען. יידישע ביכער האָבן זיך געדרוקט אין אַזאַ צאָל, ווי נאָך קיינמאָל ניט און ס'זיינען געווען לייענערס לרוב; ס'האָבן זיך געגרינדעט אין יאָר 1917 און אין 1918 אין אוקראַינע צענדליקער ביבליאָטעקן און מען האָט געכאַפּט אַ יידיש בוך, מען האָט זיך געשלאָגן פאַר אַ נייעם יידישן בוך; און דווקא און טאַקע דער עיקר דער יידישער אַרבעטער! אין קיעוו זיינען אַרויסגעגאַנגען עטלעכע טעגלעכע יידישע צייטונגען, צוויי סאָציאַליסטישע, און יידישע אַרבעטער האָבן געלייענט, האָבן זיך געלערנט, זיינען געוואַקסן אין זייער באַוואוסטזיין, און קיינער האָט זיך ניט געקלאָגט, אַז מען פאַרשטייט גאָר קיין יידיש ניט. די אַרבעטער־קלובן זיינען געווען תמיד געפּאַקט און ס'איז געווען אַ ברויזן פון פרישע קולטורעלע כּוחות — און די גאַנצע אַרבעט איז געפירט געוואָרן אויף יידיש און קיינעם איז גאָרניט געקומען אויפן געדאַנק, אַז אויף יידיש קאָן מען ניט פירן קיין קולטורעלע אַרבעט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ זיינען געווען נאָר אָנהייבן, התחלות, וואָס האָבן ערשט באַדאַרפט זיך צעוואַקסן און וואָלטן געווים געווען זיך ברייט צעוואַקסן. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָגראָמען האָבן חרוב געמאַכט אַ סך אינסטיטוציעס און פאַרהאַלטן דעם קולטורעלן אויפבלי.

אָבער פאַרוואָס האָבן יידישע אַרבעטער זיך אויפגעהערט גאָר צו אינטערעסירן מיט יידישער ליטעראַטור? פאַרוואָס האָבן זיי אויפגעהערט לייענען יידישע צייטונגען? פאַרוואָס קאָן מען זיי בשום־אופן ניט פאַרנאַרן אויף אַ יידישער לעקציע? פאַרוואָס וויכן די יידישע אַרבעטער פון אַ יידישן בוך, פון אַ יידישער לעקציע, פון אַ יידישן קלוב?

ווי איך האָב שוין גאָר אין אָנהייב געזאָגט, האַלט מען איצטער ביי דער סדרה זיך שלאָגן על־חטא שחטאתי באַסימילאַ־ציע. זאָגט מען איצט אויס אַ ביסל פון חדר — און אָט וואָס ס'ווייזט זיך אַרויס.

אינם קאָמוניסטישן „וועקער“, וואָס גייט אַרויס אין מינסק, שטייט געשריבן אינם נומ׳ 249:

„ס'איז געווען אין מינסק אַ צייט, ווען אַ פאַרלעזונג אויף עפּעס אַ טעמע, באַזונדערס וועגן ליטעראַטור און שפּראַך, פלעגט צוציען אַ גרויסע צאָל צוהערער, און בפרט נאָך, אַז דער לעקטאָר איז געווען פון די אָנגעזעענע טוער, האָט זיך אין שטאָט קיין זאַל ניט געפונען, וואָס זאָל קאָנען אַריינגעמען אַלע נייגעריקע און דאָרשטיקע. דעמאָלט האָבן מיר געהאַט גאַנץ קליינע מעגלעכקייטן אויפן געביט פון קולטור־אַרבעט. מיר האָבן ניט געקאָנט אויסנוצן ניט דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט, ניט די מלוכה־מיטלען.

„היינט זיינען אונזערע מעגלעכקייטן פאַרגלייכנדיק גראַנדיעז. מיר האָבן די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן דעם שטודיום פון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע. מיר פאַרמאָגן אַ יידישע סעקציע ביים ווייס־רוסישן מלוכה־אוניווערסיטעט, און ביי אַזעלכע מעגלעכקייטן ווערן די פאַרלעזונגען פון די אויבנדערמאָנטע וויסנ־שאַפטן באַזוכט דורך אַ מאַסע פון... דריי מיידלעך“.

אָט דאָס איז אַ גרוס פון דער קולטורעלער אַרבעט אין מינסק, אין אַ שטאָט, וואו נאָך אין 1920טן יאָר האָט דער שריי־בער פון די דאָזיקע שורות תמיד געהאַט געפּאַקטע גרויסע זאַלן אויף זיינע לעקציעס און דאָס זעלבע איז געווען אויך אויף די לעקציעס פון אַלע לעקטאָרן, וועלכע זיינען דאָרטן אַרויסגעטראָטן. אין מינסק, אין צענטער פון יידישער קולטור, וואו די אַסימילאַ־ציע האָט כמעט ניט אָנגערירט די מאַסן, וואו ס'האָט תמיד שטאַרק געשלאָגן דער דופק פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואו ס'זיינען געווען אַזעלכע טיפע און זאַפטיקע יידישע קולטורעלע וואָרצלען, וואו די טראַדיציעס פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען זיינען געווען אַזוי פעסט און רייך — אין מינסק קומען אויף לעקציעס וועגן יידישער ליטעראַטור קוים דריי מיידלעך!

נאָר לאָמיר גיין ווייטער. די צייטונג „קאָמוניסטישע פאָן“, וואָס גייט אַרויס אין קיעוו, ברענגט אין נומער 15 פון הייניקס יאָר אַן אַרטיקל פון איינעם פון די בעסטע יידישע לערערס, פון ליפע רעזניק. אָט וואָס דער דאָזיקער לערער, אַליין אַ קאָמוניסט, שרייבט:

„שוין יאָרן, אַז מען דרוקט קיין יידיש ביכל ניט, אונזערע פאַרלאַגן זיינען „רעאַלע פאָליטיקער“ און קיין קלאַסיקער פון ליטעראַטור דרוקן זיי ניט, אויב ס'איז ניט קיין „זאַדאַטשניק“. און דאָס, וואָס זיי דרוקן, באַהאַלטן זיי אויפן בוידעם. ס'האָט קיינער פון אונזערע פאַרלעגער און קולטור-טוער זיך קיין ריר ניט געטאָן צו דערלאַנגען דעם בוך דעם לייענער, און אויף די ערטער האָט שוין יעדער גימנאַזיסט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט קולטורעלער אַרבעט, פאַרלייגט די עטלעכע יידישע ביכלעך, וואָס זיינען געווען אין ביבליאָטעק, ווייל: „קיינער פאָדערט זיי ניט, די זשאַרגאָנישע ביכער“. האָט זיך דער אַרבעטער און דער מיטעלער לייענער פשוט אָפּגעוווינט פון לייענען. שוין צען יאָר, אַז אין שטאָט און שטעטל איז מענדעלע און שלום-עליכם ניטאָ — קומען די, וואָס דאַרפן קומען, און פון אַדעם האָט זיך דאָס אָנגעהויבן — און זאָגן, אַז מען דאַרף ניט די יידישע ליטעראַטור, אַז קיינער דאַרף זי ניט, שוין בעסער זי פאַרברענען“.

דער ערלעכער קאָמוניסט רעזניק הייבט דאָ אויף אַ ביסל דעם שלייער — יידישע ביכלעך האָט מען אָנגעהויבן פאַרלייגן אויפן בוידעם, מחמת קיינער דאַרף ניט קיין „זשאַרגאָנישע“ ביכער און פון אַדעם איז אַרויס די נייע תורה, אַז די יידישע ליטעראַטור מעג מען פאַרברענען, קיינער דאַרף זי ניט.

וואָלט דער לערער און פּאָעט רעזניק זיך אַ גראָב געטאָן טיפער, וואָלט ער פאַרשטאַנען, אַז ניט די גימנאַזיסטן, וואָס פאַרלייגן די „זשאַרגאָנישע“ ביכער, און ניט די אַדעסער גראָבע יונגען, וועלכע האַלטן שוין ביי פאַרברענען די יידישע ליטעראַטור, זיינען שולדיק אינם קולטורעלן חורבן — די סיבות זיינען אַ סך טיפער און די שולדיקע זיצן אַ סך העכער.

אין נומער 286 פון „עמעס" פון פאָריקן יאָר שרייבט איינער שלום לעווין, אַן אַלטער פּראָלעטאַרישער טוער, אַמאָל געווען אַ בונדיסט און איצט איז ער, ווייזט אויס, אַ קאָמוניסט:

„יאָרנלאַנג האָבן מיר שטאָלצירט מיט אונזער יידישער שפּראַך. אויף דער דאָזיקער שפּראַך האָט דער יידישער אַרבעטער דורכגעמאַכט זיין גרויסן וועג פון קאַמף. וועלכע קוואַלן פון באַגייסטערונג דאָס זיינען געווען! זי איז געווען אַ לעבנס-נייטיקייט ביים יידישן אַרבעטער און דערפאַר טאַקע האָט ער זיך מוסר-נפש געווען פאַר זיין פּרעסע: אומלעגאַלע דרוקערייען געהאַט, געלעגן וואָכן און חדשים אונטער דער ערד און געשאַפן דאָס נייע וואָרט. דער יידישער אַרבעטער האָט געלייענט, געוואָלט לייענען און האָט פאַרשטאַנען וואָס ער לייענט און דווקא טיף פאַרשטאַנען. די ברייטע יידישע מאַסן פלעגט הערן און פאַרשטיין די שיינע אינהאַלטלעכע רעדעס און פאָרטראָגן פון אונזערע איצטיקע און געוועזענע פירער. פרעגט זיך אַ קשיה, פון וואַנען איז דאָס געקומען אַזאַ „רעאַקציע"? איבער וועלכע סיבות האָט דער יידישער אַרבעטער מיט אַמאָל אָנגעהויבן כלומרשט „פיינט" צו האָבן זיין שפּראַך, ניט לייענען און ניט פאַרשטיין זיין פּרעסע.

„דער ענטפער איז אַ גאַנץ פּשוטער: מיר זיינען פאַר די לעצטע יאָרן אַ ביסל אָפּגעשטאַנען, געוואָרן אַ ביסל, מען מוז זאָגן דעם אמת, עם-הארצותדיק: די אַלגעמיינע כוואַליע האָט אונז פאַרפלייצט אַזוי, אַז מיר האָבן ניט באַמערקט, ווי אין אייניקע ערטער זיינען מיר אַזוי אַנאַלפאַבעטיש, אַז ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן. וואָס איז שולדיק די שפּראַך, וואָס מיר זיינען אומוויסנד?"

און דער אַוטאָר פון אַרטיקל קומט צום טרויעריקן אויספיר:

„ס'איז אַ שאָד, וואָס אונז קומט אויס איבעראַנייס אָנהייבן פון „אלף-בית". מיר זיינען דאָך שוין געווען אַזוי ווייט פאַ־גאַנגען... נאָר וואָס קאָן מען העלפן? קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ".

נאָר אַן אַרבעטער קאָן אַזוי ערלעך, אָפנהאַרציק, אמתדיק און אָן דריידלעך שרייבן און אויסזאָגן פון חדר. די קאָמוניסטישע

אינטעליגענץ שפּייט זיך אין פּנים און מאַכט מיט דער בלאָטע גלייך דעם העראָישן פּעריאָד פון „בונד"; די יידישע קאָמוניסטישע אינטעליגענץ וואָלט זיך בעסער אַ מעשה אָנגעטאָן, איידער גאָר זאָגן, אַז זי האָט געשעפּט רעוואָלוציאָנערן מוט פון דער יידישער ליטעראַטור און האָט דערצויגן אַ גאַנצן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־דור אויף דער דאָזיקער פּשוטער יידישער ליטעראַטור. אַן אַרבע־טער אָבער וויים פון קיין חכמות ניט און דערציילט מיט הארץ, אַז מען איז שוין געווען גאַנץ וויים, גאָר אויף אַ פיינער מדרגה פון קולטורלער אַנטוויקלונג; מען האָט שטאַרק ליב געהאַט די יידישע שפּראַך, די יידישע פּרעסע, די יידישע ליטעראַטור און מען האָט פאַרשטאַנען, „טיף פאַרשטאַנען", נאָר איצט מוז מען נאָך אַמאָל אָנהייבן פון אָנהייב, אָנהייבן פון „אלף־בית". און דער אַרבעטער שלום לעווין ענטפערט: „די אַלגעמיינע כוואַליע האָט אונז פאַרפּלייצט". דער טייטש פון די ווערטער איז אָט וואָס: מען איז פּלוצלונג געוואָרן אַסימילאַטאָרן; אויפגעהערט גלויבן אין יידישן וואָרט און פאַרסמט די נשמה פונם יידישן אַרבעטער מיט אָט־דעם דאָזיקן אינטעליגענטישן סם. און איצט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מען איז גאָר קרח מכאן און קרח מכאן, ניט קיין יידיש און ניט קיין רוסיש, פּשוט גראָבע יונגען.

אָט שרייבט אין „עמעס" נומער 209 פון פאַריקן יאָר אַן אָנגעזעענער קאָמוניסט ל. בער:

„די יידישע מאַסן האָבן זיך פאַר די זעקס יאָר פון דער רעוואָלוציע ניט נאָר ניט דערנעענטערט צו אַסימילאַציע, נאָר זיי האָבן זיך אויף זעקס יאָר דערווייטערט פון איר. ווייל אַסימילירן זיך, איבערנעמען און איבערקאָכן אַ צווייטע קולטור קאָן נאָר אַ קולטורעלער עלעמענט. די יידישע מאַסן זיינען קולטורעל אָפּ־געשטאַנען, זיי זיינען געוואָרן גוואַלדיק פּאַסיוו, זיי האָבן זיך אָפּגעוויינט פון אַ בוך, זיי לייענען גאָרניט, ניט קיין יידיש, ניט קיין רוסיש".

דאָס ווערט געשריבן וועגן וויטעבסק, וועגן אַ שטאָט, וואו ס'איז ניט געווען קיין איין יידישער פּאָגראָם, וואו ס'זיינען ניט געווען קיין שום עוואַקואַציעס, וואו אַלע אינסטיטוציעס זיינען

געבליבן גאַנץ, אַלזאָ, וואו דער קולטורעלער חורבן איז אויס־שליסלעך דער פאַרדינסט פון די יידישע קאָמוניסטן, וואו די גוואַלדיקע פּאַסיווקייט פון די יידישע אַרבעטער און די גוואַלדיקע עם־הארצות זיינען אויסשליסלעך אַ רעזולטאַט פון דער קולטור־פּאָליטיק פון די יידישע קאָמוניסטן.

אין „עמעס” נומ׳ 279 פון פאָריקן יאָר דערציילט דער קאָמוניסט קיפּער, אַז „אין מאָהילעווער יידישער ביבליאָטעק איז פאַראַן ניט מער ווי 26 אַרבעטער־לייענער פון יידישער ליטעראַ־טור און אין האָמלער יידישער ביבליאָטעק איז אויך ניטאָ מער קיין יידישע אַרבעטער־לייענער”.

אין אַמעריקע זיינען פאַראַן געווים הונדערטער יידישע אַרבע־טער פון די נאָר־וואָס דערמאָנטע צוויי שטעט און זיי געדענקען מסתמא, וויפיל יידישע אַרבעטער זיינען געווען אָרגאַניזירט אין די אַמאָליקע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און ווי שטאַרק די דאָזיקע אַרבעטער זיינען געווען צוגעבונדן צו דער יידישער שפּראַך און צו דער יידישער ליטעראַטור. און איצט לאָזט זיך אויס, אַז אין די דאָזיקע ביידע שטעט זיינען קוים דאָ פופציק לייענער פון יידישע ביכער!

פונוואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ באַציִונג צו יידיש?

אָט זיינען תשובות: אין „עמעס” נומ׳ 232 פון פאָריקן יאָר ווערט דערציילט:

„יידישע קאָמוניסטן זיינען דאָ אין שטעטל גאַנץ ווייניק. די הויפּט־אַרבעטער אין שטעטל זיינען די קאָמסאָמאָלצעס. אָבער יענע, ווי נאָר זיי קומען אַריין אין יוגנט־פאַרבאַנד, אַזוי הערן זיי אויף צו ריידן יידיש, הגם קיין רוסיש קאָנען זיי ניט. פאַרשטייט זיך, אַז קיין ערנסטע אַרבעט קאָן ניט געפירט ווערן און ס׳פירט זיך טאַקע ניט. דער עולם גייט צו זיי ניט, ווייל ער פאַרשטייט זיי ניט”.

מיינט איר אפשר, אַז אַזוי איז נאָר אין די קליינע שטעט־לעך? איז אָט וואָס ס׳דערציילט דער קאָמוניסט קיפּער ווענן דאָמעל אין „עמעס” נומ׳ 269:

„דאָס יוגנט־קעמערל פון שניידער־פאַראיין פייערט אַ יובילײ, שרייבט מען צום יובילײ אַן אינסצענירונג. די אינסצענירונג איז געשריבן אין רוסיש, אַ צעקאַלעטשעטער, געהרגעטער רוסיש. די אינסצענירונג שפיגלט אָפּ פאַרשיידענע פעריאָדן פון קאַמף. איין טייל איז געווידמעט דעם קאַמף מיטן „יוגנט־בונד". דאָס בילד איז אַזאַ: דער פאָרשטייער פון „יוגנט־בונד" טרעט אַרויס אויף יידיש; דער פאָרשטייער פון „יוגנט־פאַרבאַנד" טרעט אַרויס אין אַ צעקאַליעטשעטן רוסיש (דאָך רוסיש!). די פאָרשטעלונג האָט אויף אַזאַ מין אופן דעם ציל צו דערווייזן ניט נאָר, אַז דער „יוגנט־בונד" איז שלעכט, נאָר די הויפּט־זאַך, אַז דער „יוגנט־בונד" רעדט יידיש און מיר, קאָמוניסטן, ריידן רוסיש!"

איצט באַשרייבט מען דאָס אין „עמעס", מען רייסט אויף זיך די האָר, מען רייסט קריעה און מען שלאָגט זיך על־חטא. אָבער וועמען טוען דען נאָך אָט־די יונגע שניידער־קאָמוניסטן? און וועמען טוען נאָך די יונגע בונדיסטן?

פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף זיין נאַיוו צו גלויבן, אַז דער קולטורעלער חורבן איז אַרויסגערופן געוואָרן נאָר פון דעם, וואָס די יידישע קאָמוניסטן האָבן אַ שטיק צייט געהאַלטן ביי שלאָגן כפרות מיטן נאַנצן ביסל יידישער ליטעראַטור. אַזאַ וואָג פאַרמאָגן זיי נאָרניט. די גרעסטע ראָלע האָט געשפּילט דער עקאָנאָמישער חורבן, וואָס האָט געצוואונגען פאַרגעסן אָן אַלע קולטורעלע באַדערפעונישן און האָבן אין זינען נאָר דאָס שטיקל ברויט. אָבער אַ גאַנץ גרויסע ראָלע אינם קולטורעלן חורבן האָט געוויס געשפּילט דאָס, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אָפּגעטויט יעדע זעלבסטטעטיקייט פון די מאַסן, וואָס זיי האָבן פאַרטריבן די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, וואָס זיי האָבן דעמאָראַליזירט די מאַסע מיט אַנטי־יום־כיפור־קאַמפּאַניע און מיט גרינגע נצחונות אויפן פראָנט פון מלקות און הושענות, וואָס זיי האָבן צוגענומען ביים אַרבעטער־קלאַס זיינע בעסטע און קולטורעלסטע טיילן און האָבן זיי געמאַכט פאַר טשינאָווניקעס און אַנגעשטעלטע, פאַר סוחרים און „רויטע קופּצעס", פאַר אַגענטן און מעקלער. זיי

האָבן אָפּגעצאַפּט דעם יידישן אַרבעטער=קלאַס אין רוסלאַנד זיין בעסט בלוט, ווי האָבן צוגענומען זיין מאַרך, ווי האָבן פאַרסמט זיין נשמה און אָפּגעטויט זיין האַרץ!

אָט דאָס זיינען די פאַרדינסטן פון די יידישע קאָמוניסטן אויפן געביט פון קולטור אין רוסלאַנד און אין אוקראַינע!

מערץ 1924.

צי איז מעגלעך אַ רעפּובליק פאַר ייִדן אין דרום-רוסלאַנד.

מיר ווינען אַזוי אָרעם מיט גוטע, ווירקלעכע פאַקטן אין אונזער לעבן, אַז ס'איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס מיר זוכן פאַנטאַזיעס, כדי כאָטש אַ ביסל צו מאַכן שענער די טרויעריקע ווירקלעכקייט.

די לאַגע אין רוסלאַנד איז ממש לאחר-יאוש; הונדערטער טויזנטער ייִדן לעבן פון ווינט; ווייסן היינט ניט וואו זיי וועלן מאָרגן אויף ברויט פאַרדינען, שטעלן איין זייער לעבן אַבי די קינדער צוגעבן אַ טרוקן שטיקל ברויט — און אויך די דאָזיקע וויסטע, פינסטערע פרנסות לאָזן זיך אויס. הונדערטער טויזנטער ייִדישע אַרבעטער און בעלי-מלאכות האָבן ניט וואָס צו טאָן; זיצן חדשים-ווייז אָן אַרבעט; וואַרפן זיך אויף די לופט- און ווינט-פרנסות פון זייערע קרובים און שכנים, נאָר זעען באַלד, אַז דאָס איז קיין תכלית ניט, אַז אַפילו קיין ברויט קען מען פון די דאָזיקע שווינדלערישע און ספּעקולאַנטישע פרנסות ניט האָבן און פאַלן אַריין אין יאוש.

ווער עס טראַכט זיך ערנסט אַריין אין דער דאָזיקער אומגעהייערער נויט פון כמעט דריי מיליאָן רוסישע ייִדן, דער מוז קומען צו אַן אויספיר — עמיגראַציע! גרויסע מאַסן ייִדן האָבן קיין שום האָפענונג ניט אין די נאָענטסטע יאָרן צו געפינען באַשעפטיקונגען אין רוסלאַנד — דאָס איז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן! ניט די הענדלער און סוחרים, ניט די זעלבשטענדיקע בעלי-מלאכות און אויך ניט די אַרבעטער — קיינער פון די דאָזיקע קלאַסן קען זיך ניט ריכטן, אַז נאָר אינגיכן זאָל אין זיין בראַנזשע אָדער פאַך דער קריזיס איבערגיין און פרנסה זאָל זיין גענוג פאַר אַלע.

דעריבער איז אַזוי פאַרשטענדלעך, וואָס יידן זיינען גרייט אויף די גרעסטע ליידן, אויף די גרעסטע וועג־צרות און וועג־מאַטערנישן, אַבי זיך אַרויסרייסן פון רוסלאַנד, אַבי זיך צושלאָגן צו אַ לאַנד, וואו מען קאָן אָנהייבן בויען אַ פעסט לעבן, אַ רויק און זיכער לעבן.

אָט איז אַ בילד ממש פון לעבן אַרויסגענומען: שטייען הונדערטער יידן, יונגע און אַלטע, הענדלער און אַרבעטער, בעלי־מלאכות און ליידיק־גייער. מען שטייט און מען טרוימט וועגן באַקומען גיכער אַן אויסלענדישן פּאַס. קומט אונטער אַ פּאָר־שטייער פון „יידנעזוקאָם", פאַרפירט אַ שמועס מיט די הונדער־טער יידן און דערציילט זיי די לאַגע, די אמתע לאַגע, פון די יידישע עמיגראַנטן: קיין אַמעריקע לאָזט מען ניט אַריין; אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל וואַלגערט מען זיך יאָרן, ביז מען באַקומט אַ מעגלעכקייט ערגעץ אָפּצופאָרן, מען הונגערט, מען שלאָפט אונטערן הימל, מען ווערט פאַרשמוציקט, מען נעמט זיך אָן מיט פאַרשיידענע קלעפּיקע קרענק, אַ סך שטאַרבן אָדער בלייבן אויף אייביק קראַנקע, אאַז"וו, אאַז"וו.

ער האָט געמאָלט דווקא אמתע בילדער. נאָר ער האָט קיין שום איינדרוק אויף די יידן ניט געמאַכט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע פּשוטע יידן ווייסן זייער גוט, וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט; יעדער פון זיי האָט עטלעכע בריוו פון קרובים און באַקאַנטע און ווייס זייער גוט פון אַלע פּלאָגן און מאַטערנישן — און דאָך ווילן זיי פאָרן!

ס'קאָן זיך אויסדוכטן, אַז די דאָזיקע מענטשן זיינען קראַנק אָדער משוגע — אין דער אמתן זיינען זיי געטריבן פון אַ געזונטן אינסטינקט, פון דעם לעבנס־אינסטינקט, וואָס ביים יידן איז ער טאָפּלט און אפשר דרייפאַך שטאַרקער, ווי ביי אַלע אַנדערע פעל־קער. פריער פון אַלץ וויל אַ ייד לעבן — און אין משך פון זיינע גלות־יאָרן האָט זיך שוין ביי אים אויסגעאַרבעט אַ באַזונדער חוש, אַ אינסטינקט, וואָס העלפט אים דערשפּירן אויף אַ ווייטן היסטאָ־רישן שטח די אָנקומענדיקע ערד־ציטערניש; וואָס העלפט אים

פילן אין פאַראוים וואַסער אַ וועג עס פירט צו לעבן און וואַסער צו טויט.

אַט קומען איצטער שוין אָן ידיעות פון אַלע לענדער, וואָס ליגן נאָענט צו רוסלאַנד, אַז מען רייסט זיך איבער די גרענעצן — דאָס רייסן זיך די עמיגראַנטן, וועלכע קענען ניט באַקומען ביי דער סאָוועטן־רעגירונג קיין אויסלענדישע פּעסער. און מיר מוזן זיין גרייט היינטיקן זומער צו אַ גרויסער כוואַליע עמיגראַנטן, צו אַ גאַנץ גרויסער כוואַליע יידישע עמיגראַנטן, וואָס זיינען גרייט אויף אַלע קרבנות, אַבי זיך אַריבערכאַפּן אין איינעם פון די אַמע־ריקאַנער לענדער. זיי ווייסן, אַז אין רומעניע אַרעסטירט מען און מען פּייניקט; אַז אין פּוילן שלאָגט מען און מען מאַכט חוזק; אַז אין לעטלאַנד שינדט מען די הויט און מען באַנעמט ביז דער לעצטער העמד — זיי ווייסן דאָס אַלץ און דאָך פּאַרקויפן זיי אוים זייערע בעבעכעס, שטעלן איין זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע קינדער און מען לאָזט זיך אין מדבר־וועג.

ביי אַזאַ מין הונגער און נויט איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַ גע־וויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד זאָל זיך פּרווון געפינען נייע פּרנסות אויפן אָרט, נייע קוואַלן פון חיונה אין רוסלאַנד גופא.

אַזאַ פּרווו איז, ווי מיר זאָגן, אַ נאַטירלעכע זאַך און דאַרף אוודאי באַגריסט ווערן. וויל מען אָבער דעם דאָזיקן פּרווו אַרומ־וויקלען מיט אַזויפיל פּאַנטאַזיעס, אַז די זאַך איינגאַנצן קאָן נאָר דערפון שטאַרק ליידן.

וואָס קומט פאַר אין רוסלאַנד? יידן האָבן זיך גענומען צו ערד־אַרבעט. ווער עס קען באַקומען אַ שטיקל ערד ביי זיך אין שטעטל, פאַרזייט אַ גאָרטן, פאַרפלאַנצט אַ סאַד און סטאַרעט זיך צו מאַכן דאָס שטיקל ערד פאַר אַ קוואַל פון פּרנסה. אַזוי ווי אָבער אויף די ערטער איז פאַראַן זייער ווייניק פרייע ערד, האָבן יידן אָנגעהויבן זוכן ערד אין די ווייטערע גובערניעס, וואו עס שטייען ניט באַאַרבעטע גרויסע שטרעקעס ערד.

פאַר אַזעלכע גובערניעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין אוקראַינע אַדעסער און קאַטערינאָסלאַווער גובערניע און קרים.

זיינען די דאָזיקע ערטער אינגאַנצן פריי פון איינוואוינע־
פאַרשטייט זיך, אַז ניט! אין די צוויי דערמאָנטע גובערניעס דער=
גרייכט די באַפעלקערונג ביז זיבן מיליאָן און אין קרים ביז דריי=
פערטל מיליאָן. אין די צוויי גובערניעס מאַכן אוים די מערהייט
אוקראַאינער, נאָך זיי גייען רוסן און אויפן דריטן אָרט יידן; אין
קרים מאַכן אוים די מערהייט טאָטערן, נאָכדעם קומען אוקראַאינער,
אויפן דריטן אָרט רוסן און אויפן פערטן אָרט קומען יידן.

וויפיל=זשע איז פאַראַן פרייע ערד אין די אַלע דערמאָנטע
ערטער? אין די צוויי גובערניעס — בערך דריי מיליאָן דעסיאַטין,
און אין קרים איין מיליאָן דעסיאַטין. און ווער פאָדערט דאָס
רעכט אויף דער דאָזיקער ערד? וואָסערע קאָנקורענטן האָבן יידן
אויף דער דאָזיקער פרייער ערד? אָט דאָס איז דאָך איינע פון די
וויכטיקסטע פראַגן. וואָרעם ביי אונז אין דער פרעסע האָט מען
די זאַך אַזוי פאָרגעשטעלט, אַז אין אוקראַאינע פוסטעווען מיליאָנען
דעסיאַטינעס ערד, די רעגירונג זוכט אויף איר אַ בעלן, און אַזוי
ווי יידן זיינען גרויסע קבצנים און מען מוז געפינען פאַר זיי חיונה
און יידן האָבן אין אויסלאַנד רייכע קרובים, איז דער שידוך ווי
אָנגעמאָסטן: די קרובים פון אויסלאַנד וועלן געבן געלט, די רוסי=
שע יידן שוויים און אַרבעט און די רעגירונג ערד, פרייע ערד,
וויפיל מיר וועלן נאָר וועלן.

דאָס איז אָבער פאַלש ביזן סאַמע גרונט! אויף דער פרייער
ערד זיינען פאַראַן זייער אַ סך בעלנים — אַ סך בילכערע, נייטי=
קערע, מער באַרעכטיקטע אויף איר, פעיקערע און גענייטערע.

ווער זיינען די דאָזיקע בעלנים? ערשטנס, אוקראַאינישע פויערים
פון די נאָענטע גובערניעס. אין פאָדאָליער גובערניע זיינען פאַראַן
אַ סך אויעזדן, וואָס נאָכדעם ווי מען האָט שוין צעטיילט די
פריצישע ערד, איז דאָך אָנגעקומען אויף אַ נפש ניט מער פון
אַ האַלבער דעסיאַטין ערד. אָט פון די דאָזיקע אויעזדן שטייען
גרייט צענדליקער טויזנטער פויערים איבערצופאָרן אין די שכנישע
גובערניעס און באַקומען אַ חלק ערד פון דעם מלוכה=פאָנד; דאָס
זעלבע איז מיט אייניקע אויעזדן פון קיעווער און וואָלינער גובערניע.
די דאָזיקע פויערים האָבן שוין אייגנטלעך צוזאָגן דערויף פון דער

סאָוועטן=רעגירונג און זיי זיינען שוין פאַרשריבן אין די ערד=קאָמיטעטן אויף צו באַקומען אַ חלק פון מלוכה=פאָנד.

האָבן מיר שוין איין קאָנקורענט. און אָט איז דער צווייטער קאָנקורענט.

צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט די סאָוועט=רעגירונג דורכגעפירט אַ געזעץ, אַז אַלע צוקער=זאַוואָדן מוזן באַקומען געוויסע שטרעקעס ערד אויף זייער בוריקעס. די פויערים, וועלכע האָבן געליטן פונעם דאָזיקן באַפעל, דאַרפן לויט דעם געזעץ ביי דער ערשטער מעגלעכקייט באַקומען ערד פון מלוכה=פאָנד. דאָס באַטרעפט אַרום זעקס הונדערט טויזנט דעסיאַטין ערד. לויטן פּלאַן פון קאָמיסאַריאַט פאַר ערד=אַרבעט אין אוקראַינע דאַרפן אין 1924טן יאָר צעטיילט ווערן אין די אויבנדערמאָנטע גובערניעס ביי 350 טויזנט דעסיאַטין ערד, בערך צען פּראָצענט פון גאַנצן מלוכה=פאָנד. און די ערשטע וועלן געווים באַקומען ערד די נאָר=וואָס דערמאָנטע פויערים, וועלכע האָבן געמוזט אָפּגעבן זייער ערד פאַר צוקער=זאַוואָדן.

אין די קאָמוניסטישע צייטונגען פון אוקראַינע זיינען פאַראַן אַ סך באַשרייבונגען, ווי פויערים באַלאַגערן ממש די ערד=קאָמיטעטן און בעטן, מען זאָל זיי געבן ערד פון מלוכה=פאָנד אין די גובערניעס, וואו אַזאַ ערד איז נאָר פאַראַן. און די רעגירונג וואָלט דאָס געווים באַלד געטאָן, ווייל דערמיט וואָלט זי געמאַכט גרינגער די לאַגע אין די איבערפולטע אָרעמע דערפער פון פּאָדאָליער, קיעווער און וואָלינער גובערניעס — זי וואָלט אָפּגעצווינגן די עמיגראַציע, וואָס גייט איצט פון דאָרף אין שטאָט און שלאָגט אָפּ די בירזשעס און זוכט אַרבעט, נאָר אין אַן אַנדער ריכטונג און וואָלט אויך דערוויזן די פויערים, אַז די סאָוועטן=רעגירונג זאָרגט פאַר זיי — די רעגירונג וואָלט דאָס געטאָן, ווען זי וואָלט געהאַט מיטלען אויף איבערצופירן מיט אַמאָל די דאָזיקע פויערים אויף דער פרייער ערד. די רעגירונג האָט דעריבער אויסגעאַרבעט איר פּלאַן אויף עטלעכע יאָר.

נאָר מיר האָבן נאָך מיט די קאָנקורענטן ניט פאַרענדיקט. אָט מעלדן די קאָמוניסטישע צייטונגען, אַז פון סיביר קערן זיך

אום פויערים — און זיי זוכן אויך ערד אין די גובערניעס מיט פרייער ערד. די צייטונגען דערקלערן ניט, וואָסערע סיבות טרייבן די אוקראַאינישע פויערים, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה אויס־געוואַנדערט קיין סיביר אַ פּאָר מיליאָן, צו זוכן דעם וועג צוריק צו דער אַלטער היים. אָבער אַ פאַקט איז דאָס, אַז אַ געוויסער טייל פון די דאָזיקע פויערים האָבן זיך ניט איינגעלעבט אין די סיבירער באַדינגונגען, האָבן זיך אפשר ניט געקאָנט צופּאַסן צום סיבירער קלימאַט און זוכן איצטער אַ מעגלעכקייט זיך איינצואָרדע־נען אויף ערד אין אוקראַאינע, דאָס הייסט, טאַקע נאָך אַ מאָל אין די זעלבע גובערניעס, וואו מען איז שוין גרייט אויפצובויען די יידישע מלוכה.

מיר האָבן ביז אַהער גערעדט וועגן אוקראַאינישע פויערים, וואָס פאָדערן דאָס רעכט אויף דער פרייער ערד פון דרום־רוס־לאַנד, נאָר עס זיינען דאָ, חוץ יידן, נאָך בעלנים. ערשט די טעג איז געווען אין דער סאָוועטישער פרעסע אַ ידיעה, אַז אין ערד־קאָמיטעט פון וויטעבסקער גובערניע זיינען פאַרשריבן מער פון 100 טויזנט פויערישע פאַמיליעס, וואָס האָבן אין וויטעבסקער גו־בערניע קיין ערד ניט באַקומען און דאַרפן איבערגעפירט ווערן אין אַנדערע געגנטן, וואו עס איז פאַראַן פרייע ערד.

דאָס זעלבע איז אין האָמלער גובערניע און אין מינסקער — אויך דאָרטן זיינען שוין פאַרשריבן צענדליקער טויזנטער פויערישע משפחות, וואָס ווארטן אויף ערד פון מלוכה־פאָנד. און די דאָ־זיקע פויערים פון וויטעבסקער, האָמלער און מינסקער גובערניעס און שוין זיכער פון פאָדאָליער און קיעווער גובערניעס ווייסן זייער גוט, אַז אין אָדעסער און קאַטערינאָסלאַווער גובערניעס איז פאַראַן פרייע ערד. אַ סך פון די פויערים פון די אויסגערעכנטע גובערניעס זיינען לאַנגע יאָרן געפאָרן, אָפּטער געגאַנגען אַלע זומער אויף פעלד־אַרבעט קיין דרום־רוסלאַנד. אַ גאַנצער מיליאָן פרעמ־דע פויערים פלעגן יעדער יאָר זומער קומען אין די גובערניעס פון דרום־רוסלאַנד אויף פעלד־אַרבעט — דאָס זיינען געווען די אָרעמע פויערים, וואָס האָבן געהאַט זייער ווייניק ערד ביי זיך אין דאָרף און אין שטאָט האָבן זיי אויך ניט געקאָנט געפינען קיין

אַרבעט. אַ גאַנץ גרויסער פּראָצענט פון די דאָזיקע אָרעמע פּויערים זיינען נאָך אויך איצט, נאָך דער רעוואָלוציע און נאָכן צעטיילן די פּריצישע ערד, געבליבן כמעט אָן ערד און דאַרפן לויטן געזעץ באַקומען אַ חלק אין די גובערניעס מיט פרייער ערד.

מיר זעען, אַז בעלנים אויף ערד זיינען אין רוסלאַנד פאַראַן גענוג, איבערגענוג. איך האָב געזאָגט פריער, אַז בעלנים אויף פרייער ערד זיינען פאַראַן בילכערע ווי יידן. וואָס הייסט בילכערע? אָט וואָס דאָס הייסט: לויטן געזעץ באַקומען די סאַמע ערשטע ערד די, וואָס האָבן געלעבט פון ערד, די, וועלכע זיינען געווען געבונדן מיט ערד. אַז צווישן די יידן, וואָס זוכן איצט אַ מעגלעכקייט צו באַקומען ערד, זיינען פאַראַן זייער ווייניק, טאַקע גאָר ווייניק פּויערים, גאָר ווייניק מענטשן, וועלכע זאָלן קאָנען האָבן פּרעטענזיעס אין דער ערשטער ריי אויף אַ חלק ערד פון מלוכה=פאָנד, פאַרשפּאָרט מען צו זאָגן. דאָס זיינען אָפּט געוועזענע קרעמער, לופט=מענטשן, אין בעסטן פאַל בעלי=מלאכות און אַרבעטער, אָבער ניט ערד=מענטשן, ערד=אַרבעטער.

נאָר לאָמיר לאָזן דאָס געזעץ אָן אַ זייט — אפשר וועט מען יאָ קענען אויספועלן, אַז יידן, ווייל זיי האָבן ביי דער צאַרישער רעגירונג ניט געטאָרט קויפן ערד, זאָלן זיי צונעגליכן ווערן צו דער ערשטער קאַטעגאָריע. איך רעכן, אַז דאָס איז זייער שווער, נאָר לאָמיר זיך פאָרשטעלן דאָס בעסטע. צי קאָן מען אָבער פאַרלאַנגען פון דער רעגירונג, זי זאָל צענדליקער יאָרן האַלטן איר מלוכה=פאָנד פוסט, ניט געבן קיינעם קיין ערד, וואַרטן, ביז יידן וועלן די דאָזיקע שטרעקעס באַזעצן? וואָרום יעדערער, ווער עס וויל ניט פאַנטאַזירן, ווער עס וויל ניט חלומען, נאָר רעאַליסטיש צוגיין צו דער זאַך, מוז דאָך מודה זיין, אַז באַזעצן מיט יידן אַפילו נאָר אַ מיליאָן דעסיאַטין ערד, בערך הונדערט טויזנט משפּחות, מוז געדויערן ניט איין צענדליק יאָר. און וואָסער רעגירונג אין דער וועלט, ווי יידן=פריינדלעך זי זאָל ניט זיין, קאָן זיך ערלויבן לאָזן שטיין פוסט גרויסע שטרעקעס ערד, ווען אונטער דער נאָז, ממש טאַקע אונטער דער נאָז, שטייען הונדערטער טויזנטער קריסטלעכע פּויערים און וואַרטן, און קוקן אַרויס אויף

אַ שטיקל פרייער ערד און האָבן רעכט אויף דער דאָזיקער פרייער ערד?

אַדעסער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס, קרים — דאָס זיינען דאָך ניט ערטער, וואָס ליגן ערגעץ ווייט פון אַ ישוב, אין אַ פאַרוואָרפן וויסטער געגנט. זיי ליגן דאָך עטלעכע שעה פאָרן פון די גובערניעס, וואו קריסטלעכע פויערים באַלאַנגערן די ערד=קאָמיטעטן און פאָדערן, מען זאָל זיי וואָס גיכער געבן זייער חלק ערד.

אויף שאַפן טעאָריעס איז מען ביי אונז קיינמאָל ניט פויל געווען. האָט מען אויך דאָ געמאַכט אַזאַ פשטל: די סאָוועטן=רע=גירונג האָט דאָך קיין געלט ניט, קאָן זי די קריסטלעכע פויערים ניט העלפן זיך אַיינאָרדענען אויף דער פרייער ערד אין דרום=רוסלאַנד; מיר אָבער האָבן דאָך רייכע מומעס און אויך רייכע פעטערס אין אַמעריקע, און אין לאָנדאָן, און אין פאַריז, ווען מיר, הייסט עס, געווים באַקומען גרויסע פריווילעגיעס פון דער רעגירונג און מיר וועלן קענען פרייער קאָלאָניזירן די דאָזיקע פרייע ערד.

ווענן אַ גזער גבירעשאַפט קאָן מען איינריידן פרעמדע מענטשן, און די סאָוועטן=רעגירונג האָט זיך, דוכט זיך, געלאָזט איינריידן. מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז עס איז אַ באָבע=מעשה, אַ זעלבסט=נאַרעריי און אַן אָפנאַרן פרעמדע. די קלענסטע מלוכה איז רייכער פון יידישן פאָלק. פאַרשטייט זיך, יידן גיבן אויס גרויסע סומעס אויף צדקה=זאַכן, נאָר אויף גרויסע פאָלקס=אונטערנעמונגען, אויף רעאַלע אינטערנעמונגען, וואו דער אָפענער אָדער באַהאַלטענער צדקה=מאָמענט פעלט, דאָרטן ווערן מיר אויס גבירים.

נייט אָבער די פראַגע וועגן קאָלאָניזאַציע, מוז מען מודה זיין, אַז וויפיל געלט מיר, יידן, זאָלן ניט שיטן, וועלן מיר זיך אַלץ אַרויסווייזן אָרעמער פון די אָרעמסטע פויערים פון פאָדאָליער אָדער קיעווער גובערניע. און אָט פאַרוואָס: דער אָרעמער קריסט=לעכער פויער קען גיין צופוס קיין דרום=רוסלאַנד; קאָן שלאָפן אונטערן הימל, קאָן גיין נאַקעט און באָרוועס, קאָן עסן אַ טרוקן שטיקל שוואַרץ ברויט, קאָן זיך וואַלגערן חדשים אין פאַלאַטקעס

מיט דער פאַמיליע, קאָן איינשפּאַנען זיך און זיין פאַמיליע און צעאַקערן די ערד, קאָן אַליין אויפשטעלן אַ שטיקל כאַטקע, קאָן פון אַלטע שטיקלעך אייזן אַליין מאַכן אַ גראָב=אייזן און אַ האַק, און דער עיקר, ער ווייס זייער גוט, ווי צו אַקערן, זייען, שניידן, מיסטיקן, האָדעווען בהמות, גיין אַרום אַ פערד, אַאַז״וו, אַאַז״וו.

אָט דאָס אַלץ איז טויזנט מאָל וויכטיקער, ווי די דאָלערס און פונטן, וועלכע וועלן זיך אַ שיט טאָן אויף דער טעריטאָריע פון קרים אָדער אַדעסער גובערניע. יידן זיינען גאָרניט קיין שלעכטע קאָלאָניסטן, וועלן ענטפערן אַ סך. איך האַלט אויך, אַז יידן זיינען גענוג פעיק צו אַגראַר=ווירטשאַפט, און ווען די נויט צווינגט, לערנט מען זיך אויס די שווערסטע אַרבעט. געוויס איז גיט אמת די מיינונג פון די אַנטיסעמיטן, אַז מיר טויגן ניט, אַזוי צו זאָגן, פון נאַטור צו ערד=אַרבעט. דערפון איז אָבער נאָך ניט געדרונגען, אַז מיר זיינען אַזעלכע גוטע קאָלאָניסטן, ווי די אוקראַאינישע פויערים. דאָס איז ניט אמת! יעדערער, ווער עס האָט זיך אינטערעסירט מיט יידישער קאָלאָניזאַציע, וועט מודה זיין, אַז ביי די בעסטע באַדינגונגען מוזן מיר רעכענען, אַז פון דריי יידישע משפחות, וואָס ווערן באַזעצט אויף ערד, וועט בלייבן איין משפחה. אַנדערש געזאָגט, ווען מיר רעכענען צו באַזעצן טויזנט יידישע משפחות, וועלכע זאָלן ביי ערד טאַקע בלייבן און פון ערד ציען חיונה, מוזן מיר לכתחילה די הוצאות אויסרעכענען אויף דריי טויזנט משפחות.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַנדערע פעלקער איז אויך פאַראַן אַ פראָצענט קאָלאָניסטן, וואָס האַלט זיך ניט איין און אַנטלויפט, נאָר ער דערגרייכט ביי קיין פאָלק אין דער וועלט ניט צו אַזאַ גרויסער צאָל, ווי ביי אונז.

יידן קאָלאָניזירן איז די שווערסטע און טייערסטע אונטערנעמונג — און דאָרטן, וואו עס שטייען איינער אַנטקעגן אַנדערן דער אוקראַאינישער פויער און דער יידישער קרעמער, דער פויער, וואָס האָט מער געזעצלעכע רעכט אויף דער ערד, וואָס איז מער מסוגל איבערצוטראָגן כלערליי צרות צוליב אַ שטיקל ערד, וואָס איז געניטער און נעענטער צו ערד=אַרבעט, וואָס קוקט אויף דער

פרייער ערד, ווי אויף זיין איינגנטום, ווי אויף זיין חלק, וואָס די מלוכה איז אים שולדיק, וואָס איז גרייט צו מאַכן אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס צוליב זיין חלק ערד, וואָס וועט זיך טאַקע ניט באַרויִקן, ביז ער וועט סוף־כּל־סוף באַקומען זיין חלק ערד, — ביי אַזאַ מין לאַגע איז דער יידישער קרעמער אַ שוואַכער קאָנקורענט.

און די אַלע שמועסן וועגן אַ טעריטאָריע אין די דערמאָנטע גובערניעס אָדער אין קרים האַלטן מיר פאַר אַ שעדלעכער פאַנטאַזיע, וואָס פאַרדרייט די קעפ און ציט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פוןווירקלעך רעאַלע זאַכן.

און רעאַלע, נוצלעכע אַרבעט, וואָס טראָגט אין זיך אָן אַ שום ספק גוטע רעזולטאַטן, שטייט און וואַרט און בעט זיך ממש.

אין די אַלטע יידישע קאָלאָניעס איז אויסגעהרגעט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג. קומט אויס, לויט די עקסיסטירנדיקע געזעצן, אַז אין די יידישע קאָלאָניעס איז פאַראַן איבעריקע ערד. אויב מיר וועלן גאָר איינגיכן ניט באַזעצן אין די קאָלאָניעס צום ווייניקסטנס טויזנט יידישע משפחות, וועט אַ גרויסער טייל יידישע ערד מוזן איבערגעגעבן ווערן די שכנישע קריסטלעכע פויערים. אַז אין אַ יידישער קאָלאָניע איז אַ סך גרינגער פאַר אַ יידישן קרעמער אָדער בעל־מלאכה זיך באַזעצן און זיך צופאַסן צו ערד־אַרבעט, פאַרשפּאָרט מען דערוויַיזן. אויף צו באַזעצן טויזנט יידישע משפחות מוז מען האָבן מער פון אַ מיליאָן דאָלאַר — אָט דאָס איז אַ רעאַלע זאַך, וואָס מען טאָר ניט פאַרלאָזן, וואָס מען טאָר ניט אָפּלייגן אויף איין טאָג אַפילו, וואָרעם דאָ פאַרלירן מיר באַדינגונגען, וועלכע מאַכן די יידישע קאָלאָניזאַציע אויף אַ העלפט גרינגער.

האָט מען זיך אָבער פאַרדרייט די קעפּ מיט גרויסע פּלענער, מיט ראַטעווען די רוסישע יידן דורך אַ טעריטאָריע — און אויסלאָזן וועט זיך מסתמא, אַז מען וועט די טויזנט משפחות, וואָס מען קען באַזעצן אין די יידישע קאָלאָניעס, אויך ניט קאָלאָניזירן. הלוואי איך זאָל דאָס מאָל בעסער ניט טרעפן; נאָר

עפעם הערן מיר, אַז די דעלעגאַציע פון „אָרט" האַלט נאָך נאָר ווייט פון אַ מיליאָן דאָלער — און „אָרט" האָט דאָך נאָך אַ סך אַנדערע אויפגאַבן און הוצאות, חוץ דאָס באַזעצן די טויזנט יידישע פאַמיליעס אין די יידישע קאָלאָניעס.

און וואָס וועט זיין מיט די צענדליקער טויזנטער יידישע משפחות, וואָס שטייען שוין גרייט מיט די לעצטע בעבעכעס אין די הענט און קלייבן זיך אין וועג אַריין?

אויף דער דאָזיקער נויט איז קאָלאָניזאַציע, אַפילו אין רוסלאַנד, דאָס הייסט, אויפן אָרט, וואו די נויטבאַדערפטיקע געפינען זיך, ניט קיין תירוץ! יידישע קאָלאָניזאַציע — דאָס איז געוויס זייער אַ ראַדיקאַלער מיטל צו דער יידישער נויט, נאָר טאַקע דערפאַר איז דאָס ניט קיין רפואה צו דעם בלאָטער, וואָס האָט שוין אַזוי שטאַרק אָנגעריסן. צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט — מיר וועלן היינטיקן זומער געוויס האָבן אַ נייע כוואַליע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד און מען מוז באַצייטנס זאָרגן, אַז אין די גרענעצלענדער זאָלן זיין קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן וויפיל ניט איז שיצן די עמיגראַנטן און זאָרגן פאַר זיי, אַז די עמיגראַנטן זאָלן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די פילע רויבער, וואָס קוקן אַרום אויפן יידישן אומגליק.

מיר וועלן זיך פאַרנעמען מיט חלומות וועגן אַ טעריטאָריע אין רוסלאַנד, און דערווייל וועלן טויזנטער יידן פאַלן קרבנות אויף די גרענעצן. די טענה, אַז מען מוז ווירקן אויף יידן, זיי זאָלן זיך ניט רירן פון די ערטער, מחמת עס איז ניטאָ וואו צו פאָרן, מחמת די מערהייט אימיגראַציע-לענדער זיינען כמעט פאַרשפאַרט, איז געוויס אַ לאָגישע און אַ ריכטיקע. יידן אָבער ענטפערן דערויף אויך גאַנץ לאָגיש. מיר זאָלן וועלן וואַרטן, ביז מען וועט אונז פאַרבעטן ערגעץ פאָרן, וואָלטן מיר איצטער ניט געהאַט קיין פיר מיליאָן יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ניט קיין 160 טויזנט יידן אין אַרגענטינע און ניט קיין 140 טויזנט יידן אין קאַנאַדע. וואַרטן ווילן מיר ניט, ווייל מיר קאָנען מער ניט וואַרטן!

און אונזערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס וועט אויסקומען זיך צו רעכענען מיט דער דאָזיקער יידישער עקשנות — זיך

לאָזן אין וועג אַריין, נאָך איידער עס איז צוגעגרייט דאָס לאַנד, וואָס וועט זיי אויפנעמען מיט פרייד! אַ ייִד, ווי איך האָב שוין באַמערקט, האַלט שטאַרק פון לעבן און דערצו גלויבט ער אין פסוק פון „משנה מקום משנה מזל‟. לאָזט ער זיך אין וועג אַריין, ניט געפרעגט ביי קיינעם און מיט ווייניקער פחד, ווי מיר, ייִדישע אינטעליגענטן, נעמען דאָס אויף.

די געשיכטע פון די לעצטע פופציק יאָר לערנט אונז, אַז דער אינסטינקט פון די דאָזיקע מאַסן איז טויזנט מאָל קלינגער פון אונזערע אינטעליגענטישע חשבונות און טעאָריעס.

אַפּריל 1924.

וואו זיינען אַהינגעקומען די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד?

מיר האָבן אַמאָליקע יאָרן געפירט לאַנגע דיסקוסיעס, צי קאָנען די יידישע אַרבעטער זיך אינדוסטריאַליזירן, צי נייז, ד"ה צי קומען די יידישע אַרבעטער אַריין אין די גרויסע פאַבריקן און דער עיקר אין די פאַבריקאַציע-צווייגן, וועלכע מען קאָן אָנרופן גרונט-פּראָדוקציעס פון דער מאָדערנער אינדוסטריע. איך וויל איצטער ניט אויפהייבן נאָך אַמאָל די דאָזיקע פראַגע, הגם זי האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט באַקומען איר קלאָרע און גענוג-באַגרינדעטע תשובה. איך וויל דאָס מאָל דערציילן, וואָס איז געוואָרן מיטן יידישן אַרבעטער אין אַ לאַנד, וואו ס'איז כלומרשט שוין פאָרגעקומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואו די מאַכט איז שוין כלומרשט אין די הענט פון פּראָלעטאַריאַט.

„איצט איז געקומען די צייט, אַז יידישע אַרבעטער זאָלן מאַסנווייז אַריינגעצויגן ווערן אין דער גרויס-אינדוסטריע, אין די מעטאַל-פאַבריקן, אין די וואַרשטאַטן פון די באַנען, אין די וואַרשטאַטן פון די שיפן, אין די זאַוואָדן פון מאָסקווע און פעטערבורג, קאַטערינאָסלאַוו און דאָן! גענוג שניידערן און שוסטערן אין די פאַרשטונקענע קליינינטשקע ווערקשטיבלעך; גענוג שטעקן אין די טראַדיציאָנעל-יידישלעכע פרנסות און זיך האַלטן ביי דער גאָדל און אָל — אַרויס פון עקאָנאָמישן געטאָ! אַרויס פון די פינסטערע יידישלעכע לעבער און אין דער ברייטער וועלט אַריין! אין די גרויסע און ליכטיקע זאַוואָדן!"

אָט אַזעלכע רעדעס איז אויסגעקומען צו הערן פון יידישע קאָמוניסטן ווייער אָפט. און זיי האָבן טאַקע אפשר געגלויבט, אַז עס קומט אָן אַזאַ גאָלדענע צייט. וואָרעם ממה-נפשך, קאָן מען

אַ גאַנצע מלוכה, אַ פינסטערע, אָן אָפּגעשטאַנענע, אַ האַלב־ווילדע, כּמעט אָן שטאָטישע איינוואוינער, מיט אַ קליין שיכטעלע פּראָלע־טאַריאַט, קאָן מען אַזאַ מלוכה מיט אַ כּישוף פון קאָמוניסטישער דיקטאַטור איבערקערן אין אַ קאָמוניסטישן גן־עדן, פאַרוואָס זאָל מען ניט קאָנען אַרויסשלעפּן דאָס ביסעלע יידישע אַרבעטער פון זייערע געטאָ־ווערקשטיבלעך און זיי איבערפּעקלען אין די גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן?

וואָס־זשע האָט זיך אויסגעלאָזט פון אַלע די דאָזיקע גרויסע און שיינע האָפענונגען? איז כאָטש עפּעס דערפון מקויים געוואָרן?

ווענן דעם, אַז יידן זאָלן געפינען אַן אָרט אין דער רוסי־שער גרויס־פּראָדוקציע, פאַרהיקעט זיך שוין אַפילו קיין איין קאָ־מוניסט ניט. זיי שרייבן אַליין אין זייערע בלעטער, אַז אויף אַ סך יאָרן מוז מען זיך געזעגענען מיטן דאָזיקן געדאַנק. און ס׳איז נאָר אַ פּשוטער שכל: הונדערטער טויזנטער רוסישע אַרבעטער, וועלכע האָבן צענדליקער יאָרן אָפּגעאַרבעט אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, הויך־קוואַליפיצירטע אַרבעטער מיט אַ סך געניטקייט און פאַך־קענטעניש, דרייען זיך אַרום אָן אַרבעט און וואַרטן מיט גרויס אומגעדולד אויף דער ערשטער מעגלעכקייט צו באַקומען אַן אָרט. אין 1920 און 1921 זיינען די דאָזיקע רוסישע אַרבעטער געלאָפן אין דאָרף אַריין; זיי האָבן גערעכנט דאָרטן באַקומען ערד און נאָר אַזוי פאַרלאָזט זיך די פאַבריק. האָט זיך אָבער אויסגע־לאָזט, אַז צו ערד מוז מען נאָך האָבן אינווענטאַר, אַ שטיקל פלוג, אַ שטיקל פערד, אַ ביסל זריעה אויף פאַרזייען דאָס פעלד, מיסט אויף באַמיסטיקן — האָבן זיי אַ פּאָר יאָר זיך אָפּגעמוטשעט, פאַר־לאָרן יעדער האָפענונג צו באַקומען פון דער מלוכה שטיצע אויף פאַרפירן אַ דאָרפישע באַלעבאַטישקייט און האָבן גענומען לויפן צוריק אין די שטעט אַריין.

און איצט שטייען די דאָזיקע אַלטע געניטע רוסישע אַרבע־טער ביי די טירן פון די פאַבריקן, וואו זיי האָבן אָפּגעאַרבעט אַ סך יאָרן, קוקן אַרויס אויף אַ פרייען פּלאַץ — און ס׳איז קיין שום האָפענונג ניטאָ, אַז אין די נאָענטע יאָרן זאָלן זיי דאָרטן באַקומען אַרבעט.

די גאַנצע עקאָנאָמישע פּרעסע פון סאָוועט=רוסלאַנד שרייבט, אַז די איצטיקע אינדוסטריע, וואָס דערגרייכט בערך איין דריטל פון דער רוסישער אינדוסטריע פון פאַר דער מלחמה, האָט דערלאַנגט די מאַקסימאַלע מדרגה, וואָס הלוואַי זי זאָל בלייבן אויף איר די עטלעכע נאָענטסטע יאָרן. גראָד קומען אָן איצטער ידיעות פון רוסלאַנד, אַז אין אייניקע פאַבריקאַציע=צווייגן, באַזונדערס אין דער שווער=אינדוסטריע, מוז מען מאַכן נאָך פאַרקירצונגען, מחמת אויף די סקלאַדן ליגן שוין גרויסע פּעק סחורות אויף 10 חדשים.

אַלזאָ, די גרויסע פּערספּעקטיוון פון אַריינכאַפּן די יידישע אַרבעטער אין די גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן זיינען אויסגערונען. זיי זיינען שוין אַפילו באַלד אַזוי שטאַרק פאַרגעסן געוואָרן, אַז ווען עמעצער דערמאָנט זיך מיט אַ קרעכץ אָן זיי, לאַכט מען אים אויס אָדער מען שרייט אויף אים אָן, ער זאָל ניט זיין קיין בטלן און ניט אויפמישן קיין בלעטלעך, וועלכע מען האָט שוין לאַנג איבערגעמישט אָדער גאָר פאַרמישט.

צי פאַרמאָגן מיר אָבער איצט כאָטש דאָס ביסל יידישע אַרבעטער, זאָל זיין פון ווערקשטיבלעך, זאָל זיין וואָס שניידערן און שוסטערן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט פאַר דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע?

מיר האָבן ניט קיין ציפער, וואָס זאָלן אונז געבן אַ קלאָרע תשובה אויף דער דאָזיקער פראַגע — די יידישע קאָמוניסטן פאַרנעמען זיך ניט, פאַרשטייט זיך, מיט אַזעלכע קלייניקייטן, ווי אויספאָרשן, צי איז געוואָרן קלענער אָדער גרעסער די צאָל יידישע אַרבעטער. אויפן גרונט אָבער פון די ווייניק מאַטעריאַלן וועגן די יידישע אַרבעטער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס מיר פאַרמאָגן, און אויפן גרונד פון די באַשרייבונגען פון לעבן פון די קליינע שטעטלעך, וואָס דרוקן זיך אין פאַרשיידענע ציייטונגען, קאָן מען קומען צו פאָלגנדיקע אויספירן: אין די קליינע שטעטלעך האָט זיך די צאָל יידישע אַרבעטער פאַרקלענערט אויף אַ העלפט, און אין אַ סך שטעטלעך אַפילו אויף דריי פערטל; אין די גרעסערע שטעט האָט זיך די צאָל יידישע אַרבעטער

פאַרקלענערט אויף אַ דריטל און אין אַ סך פונקטן אַפילו אויף אַ העלפט.

וואוהין זיינען אַוועקגעגאַנגען די יידישע אַרבעטער? וואָס איז פון זיי געוואָרן?

איין טייל האָט זיך זייער גוט אַרויפגעאַרבעט, מאַכט גאָר אַ פיין לעבן, ברענט און סמאַלעט אַ וועלט, גאָר ווי אמתע מנחם-מענדלס. דאָס איז דער טייל, וואָס איז אַוועק אין האַנדל. אין נאָרמאַלע צייטן איז ניט אַזוי גרינג אַ געוויינטלעכן אַרבעטער צו ווערן אַ סוחר, אַ קנאַקער, אַ וועלט-דרייער. מען מוז האָבן קאַפּיטאַלן, מען מוז האָבן סוחרישע קענטעניש, סוחרישע פאַרבינדונגען. גאָר אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע די לעצטע יאָרן אין רוסלאַנד — די בורזשואַזיע איז אין איר גרעסטן טייל געווען פאַרטיליקט. דער האַנדל האָט זיך אָבער קיין איין מינוט ניט אָפּגעשטעלט, דאָס הייסט, דער פּריוואַטער האַנדל האָט ניט אויפגעהערט פונקציאָנירן קיין איין טאָג. און דאָס איז געווען דער גרויסער גליק פאַר רוסלאַנד. אָט די פּריוואַטע הענדלערס, וואָס פלעגן איינשטעלן דאָס לעבן צוליב איבערפירן אַ פוד צוקער, אַ ביסל לעדער, אַ ביסל פאַרמאַציע וכדומה, אָט די דאָזיקע „העלדן" האָבן ביי די ערשטע שטראַלן פון „נעפּ" פאַרכאַפּט די בעסטע פּאָזיציעס. זיי האָבן געהאַט אַ ביסל אָנגעקליבענעם קאַפּיטאַל, זיי האָבן געהאַט די ערשטע פאַרבינדונגען מיטן אָרטיקן און אַפילו מיטן ווייטן מאַרק. אָט די דאָזיקע „העלדן" האָבן די ערשטע אויפגעשלאָגן אָפּענע קראָמען, זיינען געוואָרן אַרענדאַרן פון אונטערנעמונגען, האָבן גענומען אַגענטורן ביי די סינדיקאַטן און טרעסטן אויף איינקויפן רוי-וואַרג און אויך פאַרקויפן די גרייטע סחורות—הכלל, זיי זיינען געווען פון דער געשיכטע, ריכטיקער, פון דער קאָמוניסטישער מאַכט, באַלוינט פאַר אַלע זייערע „העלדישע" קרבנות אויפן ספּעקולאַציע-פעלד אין די צייטן פון מיליטערישן קאָמוניזם.

און מען מוז זאָגן דעם טרויעריקן אמת — צווישן די דאָזיקע „העלדן", וואָס האָבן ריזיקירט מיט זייער לעבן אויפן ספּעקולאַציע-פעלד און וואָס האָבן דערפאַר באַקומען דעם בעסערן חלק פונעם „נעפּ"-גן-עדן, זיינען געווען ניט ווייניק יידישע אַרבעטער.

נאָך טרויעריקער איז, וואָס צווישן די דאָזיקע „העלדן" זיינען גראָד געווען די פּעקערע, די דירעוודיקערע, די דרייסטערע, די אַנטוויקלטערע, אָפּט טאַקע די אַרבעטער, וואָס זיינען אַ סך יאָרן געווען די טרייב=קראַפט אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

פאַרשטייט זיך, ניט נאָר יידישע אַרבעטער האָבן אויסגעטיילט פון זיך אַן עלעמענט, וואָס האָט בעתן מיליטער=קאָמוניזם פאַראייניקט קאָמוניזם, אָדער דינען אין דער רויט=אַרמיי, מיט ספּעקולאַציע. אַזעלכע זיינען אויך געווען צווישן קריסטן — און אויף די וועגן פון דרום=רוסלאַנד קיין מאָסקווע און פּעטראָגראַד האָט מען געקאָנט אין יענע יאָרן טרעפן אַ סך הונדערטער גוט=קוואַליפיצירטע אַרבעטער מיט קאָמוניסטישע פּאַפּירלעך, וואָס האָבן געפירט מאַכאָרקע, צוקער און אַנדערע גוטע זאַכן אין די הויפּט=שטעט אַריין.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז לפי=ערך איז דער דאָזיקער עלעמענט צווישן די יידישע אַרבעטער געווען גרעסער, ווי ביי קריסטן — דער יידישער אַרבעטער האָט געהאַט מער פאַרבינדונגען מיט דער ספּעקולאַציע=וועלט, איז געווען נעענטער צו איר, האָט זיך גרינגער איינגעלעבט אין איר, האָט זיך דעריבער אויך מער אַריינגעצוינגן אין עולם=המסחר, אין הו=הא פון האַנדלען און וואַנדלען און איז טאַקע פאַרבליבן אין דער דאָזיקער ספּעקולאַנטישער וועלט.

וואָרעם מיטן „נעפּ" איז דער פּראָצעס קריסטלעכע אַרבעטער, וואָס האָט שוין זיך ניט אומגעקערט צו זיין האַמער, צו זיין „סטאַנאָק" און זיך געסטאַרעט פאַרבלייבן בעסער אין דער מסחר=וועלט, געווען דאָך קלענער, ווי ביי די יידישע אַרבעטער.

מיר האָבן נאָר אין קורצן געגעבן עטלעכע שטריכן פון דער דאָזיקער ניי=אַרויפגעשוואומענער יידישער בורזשואַזיע פון אַרבעטער=אָפּשטאַמונג — זי שטעלט פאָר אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס פאַר קינסטלערישע ווערק, און מסתמא וועט די דאָזיקע „קאָמוניסטישע" בורזשואַזיע געפינען איר שטייגער=שרייבער, איר שטייגער=מאָלער.

אַ צווייטער טייל יידישע אַרבעטער, וואָס באַשטייט אויך פון
די פעיקסטע און אַנטוויקלטסטע, נאָר אויך פון די בעסטע און פון
די אידעישסטע, זיינען געוואָרן באַאַמטע אָדער „ספּעצן".

אין די פּאָליציי-פּאַרוואַלטונגען, אין די קאָמונאַלע אָפּטיילן,
אין די קאַנטאָרן און ביוראָס פון די טרעסטן און סינדיקאַטן, אין
די קאַנטאָרן פון די גרויסע מלוכה-קראָמען, צווישן די אָנפירער
פון די שטייער-אַמטן, צווישן די אינספּעקטאָרן פון די קאָנטראָל-
קאָמיסיעס, צווישן די אַגענטן פון די מלוכה-אַפּאַראַטן אויף אויפ-
קויפן תבואה און רויוואַרג, צווישן די קאָמיסיאָנערן, וואָס לויפן
אַרום פון איין טרעסט צום אַנדערן, צווישן די פאַרוואַלטער פון
קאָאָפּעראַטיווע קראָמען — הכלל, אויף אָט די אַלע פּלעצער, אין
תוך אַריין ספּעקולאַנטישע און דורך און קליינבירגערלעכע
אָדער גרויס-בירגערלעכע פּלעצער, טרעפט מען זייער אַן אָנגעזע-
ענעם פּראָצענט יידישע אַרבעטער.

אָט אַהער איז אַוועקגעגאַנגען ווירקלעך די סולת, דאָס בע-
סטע און דאָס זאַפטיקסטע פון דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס.

אַלץ, וואָס מיר האָבן אָנגעקליבן אין רעזולטאַט פון דריי-
סיק-יאָריקער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג, איז איינגעשלונגען גע-
וואָרן פון די אויסגערעכנטע קאַנטאָרן און אַגענטורן. מיר האָבן
פאַרמאָגט אין רוסלאַנד אַ גאַנצן דור יידישע אַרבעטער, וואָס
האָבן צוויי צענדליקער יאָרן פאַרבראַכט אין סאָציאַליסטישע פּאַר-
טייען, האָבן באַקומען אַ גאַנץ גוטע פּאָליטישע און קולטורעלע
דערציִונג און בילדונג, זיינען געווען גאַנץ גוט באַקאַנט מיט דער
יידישער ליטעראַטור און ממש פאַרליבט אין אירע בעסטע פאָר-
שטייער און גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר איר ווייטערדיקער
אַנטוויקלונג. די דאָזיקע תלמידים פון די יידישע סאָציאַליסטישע
פּאַרטייען, מיט גוטע און פעסטע טראַדיציעס, זיינען געווען די
אמתע און טאַקע באַרופענע אַרבעטער-אינטעליגענץ, וועלכע האָט
פּאַקטיש די גאַנצע צייט אָנגעפירט דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן
קאַמף פון יידישן אַרבעטער-קלאַס, האָט פאַרשפּרייט קולטור
צווישן די ברייטע אַרבעטער-מאַסן און האָט געדינט פאַר אַ מו-
סטער פון פּאָליטישער רייפקייט, קולטורעלער הייך און סאָציאַ-

ליסטישער אָפּערווילקייט פֿאַר די יונגע אונטערוואַקסנדיקע אַר־בעטער — אָט דעם אינטעליגענץ־קאַפּיטאַל האָבן מיר איינגאַנצן פֿאַרלאָרן.

מיט אמתן אידעאַליזם, מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה האָבן זיך די דאָזיקע בעסטע און מוטיקסטע פֿון יידישן אַרבעטער־קלאַס געלאָזט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין דער רויטער אַרמיי, האָבן געקעמפֿט און געבראַכט גוואַלדיק אַ סך, גאָר־גאָר אַ סך קרבנות. און נאָכן נצחון אויף אַלע פֿראָנטן האָבן זיי זיך אַוועקגעוואָרפֿן געטאָן, זעלבפֿאַרשטענדלעך מיט גוטע כּוונות, אויף די אַלע אויפֿגאַנעוויסנערעכנטע מלוכה־פּאָסטנס, כּדי צו העלפֿן בויען די קאָמוניסטישע מלוכה. ניט זיי זיינען שולדיק, וואָס אויס־געלאָזט האָט זיך, אַז זיי זיינען געבליבן שטעקן אין אַ קליינבירגערלעכן זומפּ, וואָס פֿאַרסמט די נשמה, רייסט אַרויס מיטן וואָרצל יעדן ברעקל אידעאַליזם, מאַכט פּראַקטיש און צוגעבונדן צום ביוראָ, צום קאַנטאָר, הכּלל, צום געשעפֿט, צו דער קאָמיסיאָנעריי, קערט אום סוף־כּל־סוף צום טאַטן און צום זיידן, צו מנחם־מענד־לען און צו ר׳ אָשרן מיט דער לאַנגער און שפּיציקער נאָז.

אָט דאָס אָ טאָרן מיר קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן — אין בעסטן יידישן אַרבעטער שטעקט נאָך אַ שטיק סוחר, אַ שטיק דרייקאָפּ און ס׳ציט אים צום יידישן וואָרצל, און די אַגעו־מור איז פֿאַר אים אַ גאַנץ אָנגענעמע לופֿט. און בפֿרט נאָך דאָרטן, וואו אַן ערשיינונג נעמט אָן אַ מאַסן־כאַראַקטער און די באַדינגונגען זיינען גוטע, און דער שלייער, וואָס אונטער אים קערט מען זיך אום צום יידישן היסטאָרישן קליינבירגערלעכן זומפּ, איז אַ געדיכטער, ווי דער קאָמוניסטישער — אָט ביי אַזאַ מין צוזאַמענטרעפֿן פֿון נייציקע תּנאים באַקומען ירושה־אוצרות, ווי טיף זיי זאָלן ניט זיין באַגראָבן, אַ גוואַלדיגע קראַפֿט.

און אויב טראָצקי האָט זיך ערלויבט אַרויסצוזאָגן אַ מיי־נונג, אַז אַפֿילו די אַלטע באָלשעוויסטישע גוואַרדיע קאָן ביי געווי־סע לעבנס־באַדינגונגען זיך „איבערקערן“ און ווערן גאָר אַן אַנ־דערע, פֿאַרלירן איר סאָציאַליסטישן עבר און רעוואָלוציאָנערן געווייסן און אָנהייבן דינען גאָר אַנדערע געטער, מעג מען שוין אויף

געווים פעסטשטעלן, אַז די אַלע טויזנטער יידישע אַרבעטער, מלוכה־באַאַמטע, מלוכה־אַגענטן, מלוכה־קאָמיסיאָנערן, מלוכה־קרעמער, מלוכה־תבואה־הענדלער, מלוכה־פינאַנץ־אויפמאָנער, אאַז״וו, אאַז״וו האָבן זיך שוין איבערגעקערט, האָבן זיך שוין אומגעקערט צו זייער שורש, צו זייער נאַציאָנאַל־יידישלעכן מנחם־מענדלשן וואָרצל, און זיי זיינען אַבסאָלוט פאַרלאָרן פאַרן יידישן אַרבעטער־קלאַס.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך די נאָר וואָס באַשריבענע איבער־קערעניש פון ריינע באַוואוסטזיניקע פראָלעטאַריער אין אַגענטן און קאָמיסיאָנערן איז ניט נאָר אַ יידישע ערשיינונג; זי האָט פאַרכאַפּט אויך אַ טייל, און געווים אויך דעם בעסטן, פון די ניט־יידישע אַרבעטער. אָבער דאָ מוז מען נאָך אַמאָל איבער־חזרן — ביי די ניט־יידישע אַרבעטער האָט דער דאָזיקער גלגול ניט אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן, ווי ביי אונז.

דעם ניט־יידישן אַרבעטער ציט ניט אַזוי אין שטאָל פון מסחר; ס׳פאַרדרייט זיך אים ניט אַזוי דער קאָפּ, ווען ער דערשמעקט דעם ריח פון קאָנטאָר און געשעפט. נאָר אַנדערש, צום אומגליק, איז ביים יידישן אַרבעטער — וואָס פעיקער, וואָס אַנטוויקלטער, וואָס רירעוודיקער ער איז, אַלץ מער יידישלעכע ירושה טראָגט ער אין זיך, אַלץ נעענטער איז ער צו זיינע טאַטעס און זיידעס און אַלץ מיט גרעסערן חשק שפּרינגט ער אַריין אין קליינבירגער־לעבן זומפּ. ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס איבער דער בלאָטע איז איבערגעצויגן די קאָמוניסטישע פאַן און בשעת מען עפנט די קראָם זינגט מען אָפּ דעם „אינטערנאַציאָנאַל״ — אין רוסלאַנד האָט מען שוין געזעען אַזעלכע ניסים.

און אַפילו נאָך גרעסערע ניסים — אָט האָבן יענע וואָך באַרקאָווער קרעמער און לאַבאַזניקעס געמאַכט אַ הזכרה לעניגען; לעניגס פּאָרטרעט איז געווען באַדעקט מיט רויט און שוואַרץ; מען האָט געשיקט אַ דעפּעשע קיין מאָסקווע, אַז צוזאַמען מיט אַלע פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט קלאָגן און וויינען אויך לעניגס טויט אויך די „האָרעפּאַשניקעס״ פון באַרקאָוו, די קרעמער און לאַבאַזניקעס...

ספעקולאַציע און האַנדל, מלוכה־שטעלעם און פאַרשיידענע אַנגענומענע האָבן צוגענומען ביים יידישן אַרבעטער זיינע בעסטע און זאַפטיקסטע כוחות, זיינע אַנטוויקלטסטע און באַוואוסטזייניקסטע גלידער.

נאָר דערמיט ענדיקט זיך נאָך נים דער חורבן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד.

אין האָמעל זיינען 75 פּראָצענט פון די פאַררעגיסטרירטע קוסטאַרעס, זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות, געוועזענע מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; אין אַדעס זיינען 50 פּראָצענט קוסטאַרעס געוועזענע מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; אין האַרקי, סמאָלענסקער גוב., זיינען 80 פּראָצענט קוסטאַרעס געוועזענע מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; אין מאָהי־לעוו — 65 פּראָצענט, אאַז״וו, אאַז״וו.

איך וואָלט געקאָנט ברענגען אַזעלכע ידיעות נאָך פון אַ סך צענדליקער שטעט און שטעטלעך, און אומעטום באַקומען מיר די זעלבע לאַגע: פון 50 ביז 80 פּראָצענט קוסטאַרעס זיינען געוועזענע מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ד״ה געוועזענע אַר־בעטער און איצט זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות.

ס׳וואָלט אונז פאַרפירט צו ווייט, ווען איך זאָל זיך וועלן דאָס מאָל אָפּשטעלן אויף די סיבות, פאַרוואָס די יידישע מלאכה, וואָס האָט שוין פאַרמאָגט אין רוסלאַנד אַ סך גרויסע וואַרשטאַטן, מיט קאָנצענטרירטע גרויסע יידישע אַרבעטס־מאַסן, ליגט איצט אַ חרובע און צעבראָכנע, און טויזנטער יידישע אַרבעטער זיינען געצוואונגען צו ווערן באַלעבאַטימלעך. פאַר די אַמעריקאַנער יידי־שער אַרבעטער איז אפשר אויך איבעריק צו דערציילן, אַז די לאַגע פון די דאָזיקע קוסטאַרעס, פון די דאָזיקע כלומרשט זעלב־שטענדיקע בעלי־מלאכות, איז אַ סך ערגער, ווי די לאַגע פון די אַרבעטער. טאַקע אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע אַליין ווערט דערציילט, אַז די דאָזיקע קוסטאַרעס אַרבעטן ס׳רוב 16 און 18 שעה אין מעת־לעת; לעבן ס׳רוב אין איין צימער מיט אַ גאַנצער פאַ־מיליע און אין דעם זעלבן צימער אַרבעט מען — מען זויגט פון

זיך דעם לעצטן טראָפּן בלוט, אַבי אויסצואַרבעטן אויפן טרוקענעם שטיקל ברויט.

פאַר אונז איז דאָס מאָל ווייכטיק דער רעזולטאַט — אַ קאַפּיטאַל גרויסער פּראָצענט יידישע אַרבעטער האָט זיך אומגעקערט צו דער לאַגע, וואָס אין איר האָט זיך געפונען זייער עלטערער דור צוריק מיט 50 יאָר. די גאַנצע דורכגעמאַכטע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט געבראַכט דערצו, אַז די יידישע האַנטווערקערייַ איז קאַפּיטאַליזירט געוואָרן, האָט באַקומען גרויסע און מיטעלע וואַרשטאַטן מיט אַ גרויסער צאָל יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט צו פינף און צו צען צוזאַמען און האָבן געקאָנט פירן, און אָפּט מיט גרויס ערפאָלג, זייער עקאָנאָמישן קאַמף — אָט־דאָס אַלץ איז אין אַ גרויסער מאָס חרוב, אונטערגעגאַנגען.

די יידישע פאַבריקאַציע איז אַ שליידער געוואָרן אויף צוריק מיט גאַנצע פופציק יאָר — מיר האָבן נאָך אַמאָל אַ גרויסע צאָל קליינע, דערשלאָגענע, אויסגעמאַטערטע באַלעבאַטימלעך, וואָס זיינען ניט פעיק צו אָרגאַניזירן זיך, האָבן ניט קענען וועמען צו פירן אַ קלאַסן־קאַמף, צעבראָקלטע און אומבאַהאָלפענע! די גוטבאַקאַנטע שוויץ־סיסטעם, די באַרימט־געוואָרענע סיסטעם, ווען דער באַלעבאָס זויגט פון זיך אַליין ביזן לעצטן טראָפּן בלוט — אָט־די דאָזיקע מכה פון דער יידישער פאַבריקאַציע אין אַלע לענדער, וועלכע מען האָט פאַר די לעצטע 20 יאָר כמעט ווי אויסגעהיילט אומעטום, האָט אין רוסלאַנד, טאַקע אין דעם קאָמוניסטישן גן־עדן, ערשט זיך צעוואַקסן און פאַרכאַפּט דעם גרעסטן טייל געוועזענע יידישע אַרבעטער.

אָט דאָס זיינען די עקאָנאָמישע רעזולטאַטן פון דעם קאָמוניסטישן עקספּערימענט פאַר די יידישע אַרבעטער!

אַפּריל 1924.

די יידישע אַרבעטער פון רוסלאַנד און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

ס'איז אַ פאַקט, וואָס די יידישע קאָמוניסטן אין רוסלאַנד זיינען אַליין מודה דערין, אַז נאָר אַ קליינער, ממש טאַקע אַ נישטיקער פּראָצענט יידישע אַרבעטער זיינען געוואָרן מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

מען דאַרף זיך קלאָר פאָרשטעלן, וואָס הייסט אין רוסלאַנד זיין אַ קאָמוניסט, וויפיל מאַטעריעלע נוצן, וויפיל פּאָליטישע פּריווילעגיעס, וואָס פאַר אַ ברייט פעלד דאָס עפנט פאַר מענטשן, וואָס האָבן ליב קאָמאַנדעווען, הערשעווען, פאָרן רייטנדיק אויף דער באַפעלקערונג, כדי צו פאַרשטיין, ווי אָפּשטויסנדיק עס דאַרף זיין די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, ווען אַפילו איצט איז די צאָל יידישע אַרבעטער אין דער פּאַרטיי ממש לעבערלעך.

אין „עמעס" נומ' 54 פון 6טן מערץ 1924 מאַכט מערעזשין אַליין אַ חשבון און קומט צו די טרויעריקסטע רעזולטאַטן.

ווי באַקאַנט, איז אין גאַנץ רוסלאַנד געווען לויט דער ציילונג פון 1922 יאָר 19,500 יידישע קאָמוניסטן. לויט דעם חשבון, וואָס מערעזשין מאַכט אין „עמעס" נומ' 54 פון היינטיקן יאָר, קומט אויס, אַז פון די דאָזיקע 19,500 יידישע קאָמוניסטן זיינען געווען:

אין אוקראַינע	5,210
אין מינסקער, האָמלער און וויטעבסקער גובערניע	3,114
אין די צענטראַלע רוסישע גובערניעס	11,200
סך־הכל	19,524

די 11,200 יידן־קאָמוניסטן פון צענטראַל־רוסלאַנד זיינען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָר זייער גרעסטע צאָל קען זיך גאָרניט אָן מיט יידישע אַרבעטער, זיי אינטערעסירן זיך ניט מיט יידישע פּראָגן, זיינען ווייט פון דער יידישער שפּראַך און נאָך ווייטער פון דער יידישער קולטור; זיי דערווייטערן זיך וואָס אַ טאָג אַלץ מער פון דער יידישער שפּראַך און דער יידישער קולטור, רייסן זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער אָפּ פון יידישן אַרבע־טער־קאָלעקטיוו און באַהעפטן זיך צו רוסישן אָרגאַניזם. הכּלל — דאָס זיינען קאָמוניסטן, וואָס זיינען טויטע איברים פאַרן יידישן קאָמוניזם.

דאָס איז ניט נאָר מיין מיינונג, נאָר אויך די מיינונג פון מערעזשינען, וועלכער שרייבט אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל:

„די גרעסטע העלפט יידן־קאָמוניסטן זיינען אַפילו טערי־טאָריעל אָפּגעריסן פון די יידישע מאַסן. ניט זיי וואוינען צווישן זיי און, פאַרשטייט זיך, ניט זיי אַרבעטן צווישן זיי".

ווער זיינען די דאָזיקע 11,200 יידן־קאָמוניסטן, וואָס זיינען צעוואָרפן און צעשפּרייט איבער די צענטראַלע רוסישע גובערניעס און סיביר?

אַרבעטער זיינען צווישן זיי פאַראַן זייער ווייניק. דאָס זיינען מערסטנטייל אינטעליגענטן און האַלבע אינטעליגענטן, גאַנץ אַסימי־לירטע און האַלב־אַסימילירטע, קינדער פון יידישע סוחרים, קרע־מער, פאַבריקאַנטן, אינזשעניערן און דאָקטוירים, הכּלל — אַלע כּמעט קומען זיי אַרויס ניט פון פּראָלעטאַריאַט, אַפילו ניט פון די אָרעמע יידישע מאַסן — און זיי שפּילן טאַקע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי די ראָלע פון געניטע ספּעצן אויפן געביט פון האַנדל און אינדוסטריע.

די ירושה פון די טאַטעס און זיידעס איז ניט געגאַנגען פאַר־לאָרן — די „רויטע" דירעקטאָרן פון די בענק און פאַבריקן, די „רויטע" סוחרים און קרעמער האָבן געבראַכט מיט זיך אין קאָמוניסטישן האַנדל און אין דער קאָמוניסטישער אינדוסטריע אַלע מעלות און אַלע חסרונות פון זייערע יידישע טאַטעס און זיידעס.

דער קאָמענדיקער זאַמבאַרט, וואָס וועט באַשרייבן די אויפ־לעבונג פון רוסלאַנד, פון רוסישן האַנדל און פון דער רוסישער פאַבריקאַציע, וועט געוויס מיט גרויס באַגייסטערונג דערציילן די גדולות, וואָס די דאָזיקע יידן־קאָמוניסטן האָבן אויפגעטאָן — זיי האָבן אַריינגעבראַכט שוואונג און ברייטן פאַרנעם, שטאָטישע השגות און אייראָפּעישע פּערספּעקטיוון; זיי האָבן ניט דערלאָזט דאָס פאַרשלאָפענע פוילע פויערשע רוסלאַנד פאַרקריכן אין זיין דאָרפישער שאָלעכץ, זיך פאַרשטעקן צוריק אין די געדיכטע וועלדער און איינגאַנצן אויסמעקן די לעצטע סימנים פון שטאָטישער קולטור און אייראָפּעישער ציוויליזאַציע. דער באָלשעוויזם, דער אמתער רוסישער באָלשעוויזם, וואָס אים סימבאָליזירט מיט זיך לענין און וואָס אין אים האָט דער פויער אַריינגעלייגט זיין גאַנצע דאָרפישע באַגייסטערונג, זיין גאַנצן פּרימיטיוון חיהשן האַס און צאָרן, דאָס איז דער קאַמף קעגן דער שטאָטישער קולטור, די איינגעבאָרענע שנאה צו די שטאָטישע קלאַסן, די יאָרהונדערטער אָנגעקליבענע פאַראַכטונג און ביטול צו די „קונצן" און „דריידלעך" פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע.

ווער ס'האָט מיט זיינע אויגן געזען, מיט וואָס פאַר אַ טיפער שנאה און אמתער נשמהשער פאַראַכטונג די פויערים האָבן געבראָכן די מאַשינעס אין די פּריצישע מאַיאָנטקעס, דער האָט גע־מוזט פילן, אַז דאָס איז ניט נאָר נקמה אָן דעם פּריץ, וואָס זיין פאָטער האָט געשמיסן דעם פויערס עלטערן, נאָר אויך אַן אויפ־געבאַפטער ווילדער ווילן צו מאַכן אַ סוף צו די אַלע זאַכן, וועלכע די שדים און רוחות פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע האָבן אויס־געטראַכט כדי צו באַהערשן די נאַטור און גאָט.

ווען אַ באָלשעוויק שרייבט אין אַ זשורנאַל, אַז די גאַנצע רוסישע שטאָטישע קולטור איז ניט מער, ווי אַ צילינדער אויפן קאָפּ פון אַ בעטלער, וואָס איז אָנגעטאָן אין שמאַטעס, און די באָלשעוויקעס האָבן זייער גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן מיט איין קלאַפּ אַראָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן קלאָונישן צילינדער, גיט אונז דער דאָזיקער באָלשעוויסטישער שרייבער אַ ריכטיק בילד פון דעם, וואָס פאַר אַן אָרט די שטאָטישע קולטור פאַרנעמט נאָך אין

רוסלאַנד, אז די באַציִונג פונם רוב פון רוסישן פאָלק צו דער דאָזיקער קולטור — פאַראַכטונג און שנאה, ביטול אין צאָרן!

די יידישע אינטעליגענץ אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט געווים דאָ געשפּילט אַ גרויסע פּאָזיטיווע ראָלע, ווי ווייט זי האָט אײַנגעצוימט די צעשטערנדיקע חיה, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט אין רוסישן פויער, אָפּגעהיט פון פולן חורבן די רעשטלעך אייראָפּעישע קולטור און אַרײַנגעטראָגן אין פּראָצעס פון אויפריכטן דאָס שטאָטישע רוסלאַנד דעם אימפּעט און פּאַרנעם, וואָס זי, ווי אַ בפירוש שטאָטישע און בפירוש בירגערלעכע, האָט מיט זיך מיטגעבראַכט.

ווי די טאַטעס פון די אַלע יידישע קאָמוניסטישע באַנקירן און דירעקטאָרן, סוחרים און דריי־קעפּ האָבן אין דאַוונען געבעטן „לתקן עולם במלכות שדי" און אין מאַרק האָט מען געהאַנדלט און געוואַנדלט, ניט צו פילן אין דעם קיין שום סתירה, אַזוי פילן ניט די קינדער קיין גרויסע פּסיכאָלאָגישע קאָנפליקטן, ווען אַ גאַנצן טאָג חתמעט מען וועקסלען און מען סאָרטירט סחורה און אויף דער נאַכט אַגיטירט מען פאַר קאָמוניזם.

אויב זאָמבאַרט סטאַרעט זיך צו דערווייזן, אַז דער וועקסל איז אַ יידישע אַנטדעקונג, וואָס האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן אײַנפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, איז דער גרויסער פאַרדינסט פון די אייניקלעך פון די וועקסל־אַנטדעקער, וואָס זיי האָבן נאָכן שטורמישן חורבן אויפגעריכט אין רוסלאַנד די רעכט פון וועקסל און האָבן דערמיט רוסלאַנד צוריק באַהעפט צו דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע.

די נאָר־וואָס אָנגערירטע טעמע — די קאַפּיטאַליסטישע ראָלע פון די יידן־קאָמוניסטן אין דער רוסישער פּויערשער רעוואָלוציע — איז אַ געוואַלדיק אינטערעסאַנטע, און מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל צו איר אומקערן. איצט אָבער לאָמיר איבערגיין צו דער עצם טעמע פון אונזער הײַנטיקן אַרטיקל.

ווען מערעזשין ברענגט ציפער, וואָס באַווייזן, אַז פּעטער־בורג האָט מער יידן־קאָמוניסטן, ווי גאַנץ אַדעסער גובערניע מיט אירע 300 טויזנט יידן; אַז טורקעסטאַן אפילו האָט מער יידן־

קאָמוניסטן, ווי קרעמענטשוגער גובערניע מיט אירע כמעט הונ־דערט טויזנט יידן — אילוסטרירט ער נאָר אונזער געדאַנק, אַז די יידן־קאָמוניסטן, אַלס בפירושע שטאָטישע און בירגערלעכע עלעמענטן, אַלס געניטע און רירעוודיקע סוחרים און אונטערנעמער, פילן אויס די פונקציע פון אויפריכטן די רעשטלעך פון דער אייראָפּעישער קאַפּיטאַליסטישער קולטור אין ברייטן און צעוואָר־פענעם דאָרפישן רוסלאַנד. און ס׳איז קלאָר, אַז די דערמאָנטע עלף טויזנט יידן־קאָמוניסטן, וואָס אַרבעטן אויפן שטח פון מאָסקווע און פעטערבורג ביזן וויטסטן מזרח־סיביר, האָבן גאָרניט צו טאָן מיטן יידישן קאָמוניזם, קענען ניט גערעכנט ווערן אויפן חשבון פון יידישן אַרבעטער.

בלייבט אונז איבער אַ ביסל מער פון אַכט טויזנט יידן־קאָמוניסטן, וואָס געפינען זיך אין די יידישע גובערניעס, אין די געגנטן מיט קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן.

ווער זיינען זיי, די דאָזיקע אַכט טויזנט יידן־קאָמוניסטן?

מערעזשין דערציילט אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל, אַז פון אַלע יידן־קאָמוניסטן אין אוקראַינע זיינען געווען נאָר 3,6 פּראָ־צענט אַזעלכע, וואָס געפינען זיך אין דער פּראָדוקציע, אַנדערש געזאָגט, פון 5,210 יידן־קאָמוניסטן זיינען געווען אמתע אַרבעטער, וואָס זיצן ביי דער מאַשין אָדער קלאַפּן מיטן האַמער, סך־הכל 188; לאָמיר גוט געדענקען, גאָר און גאָר האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין גאַנץ אוקראַינע מיט אירע צוויי מיליאָן יידן און מיט אירע צענדליקער [טויזנטער יידישע אַרבעטער הונדערט אַכטאונ־אַכציק יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען אין דער פּראָדוקציע.

אָט די ציפער אַליין דאַרף, דוכט זיך, אַריינוואַרפן אין אַזאַ קעלט יעדן ערלעכן יידישן קאָמוניסט, אַז ער זאָל בכל־אופן באָטש שווייגן וועגן דער אמתער לאַגע אין רוסלאַנד.

וויפיל זיינען געווען בכלל יידישע אַרבעטער אין דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי פון אוקראַינע?

פון 5210 יידן־קאָמוניסטן זיינען געווען 2728 אַרבעטער לויט זייער אַמאָליקער פּראָפעסיע, אַלזאָ 52 פּראָצענט פון אַלע יידן־קאָמוניסטן. און פון 2728 יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געוואָרן

קאָמוניסטן, זיינען געבליבן ביי דער אַרבעט נאָר 188, ד״ה ווייניקער פון זיבן פּראָצענט. דריי און נײַנציק פּראָצענט פון אַלע יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געוואָרן קאָמוניסטן, זיינען אַנטלאָפן פון פאַבריק און וואַרשטאַט, האָבן געוואָרפן די אַרבעט, זיינען געוואָרן וואָס איר ווילט, באַאַמטע, אַדמיניסטראַטאָרן, דירעקטאָרן, סוחרים, אַגענטן, קאָמוניסטישע מעקלערס, רויטע מנחם-מענדלס, נאָר מיטן יידישן אַרבעטער-קלאַס האָבן זיי אײַנגעריסן, פון יידישן אַרבעטער-קאָלעקטיוו זיינען זיי אַנטלאָפן.

188 פאַקטישע יידישע אַרבעטער קאָמוניסטן אין גאַנץ אוקראַינע מיט אירע צוויי מיליאָן יידן און מיט אירע מינימום 50 אָדער 60 טויזנט יידישע אַרבעטער! דאַרף מען נאָך אויסרעכענען וואָס פאַר אַ פּראָצענט דאָס מאַכט אויס?! קאָן מען נאָך ריידן וועגן אַ וואָסער עס איז ווירקונג פון די קאָמוניסטן אויפן יידישן אַרבעטער? איז דען ניט קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער יידישער אַרבעטער פון אוקראַינע וויײַכט ממש די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אַנטלויפט פון איר און וויל זי ניט קענען?

זאָל יעדער ערלעכער קאָמוניסט זיך פאַרטראַכטן אויף דער דאָזיקער ציפער, וועלכע איז גענומען פון מערעזשינס אַרטיקל אין „עמעס״ נומער 54 פון הײַנטיקן יאָר. וועט ער זיך נאָר פאַרטראַכטן און וועט זיך דערבײַ נאָך דערמאָנען, וואָס פאַר אַ פּריווילעגיעס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי גיט אירע מיטגלידער, אַז די מלחמות האָבן זיך שוין דריי יאָר געענדיקט און די ראַטן-מאַכט זיצט רויק און פעסט, וועט ער מוזן זיך שטעלן די פראַגע: ווי קומט עס? פאַרוואָס גייען ניט די יידישע אַרבעטער בכלל און נאָך ווייניקער די יידישע פאַקטישע אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?

פאַר אונז איז די תשובה קלאָר און מיר פאַרשפּאָרן זי דאָ איבערצוחזרן — אָבער לאָזן די קאָמוניסטן זי דערקלערן!

אמת, מערעזשין זאָגט נעבעך מיט אַ טרויער אין דערמאָנטן אַרטיקל, אַז „די צאָל יידישע קאָמוניסטן איז איצט, אין דער צייט פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, קלענער איידער די צאָל מיטגלידער אין „בונד״ אין דער צייט פון צאַריזם״; ער איז אין דעם זעלבן אַרטיקל מודה, אַז „די צענטראַלע ביוראָ פון די יידישע

סעקציעס, צוזאַמען מיט די אַרטיקע סעקציעס, זוכן שוין עטלעכע חדשים אַ מעגלעכקייט צו באַרייכערן ווייס־רוסלאַנד און האָמלער גובערניע מיט אייניקע נייע קולטור־קרעפטן און האָבן די מעגלעכ־קייט נאָך ניט געפונען" — ער שטעלט פעסט די דאָזיקע פאַקטן, ער זוכט אָבער ניט די סיבות דערפון, ער גיט קיין דערקלערונגען ניט.

די געדונגענע קדישים וועלן געווים אָנהייבן מיאוסע שטיק און וועלן זיך כטאַרען פאַררײדן די ציין די אַרבעטער—זאָלן־זשע די ערלעכע אַרבעטער־קאָמוניסטן פאָדערן נאָך דעם קאָמוניסטישן „עמעס" נומער 54 פון היינטיקן יאָר און אַליין דורכלייענען מערעוזשינס אַרטיקל, אַליין גוט אַריינטראַכטן זיך אין די געבראַכטע פאַקטן, מיטן אייגענעם מוח און שכל זוכן די סיבות — און זיי וועלן שוין געפינען די אמתע תשובה! דער יידישער אַרבעטער האָט תמיד געהאַט אַ געזונטן חוש, האָט תמיד געטראָגן אויף זיינע פלייצעס אַ גוטן קאָפּ—ער וועט דערפילן און פאַרשטיין, פאַרוואָס אין גאַנץ אוקראַינע זיינען אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פאַראַן כך־הכל 188 יידישע פאַקטישע אַרבעטער!

און ניט בעסער איז די לאַגע אין מינסקער, וויטעבסקער און האָמלער גובערניעס — אויך דאָרטן האָט דער „בונד" אַמאָ־ליקע יאָרן, ביים צאַרישן רעזשים, ווען זיין אַ מיטגליד פון „בונד" האָט געהייסן באַקומען קאַטאָרגע, געהאַט 70 טויזנט מיטגלידער, בעת איצט, ווען זיין אַ קאָמוניסט, הייסט באַקומען אַ סך גוטע מתנות פון דער מאַכט, האָט די קאָמוניסטישע פאַרטיי דאָרטן סך־הכל עטלעכע הונדערט אמתע יידישע אַרבעטער.

ביטערע ציפער! זייער ביטערע פאַקטן! זיי שטעכן די אויגן, זיי שרייען גוואַלד — דערקלערט! ווייזט אָן די אמתע סיבות, פאַרוואָס דער יידישער אַרבעטער אין רוסלאַנד ווייכט אַזוי די קאָמוניסטישע פאַרטיי! פאַרוואָס נאָך אַלע נצחונות און נאָכן אויסראָטן מיט פיזישע מיטלען אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, זייט איר, יידישע קאָמוניסטן, דאָך געבליבן אַ קליין קופקעלע הערשער אָן שרייער, וואָס די יידישע אַרבעטער פאַרהאַלטן זיך

צו אייך מיט פאראכטונג און שנאה, אין בעסטן פאל מיט גלייכ־גילטיקייט און שפאט?

גראד היינט האב איך באקומען פון רוסלאנד גאר אינטע־רעסאנטע ידיעות וועגן דעם אויפלעבן פון „בונד" אין רוסלאנד. ווייזט זיך ארויס, אז גאר אין א סך שטעט עקסיסטירן ארגאניזא־ציעס, פארשטייט זיך, אומלעגאל, וועלכע פירן אן א גאנץ ברייטע פראפאגאנדע און אגיטאציע צווישן די יידישע ארבעטער. די חברים פון רוסלאנד בעטן, אז מען זאל ניט אנרופן די נעמען פון די שטעט און אויך ניט גענויער דערציילן וועגן דער ארבעט, כדי ניט צו געבן די קאמוניסטישע תלינים קיין מעגלעכקייט צו פאר־לענדן די יונגע אויפגעלעבטע ארגאניזאציעס. אינטערעסאנט וועט אבער זיין פאר די אמעריקאנער חברים זיך צו דערוויסן, אז די דאזיקע אומלעגאלע געיאגטע און גערודפטע בונדיסטישע ארגאני־זאציעס זיינען שוין אזוי שטארק אויסגעוואקסן, אז זיי פאדערן אן אומלעגאלן בונדיסטישן ארגאן אויף יידיש.

אט אזוי לעבט אויף די יידישע ארבעטער־באוועגונג אפילו דארטן, וואו מען האט, דוכט זיך, געמטארעט זיך זי אויסראטן מיטן ווארצל — דאס לעבן לאכט זיך אוים אפילו פון די שמיידיקסטע קברנים!

יוני 1924.

אַ נייע ווענדונג אין נעפּ.

ערשט צוריק מיט עטלעכע חדשים האָט סטאַלין אָפּן אויפגעוואָרפן טראָצקין, אַז ער וויל צעשטערן און צעברעכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי; אַז ער שטרעבט נאָר צו כבוד און הערשאַפט; ערשט צוריק מיט אייניקע חדשים האָט טראָצקי, נעבעך, געמוזט אַוועקפאָרן אויף אַ דאַטשע אינמיטן ווינטער און אויסרוען זיינע מידע ביינדעלעך — און איצט איז שוין טראָצקי ווידער אויפן פערד און קאָמאַנדעוועט גאַנץ נישקשה. און די טראָצקיסטן האָבן פאַרריסן די קעפּ און זיינען געוואָרן גרויס ביי זיך און באַרימען זיך, אַז זיי האָבן אויסגעפירט.

וואָס־זשע איז דאָ, אייגנטלעך, פאָרגעקומען? מיר לאָזן דורך די אַלע פּערזענלעכע אינטריגעס און רייסערייען, וועלכע האָבן געוויס געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין גאַנצן טומל אַרום טראָצקיס חוצפּהדיקן אַרויסטרעט אין דער פּאָליטישער ביוראָ און טראָצקיס פאַרשיקן קיין קאַווקאַז. מיר וועלן נעמען דעם עיקר פון דער זאַך — די פאַרשיידענע בליקן אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד.

ווייל פאַר יעדערן, ווער עס קוקט זיך גוט צו צו די געשעענישן אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מוז ווערן קלאָר, אַז סוף־כל־סוף וועלן זיך אין דער דאָזיקער פּאַרטיי אויסבילדן גרופּעס, וואָס וועלן פאַרטיידיקן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון פאַרשיידענע קלאַסן און דעמאָלט וועט מוזן קומען צו אַן אויפרייס פון אינעווייניק, אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא.

אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז געוויס איצט פאַראַן אַ רעכטער פליגל, וואָס פאַרשטייט און ווייס גאַנץ גוט, אַז ווי־

באַלד דער פּויער בלייבט פריי, קאָן קויפן און פאַרקויפן תבואה און אַנדערע דאָרפישע פּראָדוקטן פראַנק און פריי, און קיינער טאָר אים ניט שטערן, מוז אויך די שטאַט, די שטאַטישע סחורה, זיין פריי. וואָרעם פאַרן פּויער איז באמת ניט וויכטיק וואָסערע געזעצן מען שרייבט אין מאָסקווע און וואָסערע שיינע געזעצן די דריי-קעפּ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַרבעטן אויס. אים אינטערעסירן נאָר די קניידלעך, די הגדה דאַרף ער אויף כפרות. דער פּויער וויל איינס — פאַר זיין ברויט, וואָס ער גיט דער שטאַט, זאָל ער באַקומען אי שטיוול, אי קליידער, אי קעראָסין, אי שוועבעלעך, אי זאַלץ און נאָך אַזעלכע נייטיקע זאַכן. און ביז וואַנען דער פּויער וועט זיך ניט דערשלאָגן צו זיינע „אידעאַלן", וועט ער זיך געוויס ניט באַרויקן.

זייער קלוג זאָגט טראָצקי אין איינעם פון זיינע בריוו צום פּאָליטישן ביוראָ פון דער פּאַרטיי: אַז דער פּויער וועט בשום-אופן ניט פאַרטראָגן קיין פּאָליטישע מאַכט, וועלכע גיט אים צוויי פּעקלעך שוועבעלעך פאַר אַ גאַנצן פּוד קאָרן. טראָצקי מאַכט נאָך ניט דעם נייטיקן סך-הכל פון דעם דאָזיקן פּויערשן חשבון. אָבער דער רעכטער פליגל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זאָגט אָפן און קלאָר, אַז מען קאָן באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די פּויערים, אַז מען קאָן אים געבן וואָלוול שטאַטישע סחורות און אים באַצאָלן אַ גוטן פּרייז פאַר זיינע דאָרפישע פּראָדוקטן נאָר דעמאָלט, ווען מען וועט לאָזן ווייטער וואַקסן דעם פּרייען האַנדל; ווען מען וועט נאָך מאַכן אַ ביסל ברייטער די מעגלעכקייטן פאַרן פּריוואַטן קאַפּיטאַל צו נעמען אָנטייל אין דער פּראָדוקציע פון די שטאַטישע סחורות.

און כאַראַקטעריסטיש איז דווקא דער הויפּט-אָרגאַן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, דווקא דער „טרוד", וואו מען פילט געוויס אַ סך מער דעם דופק פון לאַנד ווי אין די קאַנצעלאַריעס פון די צענטראַלע קאָמיסיעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער „טרוד" איז אַרויסגעטראָטן שאַרף און אַנטשיידן קעגן דער נייער עפּידעמיע פון קאָמוניסטישע עקספּערימענטן.

דער דאָזיקער אָרגאַן שרייבט, אַז אַרויסטרעטן קעגן פּרי־וואַטן האַנדל איז אַ פאַרברעכן; אַז נאָר אומפאַראַנטוואָרטלעכע פּאָליטיקער קאָנען אויף זיך נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן נייעם טומל, וואָס מוז אָנקומען נאָך די אַרעסטן פון די נעפּלייט (סוחרים) און נאָך די רדיפות אויף די קרעמער און סוחרים.

„מיר האַקן אונטער דאָס צווייגעלע, וואָס אויף דעם זיצן מיר" — טענהן די שרייבער פון אָרגאַן פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער — פאַרשפּרייטן געדאַנקען וועגן באָיקאָטירן פּריוואַטע קראָמען — דאָס קאָנען טאָן נאָר מענטשן, וואָס פליען אין הימל און פילן ניט די ערד אונטער זיך; באָיקאָט — דאָס איז אַן ערפ׳נדונג פון חברים, וואָס פאַרשטייען זייער ווייניק, וואָסערע אמתע כּיבּות האָבן אַרויסגערופן דעם יקרות און ווי נייטיק עס איז דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל אין דער רוסישער ווירטשאַפט בכלל און אין האַנדל באַזונדערס".

אָט אַזוי טענהן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. זיי זיינען קעגן דעם נייעם קדחת־קאָמוניזם און ווילן אַבסאָלוט ניט הערן וועגן די גליקן, וואָס וועלן כּלומרשט אַלעמען טרעפן, ווען מען וועט נאָך אַמאָל פאַריאָגן פון דער ליכטיקער וועלט דעם פּריוואַטן קרעמער און פּריוואַטן סוחר.

קאַמעניעוו איז, ווייזט אויס, אויך גאַנץ ווייט פון דעם נייעם פּלאַן. קאַמעניעוו שרייבט אין די „איזוועסטיעס" פון 11טן מאַי:

דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל וואַקסט און וואַקסט, און נאָר דערפאַר, וואָס ער פאַרשטייט ווי צוצוגיין צום קונה בעסער ווי די קאָאָפּעראַציע און די רעגירונגס־מאַשין. מיר האָבן געזאַמלט מאַטעריאַל, וואָס זאָל אונז אויפקלערן, פאַרוואָס יאָגט דער פּרי־וואַטער קרעמער אַריבער דעם קאָאָפּעראַט׳ון אָדער דעם מלוכה־קרעמער, און מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז ער פאַרקויפט וועל־וועלער; אַז מיר זיינען אַליין שולדיק אין אונזער מפּלה, ווייל מיר פאַרשטייען ניט ווי צו האַנדלען; מיר קענען ניט די דאָזיקע מלאכה".

און אין זיין רעדע אויף דער מאָסקווער פּאַרטיי־קאָנפערענץ („פּראַוודאַ" נומ. 109 פון 16טן מאַי) זאָגט קאַמעניעוו:

„די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק דאַרף מען ניט ענדערן און עס איז ניטאָ קיין שום גרונד דערצו". דאָס איז די אונטערשטע שורה, וואָס קאָמעניעוו מאַכט פון זיין מיינונג, וועלכע ער האָט פריער געגעבן וועגן דעם פּריוואַטן האַנדל. אַז מען איז טויגע־ניכטסן, שלימזלניקעס און מען קאָן ניט אָרגאַניזירן אַ קראָם ווי עס באַדאַרף צו זיין, און ווען עס שטייען צוויי קראָמען איינע לעבן דער אַנדערער, גייען די קונים בעסער אין דער פּריוואַטער קראָם, ווייל דאָרטן איז וואָלוועלערע און בעסערע סחורה. מוז מען פריער זיך אויסלערנען קאָנקורירן, זיך אויסלערנען אויך וואָלוול פאַרקויפן, געבן פרישע סחורה, אויך צוציען דעם קונה, און ערשט נאָכדעם נעמען טראַכטן וועגן אַרויסשטויסן דעם פּריוואַטן האַנדל— דאָס איז די אמתע טענה קאָמעניעווס.

די „עקאָנאָמיטשעסקאַיאַ זשיזן", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון זעכסטן עקאָנאָמישן ראַט, וויל ניט אָפן קריטיקירן דעם נייעם לינקן וועג, האָט ער אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג, ווי צו דער־ווייזן, אַז בעסער איז ניט צו משפטן דעם פּריוואַטן האַנדל, וואָ־דעם וועט רוסלאַנד ווידער אַ מאָל בלייבן אָן דעם פּריוואַטן קרע־מער, וועלן די סחורות ליגן אין די מלוכה־סקלאַדן און די באַ־פעלקערונג וועט ניט האָבן ניט קיין זאַלץ און ניט קיין מאַנופאַקטור.

אין נומער 179 פון 10טן מאַי שרייבט די דאָזיקע צייטונג:

„אין די סאַמע ערנסטע מאָמענטן פון דער געלט־רעפאָרם האָבן מיר באַקומען ידיעות פון אַ סך שטעט, אַז עס פעלט אויס זאַלץ און אין עטלעכע ערטער איז געוועזן אַן אמתר זאַלץ־הונגער. מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? דאָס באַווייזט, אַז מיר זיינען נאָך גאָר קנאַפּע קרעמער, גאָר שוואַכע סוחרים; אַז מיר האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו פאַרטיילן די סחורה איבערן לאַנד, אַז יעדער ווינקעלע זאָל באַקומען דאָס, וואָס אים איז נייטיק".

אַזוי ווי די רדיפות קעגן די קרעמער און סוחרים, ווי צו־נעמען ביי זיי דעם קרעדיט אין די בענק, אַרויפליייגן עקסטרע שטייערן, די אַגיטאַציע פאַר אַ באָיקאָט, האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל אין לאַנד און האָבן געבראַכט צו אַ שרעקלעכער מהומה, רופט די „עקאָנאָמיטשעסקאַיאַ זשיזן" זיך צו באַרויקן און סטאַרעט

זיך צו דערוויזן, אַז דעם קליינעם קרעמער וועט מען בכלל ניט טשעפּען און בנוגע צום מיטעלן קרעמער, ווייל מען איםניט רוּינירן, נאָר אים מאַכן אַ ביסל לייטישער. ער זאָל ניט נעמען קיין צו הויכע פּרייזן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס סטאַרען זיך פון דער צייטונג העלפט ניט, און דער טומל, וואָס איז אונז אַזוי גוט באַקאַנט פון די צייטן פון מיליטערישן קאָמוניזם, פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד.

לויט אַ באַפעל פון דער רעגירונג, האָט דער רעגירונגס־מאַנופאַקטור־טרעסט אויפגעהערט צו פאַרקויפן סחורה צו פּריוואַטע הענדלער. און עס איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין צוויי וואָכן און עס גייט שוין איצטער אַ געשריי, אַז אין אוקראַינע איז ניטאָ קיין מאַנופאַקטור־סחורה, ממש טאַקע אַ מאַנופאַקטור־הונגער. אין מאָסקווע ליגן פולע סקלאַדן מיט ציץ, קאָרט, לייוונט און אַנדערע מאַנופאַקטור־סחורות, און אין אוקראַינע איז אַ דוחק אין אַן אַר־שין ציץ, ניטאָ קיין סחורה, און די פרייזן שפּרינגען שוין אַרויף.

אָט דער איינער ביישפּיל איז דאָך גוואַלדיק כאַראַקטערי־סטיש פאַר דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון די קאָמוניסטן — פריער רוּינירן, פריער צעברעכן, און נאָכדעם זיך נעמען בויען און אויפשטעלן. לויטן שכל פון פשוטע מענטשן וואָלט אויסגעקומען אַזוי: איר ווילט באַקעמפן דעם פּריוואַטן קרעמער, בויט אויס קראָמען לעבן יענע, פאַרקויפט וועלוועלער, גיט בעסערע סחורה, קאָנקורירט מיט דעם פּריוואַטן קרעמער און ער וועט ממילא שטאַרבן; ער וועט ממילא מוזן שליסן זיין קראָם און פאַר־שווינדן פון מאַרק. קאָנקורירנדיק מיטן פּריוואַטן קרעמער, וואָלטן זיי זיך אפשר טאַקע אויסגעלערנט די מלאכה, וואָלטן זיי אויס־געבויט אַ מאַשין פון אויבן ביז אַראָפּ, פון מאָסקווע ביזן דאָרף, און ביסלעכווייז וואָלטן זיי אַרויסגעשטופּט דעם פּריוואַטן קאַפּי־טאַל. דאָס וואָלט אָבער געווען צו פשוט, צו פּאַמעלעך, צו לאַנגזאַם, צו מענשעוויסטיש — האַקט מען בעסער באַלד אַ באַפעל, אַז מען זאָל ניט פאַרקויפן קיין מאַנופאַקטור צו קיין פּריוואַטע סוחרים. זיצט מאָסקווע מיט פולע סקלאַדן סחורה און וואַרט, ביז וואַנען די אַגענטן פון די מלוכה־קראָמען און קאָאָפּעראַטיווע

קרעמלעך וועלן קומען קויפן סחורה — קומען זיי אָבער ניט,
מחמת זיי האָבן קיין געלט ניט. געבן אויף קרעדיט וויל מאָסקווע
ניט, ווייל, ווי ריקאָוו האָט געזאָגט אויף אַ קאָנפערענץ, „מ'ווייס
ביי אונז צוגעמען ביזן לעצטן פאָדים, אויב מיר וועלן שיקן סחורה
אויף באָרג“.

אין „פראַוודאַ“ איז לאַרין אַרויס מיט אַן אַרטיקל, וואו
ער זידלט גאַנץ שטאַרק אויס, ווי לאַרין קאָן נאָר, די אַלע, וועל=
כע פאָדערן, אַז מען זאָל זיך ניט כאַפּן רויִנירן דעם פּריוואַטן
קרעמער, ביז מען האָט ניט באַוואָרנט דאָס לאַנד מיט גענוג גוטע
מלוכה=קראָמען. לאַרין רופט זיי אָן מיט די אַלע שרעקלעכע
נעמען, וואָס זיינען אַזוי גאַנגבאַר אין רוסלאַנד: קלייבירגער,
קאָנטר=רעוואָלוציאָנערן, פאַררעטער, אונטערשטופּער פון דער בור=
זשואַזיע און נאָך אַזעלכע קאָמפּלימענטן. לאַרין באַקומט זיין
פאָרציע פון דער „עקאָנאָמיטשעסקאַיאַ זשיזן“. אין נומער 182
שרייבט די צייטונג:

„לאַרין הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין די פאַקטישע ראָלע
פונעם פּריוואַטן האַנדלס=אַפּאַראַט אין לאַנד און ווי גרויס עס זיי=
נען די שוועריקייטן ביים אַרויסשטופן דעם פּריוואַטן הענדלער.
נאָר מיט אַזאַ זאַפּאַס לייכטזיניקייט און פלאַכקייט, ווי לאַרין
פאַרמאָגט, קאָן מען אַזוי גרינג אַוועקמאַכן מיט דער האַנט אַזאַ
ערנסטע פראַגע“.

די צייטונג ענדיקט: „שוין צייט צו מאַכן אַ סוף צו לאַ=
רינס לייכטזיניקייט“.

דער אומגליק איז אָבער, וואָס לאַרינס לייכטזיניקייטן זיינען
דער אָפיציעלער וועג פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק, וואָס איבער
טאַקטישע טעמים האָט מען זיך אונטערגעגעבן דער אָפּאָזיציע און
מען טוט איר צוליב און מען הייבט אָן נאָך אַמאָל צו פאַרווירק=
לעכן דעם קאָמוניזם. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט אויף לאַנג,
אַפילו ניט אַזוי לאַנג, וויפיל עס האָט געדויערט דער מיליטערי=
שער קאָמוניזם. געוויס וועט מען גאָר אין גיכן זיך שלאָגן אין
האַרצן על=חטא און מען וועט צוזאָגן די קרעמער גאָלדענע בערג,
אַבי זיי זאָלן צוריק עפענען די קראָמען. דערווייל אָבער פּראַ=

זועט מען נאָך אמאָל אַ חורבן־טאַנץ אויף די נאָך ניט פאַרהיילטע וואונדן פון רוסלאַנד.

טראָצקי האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע, ווייל די פּאָליטישע ביוראָ האָט איינגעשטימט, אַז מען מוז ווייזן די אַרבעטער, אַז מען פירט איין קאָמוניזם; אַז מען לאָזט ניט די בורזשואַזיע קומען צו זיך; אַז מען לאָזט ניט איין טייל פון דער באַפעלקערונג זאָל פרעסן און זויפן, פוילן און שיכורן, ווען די אַרבעטער הונגערן און באַקומען סך־הכל 60 פּראָצענט פון דעם פאַר־מלחמה׳דיקן לוין און אַ מיליאָן מיט 200 טויזנט אַרבעטער גייען אַ־רום יאָרן־לאַנג גאָר אָן אַרבעט. דאָס האָט טראָצקי אויסגעשפּילט, אָבער רוסלאַנד וועט עס קאָסטן זייער טייער.

וואָרעם אין וואָס שטעקט דער היסטאָרישער זין פון דעם איצטיקן אָנפאַל אויפן פּריוואַטן קאַפּיטאַל?

עס איז דאָך קלאָר, אַז די קאָמוניסטישע מאַכט קאָן זיך האַלטן נאָר ביז וואַנען דאָס לאַנד בלייבט אין דעם צושטאַנד, וואָס אין אים געפינט זיך עס איצט. דער פּויער פלעגט פאַר דער מלחמה קויפן שטאָטישע סחורות דורכשניטלעך פאַר 22 רובל אַ יאָר; איצט קויפט ער פאַר 4 רובל אַ יאָר, אי דאָס מערסטנטייל אַזעלכע סחורות, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין דאָרף אָדער אין קליינעם שטעטל. ביז וואַנען דער פּויער בלייבט אַזוי אָרעם, אַזוי דאָרפיש, אַז ער קאָן טראָגן לייוונטענע קליידער און היימישע לאַפּטשעס, קאָנען די קאָמוניסטן בלייבן די הערשער אין די שטעט, וואָרעם אין דאָרף פילט מען כמעט ניט די קאָמוניסטישע מאַכט. ווייל מען אָבער אויפהיטן דאָס לאַנד, עס אַרויספירן פון אַלטפרענקישן צושטאַנד, לאָזן וואַקסן די באַדערפענישן און שאַפן די מעגלעכקייטן אויף צו באַפרידיקן די דאָזיקע באַדערפענישן, דעמאָלט מוז מען לאָזן פריי אַלע קלאַסן שאַפן אַ נייע רוסלאַנד.

און די קאָמוניסטן האָבן זייער אַ גוטע נאָז — זיי האָבן דערפילט, אַז ווי באַלד אין דער שטאָט וואַקסט אויס אַ בורזשואַזער קלאַס, וועט ער גאָר אינגיכן ווערן דער באַלעבאָס אין לאַנד; וועט ער גאָר אינגיכן געפינען גוטע פריינד אין דאָרף און

וועט מאַכן [די קאָנטער־רעוואָלוציע. האָבן זיי באַשלאָסן גאָרניט לאָזן וואַקסן די בורזשואַזיע, זי דערווערגן נאָך אין וויגעלע, איר אָפּדרייען די פּיסלעך, נאָך איידער זי האָט זיך געשטעלט אויף זיי. אויף ראַטעווען זיך אַליין, די קאָמוניסטישע מאַכט, איז דאָס געווים אַן עצה; אויף צו באַרויִקן די אָפּאָזיציע אין דער פּאַרטיי און איר ווייזן, אַז מען איז געבליבן געטריי דעם אַלטן קאָמוניזם, איז דאָס גענוג. אָבער רוסלאַנד פירט עס צו אַ נייעם חורבן — צו אַ חורבן, וואָס וועט ווערן געווים שרעקלעכער, געפערלעכער ענטפער פאַרן לאַנד, אָדער פאַר דער קאָמוניסטישער מאַכט.

ס׳איז אַ לאַגע, וואָס מען קאָן זיך בשום־אופן ניט אַרויסדרייען פון איר. בלייבן די קאָמוניסטן ביי דער מאַכט, מוז רוסלאַנד בלייבן אַ דאָרפיש לאַנד, מוז זי זיך געזעגענען מיטן געדאַנק וועגן האָבן אַ רייכע אינדוסטריע, גרויסע שטעט, אַ גרויסן פּראָלעטאַריאַט, אַ רייכע שטאָטישע קולטור, ווערן אַ מאָדערנע מלוכה. גיט אַ וואַקס די שטאָט, אַנטוויקלט זיך די אינדוסטריע, קומט דאָס דאָרף צו זיך און הייבט אָן פאָדערן שטאָטישע סחורות; הייבט אָן רוסלאַנד זיך פאַרבינדן מיט אויסלאַנד; פאַרקויפן ברויט און קויפן מאַשינעס; לעבן אַ מאָדערנעם שטאָטישן לעבן, — מוז זיך באַלד שטעלן די פראַגע וועגן אַ נייער פּאָליטישער אָרדענונג.

די קאָמוניסטן דערלאָזן ניט, דאָס לאַנד זאָל אויף אַזוי פיל אויפגעריכט ווערן, אַז ס׳זאָל קאָנען שטעלן פּאָליטישע פראַגן. — בעסער אַ טויט רוסלאַנד מיט אונז, איידער אַ לעבעדיק רוסלאַנד אָן אונז, — אָט דאָס איז זייער גאַנג. אַלץ האָט אָבער אַ גרענעץ. און אינעווייניק, טאַקע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא, וואַקסט אַ ריכטונג, וואָס וועט סוף־כל־סוף באַזיגן אין זיך דעם פּאַרטייִישן עגאָיִזם און וועט אַוועקשטעלן די אינטערעסן פון גאַנצן לאַנד העכער פון די אינטערעסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָט די ריכטונג וועט מסתמא מאַכן אַ סוף צו לאַרינס לייכטזיניקייטן. דעמאָלט וועט אפשר טראָצקי פאַרשפּילן, — רוסלאַנד וועט אָבער געווינען.

יוני 1924.

אין קדחת=לאַנד.

זינט איך האָב געשריבן מיין ערשטן אַרטיקל איבער דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד, זיינען אַוועקגעגאַנגען סך=הכּל אַ פּאָר חדשים. אָבער פּאַר דער קורצער צייט זיינען פּאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן קדחת=לאַנד אַזעלכע ערנסטע שינויים, אַז מיר מוזן זיך נאָך אַמאָל אומקערן צו דער לאַגע פון יידישן הענדלער און קרעמער.

איך זאָג „קדחת=לאַנד״, ווייל דאָס, וואָס קומט איצט פּאָר אין רוסלאַנד, קאָן אַנדערש ניט אָנגערופן ווערן ווי קדחת, אַ מין היץ=קרענק, וואָס פאַלט אָן אויף די הערשער פון דעם דאָזיקן אומגליקלעכן לאַנד פון צייט צו צייט. וואָלטן די מאַכט=האָבער פון רוסלאַנד זיך ערנסט געוואָלט אומקערן צום מיליטערישן קאָ=מוניזם, מאַכן אַ סוף צום פּריוואַט=קאַפּיטאַל און אַרויסשטויסן דעם פּריוואַט=הענדלער, וואָלט מען זיי נאָך געקאָנט מוחל זיין דאָס אַלץ, וואָס זיי טוען די לעצטע פּאָר חדשים. לאָזט זיך אָבער אויס אַז דאָס אַלץ איז ניט מער, ווי אַן אָנשטעל, אַ טאַקטישער שריט, פּאַרן קאָמוניסטישן צוזאַמענפּאָר, כּדי אַרויסצורייסן ביי דער אָפּאָ=זיציע דעם איינפלוס אויף די אַרבעטער — און צוליב דעם מאַכט מען דערווייל אַ חורבן פון לאַנד, האַקט מען דערווייל אונטער דעם שוואַכן צווייג, וואָס אויף אים זיצט מען קוים איין.

פאַר די פּאָר חדשים, וואָס מען האָט געוואָלט ווייזן די אַרבעטער, אַז מען איז נאָך געטריי דעם קאָמוניזם, אַז מען האָט נאָך ניט פאַרגעסן די גוטע מלאכה פון אַרעסטירן סוחרים און קרעמער און פאַרכאַפּן סחורות, האָט מען טאַקע געמאַכט פון לאַנד אַ פולשטענדיקן חורבן. פון גאַנץ רוסלאַנד גייט אַ געשריי,

אַז מען רויִנירט דאָס ביסל שטאָטישע לעבן, וואָס עס האָט זיך איינגעגעבן אויפצוריכטן פאַר די לעצטע פּאָר יאָר. און אַזוי ווי יידן וואוינען כּמעט אויסשליסלעך אין די שטעט און זיינען באַשעפטיקט כּמעט נאָר מיט די פּרנסות, וועלכע ווערן איצט נאָך אַזויפיל געיאָגט און געפּלאָגט, איז געוואָרן די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד ממש ניט אַריבערצוטראָגן.

ס'האָט זיך אייגנטלעך אָנגעקליבן אַ גאַנץ פּעקל מכּות, וועלכע האָבן מיט אַמאָל געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג — און געטראָפן אַזוי, אַז דאָס קאָן זי פאַרמאַטערן גאָר אינגאַנצן.

ראשית, דער קאַמף מיטן פּריוואַטן האַנדל. פון 60 ביז 70 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען פאַרנומען מיט האַנדל. און האָט מען אויפגעהערט אַרויסגעבן פון די מלוכה־בענק (קיין אַנדערע בענק זיינען ניטאָ!) סוחרים קרעדיט, האָט עס אין דער ערשטער ריי און אין דער שטאַרקסטער מאָס געטראָפן יידן. און האָבן די מלוכה־טרעסטן פון זאַלץ, קעראָסין, מאַנופאַקטור און מעטאַל־סחורות אויפגעהערט גאָר אינגאַנצן צו פאַרקויפן סחורות צו פּריוואַטע קרעמער, האָט עס געטראָפן טאַקע ווידעראַמאָל אַ גוואַלדיק גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג; וואָרעם אין גאַנץ וויים־רוסלאַנד און אין אוקראַינע באַטרעפן די יידישע מאַנופאַקטוריסטן מסתּמא ניט ווייניקער פון 90 פּראָצענט פון אַלע מאַנופאַקטור־קרעמער, און די יידישע קרעמער, וואָס פאַרקויפן אַזעלכע גאַנגבאַרע אַרטיקלען, ווי זאַלץ און קעראָסין, זיינען אויך געוויס ניט ווייניקער פון 75 אָדער 80 פּראָצענט פון אַלע קרעמער פון דעם מין סחורה. און האָט מען אַ קוועטש געטאָן דעם שטייער־פּרעס, כּדי צו דערשטיקן דעם מיטעלן און קליינעם קרעמער, כּדי צוצונעמען ביי אים די פּאָר הונדערט גאָלד־רובל און ער זאָל מוזן איינפּאַקן זיין שטיקל געשעפט, האָט עס אין די געגנטן געטראָפן כּמעט דער עיקר די יידישע באַפעלקערונג.

אין דאָרף זיינען כּמעט ניט געבליבן קיין יידן און במילא זיינען דאָרטן ניטאָ קיין יידישע קרעמער — און אין דאָרף מאָנט מען ניט אַזוי שטאַרק די שטייערן. אויף אַזאַ אופן באַקומט זיך, אַז דער דאָרפישער קרעמער, כּמעט אויסשליסלעך אַ קריסט־

לעבער, ליידט גאָר ווייניק פון דעם קאַמף מיט די פּריוואַטע קרעמער. פאַרקערט, אין שטאָט מאָנט מען שטייער מיטן קולאַק, מען נעמט דעם לעצטן ביסן, מען נעמט וואָס מער, כּדי וואָס גיכער און וואָס שטאַרקער צו דערשטיקן דעם קרעמער — און דאָ זיינען פאַראַן יידן דריי=פערטל, און אָפּט נאָך מער, פון אַלע קרעמער.

ס'באַקומט זיך אַזוי, אַז ווען אין אַ שטאָט, ווי בעלאָצערקאָוו אָדער סמילאַ, וויל דער שטייער=אינספּעקטאָר דערווייזן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז ער איז אַ געטרייער קאָמוניסט, ווערט ממש אַ חורבן ביי דער יידישער באַפעלקערונג, וואָרעם אין די דאָזיקע שטעט זיינען גאָר ניטאָ אַפילו קיין צען פּראָצענט קריסטלעכע קרעמער. די גאַנצע קאָמוניסטישע געטריישאַפט פון דעם אינספּעקטאָר לאָזט זיך, אַלזאָ, אויס צו יידישע קעפּ. און ס'פאַרמאַכן זיך צענדליקער יידישע קראָמען אין יעדער שטאָט, און הונדערטער פאַמיליעס, וואָס האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון די פּאָגראָמען און פון די קאָמוניסטישע הונגער=יאָרן, ווערן נאָכאַמאָל רוינירט, צעבראָכן, פאַרוואַנדלט אין אָרעמע לייט, קבצנים.

און ס'האָט טאַקע אָט דער נייער קדחת=קאָמוניזם אָנגעוואָרפן אַזאַ פּחד אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, האָט ארויסגערופן אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז ממש די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. ביי צענדליקער טויזנטער פאַמיליעס, וואָס האָבן נאָך די פּאָגראָם= און הונגער=יאָרן גאָר אַנדערש ניט געטראַכט ווי עמיגרירן פון רוסלאַנד, האָט זיך דאָס געהאַט ווי אָפּגעלאָזט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט און מען האָט אָנגעהויבן זיך פילן נאָך אַמאָל ווי איינגעזעסענע, וואָס דאַרפן זאָרגן פאַר אַ שטיקל וואוינונג, פאַר אַ שטיקל מעבל אין שטוב, פאַר אַ העמד אויפן לייב, פאַר די קינדער און אַזוי ווייטער און דאָס גלייכן. ס'האָט זיך צוביסלעך אָנגעהויבן אומקערן דער געפיל פון בויען און עפּעס אויפבויען פאַר זיך און פאַרן קומענדיקן דור, פון זאָרגן און פאַרזאָרגן זיך און די פאַמיליע — ס'האָט זיך אָנגעהויבן אומקערן דער גלויבן אין זיך און אינם מאָרגנדיקן טאָג. דער איצטיקער אָנפאַל האָט

אומגעקערט צו דער אָפּגעלאָזנקייט פון 1920טן יאָר, האָט אומ־געקערט צו דער נשמה־יאוש, ווען דער מענטש הערט בכלל אויף צו זיין פעיק עפּעס אויפצוטאָן.

ס'איז אפשר ניט זייער שווער צו זיצן אין אַמעריקע און זיך זאָגן, אַז ס'איז גאָר אַ גליק פאַר די אייראָפּעישע יידן, וואָס מען האָט פאַרמאַכט די טויערן פון אַמעריקע — זיי וועלן זיך סוף־כל־סוף אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די עמיגראַציע־משוגעת און וועלן זיך נעמען ערנסטער פאַר פאַרפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס אין דער אַלטער היים. טראַכט מען זיך אָבער אַ ביסל ערנסטער אַריין אין דער שרעקלעך פאַריאושטער לאַגע, וואָס אין איר געפינען זיך באַזונדערס די רוסישע יידן, קומט מען צו זייער און זייער טרויעריקע אויספירן.

וואָרעם, ווער וואָלט געקאָנט ביי אַזעלכע באַדינגונגען, ווען יעדער שעה קאָנסטו פון אַ קאַפּריז רויגירט ווערן — ווער קאָן עפּעס אויפטאָן, עפּעס שאַפן? ווער וואָלט געקאָנט זיך פילן ביי אַזעלכע קדחת־באַדינגונגען פעסט כאָטש אַפילו אויף איין וואָך צייט?

פאַרשטייט זיך, מען קאָן קומען מיט אַ שיין־קלינגענדיקן תירוץ און זאָגן, אַז די רוסישע יידן זאָלן זיך נעמען צו ערד־אַרבעט, צו האַנטווערקעריי, צו פאַבריק־אַרבעט. ווער ס'זאָגט אַזאַ תירוץ, איז אָדער אַ אידיאָט, אָדער אַ פאַרברעכער! קיין צוויי מיליאָן רוסישע יידן — קאָנען ניט ווערן אַפילו אין צענדליקער יאָרן ערד־אַרבעטער. זיי קאָנען ניט, ווייל ס'איז ניטאָ ניט קיין פרייע ערד, ניט קיין געלט, ניט זיי טויגן דערצו — און חוץ דעם אַלע־מען שרייבן אַלע רוסישע צייטונגען, אַז פון דאָרף גייט איצט אַן עמיגראַציע אין שטאָט אַריין, דאָס הייסט, אַז די באַשעפטיקונג מיט ערד־אַרבעט איז איצט אין רוסלאַנד גאָר אַ קנאַפּער גליק. אַ קנאַפּער גליק פאַרן פויער, וואָס האָט שוין אַ שטיקל ערד, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן געווינט צו ערד־אַרבעט, און שוין אַוודאי און אַוודאי איז עס אַ קנאַפּער גליק פאַרן יידן, וואָס דאַרף ערשט קריגן דאָס שטיקל ערד און דאַרף זיך ערשט אויסלערנען די אַרבעט.

איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז מען דאַרף ניט זאָרגן פאַר דעם, אַז יידן זאָלן אין רוסלאַנד אויסנוצן די געלעגנהייט און קאָלאָניזירן געוויסע שטרעקעס ערד אין דרום=רוסלאַנד. נאָר דאָס איז ניט קיין תירוץ אויף דער ווייטאָג=פראַגע, וואָס שטייט פאַר אונז און פאָדערט באַלד אַן ענטפער. קאָלאָניזאַציע איז אַ שרעקלעך לאַנגזאַמע זאַך; ביי יידן אַ סך, אַ סך לאַנגזאַמער, ווי ביי אַלע איבעריקע פעלקער — און קומען און געבן אַ תירוץ אויף דעם ווי=געשריי פון הונדערטער טויזנטער רוסישע יידן מיט קאָלאָניזאַציע, הייסט וועלן אויסשעפן דעם ים מיט טיי=לעפעלעך.

דאָרטן טרינקט מען זיך, און דאָ קומט מען און מען מאַכט שיינע פלענער און מען מאָלט זיסע בילדער, ווי יידן פאָרן רייטנדיק אָדער מעלקן בהמות. זיי זיינען אייך מוחל די גוטע מילך פון די פעטע בהמות, וואָס פאַשען זיך אויף די רייכע יידישע פעלדער — זיי טרוימען וועגן אַ טרוקן שטיקל ברויט!

איך וועל אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל דערציילן, ווי גלענצנד ס'איז די לאַגע פון די האַנטווערקער אין רוסלאַנד און מען וועט זען, אַז אויך דער ענטפער, אַז יידן זאָלן זיך נעמען צו מלאכה, איז ביי די איצטיקע באַדינגונגען ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי.

און אַז דער תירוץ, יידן זאָלן זיך נעמען צו ערד=אַרבעט אין רוסלאַנד, האָט קיין שום ממשות ניט, איז גענוג צו זאָגן פאָלגנדיקס: אויפן קאָמוניסטישן קאָנגרעס, וואָס קומט איצט פאָר אין מאָסקווע, האָט סטאַלין אַליין אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז די צאָל אַרבעטסלאָזע דערגרייכט שוין אין רוסלאַנד ביז אַ מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזנט, און אַז ס'איז ניטאָ קיין שום האָפענונג, אַז אין די נאָענטע יאָרן זאָלן די דאָזיקע אַרבעטסלאָזע געפינען אַרבעט.

ווי מען זעט, זיינען אַלע רפואות, וועלכע דאַרפן אַרויסשלאָגן די „עמיגראַציע=משוגעת" פון די קעפ פון די רוסישע יידן, ניט קיין סך ווערט — און די אַלע דאָקטוירים, וואָס פאַרשרייבן די דאָזיקע רפואות, זיינען אָדער ניט באַקאַנט מיטן חולה אָדער זיי גיבן זיך ניט אָפ קיין קלאָרע רעכענונג פון דער אמתער לאַגע פון קראַנקן. די עמיגראַציע=משוגעת פון די רוסישע יידן קאָן מען

אויסקורירן נאָר מיט עמיגראַציע, און זאָלן די אַמעריקאַנער יידן, אויב דאָס לעבן, דאָס פיזישע לעבן פון די רוסישע יידן, איז זיי טייער, זיך ניט נאַרן און טראַכטן און זוכן עצות און וועגן נאָר אין דער דאָזיקער ריכטונג.

אַ חוץ דער מכה פון קאַמף מיט פריוואַטן האַנדל האָט שטאַרק געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג אויך די אַזוי־גערופענע פּאַרטיי־רייניקונג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האַלט אין איין רייניקן זיך — דאָס מאָל טרייבט מען אַרויס פון דער פּאַרטיי די אַזוי־גערופענע קליינבירגערלעכע מיטגלידער: אינטעליגענטן, משרתים, באַלעבאַטישע קינדער, קינדער פון קרעמער און סוחרים. אַז דער גרעסטער טייל יידן־קאָמוניסטן קומען נעבעך אַרויס דווקא פון קרעמער אָדער סוחרים אָדער פון משרתים און אינטעליגענטן, איז גאָר קיין ספק ניט. און דעריבער פאַרנעמען די יידן זייער אַ בכבודיקן אָרט צווישן די אַרויסגעטריבענע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — אַ סך אַ גרעסערן אָרט, ווי דער פּראָצענט, וואָס זיי מאַכן אויס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

„וואָס־זשע קער זיך דאָס אָן מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד? וועט געוויס פרעגן דער לעזער. — וועלן מיר האָבן וויניקער מיט עטלעכע טויזנט יידן־קאָמוניסטן — גאָר אַ קליינער אומגליק!“ לאָזט זיך אָבער אויס, אַז דאָס האָט אויך אַ שייכות און גאָר אַ נאָענטע שייכות צו דער עקאָנאָמישער לאַגע.

די מעשה דערפון איז אַזוי — זיין אַ קאָמוניסט הייסט זיין אַ פּריווילעגירטער, הייבט פאַרנעמען אַ גוטע שטעלע, באַקומען אַ גוטן געהאַלט, הייסט האָבן אַ מעגלעכקייט צו העלפן די אייגענע, נאָענטע און ווייטע, מיט געלט, מיט פאַרבינדונגען, מיט אָנווייזונגען, מיט רעקאָמענדאַציעס אאַז״וו אאַז״וו. ווער ס׳איז באַקאַנט מיט דער לאַגע אין רוסלאַנד, ווייס זייער גוט, אַז די יידן־קאָמוניסטן פאַרנעמען דאָס רוב גוטע און הויכע שטעלעס אין די הענדלערישע און פינאַנציעלע אינסטיטוציעס. באַקומט מען טאַקע אַ גאַנץ הויכן געהאַלט—ס׳זיינען פאַראַן קאָמוניסטן, וואָס באַקומען טויזנט דאָלאַר אַ חודש געהאַלט — און חוץ דעם איז דאָ פאַראַן אַ גרויסע מענ־

ל'עבקייט צו העלפן די אייגענע מיט באַקומען אַ שטעלע, מיט אײַנקויפן אָדער פאַרקויפן אַ מין סחורה, מיט צושאַרן אַ פאַרדינסטל אויף אַ כשרן אָדער ניט־כשרן אופן.

דאָס רוב יידן־קאָמוניסטן זיינען סוף־כל־סוף געבליבן גאַנץ „וואוילע יידן מיט אַלע יידישע מעלות — צוגעבונדן צו עלטערן, צו קרובים, גרייט צו ברענגען גרויסע קרבנות פאַר אַ ברודער און שוועסטער, פאַר אַ נאָענטן און אַפילו וויטן קרוב. ס'האָט זיך מחמת דעם געשאַפן אַ לאַגע, אַז אין דעם זכות פון די עטלעכע טויזנט יידן־קאָמוניסטן האָבן געהאַט פרנסה אַ סך טויזנטער יידישע פאַמיליעס. וואַרפט מען די דאָזיקע יידן־קאָמוניסטן אַרויס פון דער פאַרטיי, הייסט עס, אַז זיי פאַרלירן זייערע שטעלעס, פאַרלירן זייערע פריווילעגיעס, ווערן אָן זייער מאַכט, פאַרקערט נאָך, זיי ווערן ווי אַריינגעוואָרפן אין חרם; זיי ווערן געיאָגט ווי פעלשער, ווי מענטשן, וואָס האָבן אָפּגענאַרט די קאָמוניסטישע פאַרטיי. און ניט נאָר זיי אַליין פליען אין תהום אַריין — זיי שלעפּן מיט זיך די יעניקע, וועלכע זיי האָבן פריער מיט זיך מיטגענומען, ווען זיי זיינען געגאַנגען באַרג־אַרויף.

פודערוויטנס קאָן זיך אויסווייזן, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט; וועט מען אַרויסוואַרפן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אַ פּאָר טויזנט יידן. ווער ס'איז אָבער באַקאַנט מיט די רוסישע באַדינגונגען, וויים, אַז פאַקטיש איז דאָס אַ פראַגע פון פרנסה פון טויזנטער פאַמיליעס.

נאָר חוץ דער פאַרטיי־רייניקונג גייט נאָך איצט אָן אַ רייני־קונג פון די סאָוועטישע פאַרשיידענע אינסטיטוציעס — מען סטאַ־רעט זיך אומעטום צו פאַרבייטן דעם אינטעליגענט אָדער דעם זון פון אַ אינטעליגענט מיטן משרת און דעם זון פון אַ משרת און בפרט נאָך דעם געוועזענעם קרעמער און דעם זון פון קרעמער מיט מענטשן פון ריינעם פראָלעטאַרישן בלוט. מיך אינטערעסירט דאָ ניט די פראַגע, צי דאָס איז נייטיק פאַר דער סאָוועטישער מלוכה, צי איז דאָס געזונט פאַר די מלוכה־אינסטיטוציעס — איך ברענג די דאָזיקע פאַקטן, כדי צו דערווייזן, אַז די צאָל יידן, וואָס פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס אין רוסלאַנד, האַלט אין איין

וואַקסן, אַז אַפילו די, וואָס האָבן זיך צוגעשאַרט צו דער קאָמו־ניסטישער מאַכט און האָבן ביז איצט פּ'ן איר געצויגן אי חיונה, אי מאַכט, — אַפילו די דאָזיקע גליקלעכע ביז איצט כאַפּן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער און פאַרגרעסערן מיט זיך די צאָל יידישע פאַרצווייפלטע נשמות.

און ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די עמיגראַציע־משוגעת וועט אָנשטעקן ניט ווייניק פון די, וואָס ביז אַהער האָבן זיי גע־זערט צו די פּריווילעגירטע קלאַסן — צו די קאָמוניסטן אָדער צו סתם סאָוועטישע קנאַקערס און מאַכערס.

מען האָט זיך אין אַמעריקע באַרויִקט — ניטאָ קיין פּאָג־ראָמען און שחיטות, מען קוילעט ניט קיין יידן, איז ניטאָ וואָס צו זאָרגן. מען מוז אָבער זאָגן, אַז אין אַ סך פּרטים איז איצט די לאַגע פון די רוסישע יידן אַ סך טראַגישער, אַ סך פאַריאושטער. ס'איז אויך מעגלעך, אַז די קרבנות פון אָט דער פאַריאושטער לאַגע וועלן זיין אַ סך גרעסערע און אַ סך שרעקלעכערע, ווי די הרוגים פון די פּאָגראָמען. וואָרעם אַן אויפוואַקסנדיקער דור פון פיזישע און מאָראַלישע קאַליקעס איז אפשר מער אומגליק, ווי הונדערט טויזנט געהרגעטע. און ביי די באַדינגונגען, וואָס ביי זיי לעבט דער יונגער יידישער דור אין רוסלאַנד, איז אוממעגלעך, אַז ער זאָל ניט אַרויס אי פיזיש, אי מאָראַליש קראַנק און געפאַלן. אויף דער דאָזיקער פראַגע מוז מען זיך ערנסט, גאָר ערנסט פאַר־טראַכטן — דאָס איז דער חוב פון אַלע אַמעריקאַנער יידן, ווייל זיי זיינען די איינציק גליקלעכע, וואָס קאָנען אפשר אויפטאָן אויף צו פאַרגרינגערן די לאַגע פון די רוסישע יידן.

יוני 1924.

דער יידישער בעל־מלאכה און דער יידישער אַרבעטער.

פֿאַר דער מלחמה פֿלעגט אַ רוסישער פֿויער קויפֿן שטאָטישע פּראָדוקטן דורכשניטלעך פֿאַר 22 רובל אַ יאָר, און איצט, אין 1924טן יאָר, קויפֿט ער סך־הכּל דורכשניטלעך פֿאַר 4 רובל אַ יאָר. ס'איז געגוג דער דאָזיקער פֿאַקט, כּדי צו פֿאַרשטיין, ווי שטאַרק ס'האָט זיך געמוזט פֿאַרערגערן די לאַגע פֿון בעל־מלאכה.

וואָרעם וואָס הייסט דער פֿויער קויפֿט שטאָטישע פּראָדוקטן? ער קויפֿט מאַנופֿאַקטור־סחורה און גיט דעם שניידער, גאַנץ אָפֿט דעם יידישן שניידער, אויפֿנייען אַ בגד; ער קויפֿט לעדער און גיט דעם שוסטער, גאַנץ אָפֿט דעם יידישן שוסטער, אויפֿנייען אַ פּאָר שטיוול אָדער שיך. קויפֿט אָבער דער פֿויער ניט קיין מאַנופֿאַקטור און לעדער, האָבן ניט די שניידערס און די שוסטערס קיין אַרבעט. און אַזוי ווי שניידערס און שוסטערס מאַכן אויס אומגעפֿער אַ העלפֿט פֿון די יידישע בעלי־מלאכות, איז קלאָר, אַז די יידישע האַנטווערקער האָבן איצטער פֿינף מאָל ווייניקער אַרבעט ווי פֿאַר דער מלחמה. אַזוי ווי עסן ווילט זיך און שטאַרבן פֿון הונגער איז ניט אַזאַ גרויסער פֿאַרגעניגן, זוכט מען זיך זייטיקע פּרנסות.

אָט דערציילט די „קאָמוניסטישע פֿאָן", וועלכע גייט אַרויס אין קיעוו, אין נומ' 78 פֿון 1924טן יאָר:

„אין אָלשאַנע, קיעווער גובערניע, וואוינען בײַ זעקס טויזנט נפֿשות, פֿון זיי יידן 1200. די יידן טיילן זיך: 57 פּראָצענט הענדלער און פֿרײַע פּראָפֿעסיעס און 43 פּראָצענט אַרבעטער און קוסטאַרן („זעלבשטענדיקע" בעלי־מלאכות).

די לאַגע פון די קוסטאַרן בעלי־מלאכות איז אַ שווערע. גאַנץ צײַט קאָן מען דעם קוסמאַר טרעפן אין מאַרק ביי אַ טישל אָדער אַ קלייטל.

פון אַרבעט אַליין קאָן מען ניט האָבן אויף ברויט — קלאָגט זיך אָפט דער קוסטאַר. אַ גאַנצע וואָך איז כמעט ניטאָ וואָס צו טאָן און דער איינציקער שפּייזער אין וואָך איז דער מאַרק־טאָג דאָנערשטאָג, סיי פאַר די קליין־הענדלער, סיי פאַר די קוסטאַרן".

אין „עמעס" נומ' 85 פון 1924טן יאָר שטייט אַזוי געשריבן וועגן פּאָדאָליער גובערניע:

„אין אַלגעמיין זיינען איצט אין די שטעטלעך פאַראַן די זעלבע סאָציאַלע גרופּעס, ווי פאַר דער מלחמה: בעלי־מלאכות, אַרבעטער, פאַרשיידענע קרעמער און סוחרים. אָבער מען דאַרף צוגעבן, אַז די ערשטע צוויי גרופּעס (בעלי־מלאכות און אַרבע־טער — י. ל.) האַלטן אין פאַרקלענערט ווערן, ווען די דריטע גרופּע — די קרעמער, הענדלער ווערט אַלץ פאַרגרעסערט. די שווערע מאַטעריעלע לאַגע, דער דרוק פון די פינאַנצן מאַכן דעם קוסטאַר אָט פאַר אַ הענדלער און אָט פאַר אַ קוסטאַר".

אין „עמעס" נומ' 75 פון 1924טן יאָר שרייבט מען:

„רודניע, סמאָלענסקער גובערניע, ציילט אַ באַפעלקערונג פון 5000 איינוואוינער מיט איבער 75 פּראָצענט יידן. כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מיט האַנדל. שבת רוט דאָס גאַנצע שטעטל, אַפילו די סאָוועט־אַנשטאַלטן זיינען פאַרמאַכט אום שבת".

אין „עמעס" נומ' 70 פון 1924 יאָר שטייט געשריבן וועגן די קליינע שטעטלעך פון אָרשער געגנט:

„קאָכאַנאָוו ציילט איבער 100 פאַמיליעס, דער גרעסטער טייל יידן, מיט אַ גרויסער צאָל קוסטאַרן. די עקאָנאָמישע לאַגע איז אַ טרויעריקע. קיין אַרבעט איז ניטאָ. דאָס שטעטל אָבאָלעך ציילט ביי 50 יידישע פאַמיליעס, ביז 90 פּראָצענט קוסטאַרן. קיין אַרבעט איז ניטאָ. קיין אַרבעטער געפינען זיך דאָ ניט. דאָס שטעטל סטאַראָסעל ציילט עטלעכע הונדערט פאַמיליעס, דער

גרעסטער טייל יידן. אַ גרויסע צאָל קוסטאַרעס. די עקאָנאָמישע לאַגע איז ווייער אַ טרויעריקע — קיין אַרבעט איז ניטאָ. קיין אַרבעטער איז ניטאָ. פאַראַן אַ גרויסע צאָל קראָמען. דאָס שטעטל סמאָליאַנע האָט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג. קיין אַרבעטער זיינען ניטאָ. דער גרעסטער טייל הענדלער. די קוסטאַרן זיינען אָרגאַניזירט אין פאַראיין. קיין אַרבעט איז ניטאָ".

פון די נאָר וואָס געבראַכטע ציטאַטן, וואָס נעמען אַרום דאָס שטעטל סיי פון אוקראַינע, סיי פון ווייס=רוסלאַנד, באַקומט זיך אַ גאַנץ קלאָר בילד וועגן דער לאַגע פון יידישן בעל=מלאכה. על=פי=רוב זיצט מען אָן אַרבעט; צופעליק כאַפּט מען אַ שטאָך אַרבעט און מען רוט זיך אָפּ נאָכדעם עטלעכע טעג; אויפן מאַרק=טאָג קוקט אַרויס אין שטעטל ניט נאָר דער קרעמער, נאָר אויך דער בעל=מלאכה, דער קוסטאַר. ער ווערט אָנגערופן קוסטאַר, „זעלבשטענדיקער" בעל=מלאכה, ווייל קיין אַרבעטער האַלט ער ניט. פאַר דער מלחמה און נאָך בשעת מלחמה זיינען אַפילו אין די קליינע שטעטלעך שוין געווען ניט ווייניק וואַרשטאַטן, וואו עס האָבן געאַרבעט אַרבעטער צו צוויי און דריי און אַפילו צו פינף. איצט איז פון אַרבעטער קיין זכר ממש ניט געבליבן אין שטעטל. זעלטן, גאָר זעלטן וואַרפט זיך דורך אַ שטעטל, וואו מען טרעפט אַ פאָר צענדליק יידישע אַרבעטער, נאָר זיי אַנטלויפן אויך פון דאָרטן אין די גרויסע שטעט אַריין, וואו עס זיינען פאָרט פאַראַן מער אויסזיכטן און האָפענונגען.

אויף וויפיל עס גייט נאָך איצט די אויסוואַנדערונג פון די קליינע שטעטלעך אין די גרויסע שטעט אַריין, ווייזט די ציילונג פון 1923טן יאָר. נעמען מיר, למשל, קיעוו. אין 1920טן יאָר זיינען געווען אין קיעוו 114 טויזנט יידן. דעמאָלט איז געווען אַ מאַסע אָנגעלאָפענע יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די פאָגראָמען, איך האָב אַליין דורכגעפירט דעמאָלט אַ ציילונג, וואָס האָט אַרומ=גענומען ביז 20 טויזנט אָנגעלאָפענע יידן. אין דער אמתן איז געווען מסתמא ביז 25 טויזנט אָנגעלאָפענע. האָבן אַלע גערעכנט, אַז וויבאַלד עס וועט נאָר ווערן רויק און די שרעק פאַר פאָגראָ=מען וועט איבערגיין, וועלן די יידן זיך אַ לאָז טאָן צוריק אין די

שטעטלעך, צוריק אין די פאַרלאָזטע און אויף הפקר־איבערגעלאָזטע היימען. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז אין 1923טן יאָר האָט שוין קיעוו געהאַט 128 טויזנט יידן. אויב מען זאָל אַפילו רעכענען, אַז אין די דאָזיקע דריי יאָר, ווען עס זיינען נאָך פאָרגעקומען פּאָגראָמען און ווען דער הונגער האָט געשטיקט אויך די קיעווער באַפעלקערונג, זיינען מער יידן געבוירן געוואָרן ווי געשטאָרבן, האָט געקאָנט דערפון צוקומען העכסטנס דריי אָדער דריי און אַ האַלב טויזנט יידן. עס זיינען אָבער צוגעקומען, ווי מיר האָבן געזען, גאַנצע 14 טויזנט יידן. דאָס באַווייזט, אַז ניט נאָר האָבן זיך יידן אין קיעווער גובערניע ניט אומגעקערט אין די קליינע שטעטלעך, נאָר פאַרקערט, דאָס ביסעלע יידן, וואָס איז נאָך געבליבן נאָך די פּאָגראָמען אין דער פּראָווינץ, לויפט פון דאָרטן, לויפט, ווייל עס איז ניטאָ קיין פּרנסה.

אַז ניט פון וואוילטאָג בלייבן די פּאָגראָם־אַנטלאָפענע אין קיעוו, איז קלאָר פאַר יעדערן, ווער עס ווייס, ווי שרעקלעך זיי ליידן דאָרטן אין אַלע פּרטים. און דאָס, וואָס מיר האָבן געזען נאָר־וואָס אין קיעוו, קומט פאָר אין אַלע איבעריקע גובערניעס.

וואָס פאַר אַן עקאָנאָמישן זינען האָט אָט־דער פאַקט, וואָס אין די קליינע שטעטלעך איז נאָך ערגער, ווי אין די גרויסע שטעט? דאָס באַווייזט, אַז דער פּויער, דער הויפּט־קוואַל פון פּרנסה, איז צו זיך ניט געקומען, האָט זיך ניט געשטעלט אויף די פיס און קאָן זיך ניט מאַכן אַזוי פיל קליידער, אַזוי פיל שטיוול, אַזוי פיל הישלען, בויען אַזוי פיל הייזער, ווי פאַר דער מלחמה.

און ליגט דער פּויער אין דער ערד, ליגט דער ייד נאָך טיפער, ווארעם אין קליינעם שטעטל האָט דער ייד תמיד געלעבט כמעט נאָר פון פּויער: דער קרעמער האָט באַדינט דעם פּויער מיט סחורה און דער בעל־מלאכה האָט אים באַנייט און באַשוכט אאַז״וו.

פון וואָס־זשע לעבט פאָרט דער בעל־מלאכה, וואָס איז פאַרבליבן אין שטעטל?

ווי מיר האָבן געזען פריער, האַנדלט ער צו — אין טאָג פון יאַריד ווערט ער אויס קוסטאַר, אויס אַרבעטס־מענטש, פאַר־

לאָזט די מאַשין אָדער דעם האַמער און קויפט און פאַרקויפט, קויפט אַ ביסל תבואה אָדער פאַרקויפט אויפן מאַרק אויף אַ שטע-לעכל קלייניקייטן, ווי פעפער, זאַלץ וכדומה זאַכן. מקנא זיין אים שטאַרק אויף דער פרנסה איז ניטאָ וואָס, וואָרעם סוף-כל-סוף קלעקט ניט פוןביידע פרנסות אַפילו אויף טרוקן ברויט; און ווען ניט די אַמעריקאַנער דאָלאַרן, ווען ניט די אַמעריקאַנער קרובים, וואָס כמעט יעדער ייד האָט זיך באַצייטנס באַזאָרגט מיט זיי, וואָלט טאַקע די לאַגע געווען נאָך שרעקלעכער, נאָך פאַר-יאושטער.

אָט שרייבט מען אין „עמעס" נומ' 80 פון 1924טן יאָר:

„סודילקאָוו, אַ קליין שטעטל דריי וויאָרסט פון שעפּעטאָווקע, מיט 700 יידן. פאַר דער מלחמה איז סודילקאָוו געווען אַן אַר-בעטער-שטעטל. עס זיינען דאָרטן געווען אַכט טליתים-פאַבריקלעך, אַ 10—15 וועב-שטולן און אַ גרויסע צאָל לעדער-אַרבעטער.

איצט לעבן די סודילקאָווער יידן, אויסער אַ קליינער צאָל בעלי-מלאכות און אַרבעטער, פון אַמעריקאַנישע דאָלאַרן. די וואָס האָבן ניט קיין קרובים אין אַמעריקע פאַרנעמען זיך פשוט מיט שנאָרעריי".

פאַרשטייט זיך, עס זיינען נאָך פאַראַן איינצלנע, ממש טאַקע געציילטע שטעטלעך, וואו עס זיינען נאָך פאַראַן יידישע אַרבעטער, נאָר אויך די דאָזיקע אַרבעטער זיינען געצוואונגען צו האַנדלען, אַז ניט וואָלטן זיי אויסגעגאַנגען פון הונגער. דווקא אין קאָמו-ניסטישן גן-עדן קומט אוים דעם אַרבעטער צו זיין גאָר אַ נאָענטער מחותן מיטן מאַרק, מיטן יאַריד.

אָט שרייבט מען אין „עמעס" נומ' 74 פון הייניטיקן יאָר:

„גאָראָדניצע, פּאָדאָליער גובערניע. אַ שטעטל מיט צוויי טויזנט נפשות. פון זיי אַ זיבן-אַכט הונדערט יידן. פאַראַן דאָ אַ פאַבריק פון פאָרצעלײַ-אַרטיקלען, וואו עס אַרבעטן 230 אַר-בעטער (ביי 70 פּראָצענט יידן), די לאַגע פון זאַוואָד איז ניט קיין גלענצנדיקע. דער פאַרדינסט פון אַ קוואַליפיצירטן אַרבעטער — איז פון 18 ביז 27 גאָלד-רובל אַ חודש און פון אַ שוואַרץ-אַרבע-טער — פון 12 ביז 16 גאָלד-רובל. אָבער אויך דער לפי-ערך

קלײנער פאַרדינסט ווערט אויסגעצאָלט מיט סחורה, ווי: הערינג, זאַלץ, מאַנופאַקטור און אַנדערע. דאָס צווינגט די אַרבעטער שטענדיק זיך צו פאַרנעמען מיט זוכן קונים, און קומט אַ פויער אין שטעטל עפעס קויפן, זוכט ער עס ניט אין די קלייטן, נאָר בײַ די אַרבעטער פון זאַוואָד".

מיר האָבן באַקומען אַ גענוג קלאָר בילד, וואָס עס טוט זיך אין שטעטל. ניט קיין סך בעסער איז די לאַגע אין די מיטעלע און גרויסע שטעט.

ערשטנס, האָט זיך אויך אין די גרעסערע שטעט די צאָל בעלי=מלאכות און אַרבעטער פאַרקלענערט און עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל הענדלער און קרעמער. אויך אין די גרויסע שטעט זיינען איצט זעלטן, זייער זעלטן וואַרשטאַטן מיט אַ גרויסער צאָל אַרבעטער. על=פי=רוב אַרבעטן די יידישע בעלי=מלאכות אַליין, ד"ה אָן אַרבעטער; זיי ווערן דעריבער גערופן קוסטאַרעס.

פאַרוואָס מיידט דער בעל=מלאכה אויס אָנצושטעלן אַרבעטער, צו עפענען אַ גרויסן וואַרשטאַט? ווי וויכטיק זאָל ניט זיין אַזעלכע סיבות, ווי גרויסע שטייערן, אָפצאָלונגען, אויך פאַרזיכערונג, אַרבעטן נאָר 8 שעה אַ טאָג, אדג"ל, מוז מען דאָך פאַרשטיין, אַז ווען עס זאָל זיין גענוג אַרבעט, ווען דער בעל=מלאכה זאָל האָבן אַ סך באַשטעלונגען, וואָלט ער דאָך פאַרברייטערט זיין וואַרשטאַט, וואָלט אים געטראָגן אויף אַלע שטייערן און אָפצאָלונגען. מוז מען קומען צום אויספיר, אַז ס'איז פאַראַן איין נאָר גרויסע וויכטיקע סיבה — און זי באַשטייט אין דעם, וואָס ס'איז ווייניק באַשטעלונגען. דער בעל=מלאכה האָט ווייניק אַרבעט פאַר זיך אַליין, טאָ צו וואָס=זשע דאַרף ער נאָך אַרבעטער? און אין דער אמתן זעען מיר טאַקע, אַז אין די שטעט הערשט אַ שרעקלעכע אַרבעטסלאָזיקייט, אין אייניקע פאַכן גייען אַרום ליידיק מער ווי אַ העלפט פון אַלע אַרבעטער און זיי גייען אַרום ליידיק שוין אַ סך חדשים און אָן אַ שום האָפענונג ווען עס איז צו באַקומען אַרבעט.

אָט דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט וועגן דער לאַגע פון בעל=מלאכה און אַרבעטער אין די שטעט, וועלן מיר

באַלד דערוויַיזן מיט אויסצוגן פון דער יידישער קאָמוניסטישער פּרעסע.

מערעושין, וועלכער איז געוויס ניט קיין „קאָנטר־רעוואָלוציאָנער“, שרייבט אין „עמעס“ נומער 50 און 68 פון 1924טן יאָר:

„קודם כל איז גוואַלדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן די אַלגעמיינע צאָל יידישע אַרבעטער אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער צייט פון דער אַלטער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. אָט האָבן מיר ציפערן: אין וויטעבסקער גובערניע האָט דער שניידער־פאַראיין געציילט אין 1920—3,683 מיטגלידער און אין 1923 נאָר 1,001 מיטגלידער; דער זעלבער פאַראיין אין אָדעסער גובערניע: אין 1920 — 3,328 מיטגלידער און אין 1923 נאָר 1,282 מיטגלידער; אין קיעווער גובערניע: אין 1920—4,350 מיטגלידער און אין 1923 — 1,699 מיטגלידער“.

אין אַן אַנדער אָרט שרייבט דער זעלבער מערעושין, אַז „די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מיט האַנדל“.

ס'איז דאָך קלאָר, אַז מערעושין, דער דיקטאַטאָר איבער דעם רוסישן יידנטום, איז געניג פּאַרטייטיש און איז מסתמא מער גענייגט אָפּצושוואַכן די שוואַרצע פאַרבן און זיך בעסער אַ קניפּ טאָן אין באַק, אַבי די רויטע פאַרב זאָל שטיין. ס'העלפט אָבער ניט — ער מוז נעבעך מודה זיין, אַז פאַר די לעצטע דריי יאָר פון „נעפּ“ האָט זיך פאַרגרעסערט די קרעמעריי אין יידישן לעבן, איז געוואָרן קלענער די צאָל אַרבעטער און בעלי־מלאכות און עס הערשט אַ שרעקלעכע אַרבעטסלאָזיקייט צווישן יידישע אַרבעטער.

אין קיעוו זיינען פאַראַן ניין טויזנט אַרבעטסלאָזע יידישע אַרבעטער אויף אַכט טויזנט באַשעפטיקטע; וועגן האָמלער גובערניע שרייבט מען אין „עמעס“ נומער 40, אַז „די אַרבעטסלאָזיקייט האָט פאַר דער לעצטער צייט אָנגענומען גאַנץ גרויסע פאָרמען און באַקומט אַ פאַרצוויגענעם שטענדיקן כאַראַקטער. ניט ווייניקער פון 70 פּראָצענט אַרבעטסלאָזע זיינען יידן. אין אַזעלכע שטעט, ווי האָמעל, מאָהילעוו און רעטשיצע, איז די אַרבעטסלאָזיקייט אויף 90 פּראָצענט אַ יידישע“. אין וויטעבסק איז די צאָל אַרבעטס־

לאָזע גרעסער פון די באַשעפטיקטע אַרבעטער און דאָסזעלבע אין אַדעס. אין אַלגעמיינעם קאָן מען זאָגן פאָלגנדיקס: ביי אַלע אַרבעטער פון רוסלאַנד מאַכן אויס די אַרבעטסלאָזע אומגעפער פון 20 ביז 25 פּראָצענט פון אַלע באַשעפטיקטע אַרבעטער; ביי די יידישע אַרבעטער מאַכן אויס די אַרבעטסלאָזע פון 40 ביז 50 פּראָצענט פון אַלע יידישע פּאַרנומענע אַרבעטער. מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלן אַ לאַגע, ווען אויף יעדן פאַרנומענעם אַרבעטער איז פאַראַן אַן אַרבעטסלאָזער — מוזן זיי אַזוי זיין אויסגעהונגערט, אַז זיי זאָלן זיין גרייט צו אַרבעטן פאַרן קלענסטן לוין, ביי די שווערסטע באַדינגונגען, אַבי כאַפּן אַ שטיקל אַרבעט.

און אין רוסלאַנד, קאָן מען זאָגן, איז אינגאַנצן כמעט אָפּגעשטאָרבן די יידישע מיטעלע און אַפילו קליינע אינדוסטריע. מען האָט זיך אומגעקערט צו שטוב-אַרבעט.

אָט איז אַ בילד פון זשיטאָמיר. מען קאָן רעכענען, אַז עס גיט אַ באַגריף פון אַלע איבעריקע שטעט פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. אין „עמעס“ נומער 72 שטייט געשריבן:

„אויב מען געפינט ביי אונז אַן אונטערנעמונג פון צוויי אָדער דריי אַרבעטער, איז דאָס שוין אַ סך. אין גרעסטנטייל אונטערנעמונגען איז אָדער ס'אַרבעט איין אַרבעטער אָדער גאָרניט. באַלעבאָטימלעך, וואָס האַלטן 2—3 אַרבעטער, זוכן מיט אַלע מיטלען פּטור צו ווערן פון זיי. די אַרבעטער דרייען זיך אַזוי לאַנג אַרום ליידיק, ביז עס ווערט זיי נמאס, און זוכן אויס צו אַנדער אַרבעט. די וואָס געפינען ניט, הייבן אָן אַרבעטן ביי זיך אין דער היים.

„דאָס האָט פאַרערגערט נאָך די לאַגע: פריער זיינען זיי געזעסן ביים באַלעבאָס, און מיר האָבן זיי שטענדיק געהאַט אין אויג, געוועזן מיט זיי פאַרבונדן; איצט זיינען זיי צעוואָרפן, יעדער זיצט ביי זיך אין לאָך און לאַטעט עפּעס אַ שמאַטע, ער ווערט אַ „קוסטאַר“. עס מערט זיך די שטוב-אַרבעט, ווייל אַזוי ווי דער שניידער וויל ביי זיך קיין אַרבעטער ניט האַלטן, טראָגט ער די אַרבעט אַוועק צום אַרבעטער אַהיים און דאָרטן קאָסט אים די אַרבעט וואָלוול. דער אַרבעטער איז הונגעריק, טוט ער עס“.

די „קאָמוניסטישע פאָן“ נומ׳ 83 ברענגט, אַז פון 1,500 קיעווער שוסטער־אַרבעטער זיינען פאַרנומען אין וואַרשטאַטן סך־הכּל 300 און 1,200 זיינען שטוב־אַרבעטער, קומט אויס, אַז פיר פינפטל פון אַלע שוסטער־אַרבעטער אַרבעטן ביי זיך אין דער היים, 16 און אַמאָל 18 שעה אין מעת־לעת, פאַר אַ גראָשנדיקן לוין, וואָס קלעקט געווים ניט אויף קיין ברויט אפילו, אין אַן ענג שמוציק צימערל, וואו די ווייב מיט די קינדער שלאָפן, וואו ס׳איז אָפט נאַס און קאַלט. און ביי די שניידער איז דער פּראָצענט שטוב־אַרבעטער נאָך גרעסער.

די אויספירן פון די אַלע געבראַכטע ציפערן און פאַקטן זיינען קלאָר. זיי ליגן ממש אויף דער האַנט: די צאָל יידישע בעלי־מלאכות איז געוואָרן אין רוסלאַנד אַ סך קלענער; די וואָס פאַרנעמען זיך מיט האַנטווערקעריי קאָנען דערפון אַליין קיין פרנסה ניט האָבן און מוזן נאָך צוהאַנדלען; פונדעסטוועגן גיבן ביידע באַשעפטיקונגען ניט גענוג פרנסה, און מען לעבט אין שרעקלעכער אָרעמקייט. די גרויסע וואַרשטאַטן, וואו עס פלעגן אַרבעטן 5 און 10 אַרבעטער צוזאַמען, זיינען כּמעט אינגאַנצן פאַר־שוואונדן, ס׳איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די צאָל שטוב־אַרבעטער, וואָס אַרבעטן 18 שעה אין מעת־לעת און פאַרדינען דאָך ניט גענוג צום לעבן.

יוני 1924.

די פיין פון אויסוואַנדערער.

צוועלף טעג בין איך געווען אין ריגע, און האָב יעדן טאָג פאַרבראַכט עטלעכע שעה מיט די עמיגראַנטן פון רוסלאַנד. מאַטעריאַל האָב איך אָנגעזאַמלט זייער אַ סך; צרות און ווייטאָגן האָב איך אין זיך איינגעזאַפּט נאָך מער — און דאָך זיינען שוין אַוועק צוויי וואָכן, און איך האָב נאָך ניט אָנגעשריבן קיין איין וואָרט. איך בין זיך מודה — איך פיל, אַז מיין פען איז צו שוואַך אויף איבערצוגעבן די גאַנצע טראַגעדיע, וואָס הייסט עמיגראַציע. איך פיל, אַז מען דאַרף טאָן אַזאַ ווייגעשריי, אַז דאָס גאַנצע יידנטום זאָל אויפגעציטערט ווערן, זאָל ווי איין מענטש דערפילן, אַז זייערע ברידער און שוועסטער, אַלטע טאַטעס און שוואַכע מאַמעס, יונגע, צאַרטע קינדער זייערע פוילן אין די האַפן-שטעט.

יאָ, פוילן איז נאָך אפשר צו שוואַך געזאָגט.

טויזנט פינף הונדערט יידישע עמיגראַנטן ליגן אויף די בעטן און דרייען זיך אַרום אויף די גאַסן פון ריגע—און מען זעט יעדן טאָג, ממש מען טאַפּט עס אָן מיט די הענט, ווי ס'שטאַרבן אָפּ אברים פון דער דאָזיקער געזונטער מאַסע, און ס'ווערט אויסגעלאָשן דאָס וויכטיקסטע אין לעבן — דער ווילן.

זיך אַרויסצורייסן פון רוסלאַנד — דאָס איז גרינג צו זאָגן, אָבער זייער שווער צו טאָן. און יעדערער און יעדערע האָט דורכגעמאַכט ממש אַ העלדישן וועג, איידער זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן איבער דעם גרענעץ. אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג פון כוחות, אַן אומגעהייערע עקשנות און אַ גרייטקייט צו פאַרלירן אַלץ ביז דעם לעבן — אַט וואָס עס פאָדערט זיך פון אַ מענטשן, וואָס נעמט זיך אונטער צו עמיגרירן פון רוסלאַנד. דאָס איז אָבער

מעגלעך נאָר דעמאָלט, ווען דו גלויבסט, אַז פון יענער זייט וואַרט אויף דיר אַ בעסער לעבן, אַז פון יענער זייט הייבט זיך אָן אַ בעסער, אַ ליכטיקער בלעטל אין בוך פון דיין לעבן.

דער עמיגראַנט קומט אַריבער מיט אַזעלכע אָנגעשטרענגטע נערוון, מיט אַזאַ מידער נשמה, אַז פון דער זייט וואָלט מען גאָר באַדאַרפט אים אַ שטיקל צייט געבן אַ מעגלעכקייט זיך אָפּרוען, אַ ביסל קומען צו זיך. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז דער גיהנום האָט קיין גרענעץ און קיין סוף ניט; אַז יידישע צרות האָבן גאָר קיין ברעג ניט — און ערשט פון דער זייט הייבן זיך אָן שיטן אויפן עמיגראַנטס קאָפּ אַזעלכע שווערע קלעפּ, אַז ער מוז פאַלן; ער מוז אַריינפאַלן אין יאוש און פאַרלירן יעדער האָפענונג אויף בעסערע צייטן.

און טאַקע מחמת דעם האָט זיך מיר ניט געשריבן אַ שטיק צייט — איך האָב מורא, אַז ס'וועט זיך מיר ניט איינגעבן איבערצוגעבן אין אַ פולער מאָס די דאָפּלטע טראַגעדיע, וואָס יעדער רוסיש-יידישער עמיגראַנט שטעלט פאָר.

אין רוסלאַנד איז הונגער און דלות; געבונדענע הענט און געפּענטעטע פיס; אויסגעלאָשן יעדער האָפענונג און אויסגעגאַנגען יעדע ענערגיע; קיין אויסזיכט פאַר זיך, און נאָך ווייניקער פאַר די קינדער — און אין אַלטן וואַנדערער, וואָס אין זיינע אָדערן פליסט וואַנדער-בלוט פון יאָרהונדערטער און זיין פאַנטאַזיע באַלייכטן וואַנדער-שטערן, צעברענט זיך דאָס פייערל פון האָפענונג און מאָלט אים בילדער, איינס שענער פון אַנדערן; מאָלט אים אַ נייע צוקונפט, אַ ליכטיקן אָנהייב פון אַ נייעם לעבן. און מיט דעם דאָזיקן פייערל אין האַרצן לאָזט ער זיך שוין אויף די געפערלעכסטע וועגן; וואַלגערט זיך אין טורמעס; קוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין; שלאָפט ניט וואָכן-לאַנג; איז מפקיר ווייב און קינד; שטעלט איין דעם אייגענעם קאָפּ און די קעפּ פון נאָענטע און אייגענע; קיין קרבן איז ניט צו שווער, ווייל דער עיקר איז דער מאָרגן; דער קומענדיקער דור, די קינדער, וואָס פאַר זיי מוז מען אויפבויען אַ פעסטערן בנין.

די אַלע צרות פון גיהנום זיינען שוין דורכגעמאַכט — מען איז שוין פון דער זייט! אַ גליק! אַ שמחה! זיך אַרויסגעריסן! זיך אַריבערגעכאַפּט! מען וויל אָפּאָטעמען; אַ פרייען קוק טאָן אויף גאָטס הימל; פריי זיך אַ קער טאָן; פריי זיך אַ באַוועג טאָן; פאָרן וואוהין דאָס האַרץ גלוסט; הנאה האָבן פון באַפרייטן ווילן; אַ לאָז טאָן די כוחות אין באַוועגונג און אַרויסלאָזן אויף דער ליכטיקער וועלט די פאַרהאַלטענע און אָנגעזאַמלטע ענערגיע — אָבער לא מיט אַן אלף! דו ביסט ווייטער געבונדן און געפּענטעט; אַרומגערינגלט מיט אייזערנע ווענט; פאַרשפּאַרט אין אַ קאַראַנטין; וועכטער מיט ביקסן שטייען און היטן דיך, אַז דו זאָלסט צום וואָקזאַל ניט צושמעקן אַפילו; שווינדלער און באַנדיטן באַנעמען דיך פון קאָפּ ביז די פיס; מען שינדט די הויט פון דיר אי געזעצלעך, אי קעגן געזעץ. טאָרסט ניט גיין, טאָרסט ניט פאָרן; טאָרסט ניט האָבן קיין אייזערנעם ווילן; טאָרסט ניט אַרבעטן; טאָרסט ניט וועלן פאַרדינען! און דאָס געבענטשטע לאַנד, דער הייסטער באַ=גער פון דיין נשמה, דער חלום פון צענדליקער יאָרן; דאָס לאַנד, וואו דו האָסט אַ מאַן, אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַן איבערגעגעבענעם ברודער, אַ האַרציקע שוועסטער; דאָס לאַנד, וואו דו האָסט משפחה, בלוט=משפחה — דאָס דאָזיקע אַזוי נאָענטע לאַנד, וואָס איז אַזוי איינגעבאַקן אין דיין נשמה, איז פאַרריגלט אויף צען שלעסער און וויל דיך ניט קענען און ניט הערן.

מען דאַרף ניט קיין גרויסע פאַנטאַזיע, כדי זיך פאָרצו=שטעלן, וואָס פאַר אַ חורבן עס מוז פאָרקומען אין די נשמות פון די דאָזיקע אומגליקלעכע, פון זיך אַליין אָפּגענאַרטע מענטשן.

און אָט אַזעלכע חרובע טויזנט פינף הונדערט נשמות האָב איך געטראָפן אין ריגע — אינגאַנצן חרובע; דריי פערטל חרובע, האַלב חרובע; אַלע אויפן וועג פון אונטערגאַנג.

און זיי האָבן מיך איינמאָל אַרומגערינגלט אַ גרויסע מאַסע און האָבן אָנגעהויבן שרייען און טענהן:

— פאַרוואָס שווייגן די אַמעריקאַנער יידן!? פאַרוואָס מאַכן די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער ניט קיין גרויסע דעמאָנסטראַ=ציעס? אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס, אַז זיי זאָלן רירן די שטיינער

פון גאַס?! פאַרוואָס פּראָטעסטירט מען ניט אַזוי, אַז מען זאָל כאָטש אָפּשרייען די עטלעכע טויזנט עמיגראַנטן, וואָס וואַלגערן זיך און פּוילן אין די קאַראַנטינען?

— זאָלן זיי גיין אין די גאַסן און שרייען און וויינען און בעטן רחמנות אויף אונז — מיר וויינען דאָך זייערע מאַמעס, זייערע שוועסטער, זייערע ווייבער!! איז שוין גאָר קיין גאָט אויף דער וועלט ניטאָ?!

— זאָגט זיי, אַז אונז איז געבליבן נאָר זיך וואַרפן אין טייך אַריין! נאָר זיך טרינקען!

ס'האָט זיך געהערט אַ כליפּען פון פרויען, און די מענער האָבן זיך פאַרשעמט, אויסגעדרייט זיך מיט די פּנימער צו דער וואַנט, אַז מען זאָל ניט באַמערקן די טרערן אין זייערע אויגן.

איך געדענק ניט גענוי, וואָס איך האָב געענטפערט. איך האָב קוים געקאָנט ריידן אַ פּאָר מינוט; די טרערן האָבן מיך געשטיקט; איך האָב געמוזט איבעררייסן און אַרויסגיין אין גאַס. איך האָב אָבער געוויס געזאָגט, אַז די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע וועלן ניט רוען, ביז זיי וועלן ניט אַרויסראַטעווען פון אונטערגאַנג, פון וואַרפן זיך אין טייך אַריין, די עטלעכע טויזנט עמיגראַנטן, וועלכע געפינען זיך שוין אין די האַפנס.

האָב איך געהאַט רעכט צו געבן אַזאַ וועקסל אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער? פאָרמעלע רעכט האָב איך טאַקע ניט געהאַט; אָבער מענטשלעכע און יידישע רעכט האָב איך געהאַט. און יעדער פון אייך, פירער פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, וועלכער וואָלט געזען די פאַריאושטע פּנימער פון די דאָזיקע עמיגראַנטן, וואָלט געהערט דעם ציטער פון די דערשטיקטע טרערן, וואָלט געוויס געגעבן אַ שבועה — ניט צו רוען און ניט צו לאָזן רוען קיינעם, ביז וואַנען מען וועט ניט אויסשרייען, אַז מען זאָל עפענען די טירן כאָטש פאַר די פּאָר טויזנט יידישע עמיגראַנטן, וועלכע וואַלגערן זיך שוין אין די האַפנס און האָבן שוין עטלעכע חדשים וויזעס פון די אַמעריקאַנער קאָנסולן.

— סטייטש — טענהן די עמיגראַנטן, — דערמיט, וואָס דער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט מיר געגעבן אַ וויזע, האָט ער דאָך

מיר אין אַ געוויסער מאָס געגעבן אַ גאַראַנטיע, אַז איך וועל קאָנען קומען אַהין; אויף דעם סמך און מיט דער האָפענונג זיינען מיר דאָך אָפּגעלעגן אַ סך חדשים אין די קאַראַנטינען; אַ סך געזונט און געלט פאַרלאָרן! דער געזעץ האָט זיך געענדערט — אָבער דאָס קאָן נאָר זיין בנוגע צו עמיגראַנטן, וואָס מען דאַרף ערשט געבן וויזעס, אָבער ניט פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן שוין וויזעס.

דער וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך פאַר אַ שטרוי. די יידישע עמיגראַנטן זיינען אפשר נאָך אין אַ סך אַן ערגערער לאַגע, ווי דער וואָס טרינקט זיך — זיי מיינען דעריבער, אַז די דאָזיקע טענה פון די וויזעס איז זייער אַ האַרבע טענה און מוז שטאַרק אויסגענוצט ווערן.

מיט פאַרדראָס האָבן די עמיגראַנטן גערעדט, אַז מען האָט אין אַמעריקע ניט גענוג געקעמפט קעגן די נייע געזעצן — מען מוז זיי דאָס מוחל זיין, ס'איז זיי זייער ביטער און פינסטער! אָבער דער דאָזיקער מאָמענט פון די וויזעס איז טאַקע גאָר ניט אויסגענוצט געוואָרן — און אפשר? אפשר וואָלט אַ געהעריקע אַקציע אָפּגעראַטעוועט עטלעכע טויזנט יידן, וועמען ס'איז באמת גאָרניט געבליבן, ווי נאָר זיך ווארפן אין טייך אַריין.

ווער עמיגרירט פון רוסלאַנד? דאָס איז די ערשטע פראַגע, וואָס מען מוז זיך שטעלן.

איך מוז זאָגן, אַז ס'מוז רירן אַלע קלאַסן: קרעמער, סוחרים, אַפּטייקער, חזנים, רבנים, בעלי־מלאכות, ערד־אַרבעטער, און אַ סך אַרבעטער. יאָ, טאַקע גאָר אַ סך אַרבעטער! ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, נאָר ס'איז אַ פאַקט, אַז צווישן די עמיגראַנטן האָב איך געטראָפן גאָר אַ סך אַרבעטער און אויך פון אַלע פאַכן: וועצערס, שניידערס, שוסטערס, קירזשנערס, שטעפּערס און אויך פון די איבעריקע פאַכן.

יאָ, איך האָב דורכגעלאָזט איין סאָרט עמיגראַנטן — פּאָליטישע. דעם מין האָב איך אויך געטראָפן. אָט איז אַן אַלטער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געוואוינט אין לאָנדאָן אַ סך יאָרן. אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע האָט ער זיך אומגעקערט

קיין רוסלאַנד; און אין יאָר 1919 איז ער געווען אין בוטירער טורמע אינאיינעם מיט זיינעם אַ באַקאַנטן סאָציאַל-דעמאָקראַט. נאָך דעם האָט מען אים אַרויסגעשיקט אין די גאָר ווייטע גובערניעס; פון דאָרטן איז ער אַנטלאָפן, געלעבט באַהאַלטענערהייט אין טיפליס, אין קיעוו — זיך געמוטשעט און געפּלאָגט, און סוף-כל-סוף געלאָפן צום גרענעץ, און נאָך אַ סך מאַטערנישן זיך אַריבערגעכאַפּט אויף דער זייט. מחמת אייניקע סיבות קאָן איך ניט אָנרופן זיין נאָמען.

רעדט מען מיט יעדן עמיגראַנט — האָט יעדער פון זיי אַ סך סיבות, פאַרוואָס ער איז אַוועקגעפאָרן. די פּרנסה איז שלעכט; עס איז גאָר קיין פּרנסה ניטאָ; אַ ברודער לעבט גליקלעך אין אַמעריקע און שרייבט, מען זאָל קומען; קינדער שיקן געלט און פאָדערן, די עלטערן זאָלן אומבאַדינגט קומען צו זיי; אַ ווייב מיט קינדערלעך פאָרט צום מאַן; אַ יתום פאָרט צו אַ פעטער, ווייל ער האָט קיינעם ניט אין רוסלאַנד; אַ יינגל פון עלף יאָר פאָרט צו זיין טאַטן, וואָס האָט איבערגעלאָזט די ווייב, ווען זי האָט געטראָגן, און פאַר דער צייט איז די מוטער געשטאָרבן. — איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך אַ צענדליק סיבות, וואָס ברענגען דעם אָדער יענעם עמיגראַנט צום געדאַנק וועגן פאָרן. איין ייד דערציילט, אַז ער האָט פאַרקויפט פיר דעסיאַטין ערד אין טשערניגאָווער גובערניע מיט צוויי בהמות און צוויי פערד — ער וואַלגערט זיך שוין אַכט חדשים אין ריגע, מיט אַ פרוי און צוויי קינדער, האָט שוין אויפגעגעסן זיין אייגן געלט און אויך עטלעכע הונדערט דאָלאַר, וואָס ער האָט באַקומען פון זיינע קינדער פון ניו-יאָרק, און איצט ערשט האָט ער זייער ווייניק האָפענונג, מען זאָל אים אַריינלאָזן קיין אַמעריקע. מאַך איך דאָך אַ געוואַלד און הייב אָן טענהן, ווי אַזוי פאַרקויפט עס אַ ייד איצטיקע יאָרן אַזאַ מאַיאָנטעק און לאָזט זיך אין וועג אַריין. שווייגט דער ייד אַ פּאָר מינוט — און מיר אַלע, איך און עטלעכע צענדליק עמיגראַנטן — וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אַ תשובה. ווייזט זיך אַ טרער ביים יידן אין אויג און ער גיט אַ זאָג: „איך קאָן ניט בלייבן דאָרטן, וואו מען האָט מיין זון געהרגעט“. די עמיגראַנטן האָבן זיך

צערוקט אין די זייטן, און איך האָב אויך אָפּגעקערעוועט דעם פּנים און האָב פאַרפירט אַ שמועס מיט אַן אַנדער עמיגראַנט.

וואָס קאָן מען זאָגן אויף אַזאַ ענטפער? איך בין נאָכדעם געוואָר געוואָרן, אַז דעם זון זיינעם האָט מען ערשט צוריק מיט אַנדערהאַלבן יאָר געהרגעט — שרעקלעך ווילד, ממש שוידערלעך צעהאַקט אויפן פעלד, וואו ער האָט געאַרבעט. דער פאָטער האָט עס ניט געקאָנט איבערטראָגן, איז געוועזן נאָענט צו אַ גייסטיקער קרענק, נאָר דאָס אָפּפאָרן פון רוסלאַנד האָט אים געראַטעוועט.

ס'איז שווער, פּשוט אוממעגלעך צו דערגיין ביי יעדן עמי־גראַנט די אמתע סיבה, פאַרוואָס ער איז אַוועקגעפאָרן. איך מוז זאָגן, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך פאַלן, ווען דער עמיגראַנט ווייס אַליין ניט, וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענע סיבות עס האָבן אים גע־טריבן דערצו.

ווייל מען אָבער אויספאָרשן אַ סאָציאַלע, אַ געזעלשאַפטלעכע ערשיינונג, דאַרף מען ניט זוכן די סיבה פון יעדן איינצלנעם פאַקט. מ'דאַרף זען, וואָס טרייבט די מערהייט פון רוסלאַנד, וואָס צווינגט דער עיקר יידן צו לאָזן זיך אין וועג אַריין, כאָטש זיי ווייסן זייער גוט, ווי שווער ס'איז זיך צו דערשלאָגן קיין אַמעריקע. ביי יעדן עמיגראַנט קאָנען זיין צענדליקער זייטיקע סיבות — ס'איז אָבער ביים רוב עמיגראַנטן פאַראַן איין גרויסע סיבה, און זי דערקלערט אַלץ.

די גרויסע סיבה שטעקט אין עקאָנאָמישן קריזיס, אין דעם, וואָס אַלע קלאַסן האָבן קיין פּרנסה ניט, האָבן ניט קיין האָפע־נונג אויף בעסערע צייטן, האָבן פאַרלאָרן דעם גלויבן, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט איז מעגלעך אַ בעסערע לאַגע אין רוסלאַנד. אָט דער דאָזיקער נשמה־צושטאַנד, אָט דאָס ניט־גלויבן, אַז אין רוסלאַנד איז מעגלעך אין דער נאָענטער צוקונפט אַ בעסערע לאַגע, ברענגט דערצו, אַז ביי אַלעמען לאָזן זיך אַראָפּ די הענט און מען טראַכט נאָר וועגן איינס: ווי גיכער זיך אַרויסצוכאַפּן פון דאָרטן. און מען איז אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן אין געדאַנק פון „ווי גיכער אַרויסצוכאַפּן זיך פון דאָרטן", אַז מען איז פּשוט ניט פעיק צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין פון יענער זייט

גרעניק. מיטן קאָפּ ווייס מען זייער גוט, אַז מען לאָזט ניט אַריין קיין אַמעריקע; אַז מען קומט שרעקלעך אָפּ אין די דורכפאָרלענדער. מיטן שכל פאַרשטייט מען דאָס אַלץ זייער גוט, — דאָס האַרץ לאָזט אָבער ניט צו נאָענט די דאָזיקע געדאַנקען, ווייל ס'איז איבערפולט מיט אַ גרויסער האָפענונג: ווי גיכער זיך אַרויסראַטעווען! ווי גיכער זיך אַרויסצוכאַפּן פון דאָרטן!

וואָרעם בשעת מען הענגט אויף אַ שטריק און מען ווערט דערשטיקט, טראַכט מען נאָר וועגן איין זאַך: דער שטריק זאָל איבערגעריסן ווערן און דער האַלז זאָל ווערן פריי; וואָס וועט נאָכדעם זיין? — דאָס איז אַ ווייטערע סדרה, וואָס הייבט זיך אָן שפּעטער, ווען ס'גייט איבער דאָס גליק פון באַפרייטן האַלז. נאָכדעם קומען טאַקע די גרויסע דאגות און די גרויסע צרות. מען מוז עסן, מען מוז ווי ניט איז זיך קליידן. מען מוז און מען מוז אַ סך זאַכן. וואָלט אָבער עמעצער קומען צו דעם, וואָס הענגט אויפן שטריק, און אָנשטאָט צו ראַטעווען יענעם פון טויט, וואָלט ער אָנגעהויבן אים דערציילן זייער קלוגע און שכלדיקע זאַכן, אַז וויבאַלד ער וועט באַפרייט ווערן פון שטריק, וועט זיך אים גלוסטן עסן, און עסנוואַרג שטייט ניט גרייט אויפן טיש, איז, אַלזאָ, בעסער שוין בלייבן הענגען און מאַכן אַ סוף צום מיאוסן לעבן — אַזאַ חכם וואָלטן מיר אַלע פאַרוואָרפן מיט שטיינער.

און אין דער לאַגע פון אַזאַ חכם געפינען זיך אַלע די־יעניקע, וואָס עצהנען די רוסישע יידן, זיי זאָלן ניט עמיגרירן. יענע הערן ניט די דאָזיקע קלוגע רייד, ווייל זיי קאָנען ניט הערן — אויסגעשעפּט האָבן זיך די כוחות, געשטאָרבן אַלע האָפענונגען, ניטאָ קיין לופט צו אָטעמען, און די מענטשן זוכן פרישע לופט. ווער האָט רעכט זיי קלוגע עצות צו געבן, זיי שטופּן צוריק אין דער שטיקנדיקער לופט?

כדי די לעזער זאָלן פאַרשטיין דעם אמתן נשמה־צושטאַנד פון אַ רוסיש־יידישן עמיגראַנט, וועל איך לאָזן אַ פּאָר עמיגראַנטן דערציילן מיט זייערע ווערטער, וואָס זיי האָבן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר איבערגעלעבט. זיי, די עמיגראַנטן, דערציילן דאָס פשוט, אָן ליטעראַרישע שטיק און אָן הויכע געדאַנקען — און

ס׳באַקומט זיך אַ בילד, וואָס רעדט אַ סך קלאָרער און שאַרפער, ווי גראָבע ביכער.

אָט האָט מיר מיין מזל באַשערט אַ פשוטן יידישן קרעמער פון וויטעבסק מיטן נאָמען הערשל לאַנדאַו — אַ ייד אַ שווייגער, אַ בן־תורה, פון אַ יאָר פופציק. האָט ער געשוויגן עטלעכע טעג, נאָר אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט ער אויסגעלייגט זיין גאַנץ האַרץ — און ס׳האָט זיך באַקומען דאָס שווערע האַרץ פון אַ מיליאָן יידישע קרעמער פון רוסלאַנד. בעצם האָט ער גאָרניט גערעדט פון זיך אַליין, ס׳האָט אַרויסגערעדט פון אים ניט זיין פערזענלעכע טראַגעדיע, נאָר די טראַגעדיע פון אַ מיליאָן יידן.

וועגן דעם אין ווייטערדיקן אַרטיקל.

סעפטעמבער 1924.

אַ וויטעבסקער ייִד דערציילט...

צען טעג האָב איך געזען דעם דאָזיקן ייִדן (הערשל לאַנדאַו, אַ קרעמער פון וויטעבסק) יעדן טאָג און האָב בשום אופן ניט געקאָנט צו אים צוטרעטן און פאַרפירן מיט אים אַ שמועס.

אַ שטילער, אַ באַשיידענער, אַ שווייגנדיקער, מיט אַ גלאַט פאַרקעמטער, ניט־גרויסער באָרד, מיט גאָר קורצע פאות, כמעט ניט צו באַמערקן, אין אַ שטאַרק־אָפּגעריבענעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, איז ער תמיד געזעסן אין בירזאָ פון „האַיאַס" עפּעם באַזונדער פון גאַנצן עולם, אָפּגעטיילט און פאַרטראַכט, קיינמאָל זיך ניט געשטופּט צו די רעדלעך, וואָס פלעגן זיך אָפּט פאַרזאַמלען אַרום מיר. און מען האָט געזען, אַז דאָס איז ניט מחמת שטאָלצקייט, מחמת עס שטייט אים ניט אָן זיך צו שטופּן און דרייען צווישן פשוטן עולם — ניין, פאַרקערט, די באַשיידנקייט איז אים געלעגן אויפן פּנים און האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. זיינע אָפענע און ערלעכע אויגן האָבן מיך צוגעצויגן צו אים און געריצט, ווי צוזאָגנדיק עפּעס אינטערעסאַנטס, נאָר איך האָב עפּעס אַלץ ניט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיקן אויסרייד אויף צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. איך פלעג יעדן פרימאָרגן פאַרבייגיין, זיך פריינדלעך גריסן, באַקומען פון אים אַ פריינדלעכן און וייער העפלעכן נייג מיטן קאָפּ און אויך ווי אַ שמייכל — און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט, און צוטרעטן צו אים נאָענט איז אַלץ ניט אויסגעקומען. אין בירזאָ פון „האַיאַס" האָט מען מיר נאָר געקאָנט זאָגן, אַז ער עסט זיך וויניקער פון אַלע איין, שרייט קיינמאָל ניט און מאַכט ניט קיין סצענעס, — הערט תמיד רויק אויס זיין גורל און זעצט זיך צוריק אין זיין ווינקעלע, וואָס ער האָט ליב געקראָגן פון ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען קיין ריגע.

איינמאָל האָב איך אים געטראָפן אין דרויסן ביי דער טיר פון „האַיאַס‟. ס'איז קלאָר געווען, אַז ער וואַרט אויף מיר, און מיר זיינען ביידע אַוועק אין גאַס שפּאַצירן. שעהן זיינען מיר אַרומגעגאַנגען, און ער האָט דערציילט פון זיין לעבן פאַר די לעצטע זעקס יאָר. איך וועל ווייטער איבערגעבן כמעט וואָרט אין וואָרט, כמעט איינגאַנצן מיט זיין לשון דאָס, וואָס ער האָט מיר דערציילט. איך וויל נאָר זאָגן, אַז איך האָב געביטן די נעמען סיי פון דער שטאָט און סיי פון מענטשן איבער טעמים, וואָס זיינען זעלבסטפאַרשטענדלעך.

ער האָט אָנגעפאַנגען:

— איך בין אַ פשוטער קרעמער פון וויטעבסק; איך האָב געהאַט אַ קראָם אין מאַרק און געהאַלטן מאַנופאַקטור אין קראָם. אין וויטעבסק האָט מען מיך טאַקע גערופן „לאַנדראַו דער מאַנופאַקטורשציק‟. און אַלע, איך און מיין ווייב און מיינע דריי דערוואַקסענע קינדער, האָבן געאַרבעט אין קראָם. קיין גביר בין איך קיינמאָל ניט געווען, נאָר פרנסה האָבן מיר געהאַט, און קינדער האָב איך דערצויגן, ווי ס'פאַסט פאַר אַ באַלעבאָס. דריי קלענערע חברה האָבן געלערנט אין די חדרים, און די דערוואַקסענע דריי טעכטער האָבן זיך געלערנט אין דער היים און אין די יאַריד-טעג געהאָלפן אין קראָם. אָט אַזוי האָט מען זיך געלעבט ביזן יאָר 1918. פון דעמאָלט אָן הייבן זיך אָן מיינע צרות און פלאָגן, פלאָגן, וואָס וועלן שוין, ווייזט אויס, קיין סוף קיינמאָל ניט נעמען.

„די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהייבן קאָמאַנדעווען. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָב איך געפונען אַ שלאָס אויף מיין קראָם. אַזעלכע שלעסער האָבן אַלע קרעמער געטראָפן אויף זייערע קראָמען. איך וויל אייך ניט לאַנג מאריך זיין — מען האָט איבערגעשריבן די סחורה, זי צוגענומען, און מיר אַרויסגעגעבן אַ קוויטאַנציע. מיין פרוי האַלט ערגעץ נאָך ביז איצט פאַרנייט די קוויטונג. טאָמער... טענהט זי.

„ביי מיר האָט מען צוגענומען די גאַנצע סחורה. אַנדערע האָבן פון פריער מיט אַ פאָר טעג געוואוסט, אַז מען וועט פאַר-

כאַפּן די כחורות און האָבן זיך באַוואָרנט. ווער ס'האָט באַגראָבן אין קעלער; ווער פאַרשטעקט אויפן בוידעם — מיר האָט זיך גאָרניט איינגעגעבן. און איך האָב דווקא ניט חרטה — וואָרעם נאָכדעם ווי מען האָט געשאָסן דריי קרעמער פאַר באַהאַלטן סחורה, האָבן די איבעריקע אַליין מיט בזיון און מיט האַרץ-קלאַפּעניש נעבעך אָפּגעטראָגן די סחורה אין „סאָוונאַרכאָז״.

„איז מען געזעסן אין דער היים און מען האָט געגעסן פון גרייטן. געווען אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, האָט מען זיך געטראַכט: לאַנג וועט עס דאָך ניט געדויערן, די וועלט קאָן דאָך ניט שטאַרבן פון הונגער. גייט אַוועק אַ חודש, און צוויי און דריי חדשים — און ס'נעמט גאָר קיין עק ניט. איך הער, ייִדן הייבן אָן צו ביסלעך פאַרדינען. חיים דער לעדערניק האָט פון ערגעץ באַקומען פּאָדעשוועס און פאַרקויפט אונטער דער פּאָלע. אייניקע זאָגן, אַז דאָס האָט מען געבראַכט פון פוילן קאָנטראַבאַנדע; אַנדערע זאָגן, אַז מען ברענגט פּאָדעשוועס פון די קליינע שטעטלעך, וואו ס'האָט זיך איינגעגעבן אויסבאַהאַלטן פון די באָלשעוויקעס. נוח דער באַקאַלייניק, זאָגט מען, פאָרט אָפּט קיין מאָסקווע — אַהין פירט ער צוקער און מאַכאָרקע און צוריק ברענגט ער מאַנופאַקטור און שלעסלעך.

דערווייל טרעפט אַ מעשה, אַז די „טשעקאַ״ האָט צאָפּגעשטעלט דעם מאָסקווער צוג עטלעכע וויאָרסט פאַר וויטעבסק, האָט אַוועקגעשטעלט וועכטער ביי אַלע טירן און גענומען טרייסלען און זוכן. און די „טשעקאַ״ קאָן די מלאכה גוט — זיי ווייסן, נאָך איידער זיי געפינען, וואָס ביי יעדערן אונטערן העמד איז פאַרנייט. צען שעה האָט געדויערט די מעשה. אין שטאָט איז מען געוואָר געוואָרן, איז געוואָרן תשעה-באב: ווער ס'האָט אַ מאַן דאָרטן, ווער אַ טאָכטער, ווער אַ זון און ווער אַן אַלטן טאַטן. אַרום פאַרנאַכט האָט מען געבראַכט אַ גרויסן עולם אַרעסטירטע — מען האָט געפונען צאַרסקי געלט פאַרנייט און פאַרשטעקט אין אַזעלכע ערטער, וואָס קיין רוח וואָלט ניט געקאָנט טרעפן; עטלעכע פורן מיט מאַנופאַקטור און אַנדערע סחורות, וואָס מען האָט געפירט פון מאָסקווע — הכלל, אַן אוצר פאַר „טשעקאַ״! טויזנטער ייִדן

און ווייבער מיט די קליינע קינדער זיינען אַרויס אַנטקעגן, האָבן אויפגעהויבן אַ געוויין, אַז די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער. גאָר די טשעקיסטן האָבן אויסגעשאָסן אין דער לופטן עטלעכע מאָל, און דער עולם איז זיך צעלאָפן.

„מען האָט נאָכדעם גערעדט אין שטאָט, אַז ניט ווייניק קרבנות זיינען דאָרטן אומגעקומען. נו, נאָך אַזאַ מעשה גלוסט זיך שוין ניט אַזוי גיך פאָרן קיין מאָסקווע. ס׳גייען אָבער אַוועק עטלעכע טעג — יידן ווילן עסן, נעמט מען ווידער די פעקלעך צוקער און די פעקלעך טאַבאַק און מען לאָזט זיך אין וועג אַריין. זאָגט מען אָפּ ווידוי, איידער מען לאָזט זיך אין וועג אַריין; מען געזעגנט זיך, ווי מען וואָלט זיך געלאָזט אין וואַלד אַריין, וואו חיות און גזלנים לויערן נאָך די׳ר. זיצן ווייב און קינדער און וויינען גאַנצענע טעג און קוקן אַרויס אויפן איינגעשטעלטן טאַטן. פאַלן יידן אויף אַ שכל און הייבן אָן שיקן מיט פעקלעך ווייבער און טעכטער — זיי וועקן ווייניקער חשד, קאָנען בעסער זיך אויסבאַהאַלטן און קאָנען זיך גיכער אויסדרייען פון די טשעקיסטן. באַזונדערס איז געוואָרן אַ מאָדע צו שיקן יונגע, שיינע מיידלעך און ווייבלעך — אַ מיטל קעגן די טשעקיסטן...

„זאָג איך מיין פרוי: —„איך זאָל וויסן, אַז איכ׳ל שטאַרבן און אויסגיין פון הונגער, וועל איך קיינעם ניט לאָזן פון מיינע טעכטער אין וועג אַריין"... אויב שוין יאָ פאָרן, וועל איך אַליין פאָרן; אויב שוין איינשטעלן, איז בעסער מיין לעבן, איידער די טעכטערס. וויינט מען אַלע אין שטוב און מען לאָזט מיך ניט פאָרן.

„גייט אַוועק נאָך אַ חודש, זאָגט מיר מיין ווייב: — „דו ווייסט, הערשל, איך האָב שוין היינט פאַרקויפט אויפן מאַרק די לעצטע קאָלדרע; די טישטיכער און האַנטעכער זיינען שוין אויך אַוועק אין דאָרף פאַר מעל און מילך און איצט מוז איך שוין טראָגן פון די קינדערשע העמדלעך — וואָס-זשע וועט זיין דער תּכלית? אויף וואָס וועלן מיר וואַרטן? מען מוז עפּעס אַ טראַכט טאָן. אפשר שיקן..."

„איך האָב זי איבערגעהאַקט אינמיטן די רייד און בין אַוועק אין אַלטן בית־מדרש, האָב אָפּגעדאַוונט, זיך גוט אויסגעוויינט; געקומען אַהיים, זיך געוואַשן, אָפּגעגעסן וואָס מען האָט מיר געגעבן; ביים בענטשן האָב איך שוין ניט געקאָנט זיך איינהאַלטן און אַזוי זיך צעוויינט, אַז אַלע קינדער האָבן מיך אַרומגערינגלט, און ס'איז געוואָרן אַ יללה אין שטוב, אַז פון גאַס איז מען זיך צונויפגעלאָפן.

„און איך האָב געזאָגט מיין ווייב און קינדער: מאָרגן פאָר איך קיין מאָסקווע; מאַכט מיר גרייט אין וועג אַריין. און איר זאָלט דאָ בעטן גאָט פאַר מיר.

דעם זעלבן טאָג ברענגט מען מיר אַ פּאַפּירל פון „סאָווגאַרכאָז", אַז מיין קראָם איז נאַציאָנאַליזירט און איז באַשטימט פאַר אַ קאָאָפּעראַטיוו. זע איך דאָך, אַז ס'איז פון גאָט און אַז די מעשה איז ערנסט — ווער איך ביי זיך נאָך פעסטער און נעם זיך גרייטן אין וועג אַריין.

„איך האָב אָנגעפּאַקט מיינע צוויי קליינע רענצלעך מיט סחורה, באַהאַלטן אויף ביינאַכט אין קעלער אונטער קאַרטאָפל און בוריקעס, צונויפגערופן פאַרן שלאָף אַלע קינדער צום בעט, זיך האַרציק און מיט געוויין געזעגנט און זיי שאַרף אָנגעזאָגט, אַז אין שטאָט זאָלן זיי זאָגן, אַז איך בין אַוועק אין דאָרף אַריין איינקויפן פּראָדוקטן.

„פאַרטאָג בין איך אויפגעשטאַנען, אַרויסגענומען די רענצלעך און אַוועק מיט די הינטערשטע געסלעך צום וואָקזאַל. ווי אַ גנב בין איך געלאָפן, זיך געדרייט, אָנגעלייגט וועג, אַבי ניט צו קומען אויף די אויגן פון אַ מיליציאָנער אָדער אַן אַגענט פון „טשעקאַ". און גאָט האָט מיר געהאָלפן — טאַקע ממש גאָט האָט, ווייזט אויס, רחמנות געהאַט אויף מיינע קינדער און האָט מיר צוגעשיקט אַן אויסלייזער. ביים סאַמע וואָקזאַל באַגעגן איך אַ באַקאַנטן מאַשיניסט, וואָס פלעגט ביי מיר אין קראָם אָפט קויפן מאַנופאַקטור.

— „וואָס טראָגסטו און וואוהין גייסטו?" — פרעגט מיך דער גוי.

„צוערשט בין איך ממש פאַרציטערט געוואָרן; אפשר איז ער גראָד פון דער חברה?! נאָר ער האָט מיך באַלד אַליין באַרויִקט און דערקלערט, אַז ער פירט דעם צוג און קאָן מיך באַהאַלטן ביי זיך אויפן לאָקאָמאָטיוו צווישן די קוילן.

„זע איך דאָך, אַז גאָט היט מיך און טוט מיט מיר ניסים, ווער איך שוין רויִקער און זאָג דעם ערל: — „זיי ווייסן, אַז פאַר זיך וואָלט איך עם בשום אופן ניט געטאָן; נאָך איך האָב זעקס הונגעריקע קינדער, און דו ראַטעוועסט מיינע קינדער פון הונגער, וועסטו געווים האָבן אַ גרויסן חלק אין דער מצוה. און אויב מיר וועלן דערפאָרן גאַנץ און איך וועל איינקויפן ציץ אויף קאַפאָטקעלעך, וועל איך דיר שוין געבן פאַר דיין ווייב עטלעכע אַרשין. און דערווייל וועסטו באַקומען צוקער און טאַבאַק אויפן וועג".

„העכער אַ יאָר בין איך מיט דעם גוי אַרומגעפאָרן, איבערגעלעבט מיט אים די גרעסטע סכנות און ער האָט מיר געדינט, ווי אַן אייגענער ברודער, ווי אַ טאַטע. עפעס ממש אַ צדיק אַן ערל. איינמאָל האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע אין באַן דרייסיק ווייאָרסט פון מאָסקווע אין אַ פעלד — האָט ער מיך פאַרשאָטן מיט די קוילן, איינגערעקט און פאַרבאַהאַלטן און אויך די סחורה אַרויסגעראַטעוועט. ממש דאָס לעבן איינגעשטעלט. זעקס שעה בין איך געלעגן אונטער די קוילן — און אַז ער האָט מיך אַרויסגעשלעפט אַ לעבעדיקן, האָט ער אפשר אַ שעה דורכאַנאַנד זיך געצלמט און מיט טרערן אין די אויגן געשעפטשעט: „אַ נס, אַ נס, גאָט האָט דיך נאָר מציל געווען!"

„און איינמאָל האָט מען אונז ביידן אַראָפגענומען פון לאָקאָמאָטיוו און געוואָלט שיסן. עפעס אויף אַ קליינער סטאַנציע האָבן אונז רוצחים „טשעקיסטן" פאַרשלעפט אין וואַלד אַריין און געוואָלט שיסן פאַר ספעקולאַציע — מיט געוויין און מיטן ביסל סחורה האָבן מיר זיך אויסגעקויפט: דער ערל האָט קיינמאָל מיך ניט פאַרלאָזט.

„אמת, ער האָט טאַקע אויך געלעבט פון מיר, וואָרעם זיין „זשאַלאָוואַניע" און זיין „פאַיאָק" האָבן אים ניט געקלעקט אַפילו

אויף איין וואָך אין חודש, און ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט פיר פּיצעלעך קינדער, קיין ערד האָט ער ניט געהאַט, קיין קרובים אין דאָרף אויך ניט, האָט מען געפּוכקעט נאָך אַ שטיקל ברויט. און ביי מיר פלעגט ער האָבן כמעט אַ האַלב פונעם רווח. אָבער ער האָט געקאָנט נאָך מער האָבן — ס'האָבן זיך שוין געפונען געגנוג בעלנים, וואָס האָבן אים צוגעזאָגט גאָלדערנע בערג, אַבי ער זאָל מיך אַוועקוואַרפן און זיי נעמען אויפן לאָקאָמאָטיוו. אָבער דער גוי האָט עס ניט געטאָן. ער האָט געגלויבט, אַז גאָט היט אים, ביז ער פירט מיך, און ווען ער נעמען אַן אַנדערן, וועט ער אַריינפאַלן...

„אויסדערציילן, וואָס ביי מיר אין שטוב האָט זיך אָפּגעטאָן פאַר דער צייט, איז ניט פאַר אַ מענטשנס כוחות. פאַר יעדן אַוועקפאָרן — יללות און געוויינען; און נאָכדעם גאַנצע טעג און נעכט ממש די נשמה פלעגט זיי אַרויספאַלן. און דאָס זעלבע ביי מיר — איך ליג אויף די קוילן און ס'ווייזט זיך מיר אוים אָדער ס'חלומט זיך מיר, אַז „טשעקיסטן" האָבן זיך אַריינגעריסן ביינאַכט צו מיר אין שטוב, אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן די ווייב און די עלטערע טעכטער, געמוטשעט און געפּלאָגט, אַז זיי זאָלן נאָר אויסזאָגן וואוהין איך בין אַוועקגעפאָרן; מען פירט זיי נאַקעט אין „טשעקאַ" אַריין — איך כאַפּ זיך אויף, איך בין גאָר אויף די קוילן און אין דרויסן גיסט אַ שטאַרקער רעגן, ווי דער הימל אַליין וואָלט געוויינט אויף מיינע צרות און די צרות פון מיינע קינדער...

„און ביים קומען פון מאָסקווע פלעגט מען וויינען פאַר פרייד—איך פלעג יעדער מאָל בענטשן גומל און מיין אַלטיטשקע פלעגט ענדיקן תהילים צו מיין קומען. די קליינע חברה האָט שוין געוואוסט, אַז מען דאַרף באַלד אַראָפּטראָגן די סחורה אין קעלער און באַגראָבן טיף אין דער ערד אַריין אויף עטלעכע טעג, כדי ניט אַרויסרופן קיין חשד. ערשט אַז איך פלעג נאָך אַמאָל אָפּפאָרן, פלעגן זיי דאָס פאַרקויפן די מאַנופאַקטור. מיר האָבן שוין געהאַט אַ פּאָר דאָרפישע גוייִשע קרעמער, וואָס פלעגן אָפּנע־מען די גאַנצע סחורה.

„ס'זיינען געווען טעג, ווען אין שטוב איז געווען ממש תשעה־באב. אָט שטייען זיי אויף גאַנץ פרי און הערן, אַז מ'האָט די נאַכט געשאָסן 17 יידן פאַר ספעקולאַציע — שטאָטישע און געבראַכטע פון וועג, אַראָפּגענומענע פון די באַנען מיט סחורה און מיט געלט. געשאָסן האָט מען, אַזוי האָט מען דערציילט, די עקשנים, די וואָס האָבן קיינעם ניט געוואָלט אַרויסגעבן, וואָס האָבן ניט געוואָלט דערציילן, בײ וועמען זיי האָבן געקויפט סחורה, וועמען זיי האָבן פאַרקויפט, וואו עס ליגן באַהאַלטענע סחורות און וואו עס ליגן באַגראָבן די „צאַרסקע" און די „קערענסקע" רובלס. האָט מען זיי שרעקלעך געפּלאָגט און געפּייניקט, געשלאָגן מיט אײַזנס און גאַנצע נעכט ניט געלאָזט אײַנשלאָפן און עטלעכע מאָל געפירט אויף „ראַספּראַסן". ווייסן מײַנע קינדער, אַז איך וועל מיך לאָזן שניידן שטיקלעך פלייש און וועל קיינעם ניט, ניט קיין יידן און ניט קיין גוי, ניט אַרויסגעבן. באַווײַנען זיי מיך שוין און באַקלאָגן און לויפן אַרום איבער דער שטאָט צו פרעגן זיך, צו ווייס עמע־צער וועמען מען האָט געשאָסן. ערשט פאַרנאַכט האָט די „טשעקאַ" צוגעקלעפּט אַן אויפרוף, און האָט אויסגערעכנט די נעמען פון די צעשאָסענע. אין אויפרוף האָט די „טשעקאַ" געוואָרנט אַלע, אַז זיי וועלן האָבן אַזאַ פינסטערן סוף, ווי די צעשאָסענע, אויב מען וועט בײַ עמעצן געפינען באַהאַלטענע סחורות אָדער געלט.

„און גראָד דעם אָוונט בין איך געקומען אַהיים. מײַן ווײַב האָט געחלשט; די מיטעלע טאָכטער, אַ קינד מיט אַ שוואַך האַרץ, האָט באַקומען היסטעריקע — און אין שטוב איז געווען ווי יום־כיפּור אין דער ווײַבערשער שול. איך האָב זיי קוים באַרויִקט און צוגעזאָגט, אַז מער פאַר איך ניט. פאַרשטייט זיך, אַז די סחורה האָב איך דעם אָוונט ניט געבראַכט אַהיים. עטלעכע סטאַנציעס פאַר וויטעבסק האָבן שוין אַלע אין אונזער צוג געוואוסט פון די צעשאָסענע 17 מענטשן. און דורכפאָרנדיק לעבן דער בודקע, וואו די ווײַב פון מײַן מאַשיניסט פלעגט אונז תמיד באַגעגענען און אונז איבערגעבן, ווי ס'האַלט אין שטאָט און דער עיקר אויפן וואָקזאַל, האָבן מיר איר אַראָפּגעוואָרפן דאָס ביסעלע סחורה און אָנגעזאָגט גוט צו באַגראָבן...

„גייט אַוועק אַ וואָך און צוויי, אַ חודש און צוויי חדשים און איך פאָר ניט. דאָס ביסל סחורה האָט מען פאַרקויפט מיט גרויסן רווח, ווייל אין שטאָט איז געווען אַ פּחד און מען איז ניט געפאָרן קיינער, און די פרייזן האָבן זיך געהויבן. עסט מען דאָס טרוקענע שטיקל ברויט און אַליין טריקנט מען אויך אָיין. דאָס מזומנע געלט צאַנקט, אָט, אָט און ס'וועט שוין ווייטער אויך קיין ברויט ניט זיין. איך זע, אַז מיינע טיילט שוין אוים די קינדער ברויט פאַרצעסווייז. ע, זאָג איך צו מיין ווייב: ברויט ושאַלעוועסטו די קינדער? מילא, קיין פלייש ניט, קיין מילך ניט, אָבער ברויט! ריבונו־של־עולם, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אין דער וועלט, אַז מען זאָל קאַרגן אַ קינד אַ טרוקן שטיקל ברויט?! פון וואָס־זשע וועט עס וואַקסן דאָס קינד און וואָס פאַר אַ טאַטע בין איך?! בין איך דאָך ווערט, מען זאָל פון מיר שניידן פּאַסן, אויב איך קאָן מיינע שוואַכע קינדער אַפילו קיין טרוקן ברויט ניט געבן צו־זאַט. וויינט זי, מיין ווייב, שטיל וויינט זי, ווערגט זיך מיט די טרערן און זאָגט מיר גאָרניט.

„טראַכט איך זיך: נו, אויב דו שווייגסט, איז שוין גוט; גרייט איך זיך שוין נאָך אַמאָל אין וועג אַריין. אויף מאָרגן בין איך געווען אויפן באַן, זיך צונויפגערעדט מיטן מאַשיניסט און אָפּגערעדט, אַז ער זאָל מיר געבן צו וויסן, ווען ער פירט דעם לאָקאָמאָטיוו; צוגעגרייט אַביסל סחורה, אָפּגעלערנט געשמאַק עטלעכע פּרקים משניות, אַזוי פלעג איך טאָן פאַר יעדער רייזע קיין מאָסקווע, און אַרויסגעקוקט אויפן מאַשיניסט.

„אויף מאָרגן ניי איך אין בית־מדרש אַריין דאַוונען און וויל זיך געזעגענען מיטן בית־מדרש דאָרט. אַלע ריידן און טענהן; מען היצט זיך און אַלע זיינען פאַרטאָן אין שמועס, אַז מען קאָן זיך ביי קיינעם ניט דערשלאָגן קיין טאָלק. וואָס? ווען? הכלל, עס לאָזט זיך אוים, אַז עס זיינען דאָ ישועות אויף יידן. ס'זיינען בלומרשט אָנגעקומען אין „טשעקאַ" דעפּעשן פון מאָסקווע, אַז מען זאָל מער ניט כאַפּן קיין ספּעקולאַנטן, ניט טשעפּען קיין קרעמער, ניט אַרעסטירן פאַר פאַרקויפן סחורות, ווייל מען וועט איינגיכן גאָר אינגאַנצן עפענען די קראָמען און מען וועט מעגן

פראַנק און פריי האַנדלען און קויפן און פאַרקויפן וואָס און וויפיל דאָס האַרץ פון יעדן וועט נאָר גלוסטן. שפּיי איך אוים דריי מאָל און בטל אוים חלומות און זאָג זיי, אַז זיי זיינען גרויסע שוטים און ריידן זיך איין אַ קינד אין בויך. זאָגט מען מיר אָבער, אַז דאָס האָט איבערגעגעבן פון „טשעקאַ" חיים דער „סלעדראָוואַטעל", אַ יידישער יונגערמאַן, אַ לייטיש קינד, פון גאָר פיינע עלטערן, וואָס האָט געאַרבעט ביי זיי נאָר כדי צו ראַטעווען יידן פון תליה און מציל זיין יידיש האָב און גוטס, וואו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. מיר זיינען נאָכדעם געוואָר געוואָרן, אַז ווען ניט חיים דער „סלעדראָוואַטעל", וואָלט מען ניט 17 יידן געשאָסן, נאָר דריי מאָל אָדער פיר מאָל 17. טראַכט איך מיר, אַז וויבאַלד חיים דער „סלעדראָוואַטל" האָט געזאָגט, מוז אין דעם עפּעס שטעקן אַ שטיקל אמת געווים.

„לויף איך גלייך אַהיים אָנזאָגן מיין ווייב די בשורה. גלויבט זי דאָך ניט, די נאַרישע יידענע. ווייז איך איר, אַז זיי מוזן עס גאָר טאָן, אַז ס'איז פאַר זיי בעסער, אַז ערשט איצט וועלן זיי געווינען די סימפּאַטיע פון אַלע: דער גוי וועט זיין צופרידן — ער קאָן פאַרקויפן אַ זעקל תבואה און זיך קויפן אַ פּאָר שטיוול, וואו ער וויל און פאַר וויפיל ער וויל; דער ייד וועט אַוודאי זיין צופרידן — וואָס דאַרף דען אַ ייד? אַבי פּרנסה! און עפּנט מען נאָר די קראָמען, וועט שוין, אם־ירצה־השם, זיין פּרנסה. פאַרוואָסזשע זאָלן עס טאַקע די באָלשעוויקעס ניט טאָן? אַי, ס'איז צוגלאַט? עפּעס גלאַט סתם נעמען און עפענען די קראָמען אינמיטן דערינען, נאָכדעם ווי מען האָט אַזויפיל מענטשן צעשאָסן פאַר אַ פּאָדעשווע לעדער אָדער פאַר לייוונט אויף אַ העמד — איז דאָס קיין קשיה ניט! אפשר האָט זיך צווישן זיי געיאַוועט אַ מענטש מיט שכל און האָט אָנגעהויבן זיי זאָגן, אַז מען זאָל זיך פּרווון בעסער מיט גוטן: מיט בייזן, זעען זיי דאָך, אַז מען קאָן גאָרניט אויספירן — מען שיסט און מען שיסט, און די מענטשן ווילן אַלץ עסן; איז אפשר מיט גוטן וועט מען בעסער מאַכן.

„דעם אמת־זאָגנדיק, האָב איך אין האַרצן ניט שטאַרק געגלויבט אין די אַלע ישועות, וואָס די פּלאָטקע־טרייבער פון בית־

מדרש טוען פונאַנדערטראַסקען—ס'האָט זיך אָבער געוואָלט גלויבן און דערוויזן מיין ווייב, אַז ס'איז טאַקע אַזוי.

„אַזוי ווי איך שטיי און טענה איין מיט מיין ווייב, לויפט אַריין דאָס עלטערע יינגל, פאַרסאָפּעט, אַז ער קאָן אַוש דעם אָטעם ניט כאַפּן, און קוים וואָס ער קאָן אַרויסרעדן די ווערטער: „מען מעג שוין!! מען מעג שוין!!"

„וואָס מעג מען? ווען מעג מען? הקיצור, איך האָב זיך קוים בײַ אים דערשלאָגן, אַז אין מאַרק זיינען צעקלעפּט מודעות פון שטאָטישן סאָוועט, אַז ווער ס'וויל עפענען זיין קראָם, זאָל קומען זיך פאַרשרייבן און אַז דער סאָוועט וועט אַרויסגעבן פּאַטענטן און מען וועט מעגן אָפּן, פראַנק און פריי האַלטן סחורה און קויפן סחורה און פאַרקויפן סחורה.

„איך גיי אַרוים אין מאַרק — דער מאַרק איז פאַרפלייצט פון יידן; זיך ניט צוצושלאָגן צו אַ סלופּ, וואו ס'איז צוגעקלעפּט אַ מודעה. אַלטע יידן און ווייבער, קינדער און חדר־יינגלעך — מען הענגט אַלע אויף די סלופּעס און מען שלינגט די ווערטער.

„בעט איך זיך: לאָזט מיך נאָר מיט מיינע אויגן אַ קוק טאָן אויפן פּאַפּירל און איך וועל קאָנען גיין דאַווענען. ווי? וואָס? ווען? מען הערט מיך ווי דעם קאָטער! ווער איך שטאַרק בייז, ריים אָפּ אַ פּאָר קונדסים און שלאָג זיך צו צום סלופּ. איך נעם לייענען — ס'איז טאַקע קלאָרע דיבורים! ריין רוסיש געשריבן און בפירוש געזאָגט, אַז מען זאָל נאָר קומען אין סאָוועט זיך פאַר־שרייבן און מען וועט מעגן עפענען די קראָם. גיב איך זיך בשעת־מעשה אַ טראַכט: און אפשר איז דאָס גאָר אַ וועגטקע אויף כאַפּן פיש? אפשר שטעלט מען אונטער אַ פּיסל און מען וויל פאַקן דעם עולם און אים פאַרנאַרן אין חדר אַריין?

„גיי איך אַזוי פּאַמעלעך און טראַכט מיר אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען און באַשלים בײַ זיך, אַז מען דאַרף זיך ניט כאַפּן און ניט זיין צווישן די ערשטע לויפערס אין סאָוועט אַריין. קום איך אַזוי צו צום בית־מדרש, גייט מיר אַנטקעגן אַ גוטער פריינד און זאָגט מיר, אַז חיים „סלעדאָוואַטל" האָט איבערגעגעבן, אַז מען זאָל נאָר קיין מורא ניט האָבן, אַז לענין אַליין האָט געזאָגט, אַז

ס'איז אויף דער אמתן און מיטן גאַנצן האַרצן, און אין בית־המדרש האָט מען שוין באַשלאָסן, אַז מען זאָל גיין אין סאָוועט זיך פאַרשרייבן.

„דאַוון איך שוין אָפּ אויף גיכן, לויף אַהיים, טו אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און לויף אין סאָוועט אַריין. טרעף איך אַן „אָטשערעד" אוודאי פון עטלעכע הונדערט יידן — און מען לאַכט און מען ווערטלט זיך און מען זאָגט חכמות. אַראָפּ די מרה־שחורה, אַראָפּ די פינסטערניש פון פנים! עפּעס אַ נייע הויט אויסגעוואַקסן אויף אַלעמען! גאָר ניט די יידן, וואָס נעכטן — אויסגעגלייכטע פּלייצעס! בין איך טאַקע צופרידן און הייב נאָך אָן מער צו גלויבן אין דער זאַך. וואָרעם ס'מוז דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף צו די יידישע צרות! וויפיל איז דער שיעור צו ליידן און זיך פּייניקן!

„און איך מוז אייך זאָגן — ס'איז טאַקע געוואָרן ליהודים! מען האָט געעפנט די קראָמען; מען האָט אַרויסגעגראָבן פון די קעלערס די פּאָדעשוועס, און דעם ציץ, און די לייוונט, און מאַז אויף שמירן רעדער, און טיי, און צוקער, און אַפילו קאַקאַאָ, און אָדעקאָלאָן — לאָזן די סחורה אויף ביינאַכט אין קראָם האָט מען מורא געהאַט, פלעגט מען זי ברענגען אַהיים און טאַקע פונדעסטוועגן פאַרשטעקן אין קעלער; ס'איז עפּעס רויקער אויפן האַרצן. נאָר צוביסלעך האָט מען זיך צוגעוווינט און מען פלעגט שוין לאָזן אויף ביינאַכט די סחורה אין קראָם.

„די שטאָטישע קריסטן האָבן געוואָרן און געקאָכט—„זשידי", „זשידאָווסקי וולאַסט". און דעם אמת מוז מען זאָגן — זיי האָבן טאַקע ניט געהאַט מיט וואָס צו עפענען זייערע קראָמען; האָבן זיי זיך ניט פאַרשריבן אין „סאָוועט". נאָר ווער איז זיי דען שולדיק געווען? דער גוי האָט ניט באַדאַרפט זיך פּלאָגן און איינשטעלן דאָס לעבן ביים פאַרקויפן אַן אַרשין ציץ — צו וואָס באַדאַרף ער דאָס? ער האָט בעסער זיך גענומען צו זיין שטיקל ערד, וואָס ער האָט געהאַט הינטער דער שטאָט; אָדער ער האָט זיך גאָר אומגעקערט אין דאָרף אַריין. אָבער מיר, יידן — אַן אַנדער ברירה האָבן מיר געהאַט?! שטעל ניט איין דאָס לעבן, פאָר ניט קיין מאָסקווע, באַגראָב ניט קיין סחורה אין קעלער,

פיר ניט קיין „צאַרסקי“ געלט צום גרענעץ — וועסטו טאַקע פּגרן פיר מאָל אין טאָג פון הונגער מיט דער ווייב און מיט די קינדער! אַ גוטע „זשידאָווסקי וולאַסט“! מיר וואָלטן זיי מוחל געווען דעם כבוד און דעם גליק!

„אָבער אַ יאַריד האָבן מיר געהאַט די וואָך — האָט וויטעבסק אַזאַ יאַריד צענדליקער יאָרן ניט געזען! אין די „וואָלאָסטן“ האָט מען אויסגערופן, אַז מען מעג פירן אין שטאָט אַריין תבואה, און קאַרטאָפל, און פלאַקס און וואָס נאָר מען האָט — איז די שטאָט געווען געפּאַקט מיט פולע פורן. ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז אין רוסלאַנד איז אַ הונגער? האַלב רוסלאַנד וואָלט מען געקאָנט האָדעווען מיט די תבואות, וואָס מען האָט געבראַכט אויף דעם יאַריד. דער רוסישער פויער איז אָנגעשטאָפּט! ער וויל נאָר ניט אַוועקגעבן פאַר גאָרניט — אָבער ווייזט מען אים אַן אמתע מטבע, גיט מען אים נאָר אַ פּאָר שטיוול אָדער אַן אַרשין ציץ, וועט ער פאַרשיטן מיט ברויט!

„די „טשעקיסטן“ זיינען אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג צווישן די קראָמען און צווישן די פורן און האָבן געשמייכלט, ווי גערייצט זיך מיט אַלעמען: אָבער איר זעט, וואָס פאַר אַ כישוף־מאַכער מיר זיינען! מיר האָבן איין וואָרט געזאָגט און ס'איז געוואָרן אַלץ! אידיאָטן אַזוינע! מיר האָבן דאָך די חכמה פון פריער געוואוסט — מיר האָבן דאָך כסדר געטענהט: טשעפּעט נאָר ניט, וועט אַלץ זיין גוט! זאָגט ניט „יאָ“ און זאָגט ניט „ניין“; פאַרווערט ניט, וועט איר פאַרשפּאָרן צו ערלויבן. אַ גרויסע חכמה — פאַרשפּאַרן און נאָכדעם אַרויסלאָזן פריי! פאַרשפּאַרט ניט, וועט איר פאַרשפּאָרן טאָן טובות! נאָר מילא, לאָזן זיי מיינען, אַז זיי האָבן גליקלעך געמאַכט די וועלט, אַבי לאָזן זיי לאָזן לעבן!

„אַ מענטש האָט ליב פליען, טראַסקען. און מיר האָט זיך אויך פאַרגלוסט צוריק ווערן אַ באַלעבאָס! פאַרקויף איך מיין שטיבל פאַר אַ פּאָר הונדערט רובל און פאַר קיין מאָסקווע נאָך סחורה. סחורה איז טייער, נאָר פונדעסטוועגן האָב איך איינגעקויפט אַ פיינע קראָם און האָב זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ טישל אין מאַרק. איך האָב אַפילו דערלאַנגט אין סאָוועט און געבעטן

מען זאָל מיר אָפּגעבן מיין קראָם; האָט מען מיר געענטפערט, אַז ניט דערלעבן וועט די בורזשואַזיע, מען זאָל אַרויסוואַרפן אַ קאָאָפּעראַטיוו און אָפּגעבן אַ פּריוואַטן מענטשן. האָב איך אָפּגעווישט די ליפּן און געמאַכט אַ שווייג — טשעפּע ניט, זאָגט מיר מיין ווייב, וואָרעם דו וועסט מאַכן ערגער.

„דערווייל הייבט מען אָן ריידן אין שטאָט, אַז מען וועט דאַרפן צאָלן שטייער. מילא, ווען האָט מען דען זיך אָפּגעזאָגט פון צאָלן שטייער — אַבי פּרנסה זאָל נאָר זיין. שטייער איז שטייער! קומט מיר אָן איינמאָל אַ „פּאָוועסטקע“ פון „פינאָטדעל“, אַז איך זאָל קומען. מוז מען גיין. איך קום אַהינצו — ס׳איז אַ געשריי, אַ געפּילדער, קללות און חרמות ביזן הימל. און געפּאַקט מיט יידן! קיין קריסט אויף קיין רפואה ניט! בקיצור, ס׳איז געקומען מיין „אָטשערעד“. גיי איך מיר פּאַמעלעך אַריין. הייבט זיך אויף אַ בחור, אַ צעפּאַטלטער, מיט אַ פּאָר ווילדע אויגן און הייבט אָן שרייען אויף מיר, אַז איך זאָל גיכער זיך רירן, וואָרעם ער איז זייער אַ פאַרנומענער מענטש. ווער־זשע, מיינט איר, איז געווען דער דאָזיקער „פאַרנומענער מענטש“? יאָסקע דעם חזנס בחורל, וואָס ערשט צוריק מיט דריי יאָר האָט ער אונטערגעהאָלפן דעם פאָטער ביים דאַוונען ימים־נוראים אין שניידערשן בית־מדרשל! אמת, געווען אַ יינגל מיט אַ גוט קעפּל, האָט געקענט גוט אַ בלאַט גמרא — אָבער ווי קומט ער צום „פינאָטדעל“? איך וויל עפּעס פרעגן, לאָזט ער מיך גאָרניט אויסריידן, לייענט מיר איבער אויף גיך און אויף שטאַרק רוסיש, אַז איך דאַרף אַריינטראָגן אין דריי טעג עפּעס מער פון דרייסיק מיליאָן, און אויב איך וועל צו דער צייט ניט אַריינטראָגן, וועט ער פון מיר מאַכן אַש און שטויב. וויל איך נאָכאַמאָל עפּעס זאָגן — גיט ער אַ געשריי: „פּאָשאָל וואָן!“ און איך בין שוין פון יענער זייט טיר.

„האָט מען טאַקע געמוזט במחילה אַריינטראָגן, וויפיל מען האָט יעדערן געשטעלט. יידן האָבן אָבער ניט דערלייגט — מען האָט אויפגעהויבן גלייך די פּרייזן אויף אַלע סחורות. גייט אַזוי אַ סדרה — דער „פינאָטדעל“ הייבט די שטייערן, יידן הייבן די

פרייון אויף סחורה. וואָס=זשע דען זאָל מען טאָן? לעבן מוז מען! צאָלן דעם „פינאַנטרעל" מוז מען אויך! מוז מען דאָס אַלץ ציען פון ביסל פדיון. דער גוי איז אָבער אין כעס — פאַר אַ פּאָר שטיוול מוז ער פאַרקויפן צוויי הונדערט פוד קאָרן! פאַר איין אַרשין ציץ — צוויי פוד קאָרן; און זאַלץ און קעראָסין זיינען אויך געוואָרן שרעקלעך טייער. דאָס דאָרף בורטשעט און איז ניט צו= פרידן. דערווייל גייט ווינטער — גלוסט זיך ניט שטיין אין דרויסן און זיך ווייקן אויפן רעגן. דינג איך אַ וואַנט אין אַ באַקאַליי= קראָם. ווערט יאָסקע דעם חונם בחורל כאַלד געוואָר, שיקט מיך רופן, זידלט מיך און אַלע קרעמער, אַז מיר באַרייסן דעם דאָרף, ווערן רייך, און די סאָוועטן האָבן נאָר צרות, ווייל דער פויער איז שטאַרק ברוגז אויף דער שטאָט און אויף די באָלשעוויקעס — און אַז מען וועט זיך איצט נעמען צו אונז גאָר אויף אַן אַנדער אופן. זיי, הייסט עס, האָבן געוואָלט גיין מיט אונז מיט גוטן, נאָר אַזוי ווי מיר זיינען שונאים פון די באָלשעוויקעס און גראָבן אונ= טער און ווילן באַגראָבן די סאָוועטן, וועט מען מיט אונז נעמען לערנען „בלק". ציטערן מיר הענט און פיס, און קוים וואָס איך קאָן אויסריידן — וואָס הייסט, מיר ווערן רייך? ווער ווערט דען רייך? ווינטער איז נאַס און קאַלט, און איך בין שוין אַן עלטע= רער מענטש, האָב איך געדונגען אַ וואַנט. אָבער עשירות!? — אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן! אָט נאַט זעט, וואָסערע צערי= סענע שיך איך טראָג!

„איך וויל אים ווייזן די לעבער אין די פּאָדעשוועס. ווערט ער אָנגעצונדן און הייסט דעם מיליציאָנער מיך אַרויסוואַרפן.

„און דאָ הייבט זיך אָן אַ נייער פעקל צרות... איך האָב אייך שוין שטאַרק פאַרהאַלטן, וועל איך אייך עס מאַכן בקיצור. מען האָט מיר געהייסן צאָלן דריי הונדערט מיליאָן רובל פון 23טן יאָר — אַ סך מער וויפיל מיין גאַנצע סחורה האָט באַ= טראָפן. און אין צוויי טעג מוז מען אַריינטראָגן. האָב איך ניט געקאָנט אַריינטראָגן, איז מען געקומען ביינאַכט און מען האָט מיך פון בעט גענומען אין „טשעקאַ" אַריין. מיך און נאָך 12 יידן. איז, פאַרשטייט זיך, שוין געוואָרן געלט — מען האָט פאַרקויפט

די סחורה, דאָס לעצטע ביסל וועש פון שטוב, ביים שווער צוגענומען די לעצטע עטלעכע רובל, צוגויפגעשלאָגן די גרויסע סומע און אַריינגעטראָגן. האָט מען מיך נאָך געהאַלטן 4 טעג און אַרויסגעלאָזט. אַלע יידן האָט מען אַרויסגעלאָזט. זיי האָבן טאַקע אַלע באַצאָלט.

„בין איך שוין ווייטער אויס סוחר און גיי שוין ווידער אַמאָל אַלע טאָג דריי מאָל דאַוונען. וואָס־זשע דען זאָל מען טאָן? מען קאָן דאָך פון זינען אַראָפּ! דער שווער אַליין, דאַרפט איר וויסן, האָט געלעבט פון דעם, וואָס די קינדער האָבן אים געשיקט פון אַמעריקע און פון אַנדערע ערטער. ער האָט אומעטום קינדער: אין ניו־יאָרק, אין שיקאַגאָ, אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג, — איז איצט נישקשה. אַלע שיקן צו ביסלעך און מען לעבט. דעמאָלט אָבער פלעגן די אויגן אַרויסקריכן, איידער ס'איז אָנגעקומען פון עמעצן פון די קינדער עפּעס געלט. און דאָ בין איך, אַ ייד אַ פּופּציקער, אַ ייד מיט זעקס קינדער, געקומען אויף קעסט.

„פלעג איך פשוט אַוועקגיין פון דער היים, כדי ניט צו זען דעם צער פון מיין ווייב און קינדער און ניט הערן דאָס קרעכצן פון אַלטן, גראָען שווער. גלויבט מיר, אַז איך פלעג זיך פשוט ווערגן מיטן שטיקל ברויט, וואָס איך פלעג עסן ביים שווער. סטייטש, סטייטש, ווי מעג איך, אַ טאַטע פון זעקס קינדער, זיצן אויף קעסט ביי אַן אַלטן שוואַכן יידן פון זעקס און זעכציק יאָר? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? בין איך דאָך אַ גזלן! אַן אויסוואורף! אַ טויגעניכטס!

„און אָט דעמאָלט אָ האָב איך באַשלאָסן פאַרלאָזן אָט דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד מיט זיינע רייכע פעלדער און וועלדער, מיט זיינע ווילדע פּויערים, ווילדע קיסרים און ווילדע רעוואָלוציאָנערן. וואָס קומט מיר אַרויס פון זיין רייכקייט, אַז די קללה ליגט אויף דעם? וואָס קומט מיר אַרויס פון זיין פעטקייט, אַז זי רינט שטענדיק אויס? וואָס קומט מיר אַרויס פון דער פרייהייט, אַז זי לאָזט זיך אויס צו דעם, וואָס יאָסקע דעם חונם בחורל קאָן מיר זאָגן „פּאַשאָל וואָן!"

„גיי איך יעדן טאָג אין בית־מדרש, זיץ צאַפּ שעהן, מאַך פּלענער. נאָר וואו נעמט מען אויף הוצאות? ביי דעם פּונקט בלייב איך שטיין און קאָן זיך ניט רירן פון אָרט. נאָר מיט דער נשמה בין איך שוין אין וועג — די וועלט איז גרויס און ס'וועט זיך געפינען אַן אָרט נאָך פאַר איין יידן מיט זעקס קינדער. דערווייל קומען אָן בריוו פון די שוואָגערס פון ניו־יאָרק און שיקאַגאָ, אַז זיי זיינען גרייט צו העלפן מיך אַרויסצורייסן פון גיהנום. זיי ראָטן נאָר זיך אַריבערכאַפּן דעם גרענעץ, און נאָכדעם וועלן זיי מיר שוין העלפן דערשלעפּן זיך ביז אַמעריקע. בין איך גליקלעך און וויל זיך שוין גרייטן אין וועג.

„הייבט אָן מיין ווייב צושטיין צו מיר און טענהן, אַז מיט געלט קאָן מען דאָ אויך האָבן אַ שטיקל ברויט; אַז איך זאָל זיך פּרוּוון האַנדלען, ווי אַלע יידן. לעבט דאָ אַ שטאָט יידן, אפשר וועט אונז אויך דער אייבערשטער באַשערן... צו דער צייט זיינען גראָד אָנגעקומען הונדערט דאָלאַר פון אַ שוואָגער פון אַמעריקע. האָב איך אַ גוטן פריינד אַ שכן, זאָגט ער מיר, אַז איצט שטייען פעסטע פּרייזן אויף מעל, און די פּרייזן וועלן צו זומער זיך נאָך מער הייבן, און לייגט מיר פאָר צוזאַמען קויפן אַ פּאָר זעקלעך מעל און שטעלן זיך אין מאַרק פאַרקויפן. בין איך צופרידן, און לייג אים פאָר נעמען דעם פּאַטענט אויף זיין נאָמען, מחמת איך האָב שוין אַ שלעכטן נאָמען ביים „פינאַנטדעל".

„גייט אַוועק איין וואָך. מיר האָבן אפשר פאַרקויפט צען פוד מעל און אפשר פאַרדינט ביידע איין טשערוואָניעץ (5 דאָלער). שטיי איך אין מאַרק לעבן מיין שכן, און מען קוקט אַרויס אויף אַ קונה. פּלוצים וואַקסט אויס פון דער ערד דער „פינאַנטדעל", יאַסקע דעם חזנס בחורל, מיט אַ גראָבער פּאַפּקע אונטער די הענט, און שרייט צו מיר: „לאַנדאַ, מיר ווייסן אַז איר האַנדלט! דאָס וועט אייך טייער קאָסטן! איר וועט אונז ניט נאַרן! מיר ווייסן אַלץ, און וועלן נעמען אונזערס!" און איז נעלם געוואָרן.

„מיינע פיס האָבן זיך מיר אונטערגעהאַקט! וואָלט איך זיך ניט געשעמט, וואָלט איך זיך געוועזן צעוויינען אינמיטן מאַרק. ס'האָט מיר פון פאַרדראָס אַזוי פאַרקלעמט דאָס האַרץ, אַז איך

בין שיעור געפאלן חלשות. סטייטש, סטייטש, מיט וואס האב איך זיך פארזינדיקט פארן רבונו־של־עולם? פארוואס טאר איך ניט פארדינען ברויט פאר מיינע קינדער? — טראכט איך זיך. וואוהין אנטלויפט מען? וואוהין גייט מען? דאס הארץ האט מיר ניט פארטראגן קומען א היים דערציילן מיין ווייב וועגן דעם נייעם אומגליק. בין איך אוועק אין בית־מדרש, זיך אוועקגעזעצט איבערן משניות און גאנץ געשמאק געלערנט. נאר באלד האט אנגעהויבן פיקן אין מוח די פראגע: וואס זשע וועט זיין? וואוהין ראטעוועט מען זיך ארויס?

„אויף מארגן האט מען מיך גערופן אין „פינאטדעל" און מען האט מיר דערקלערט, אז איך ווער באשטראפט פאר האנדלען און א פאטענט און וועלן אנטאן שאדן די סאוועטן אין צען טשערוואנצעם (50 דאלאר), און איך בין מחויב באלד באצאלן פאר א פאטענט און שטייער זעקס טשערוואנצעם (30 דאלאר). איך האב געטראפן דארטן אפשר צוויי הונדערט יידן — אלץ קרבנות פון יאסקע דעם חונם נעכטיקן דורכלויפן דורכן מארק. ווייבער האבן געוויינט און געריסן פון זיך די האר, און די מיליציאנטן האבן זיי מיט גוואלד ארויסגעטראגן פון יאסקע דעם חונם בחורלס קאבינעט. איין ייד האט געמאכט סקאנדאלן, האט מען אים באלד ארעסטירט און אפגעפירט אין „טשעקא". די איבעריקע אלע, און מיר אויך אין כלל, האט מען ערקלערט, אז ווער ס'וועט ניט אריינטראגן אין 24 שעה דאס באשטימטע געלט, וועט איבערגעגעבן ווערן אין „טשעקא". פארפינסטערטע און דערשלאגענע זיינען מיר ארויסגעגאנגען א גאנצע עדה יידן פון דעם „פינאטדעל" און זיך נאר איבערגעקוקט איינער מיטן אנדערן, ווארעם ריידן האט מען מורא און זאגן א שלעכט ווארט ציטערט מען. גייען מיר אזוי אלע און שווייגן. רופט זיך אן אן אלטער ייד, א געוועזענער גרויסער גביר, וואס שטייט איצטער מיט זאלץ אויפן מארק: „לויפט, יידן! ראטעוועט זיך, ביז וואנען איר האט נאך כוח! די תוכחה האט קיין גרענעץ ניט, און גאט ווייס וואס עס וועט נאך זיין מיט אונז דא!"

„און איך בין געלאפן און האב זיך געראטעוועט! טאקע מער ווי געלאפן, געגנבעט דעם גרענעץ, שיר ניט דערשאסן

געוואָרן פון די רויטע אַרמייער, נאָכדעם אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די לעטן. און דאָ וואַלגער איך זיך שוין אַ סך חדשים, שוין געפּטרט אַ סך געלט — און פרעגט מיך, ווען וועל איך פאָרן און וואוהין וועל איך פאָרן, ווייס איך אַליין ניט. נאָר לייגט מיר פאָר פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד, וועל איך דאָס בשום אופן ניט טאָן. אַהין צוריק — ניין! דאָס ניט! אויף עק וועלט! אין די הריחושך אַריין! קיין אַפריקע, קיין מעקסיקע, קיין קובע — וואוהין ס'וועט זיך אײַנגעבן, נאָר צוריק צום „פינאַטרעל", צוריק צו יאָסקע דעם חונם בחורל, צוריק צום וויטעבסקער מאַרק — ניין, דאָס ניט! גראָבן ערד, טראָגן שטיינער, קלייבן שמאַטעס — אַלץ בין איך גרייט צו טאָן, אַבי שיקן מיינע קינדער אויף ברויט. וואָס טוט ניט אַ ייד צוליב קינדער? איך בין גרייט צאַפּן פון זיך טראָפּנס בלוט און פאַרקויפן, אַבי שיקן מיינע קינדער אויף ברויט! איך אַליין דאַרף גאָרניט, אָט דעם קאַפּעלוש וואָס איך האָב אויפן קאָפּ טראָג איך שוין עלף יאָר; עסן עס איך אַ טרוקן שטיקל ברויט אַמאָל מיט רעטעך און ציבעלע, און אַמאָל אָן דעם. אָבער קינדער דאַרפן דאָך עסן!"

ער האָט די לעצטע ווערטער אויסגעשריען אין דער הייך, אַז פרעמדע מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט. מיר האָבן געשוויגן אַ מינוט צען און זיינען צוגעגאַנגען צום בירוראָ פון „האיאַס". ער האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן און געזאָגט:

„איר זאָלט וויסן, אַז מיר זיינען נמאס אָט די טרעפּ, וואָס איך גיי שוין אויף זיי באַלד אַכט חדשים; אַלע טאָג אַרויף און אַראָפּ — און קיין הילף, קיין האָפענונג. וואָס קאָנען זיי העלפן? ביים אַמעריקאַנער פרעזידענט האָבן זיי גאָר אַ קנאַפּע דעה. ווערט דאָך אַ מענטש ביי זיך געפאַלן און גיט אַ טראַכט: אפשר? אפשר טאַקע צוריק אַהיים פאָרן? באַקום איך אַ בריוו פון מיין פרוי, און זי שרייבט מיר: קומען צוריק שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ! די קראָמען פאַרמאַכן זיך אַלע; אפילו די, וואָס שטייען אויפן מאַרק, מוזן צאָלן אַזוי פיל שטייערן, אַז זיי דערלייגן נאָך צום פדיון; חיים דער לעדערניק, וואָס איז אַ ביסל רירעוודיקער פון דיר, בראַקעט שוין מיט בלוט פון דעם „פינאַטרעל"; נוח דער

דריי=קאָפּ זיצט אין חד=גדיא און ס׳האַלט מיט אים זייער שמאָל.
מען זאָגט, ער וועט שוין זיין ווייב און קינדער מער ניט זען;
מענטשן גייען אוים פון הונגער און זיינען דיר מקנא, וואָס דו האָסט זיך שוין אַרויסגעכאַפּט".
„אַיאָ, ס׳איז מיר דאָ אויך וואָס מקנא צו זיין?!"

סעפּטעמבער 1924.

צי קאָן קאָלאָניזאַציע ראַטעווען יידן?

די געשיכטע פון די לעצטע יאָרן האָט אונז כסדר געלערנט, אַז מיר זאָלן זיך ניט פאַרחלומען, מיר זאָלן ניט פליען צו הויך אין הימל אַריין. און דאָך האָט זי אונז כמעט גאָרניט אויסגעלערנט. ביי יעדער קלענסטן פּראָיעקט צעברענען זיך באַלד די אויגן, צעפלאַקערט זיך די פאַנטאַזיע — און מען הייבט אָן צו ריידן וועגן אַ קליינעם ענין ווי וועגן אַ זאַך, וואָס קאָן ראַטעווען אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק.

מיר מיינען דאָ איצט דעם פּלאַן צו באַזעצן אין אוקראַינע געוויסע שטרעקעס ערד מיט יידן. וואָלט מען צוגעגאַנגען צו דער זאַך ניכטער, פּראַקטיש, אָן גרויסע געשרייען וועגן אָפּראַטעווען דאָס רוסישע יידנטום, מאַכן אין איין אויגנבליק פון קרעמער פּויערים, וואָלט מען גאָרניט געקאָנט האָבן קעגן דעם און מען וואָלט געווים געווען מחוייב צו שטיצן מיט אַלע מעגלעכקייטן די דאָזיקע נוצלעכע זאַך. האָט מען אָבער די זאַך אַזוי צעבלאָזן, אַזוי אויפגעבלאָזן, אַז מיר האַלטן פאַר אונזער חוב אָנצוווייזן אויפן אמתן ווערט פון דער גאַנצער אונטערנעמונג.

אַז מען האָט די זאַך שטאַרק אין אַמעריקע צעבלאָזן, זעט מען פון דער היציקער דעבאַטע, וואָס פירט זיך אַרום דער דאָזיקער פראַגע. און אַפילו אַזאַ ערלעכער און פאָרזיכטיקער מענטש, ווי ד״ר ראָזען, אַזאַ אומפּאַרטייאישער און ניכטערער, ווי דער דאָזיקער שליח פון „דזשאָינט״, האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און האָט פאַר זיין אָפּפאָרן פון אַמעריקע דערקלערט, אַז די קאָלאָניזאַציע איז אַן אמתע הצלה פאַר די אוקראַינער יידן און אַז די וואָס לויפן פון הונגער און פון נויט וועלן געפינען זייער אויסוועג אין פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט.

לאָמיר זשע טאַקע זען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ — צי לײַנט מען אונז דאָ ניט פֿאָר אויסצושעפּן דעם ים מיט טייעלעפֿלעך; צי וויל מען ניט פֿאַרשטעלן מיט די פֿאָר טויזנט קאָלאָניזירטע יידן די טראַגעדיע פֿון די הונדערטער טויזנטער, וואָס גייען אויס פֿון הונגער; צי וויל מען ניט מיט די הויכע געשרייען וועגן די קאָלאָניזאַציע-גליקן פֿאַרשרייען די געוויינען און יללות פֿון די הונדערטער טויזנטער, וואָס רופֿן נאָך הילף, וואָס פֿאָדערן, מען זאָל זיי באמת אַרויסרייסן פֿון גהינום, וואָס הייסט רוסלאַנד?

זאָל יעדער פּשוטער ייד זיך אַריינטראַכטן אין דער זאַך און ער וועט אַליין פֿאַרשטיין, אַז מיט קאָלאָניזאַציע קאָן מען ניט ראַטעווען אַפֿילו קיין איין פּראָצענט פֿון די אוקראַינער יידן; און ביי אונטערגיין האַלטן דאָך מיליאָנען.

און טאַקע באמת — די אוקראַינער רעגירונג האָט אויסגעטיילט פֿאַר יידן אַ שטיק ערד פֿון 120 טויזנט דעסיאַטין, וואו מען קאָן באַזעצן אַן ערך ביז 7 טויזנט פֿאַמיליעס. אויף צו באַזעצן די דאָזיקע זיבן טויזנט פֿאַמיליעס דאַרף מען האָבן צום ווייניקסטן פֿון פֿיר ביז פֿינף מיליאָן דאָלער. אַזאַ סומע געלט דאַרף מען האָבן, כאָטש די רעגירונג גיט די ערד אומזיסט און גיט נאָך אַנדערע פּריווילעגיעס די קאָלאָניסטן. מער קיין ערד וועלן די אוקראַינער יידן ניט קאָנען באַקומען, ווייל ס'וויינען פֿאַראַן אויך גענוג אוקראַינישע פּויערים, וואָס וואַרטן אויף זייער חלק. און מען קאָן ניט פֿאָדערן פֿון דער בעסטער רעגירונג, זי זאָל קריוודען איין טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג לטובת דער אַנדערער.

אַלזאָ, אין בעסטן פֿאַל, ווען ס'זאָל תיכף ליגן אין קאַסע פֿינף מיליאָן דאָלער, וואָלט מען אפשר אין די נאָענטע פֿאָר יאָר געקאָנט באַזעצן ביז זיבן טויזנט פֿאַמיליעס, דאָס הייסט אַן ערך פֿון דרייסיק טויזנט נפשות אָדער איין פּראָצענט פֿון אַלע רוסישע יידן. איינגנטלעך, איז דער דאָזיקער חשבון נאָך אַ גענוג פֿאַלשער — יעדערער, ווער ס'איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון קאָלאָניזאַציע בכלל און דער עיקר מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע, וועט מוזן מודה זיין, אַז כדי ס'זאָלן זיך אָפּשטעלן זיבן

טויזנט יידישע קאָלאָניסטישע פאַמיליעס, מוז מען קאָלאָניזירן צום ווייניקסטן פערצן טויזנט פאַמיליעס. דערביי האָב איך שוין אין זינען טאַקע די שרעקלעכע באַדינגונגען פון רוסישן גהינום, וואָס מאַכן דעם יידן אַ סך פעיקער צו ליידן און איבערטראָגן און זיך האַלטן ביים שטיקל ערד. וואָרעם ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען מוז מען באַזעצן 21 טויזנט יידישע משפחות, כדי ס׳זאָלן זיך אָפּשטעלן זיבן טויזנט.

גייען מיר אַרויס אַפילו פון חשבון פון 14 טויזנט יידישע פאַמיליעס, הייסט עס אויך, אַז כּדי אויסצונוצן די 120 טויזנט דעסיאַטין ערד, מוז מען האָבן ניט ווייניקער פון צען מיליאָן דאָלאַר. אַזוי ווי קיין געלט אין דער יידישער „קאַנאַטשייסטוואָ" ליגט ניט גרייט, און דאָרט, וואו ס׳ליגט, קען מען צו דעם ניט צוטרעטן, איז קלאָר, אַז די אַרבעט פון אויסנוצן די 120 טויזנט דעסיאַטין ערד אין אוקראַינע וועט זיך פאַרציען אויף עטלעכע יאָר. אַלזאָ ווערט קלאָר פאַר יעדערן, אַז אין בעסטן פאַל, ווען געלט זאָל זיין גענוג, וואָלט מען געקענט באַזעצן אין צוויי יאָר זיבן טויזנט יידישע פאַמיליעס; אַזוי ווי אָבער קיין געלט איז ניטאָ, וועט מען באַזעצן זיבן טויזנט יידישע משפחות אין פינף יאָר צייט.

איך בין זיכער, אַז ד״ר ראָזען וועט מודה זיין, אַז קאָלאָניזירן דריי טויזנט יידישע משפחות אַ יאָר אין אוקראַינע איז זייער אַ שווערע אויפגאַבע, גאָר, גאָר אַ שווערע אונטערנעמונג, און ווען דאָס זאָל זיך אים איינגעבן, וועט דאָס זיין אַ גרויסער ערפאָלג.

איך רייד ניט איצטער וועגן קרים, ווייל אין רוסלאַנד פאַרשוויגט מען שוין אַ שטיק צייט דעם פּראָיעקט צו באַזעצן יידן אויפן לאַנד אין קרים. דאָס איז איבער אַ סך טעמים, נאָר דער עיקר מחמת דעם, וואָס אין קרים איז געווען הייניקס יאָר אַזאַ טריקעניש, אַזאַ שווערע אומגערעטעניש, אַז ס׳איז פשוט אוממעגלעך צו ריידן וועגן שיקן אין דאָזיקן הונגער=אָרט נייע קאָלאָניסטן. די דאָזיקע איינציקע סיבה איז אויף אַזויפיל וויכטיק, אַז איך פאַרשפאָר שוין דערמאָנען אַנדערע. און אַזוי ווי דאָס איז שוין ניט דאָס ערשטע יאָר, אַז אין קרים איז אַ טריקעניש און הונגער, און

מ'ען ווייס ניט, וואָס ס'וועט זיין אין קומענדיקן יאָר, און מען ווייס אויך געוויס, אַז אַזוי גיך וועט מען ניט קאָנען דורכפירן די טעכנישע אַרבעטן, וועלכע זאָלן מאַכן דאָס דאָזיקע לאַנד ווייניקער אָפּהענגיק פון דער בלינדער נאַטור, האָט מען די פראַגע פון קאָלאָניזירן יידן אין קרים אַראָפּגענומען פונם טאָג=אָרדענונג.

לאָמיר=זשע זיך אומקערן צום פריערדיקן ענין. וואָלט מען געקומען און מען וואָלט געזאָגט דער יידישער געזעלשאַפט — זייט ווייסן, אַז מען קען באַזעצן אויף ערד עטלעכע טויזנט יידישע משפחות; די דאָזיקע פאָר טויזנט יידישע משפחות וועלן אפשר האָבן אַ טרוקן שטיקל ברויט פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער; אַזוי ווי אין די שטעטלעך, וואו זיי קומען איצט אָפּ, האָבן זיי ניט קיין האָפענונג אַפילו אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט, בכן, איז אַ מצווה זיי צו העלפן קומען צו אַ שטיקל ערד און דעריבער דאַרף מען צונויפנעמען די נייטיקע סומע געלט און טאָן די דאָזיקע נוצלעכע אַרבעט.

וואָלט מען די זאַך אַזוי פאָרגעשטעלט, וואָלטן נאָר בלינדע און פאַרבלענדטע שונאים פון סאָוועט=רוסלאַנד אַרויסגעטראָטן קעגן דעם. יעדער ניכטערער מענטש וואָלט אָבער פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ מצווה צו העלפן די פאָר טויזנט יידן.

האָבן אָבער די יידישע קאָמוניסטן געמאַכט פונם דאָזיקן קליינינקן ענין אַ גרויסן פּאָליטישן יאַריד. און ס'פליען טעלעגראַמעס אין אַלע עקן וועלט, וואו ס'ווערט דערציילט, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין לאַנד אין דער וועלט, וואו יידן ווערן באַהאַנדלט מיט אַזויפיל ליבע און איבערגעבנקייט און אין דאָזיקן לאַנד ווערט געלייגט דער שטיין פאַרן בנין פון אַ נייער, ליכטיקער צוקונפט פון רוסישן יידנטום. און אין צענדליקער אַרטיקלען צעשמירט מען די קאָלאָניזאַציע און מען שטעלט זי פאָר, ווי דאָס וואָלט טאַקע אָנגערירט די ברייטע מאַסע פון יידישן פאָלק, ווי דאָס וואָלט טאַקע געקאָנט ראַטעווען באַדייטיקע טיילן פון רוסישן יידנטום.

און געוויסע פערזאָנען און אַפילו געזעלשאַפטן האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם דאָזיקן פאַלשן צוזאָג=געשריי און האָבן אויך

אָנגעהויבן ריידן וועגן דער קאָלאָניזאַציע, ווי וועגן אַ גרויסן פאָלקס־ענין, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס דאַרף און האָט רעכט אָפּצו־שטופן אָן אַ זייט אַלע אַנדערע אינטערעסן פון יידישן פאָלק. מען האָט זיך אַפילו געלאָזט אײַנריידן, אַז אויב מען וועט העלפן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אוקראַינע, וועט מען דערמיט אָפּשטעלן די עמיגראַציע פון רוסלאַנד, וועט מען דערמיט געבן די רוינירטע יידישע קרעמער און די פאַראָרעמטע יידישע האַנטווערקער אַ מעג־לעכקייט צו פאַרבלייבן אין רוסלאַנד.

און אָט דעמאָלט איז שוין די זאַך פּשוט געוואָרן שעדלעך, פּשוט געוואָרן געפערלעך, ווייל זי האָט פאַרשטעלט פאַרן יידישן פאָלק דעם גרויסן טראַגישן יאוש, וואָס אין אים געפינען זיך די דריי מיליאָן רוסישע יידן. אַ טראַגישער יאוש! דאָס זיינען געוויס צו שוואַכע ווערטער אויף צו כאַראַקטעריזירן די לאַגע פון די רוסישע יידן, די לאַגע פון דריי מיליאָן רוסישע יידן.

די זאַך איז דאָך ניט אַזוי, וואָס אין לעבן קומט פאָר אַ פאַמעלעכדיקער פּראָצעס פון פאַראָרעמונג אָדער פון אונטער־גאַנג פון געוויסע קלאַסן, און אַ קאָלאָניזאַציע פון עטלעכע טויזנט יידישע משפחות מאַכט גרינגער, וויניקער שעדלעך דעם דאָזיקן פּראָצעס. די לאַגע איז גאַנץ אַנדערש. פון אָנדערטהאַלבן מיליאָן רוסישע יידן, וועלכע האָבן געלעבט פון האַנדל און קרעמעריי, האָבן אַ האַלבער מיליאָן אינגאַנצן פאַרלאָרן זייערע פּרנסות און געפינען זיך אין אַ צושטאַנד, ווען זיי מוזן אָדער עמיגרירן אָדער לעבן פון צדקה; אַ האַלבער מיליאָן פאַרנעמט זיך אויך איצטער מיט האַנדל און קרעמעריי, נאָר פאַרדינט קוים אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט; איז ניט זיכער מיט פּרנסה אויף מאָרגן; ציטערט יעדער מינוט פאַרן באָלשעוויסטישן טשינאָווניק, אַז ער זאָל אים ניט רוינירן; לעבט אין שטענדיקער שרעק, איז ניט זיכער מיטן לעבן, ווייל יעדער מינוט קאָן מען אים משפּטן פאַר ספּעקולאַציע; צאָלט אָפּ גרויסע שטייערן און מוז אָפּט שליסן זיין געשעפט און באַנקראָטירן; לעבט אין אַ נערוועזער אומרויִקער אַטמאָספערע, וועלכע מאַכט אים און זיין גאַנצע משפּחה ממש קראַנק; פילט זיך ווי אַ פאַרברעכער, וואָס מוז באַהאַלטן פון „נאַטשאַלניק" אי

זיין פדיון, אי זיין ריווח, אי זיין שטייגער־לעבן אין דער־היים — הכלל, ער פירט אַ לעבן, וואָס צווינגט אים צו טרוימען וועגן אַרויסרייסן זיך, וועגן אַנטלויפן, וועגן פטור ווערן פון גהינום; און נאָר איין דריטל פון די, וואָס האָבן געלעבט פון האַנדל און קרעמעריי, האָבן זיך צוגעשאַרט צו דער שיסל פון מלוכה־האַנדל אָדער מלוכה־פאַבריקאַציע, אָדער צו די ווייניקע פריוואַטע געשעפטן, וועלכע גיבן אַ גוטן ריווח.

ניט קיין סך בעסער איז די לאַגע פון די יידישע האַנטווערקער. פון העכער אַ מיליאָן רוסישע יידן, וואָס האָבן געלעבט פון מלאכה און קליין־פאַבריקאַציע, איז געווים די העלפט געוואָרן איבעריק, ווייל דער פויער איז הונגעריק און קאָן ניט נייען קיין שטיוול, ווייל דער שטאָטישער אַרבעטער איז אָרעם און קאָן זיך ניט נייען קיין קאָסטיום, ווייל דער פויער האָט ווייניקער פערד און קומט זעלטן צום שמיד אונטערקאָווען אַ פערד אאַז״וו אאַז״וו; און די, וואָס האָבן אַ ווערקשטוב, מוזן צאָלן גרויסע שטייערן; האָט אַ בעל־מלאכה אַ לערנייינגל, מוז ער צאָלן פאַר דירה־געלט, פאַר וואַסער, פאַר ליכט, פאַר לערנען זיין קינד עטלעכע מאָל טייערער, ווי אַן אַרבעטער; נעמט ער טאַקע ניט קיין אַרבעטער און אויך ניט קיין לערנייינגלעך, און ס׳וואַקסט די צאָל יידישע שטוב־אַרבעטער, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס אַרבעטן ביי זיך אין דער היים פאַר גראָשנס אַכצן שעה אין מעת־לעת, און די שוויק־סיסטעם איז איצט די פאַרשפרייטסטע צווישן די יידישע בעלי־מלאכות.

און די לאַגע פון די יידישע אַרבעטער? לויט די פאַקטן און ציפערן, וואָס די קאָמוניסטן אַליין פאַרעפנטלעכן, קומט אויס, אַז פון 40 ביז 50 פראָצענט יידישע אַרבעטער גייען אַרום בטל, געפינען ניט קיין שום אַרבעט, גייען אַרום ליידיק צו זעקס און צו אַכט חדשים און אַ סך פון זיי האָבן שוין פאַרלאָרן יעדער האָפענונג צו געפינען אַרבעט. ניט ווייניקער פון פופציק פראָצענט פון אַלע באַשעפטיקטע יידישע אַרבעטער אַרבעטן ביי די שרעקלעכסטע שוויץ־באַדינגונגען, — 16 און 18 שעה אין מעת־לעת און פאַרדינען אַן ערך זעכציק פראָצענט פון דעם, וואָס אַן אַרבעטער

פלעגט פאַרדינען פאַר דער מלחמה, און נאָר גאַר אַ קליינער גרופּע יידישע אַרבעטער האָט זיך איינגעגעבן זיך אַריינצוכאַפּן אין דער מלוכה-פאַבריקאַציע, וואו די לאַגע איז אַ ביסל בעסער. אַ געוויסער טייל יידישע אַרבעטער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט צו די באַאַמטע פון פאַרשיידענע מינים — זיינען געוואָרן קאָמיסאַרן, קאָמענדאַנטן, קאָמאַנדירן, מלוכה-אַגענטן, „טשעקיסטן" אאַז"וו. אָבער די דאָזיקע לייט האָבן שוין לאַנג איינגעריסן מיטן יידישן אַרבעטער-קלאַס און זיי סטאַרען זיך שטאַרק, אַז די אַרומיקע זאָלן אויך פאַרגעסן זייער יחוס.

און די אינטעליגענץ? ווער עס קומט פון רוסלאַנד, זאָגט, אַז פון צען דאָקטוירים האָט קוים איינער פּרנסה; פון צען אינזשעניערן האָבן קוים צוויי פּרנסה; פון צען אַדוואָקאַטן האָבן אויך קוים איינער אָדער צוויי פּרנסה — און די איבעריקע צאַנקען, גייען אויס ווי אַ ליכט, און ס'נעמט אָן ממש אַ שווידער צו הערן, ווי פאַריאושט די אינטעליגענץ קעמפט פאַר איר עקסיסטענץ. און די לאַגע פון די יידישע דאָקטוירים, אינזשעניערן, אַדוואָקאַטן און אַנדערע אינטעליגענטן איז ניט ווייניקער פאַריאושט.

אָט דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד — אַ לאַגע, וואָס טרויעריקער קאָן גאַרניט זיין, יאושדיקער איז אוממעגלעך. און דאָ האַנדלט זיך וועגן מיליאָנען נפשות, וועגן מיליאָנען פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וואָס ווערן דערשטיקט, ליגן פאַרשפּאַרט אין אַ קעלער, אָן לופט, אָן פרייער באַוועגונג, פאַרמשפּטע צום אונטערגאַנג.

איז אָט ביי אַזאַ גרויסן חורבן, ווען מען קומט מיט די פאַר טויזנט יידישע קאָלאָניסטן און מען הייבט אויף אַ שטויב ביזן הימל, כדי מען זאָל ניט זען די בלאַסע הונגעריקע פּנימער פון די הונדערטער טויזנטער, מען הייבט אויף אַ ווילדן שמחה-געשריי, כדי צו פאַרהילכן די טרויעריקע זיפצן און קרעכצן פון די אויסגייענדיקע פון הונגער — דעמאָלט איז אַ חוב צו דערמאָנען דער יידישער געזעלשאַפט, זי זאָל זיך ניט לאָזן נאַרן, זי זאָל זיך ניט לאָזן פאַרבלענדן די אויגן, זי זאָל ניט לאָזן פאַרשטעלן מיט אַ פּאָר טויזנט יידישע קאָלאָניסטן, וואָס וועלן אפשר האָבן

אַ טרוקן שטיקל ברויט, די יאוש-טראַגעדיע פון די מיליאָנען רוסישע יידן.

איך האָב אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט, אַז אפשר וועלן די פּאָר טויזנט יידישע קאָלאָניסטן האָבן אַ שטיקל ברויט, און דאָס מוז מען טאַקע אויך געדענקען, — אין רוסלאַנד זיך פאַרנעמען מיט ערד-אַרבעט איז גאָר אַ קנאַפּער גליק. ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז ניט נאָר ס'קערן זיך אום אין די שטעט אַריין די אַלע אַרבעטער, וועלכע זיינען אַנטלאָפן אין דאָרף אַריין אין די יאָרן פון קאָמוניזם, נאָר פּויערים, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט אין שטאָט, וואַרפן אַוועק זייער ערד און לויפן אין שטאָט אַריין זוכן אַרבעט. ריקאָוו, דער יורש פון לענינס שטול, האָט ניט לאַנג דערקלערט אין זיינער אַ רעדע, אַז פון אָנדערהאַלבן מיליאָן אַרבעטסלאָזע זיינען פאַראַן ביז דריי הונדערט טויזנט פּויערים, וואָס האָבן דאָס ערשטע מאָל פאַרלאָזט זייערע דאָרפישע פרנסות און האָבן זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין זוכן ברויט.

כדי דער לעזער זאָל האָבן אַ פאָרשטעלונג, ווי ס'לעבט זיך יידישע קאָלאָניסטן אין אוקראַינע, וועל איך ברענגען אַן אויסצוג פון קאָמוניסטישן „עמעס".

אין „עמעס" נומ׳ 169 פון 27טן יולי היינטיקס יאָר שטייט געשריבן וואָרט אין וואָרט:

„די יידישע קאָלאָניעס אין קריוואָראָגער און יעליסאַוועט-גראַדער קרייזן פאַרמאָגן 24,291 דעסיאַטין ערד, פון וועלכער ס'איז פאַריאָרן פאַרזייט געוואָרן 10,838 דעסיאַטין, ד״ה 44,5 פּראָצענט. פון די 10,838 דעסיאַטין וועט אַראָפּגענומען ווערן אַרום 162,500 פוד תבואה, אין דורכשניט 15 פוד תבואה פון אַ דעסאַטין, ד״ה, אַז די גערעטעניש איז זייער אַ שלעכטע. אויף אָנצוהאַלטן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן שטייער וועט זיך פאָדערן אַן ערך 35,000 פוד תבואה. די קאָלאָניעס ציילן אַ באַפעלקערונג פון עלף טויזנט נפשות. אויף דערנערן זיי וועט זיך פאָדערן 132 טויזנט פוד, האָבן מיר שוין אַ דעפיציט פון פינף טויזנט פוד".

וואָס זעען מיר פון דעם דאָזיקן אויסשניט? ערשטנס, אַז די גערעטעניש האָט געגעבן 15 פוד תבואה פון אַ דעסיאַטין; צווייטנס,

אַז אַפילו בײַ אַזאַ ניט־גערעטעניש מוז מען דאָך אָפּגעבן שטײַער מער פון אַ פינפטל פון דער גאַנצער אַראָפּגענומענער תבואה; דריטנס, אַז אַפילו אויף טרוקן ברויט וועט ניט זײַן גענוג פאַר די קאָלאָניסטן — מיט וואָס צו פאַרזייען די פעלדער האָבן ניט די קאָלאָניסטן; פאַרקויפן תבואה, כּדי זיך צו מאַכן אַ בגד אָדער אַ פּאָר שיך, האָבן זיי אוודאי און אוודאי ניט.

און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז בײַ אַזעלכע באַדינגונגען קאָן די באַשעפטיקונג מיט ערד־אַרבעט ניט שטאַרק באַגײַסטערן, — אויב פונדעסטוועגן ײדן רײַסן זיך דאָך צו ערד־אַרבעט, באַווײַזט עס נאָר, ווי שרעקלעך יאושדיק עס איז די לאַגע אין די שטעטלעך, ווי פאַרפינסטערט עס איז דאָס ײדישע לעבן אין רוסלאַנד.

דער נומער „עמעס“ פון 4טן סעפּטעמבער ברענגט אַן אַרטיקל פון ה. סודאַרסקי, וועלכער איז אַ מיטגליד פון דער אוקראַינישער רעגירונג:

„אויף דעם קומענדיקן אָפּעראַציאָנס־יאָר (1924—25) פּראָיעקטירט זיך פון אוקראַינער פאָלקאָמערד (קאָמיסאַריאַט פאַר ערד־ווירטשאַפט) אויסטיילן 36 טויזנט דעסיאַטין ערד אין אָדעסער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס. אויף דעם שטח ערד וועלן מיר אין דעם יאָר באַזעצן ביז 2,500 פאַמיליעס“.

„ביז 2,500 פאַמיליעס“ — אַלזאָ, אין בעסטן פאַל נאָענט צו צען טויזנט נפשות! אָבער אַזוי ווי די ווירקלעכקייט איז תמיד אַ ביסעלע שווערער, ווי מען שטעלט זיך פאָר בײַם אויסאַרבעטן אַ פּראָיעקט, וועט אפשר די זאַך אַרויסקומען נאָך קלענער.

קאָן די קאָלאָניזאַציע בײַ דער לאַגע פאַרגרינגערן די לאַגע פון די הונדערטער טויזנטער שמאַכטנדיקע און הונגערנדיקע? איז קאָלאָניזאַציע אַ מיטל צו דער מכּה, וואָס האָט אַזוי שטאַרק אָנגעריסן בײַם רוסישן ײדנטום? גיט די קאָלאָניזאַציע אין אוקראַינע אַזעלכע ברײטע אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט, אַז דאָס זאָל ווערן אַן אידעאַל פאַר גרויסע מאַסן?

אויף די אַלע פראַגן קאָן זײַן נאָר איין ענטפער: ניין!

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מען דאַרף ניט אויסנוצן דעם גינסטיקן מאָמענט און ניט באַזעצן אויף ערד די פּאָר טויזנט יידן, וואָס איז מעגלעך. דאָס איז געוויס זייער אַ גוטע זאַך, זייער אַ גרויסע מצוה צו ראַטעווען כאָטש אַ פּאָר טויזנט יידישע משפּחות און צו מאַכן כאָטש אַ פּאָר טויזנט יידישע קרעמערלעך און לופט־מענטשן צו ערד־מענטשן, צו באָדן־מענטשן.

אָקטאָבער 1924.

מען לויפט פון „גן־עדן"...

איך האָב אין מיינע ערשטע אַרטיקלען וועגן די יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, וועלכע וואַלגערן זיך אין ריגע, דערציילט וועגן דעם יאוש, וואָס האָט אַלעמען פאַרכאַפּט. איך האָב אויך אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ טיפע עקאָנאָמישע סיבות טרייבן און יאָגן פון רוסלאַנד. דער קרעמער פון וויטעבסק האָט אויסגעלייגט זיין פעקל צרות, און דעם לעזער איז געוואָרן קלאָר, אַז די הונדערטער טויזנטער יידישע קרעמער פון רוסלאַנד געפינען זיך אויפן ברעג פון אַזאַ טיפן תהום, אַז ס'איז מער גאָרניט געבליבן ווי לויפן און אַנטלויפן, ניט ווייסנדיק אַפילו וואוהין. מילא, איז דאָס מיט קרעמער־ספּעקולאַנטן; און ווי האַלט עס מיט אַנדערע קלאַסן?

מיר וועלן טאַקע איצטער אָנהייבן פון די עמיגראַנטן־אַרבעטער, פון דעם קלאַס, וואָס איז כלומרשט ביי דער מאַכט אין רוסלאַנד.

אָט זיצט פאַר מיר אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און דרייסיק יאָר, אַ געוועזענער מעמבער פון קעפּ מייקער יוניאָן לאָקאַל 5, שיקאַגאָ, זיין נאָמען איז מ. יעווניין. ער איז געווען אין אַמעריקע אַ יאָר 12. אין רוסלאַנד איז ער איצט אָפּגעווען אַ פּאָר יאָר. ער פאָרט צוריק פון לאַנד, וואוהין ער איז געפאָרן מיט נאָך מער פון הונדערט אַרבעטער אַן איבערפולטער מיט ליכטיקע האָפענונגען. ער איז געפאָרן זען זיין פאַרווירקלעכטן אידעאַל, זיין טרוים פון אַ סך יאָרן — און געטראָפן האָט ער, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, אַ גרויסע טורמע מיט אַ סך טורמע־שמייסערס, וואָס קאָנען האַלטן די בייטש אין די הענט; מיט אַ סך

שווינדלערס און גנבים, וואָס האַלטן אין מאַנאָפּאָל די דאָזיקע בייטש און פֿאָרן רייטנדיק אויף דער פינצטערער, דערשלאָגענער, אויסגעמאַטערטער און פאַרהונגערטער מאַסע.

— אמת, — האָט ער צוגעגעבן, — ס׳זיינען פאַראַן צווישן די קאָמוניסטן אויך אַ סך ערלעכע מענטשן, אָבער די דאָזיקע שפּייען מיט בלוט, זיינען גרייט פון יאוש זיך אַ מעשה אָנטאָן; און דעם צושטאַנד פון זייערע אויסגעליידיקטע און פאַרלאָרענע נשמות איז ניט צו באַשרייבן.

פאַר די אויגן פונם דאָזיקן יידישן אַרבעטער זיינען דורכגע־גאַנגען צוויי פאַרטייען אַמעריקאַנער אַרבעטער — איינע האָט גע־ציילט 150 מיטגלידער און די צווייטע 72, און ער האָט פאַר מיינע אויגן אויסגעמאָלט אַ שוואַרץ בילד, ווי די דאָזיקע אַמערי־קאַנער אַרבעטער, מערסטנטייל יידישע, היציקע און גלויביקע, זיינען אָפּגענאַרט און פאַרנאַרט געוואָרן, האָבן געפּטרט אין דעם קאָמוניסטישן גן־עדן ניט נאָר אַ סך געלט, אַ סך געזונט, אַ סך מאַשינעס, אַ סך יונגע יאָרן, נאָר אויך די אמונה אין כאַציאַליס־טישן אידעאַל, דעם גלויבן אין מענטשלעכן אידעאַליזם, אין דער מעגלעכקייט בכלל פון ריינע ערלעכע מעשים אָן פערזענלעכע אינטערעסן.

ס׳איז געווען אַן אמתער ווייטאָג צו זיצן און אויסהערן פון דאָזיקן ערלעכן און אַ ביסל נאַיוון קירושנער, ווי מען האָט אַ גרויסע גרופּע יידישע אַרבעטער באַשווינדלט, סיי מאַטעריעל און סיי גייסטיק, און ווי די דאָזיקע אָפּגענאַרטע ערלעכע אַרבעטער האָבן זיך איינציקווייז אַרויסגעריסן פון קאָמוניסטישן גהינום.

יעדערער פון די דאָזיקע אַרבעטער האָט אַריינגעטראָגן אַ גאַנץ גרויסע סומע — קרוב 300 דאָלער — אויף אָרגאַניזיר־און רייזע־הוצאות; מען האָט געשיקט קיין מאָסקווע שלוחים און אויך 900 דאָלער אויף איבערבויען די דירה, וואוהין זיי האָבן באַדאַרפט פאַרפאָרן. און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז מען האָט זיי באַזעצט אין קאָרידאָרן פון אַ דירה, וועלכע איז געווען געפּאַקט, ממש טאַקע קיין איין צימער קיין פרייער איז ניט געווען. און דאָ

האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דער יידישער אַרבעטער, וואָס איז צעפּגעוועון אין אַמעריקע אַ שטיקל צייט, קאָן זיך שוין ניט וואַלגערן אין שמוץ אין אַ קאָרידאָר, ווי אונזער היימישער אַרבעטער. די אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן גענומען שאַרף פּראָטעסטירן, פּאָדערן, סטראַשען און טאַקע מאַכן סקאַנדאַלן.

די סאָוועטן-מאַכט האָט געפונען אַ דירה, אַרויסגעטריבן אַלע איינוואוינער פון עטלעכע צימערן און אַהין אַריינגעזעצט די אַמעריקאַנער אַרבעטער.

און דאָ האָט זיך נאָך אַמאָל אַרויסגעוויזן די ווירקונג פון פרייען אַמעריקאַנער לעבן. די אַמעריקאַנער אַרבעטער זיינען געווען אויסער זיך, ווען זיי האָבן דערזען, ווי ווייניק מען רעכנט זיך אין קאָמוניסטישן „גן-עדן" מיטן מענטשן. צווישן די אַרויסגעוואָרפענע אויפן גאַס — טאַקע פּשוט אויפן גאַס! — איז געווען אַ קראַנקע אַרטיסטקע מיט אַ קליין קינד. זי איז טאַקע פון אַ קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, אָבער פּאַקטיש איז זי נעבעך געווען אַ גרויסע קבצנטע, אַ קראַנקע, אַן אומגליקלעכע, אַן אַרויסגעשטויסענע פון דער סצענע און אַ פאַרלאָזטע פון פאָטער פון קינד. און אָט אַזאַ דערשלאָגענעם נפש וואַרפט מען אַרויס פון דירה — די סיבה איז: זי איז געווען אַ בורזשויקע און האָט געהאַט אַ טאַטן אַ בורזשוי.

דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער דערציילט, אַז אויף דער גאַנצער גרופּע אָנגעקומענע האָט דאָס דאָזיקע ווילדע באַגיין זיך מיט אַ שוואַכער און קראַנקער פרוי געמאַכט דעם עקלהאַפטסטן איינדרוק און האָט שוין ווי אָפּגעשטויסן זייערע הערצער פון דער הערשנדיקער מאַכט.

צוויי-און-צוואַנציק אַרבעטער האָבן זיי געוואוינט אין איין צימער — און דאָס איז נאָך געווען אַ גליק.

נאָכדעם הייבט זיך אָן אַ סדרה מיט אויסנאַרן ביי די אַרבעטער די מיטגעבראַכטע מאַשינעס. דאָס איז אַ קאַפּיטל, וואָס וועט מסתמא פון די אַרבעטער אַליין דערציילט ווערן באריכות, ווען זיי וועלן זיך צוריק אומקערן קיין אַמעריקע. איך וועל נאָר זאָגן אין קורצן — די אַדמיניסטראַציע פון דער פאַבריק, וואו די אָנגעקומענע האָבן זיך געשטעלט אַרבעטן, האָט געשטרעבט צוצו-

בינדן די אַרבעטער צו דער פאַבריק און מאַכן פאַר זיי אוממעגלעך פריי זיך אויסצוקלייבן אַן אָרט פאַר אַרבעט. און זי האָט עס דערגרייכט — מיט פאַרשיידענע פאַלשקייטן, גנבהשע שטיקלעך און סטראַשונקעס האָבן די פירער פון דער פאַבריק ענדלעך אַרויסגעריסן ביי אַלע אונטערשריפטן, אַז זיי שענקען אַוועק דער פאַבריק די מאַשינען. דער דאָזיקער יעווניין מיט נאָך אייניקע חברים האָבן פּראָטעסטירט, געמאַכט פאַרזאַמלונגען אין פאַבריק, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן, און אַלע האָבן געפטרט די מאַשינעס.

אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל שטעלט פאָר דער אופן, ווי אַזוי מען צאָלט אויס דעם לוין. מיר ווייסן דאָס אַלץ, נאָר פונדעסטוועגן מאַכט דאָס דערציילן פון אַ לעבעדיקן מענטשן, ווי אַזוי די אַדמיניסטראַציע פון דער „קאָמוניסטישער" פאַבריק פלעגט אָפּציען דאָס אויסצאָלן דעם לוין, כדי צו כאַפּן אַ פאַרדינסטל אויפן קורס; ווי אַזוי די אַרבעטער פלעגן חדשימווייז הונגערן און ניט באַקומען קיין לוין; ווי אַזוי מען פלעגט פאַררייידן די ציין די אַרבעטער, כדי זיי צו באַרויקן און אין ערגסטן פאַל טאַקע אַ סטראַשע טאָן מיט דער „טשעקאַ" — אָט דאָס אַלץ, דערציילט פון אַן אַרבעטער, וואָס האָט דאָס אַליין דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט, מאַכט אַן אומגעהייער שטאַרקן איינדרוק.

וואָס איז געוואָרן פון די אַמעריקאַנער גרופּעס אַרבעטער, וואָס זיינען געפאָרן העלפן בויען די נייע שיינע און פרייע וועלט?

פון זיין גרופּע, וואָס האָט געציילט 150 מענטשן און איז אַרויסגעפאָרן פון אַמעריקע 1921, זיינען געבליבן ניט מער, ווי אַ מענטשן 25. פון דער צווייטער גרופּע, וואָס האָט געציילט 72 אַרבעטער, זיינען געבליבן אין רוסלאַנד 8. ווער איז געבליבן? דיער, וואָס האָט קיין הוצאות ניט געהאַט אויף פאָרן צוריק קיין אַמעריקע אָדער איז קראַנק געוואָרן אין רוסלאַנד און האָט ניט געקענט צוריקפאָרן. עס זיינען אויך געבליבן אייניקע, וואָס האָבן זיך אַריינגעדרייט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און זיינען געוואָרן קאָמיסאַרן. זיין אַ קאָמיסאַר איז געווים גרינגער, ווי אַרבעטן אין אַ פאַבריק, נאָר רוסלאַנד האָט שוין גענוג קאָמיסאַרן. און חוץ דעם האָבן טאַקע אַ סך יידישע אַרבעטער פון

אַמעריקע געהאַלטן פאַר בעסער און שוין אוודאי ערלעכער זיך אומצוקערן קיין ניו־יאָרק אין אַ פאַבריק און ווייטער פירן דעם שווערן קאַמף פאַר דער אמתער באַפרייונג פון אַרבעטער־קלאַס, איידער קאַמאַנדעווען אין רוסלאַנד און זיצן אויפן קאַרק פון אַרבעטער.

בשעת איך האָב פאַרבראַכט מיטן אַמעריקאַנער אַרבעטער־יעוונין, האָט זיך אין דעם זעלבן צימער געפונען נאָך אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער, וואָס איז אויך געפאָרן קיין מאָסקווע זען מיט זיינע אייגענע אויגן דעם שוין פאַרווירקלעכטן קאָמוניסטישן אידעאַל. דאָס איז געווען שוין אַ מענטש אין די יאָרן — אוודאי העכער פערציק. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אַהין און צוריק, אויף אַן אָרט ניט געקאָנט איינזיצן קיין פינף מינוטן. זיין גאַנג איז געווען אַ נערוועזער, אַן אויפגערעגטער, ווי פון אַ חיה, וואָס איז פאַרשפאַרט געוואָרן אין אַ שטייג. און האָב איך געוואָלט אָנהייבן מיט אים אַ שמועס, האָט זיך מיר בשום אופן ניט איינגעגעבן. מער ווי די ווערטער: „אַליין זיך געמאַכט אומגליקלעך, אַליין זיך געקווילעט" האָב איך פון אים ניט אַרויסבאַקומען. פון זיינע חברים בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אָפּגעזעסן דריי יאָר אין מאָסקווע, האָט געאַרבעט אין „מאָסקווע שוויי", דאָס הייסט, אין דער שניידערשער פאַבריק, וואָס אויף איר האָבן די אַמעריקאַנער שניידער געפּטרט אַ סך הונדערטער טויזנטער דאָלאַר; האָט איבערגעטראָגן אַ סך צרות אין מאָסקווע און פאָרט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און אַ באַליידיקטער נשמה צוריק קיין אַמעריקע. דער יאוש ליגט דעם מענטשן אויפן פנים. מען קאָן זען אין זיינע אָפענע אויסגעשטאַרצטע אויגן, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט עקשנותדיק און שטאַרק איבערגעגעבן געדינט זיין גאָט — און מאָסקווע האָט אים באַנומען, באַנומען און צוגענומען צוזאַמען מיטן גלויבן אין סאָציאַליזם זיין ענערגיע, זיין היץ און ברען, זיין גלויבן און אָפּערווילקייט.

די גאַנצע פיגור פון דאָזיקן יידישן שניידער, וואָס האָט מער פון 20 יאָר געפּרעסט קאָסטיומען אין אַמעריקע און האָט ניט פאַרלאָרן זיין הייסע אמונה, וואָס ער האָט באַקומען אין די יונגע

יאָרן אין אַ בונדישן קרײַזל אין אַ ליטװישן שטעטל — אַט די פֿיגור פֿון אַן אַלטן ײדישן סאָציאַליסטישן סאָלדאַט האָט עפּעס געװאָרנט און גערופֿן זיך צו שיצן פֿון מאָסקװער בלאָף, פֿון מאָסקװער שװינדל. טײער האָט ער באַצאָלט פֿאַר זײַן נאַיװן גלױבן אין די מאָסקװער קונצן, אַז מען קאָן האָקוס־פּאָקוס פֿון אַ װיל־דער צעשטױבטער מאַסע מאַכן אַ הױך־קולטורעלן אָרגאַניזירטן קאָלעקטיװ, געבױט אױף די בעסטע מענטשלעכע יסודות — און זײַנע אױגן האָבן זיך געבעטן: גײט און דערצײלט אַלע ײדישע אַמעריקאַנער אַרבעטער, אַז אין מאָסקװע קאָמאַנדעװען שװינדלער און אָפּנאַרער, באַװאוסטזיניקע קונצנמאַכער און מיאוסע מערדער!

צװישן די ריגער עמיגראַנטן זײַנען געװען אַ סך אַרבעטער, טאַקע גאָר אַ סך. אָט איז אַ זעצער פֿון קיעװ, װעלכער האָט דװקא געהאַט די גאַנצע צײַט אַרבעט, האָט ניט שלעכט פֿאַרדינט, איז אױך צופֿרידן פֿון דער סאָװעטן־מאַכט, כאָטש קײן קאָמוניסט איז ער ניט.

פֿאַרװאָס־זשע האָט דער דאָזיקער זעצער פֿאַרלאָזט קיעװ? דערױף זײַנען בײַ אים פֿאַראַן עטלעכע תירוצים — אי קלאָ־רע, אי ניט קײן קלאָרע. עס האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז ער האָט עטלעכע ברידער און שװעסטער אין אַמעריקע און צו זײ פֿאָרט ער טאַקע. איז דאָך גוט — איז די זאַך גאַנץ פּשוט. פֿרעג איך אים אָבער: האָט איר דען ניט געװאוסט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ „קװאָטע“, אַז אַרײַנפֿאָרן קײן אַמעריקע איז שװער װי שפּאַלטן דעם ים? אַז מען קאָן זיך אָפּװאַלגערן אין ריגע יאָרן און ערשט נאָכדעם ניט אָנקומען די געבענטשטע אַמעריקע? לאָזט זיך אױס, אַז ער האָט דװקא דאָס אַלץ זײער גוט געװאוסט און האָט זיך דאָך געלאָזט אין װעג אַרײַן.

װאָס־זשע האָט פֿאָרט געטריבן דעם דאָזיקן זעצער פֿון רוס־לאַנד? נאָך אַ לאַנגן שמועס האָט זיך אַרױסגעשטעלט, אַז, ערשטנס, איז די לאַגע פֿון אַ באַשעפֿטיקטן אַרבעטער גאָרניט זיכער — שױן דרײַ יאָר, אַז מען האַלט אין אײן קירצן די שטאַטן, דאָס הײסט, אין אײן אַרױסװאַרפֿן אַרבעטער אױפֿן גאַס. „הײַנט זרחן און מאָרגן װעט עס מיך טרעפֿן“ — האָט געזאָגט דער אַרבעטער·

צווייטנס, האָט ער טאַקע גוט פאַרדינט, אָבער מער ווי אויף טרוקן ברויט האָט דאָס אים ניט געקלעקט. גוט — אין פאַרגלייך מיט די אַרבעטסלאָזע און אין פאַרגלייך מיט די פאַרדינסטן פון אַרבעטער פון אַנדערע אונטערנעמונגען, אָבער מער ווי אויף ברויט איז ניט געווען.

וויפיל יאָר קאָן מען טראָגן אַן אַלטן קאָסטיום? ווי לאַנג קאָן מען טראָגן די שטיוול, וואָס זיינען מיר געבליבן פון דער רויטער אַרמיי? ביז וואַנען איז דער שיעור זיצן אַ בחור און ניט קאָנען חתונה האָבן? ווייל קיין ברויט קאָן איך מיין ווייב ניט געבן?

מיט די דאָזיקע פראַגן האָט מיך פאַרשאָטן דער קיעווער זעצער, און איך האָב אים געמוזט אָפּגעבן גערעכט. ער האָט אָבער אויך געמוזט מיר אָפּגעבן גערעכט, ווען איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז דאָס אַלץ וואָלט געווען גענוג אויף אַרויסצופאָרן, ווען עס זאָל זיין אַ מעגלעכקייט אַריינצופאָרן. איידער אָבער זיצן אין ריגע און אַרויסקוקן אויף די דאָלערס פון די אַמעריקאַנער ברידער, איז שוין אַ סך גלייכער האָבן אין קיעוו זאָל זיין ניט קיין געזיכערטע אַרבעט, אָבער וואָס גיט דאָך אַ שטיקל ברויט.

זיינען מיר ביידע געבליבן גערעכט — און די וואונד איז געוואָרן אויפגעקלערט, אָבער ניט געהיילט.

און אָט איז אַ מיידל פון ראָסטאָוו — אַ שניידערקע. זי איז געקומען אין דעם ביוראָ פון „האַיאַס" מיט רויטע פאַרוויינטע אויגן. זי איז שוין עטלעכע חדשים אין ריגע — האָפענונגען אויף פאָרן קנאַפּע; געלט נאָך ווייניקער; אַרבעטן טאָר מען ניט און ס'איז אויך ניט גרינג צו געפינען אין ריגע אַרבעט. נאָר דאָס אַלץ רופט ביי איר ניט אַרויס קיין טרערן — וואָסער יידיש מיידל, דערצו אַן אַרבעטערין, איז ניט געוויינט צו הונגערן, צו מוטשען זיך און זיך מאַטערן? איבער אַזעלכע „קלייניקייטן" וויינט ניט קיין יידיש מיידל — נאָר אָט איז אַ צרה: זי האָט באַקומען פון דער לעטישער רעגירונג אַ דערלויבעניש צו בלייבן ביזן 15טן יולי און אין קאַראַנטין האָט מען איר דערקלערט, אַז אויב זי וועט ביזן 15טן ניט אַרויספאָרן, וועט מען זי שיקן צוריק קיין רוסלאַנד.

צוריק קיין רוסלאַנד — דאָס איז ערגער פון הונגער, פון דלות, פון שמוציקן קאַראַנטין אין ריגע, וואו ס'שלאָפן אין איין צימער עטלעכע און זיבעציק מענטשן. דער פאַרוואַלטער פון „האיאס" האָט זי באַרויִקט, האָט תיכּף אָפּגערופן אין קאַראַנטין דעם פאַר־וואַלטער, האָט געטעלעפאָנירט און איינגעטעלעגראַפירט און געגעבן אָנווייזונגען, ווי אַזוי אויסצושטעלן די פּאַפּירן פון מיידל, אַז זי זאָל מעגן ווייטער בלייבן אין ריגע.

דאָס מיידל איז אַ גליקלעכע און באַרויִקטע אַרויס פון צימער פון פאַרוואַלטער און מען האָט געקאָנט מיט איר שמועסן וועגן די סיבות, וואָס האָבן זי געטריבן פון רוסלאַנד.

און ס'האָט זיך באַקומען אַ קאָמישע געשיכטע — דאָס מיידל, די יידישע אַרבעטערין, וואָס צו 15 יאָר האָט זי שוין גע־נומען אַן אָנטייל אין אַ שטרייק, איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, ווייל מען האָט געיאָגט די באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס, וואָס ביי זיי האָט זי געאַרבעט. און ניט מחמת זי איז אַזאַ נאַר, אַז זי קאָן, חלילה, ניט פאַרטראָגן די צרות פון די באַלעבאַטים; און ניט ווייל זי איז אַזאַ קנעכט, אַז זי קושט די בייטש וואָס שמייסט זי. ניין, דווקא פאַרקערט — די אַרבעטערין, אַן אומפּאַרטייִישע, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ באַוואוסטזיניקער, פאַר זייער אַ פאַר־שטאַנדיקער. אַנטלאָפן איז זי, מחמת יעדער מאָל, ווען די קאָמו־ניסטישע דיקטאַטור האָט געוואָלט טרעפן די באַלעבאַטים, האָט זי אין דער אמתן געטראָפן די אַרבעטער; און בעסטן פאַל האָט זי רויִנירט ביידע — אי די באַלעבאַטים, אי די אַרבעטער, גאָר אַ קליינע טרייסט, ווארעם סוף־כּל־סוף האָט זיך דער באַלעבאָס אַרויסגעדרייט פון קריזיס אַ סך גרינגער פון די אַרבעטער.

די ראַסטאָווער מיידל האָט געאַרבעט נאָך מיט דריי חבר־טעס ביי אַ שניידער און האָט פאַרדינט נישקשה. האָט מען גע־מאַכט אַן אָביסק אין וואַרשטאַט, ווייל מען האָט געזוכט די אַדרעסן פון די רייכע דאַמען, וועלכע מאַכן באַשטעלונגען דאָרטן. אויף מאָרגן איז דער וואַרשטאַט געוואָרן באַאיקאָטירט פון אַלע־מען — און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דער באַלעבאָס אָפּגע־זאָגט אַלע אַרבעטער. פיר חדשים איז דאָס מיידל אַרומגעגאַנגען

זוכן אַרבעט — און די גאַנצע צייט קיין איין גראָשן שטיצע ניט באַקומען. זי האָט אויפגעגעסן דאָס לעצטע און געמוזט גיין אַרבעטן אין אַן ערגערן וואַרשטאַט און אויף ערגערע באַדינגונגען. זי איז איינע אַליין נאָך מיט אַ לערנמיידל אין אַ וואַרשטאַט — מען אַרבעט 12 שעה אין טאָג און דער לוין קלעקט קוים אויף צו לעבן. אַרבעט זי אָפּ פינף וואָכן און איר באַלעבאָס פאַלט אַריין. מען האָט געשטעלט „אוראַוניטעלנע" אַלע בורזשויען, דאָס הייסט, אַ מין עקסטרע שטייער אַרויפגעלייגט אויף בורזשויען — איז דעם באַלעבאָס פון וואַרשטאַט געשטעלט געוואָרן אַזאַ סומע, אַז ער האָט בשום־אופן ניט געקאָנט באַצאָלן און איז געגאַנגען זיצן. אָט אַזוי איז געשטאָרבן דער „בורזשוי" פון וואַרשטאַט — און די אַרבעטערין און די לערנמיידל — אַ יתומה אָן טאַטע־מאַמע, זיינען ביידע געבליבן אָן ברויט. ווייטער אַמאָל עטלעכע חדשים אָן אַרבעט און ווידער אַמאָל חזרט זיך איבער די אייגענע געשיכטע, נאָר אַ ביסל אַנדערש געשליפערט. פיר מאָל האָט זי פאַרלאָרן די אַרבעט און נאָר אַדאַנק דער דיקטאַטור פון די קאָמוניסטן! אין משך פון צוויי און אַ האַלב יאָר האָט זי געאַרבעט אפשר 8 אָדער 9 חדשים. און ס'איז איר נמאס געוואָרן דאָס לעבן, די אַרבעט, די קאָמוניסטישע דיקטאַטור, ראָסטאָווער גאַסן — און זי איז אַנט־לאָפן! זיצט זי איצט אין ריגע, האָט געהאַפט פאָרן קיין אַמע־ריקע צו אייגענע, איז די דאָזיקע האָפענונג אויסגערונען; האָפט זי איצט אויף קאַנאַדע; זי מוז אַרויסגעפּאָדערט ווערן, כדי צו באַקומען אַ וויזע; האָבן די אַמעריקאַנער קרובים שוין אויפגעזוכט קרובים אין קאַנאַדע, וועלכע וועלן פאַרזאָרגן די נייטיקע פּאַפּירן — און די מיידל וועט פאָרן מסתמא קיין קאַנאַדע.

און אַז מען האָט איר אויסגערעדט זיך אומקערן קיין רוס־לאַנד, האָט זיך ביי איר ממש ווי עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן, ווי אַ טיפער גרוב האָט זיך געעפנט פאַר איר און זי ווערט נעשטופּט אין גרוב אַריין — מיט אַלע אברים האָט זי זיך אָפּגעוואָרפן פון דער דאָזיקער מעגלעכקייט.

די דאָזיקע מיידל, וואָס האָט מיר אויסגעלייגט די אַלע געדאַנקען, נאָר מיט פּשוטערע ווערטער און ניט ווייסנדיק אַליין,

ווי טיף און גלענצנד זי האָט כאַראַקטעריזירט דאָס איצטיקע רוסלאַנד — אָט די דאָזיקע מיידל האָט גערעדט אָן כעס און אָן פאַרדראָס; זי האָט דערציילט פאַקטן און האָט צוגעגעבן, ווי די פאַקטן האָבן געווירקט אויף איר נשמה, און עס האָט זיך באַקומען אַ בילד פון קאָמוניסטישן רוסלאַנד, וואו די לעבעדיקע מענטשן זיינען געוואָרן שאָטנס, געדרייט און פאַרדרייט פון די קאָמוניסטישע קונצנמאַכער.

איך האָב געשמועסט נאָך מיט צענדליקער אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס זיינען אַוועק פון רוסלאַנד — טויזנטער סיבות האָבן זיי געטריבן פון דאָרטן, אָבער דער נשמה־צושטאַנד איז כמעט ביי אַלע דער אייגענער: האָפענונגסלאָזיקייט און יאוש.

אָקטאָבער 1924.

די חטאים פון יידישן קרעמער.

די „יעווסעקן" זיינען איצט אַליין מודה, אַז אין אוקראַינע, וואו דער רוב קרעמער באַשטייט פון יידן, — פירט מען דעם קאַמף מיטן האַנדל אַ סך שטאַרקער און שטרענגער, ווי אין גרויס־רוסלאַנד און סיביר, וואו דאָס רוב קרעמער באַשטייט פון רוסן. אַזוי שרייבט מערעזשין אין „עמעס" נומער 228 פון 27טן אָקטאָ־בער 1924.

אָט זיינען זיינע אייגענע ווערטער:

„דאָס האָט געמווט ברענגען דערצו, אַז דעם נייעם קורס, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן נאָכן 13טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, זאָל דער קרעמער אין אוקראַינע דערפילן שטאַרקער, איידער דער קרעמער אין פאַרבאַנד (סאָוועט־רוסלאַנד) בכלל. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס דער קאַמף מיטן פּריוואַטן הענדלער איז אין אוקראַינע שטאַרקער ווי אין פאַרבאַנד בכלל".

קלאָרע רייד! מען פאַרשפאַרט דאָ אויסטייטשן! מיטן יידישן קרעמער צערעמאָניעט מען זיך ווייניקער; מען האָט פאַר זיין אומצופרידנקייט ווייניקער מורא, און מען איז זיך אין אים נוקם אַ סך מער, ווי אין קריסטלעכן קרעמער. דאָס הייסט ניט, אַז די סאָוועטישע טשינאָווניקעס זיינען אַנטיסעמיטיש — דאָס וועט קיינער ניט זאָגן, ווער עס איז באמת באַקאַנט מיט דער סאָוועטן־מאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז אין אוקראַינע זיינען פאַראַן גענוג פאַרשטייער פון דער סאָוועטן־מאַכט, וועלכע זיינען פאַרביסענע אַנטיסעמיטן און וואָלטן געווים געוואָלט דורכשטופּן אַנטיסעמיטישע אויסטיי־טשונגען פון דעם אָדער יענעם געזעץ. מען לאָזט זיי אָבער ניט אויפהייבן קיין קאָפּ, ווייל דער אמתער גייסט פון דער ראַטן־מאַכט איז אַבסאָלוט ווייט פון אַנטיסעמיטיזם; זי איז קעגן אים.

האָט אָבער געזאָגט איינער פון אונזערע גרעסטע שרייבער:
„וואָס טויג מיר, וואָס איר האָט מיך ליב, ווען איר פאַרברענט מיך פון גרויס ליבע, האָט מיך בעסער אַ ביסעלע ווייניקער ליב, האָט מיך אַפילו פיינט, וויפיל איר ווילט, אַבי לאָזט מיך לעבן, אַבי לאָזט מיך עטעמען".

אָט דאָס איז טאַקע די מעשה — מען ווערגט דעם יידישן קרעמער אַ סך שטאַרקער און אכזריותדיקער, ווי דעם קריסטלעכן קרעמער, ניט מחמת אַ ספּעציעלער פיינטשאַפט צו אים, נאָר מחמת ער איז שוואַכער, הילפלאָזער, דערשלאָגענער: מחמת ער איז מיט אַ נשמה פון אַ פאַריאָגטן הונט און מיט אַן איבערגעשראָקן האַרץ, וואָס ציטערט פאַר יעדן שאָרך.

אָט דאָ שטעלט זיך אַ פראַגע: צי וואָלט ניט באַדאַרפט זיין די אויפגאַבע פון די „יעווסעקן" צו קעמפן פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון דעם יידישן קרעמער, דאָס הייסט ניט דערלאָזן, מען זאָל אויסנוצן די נאַציאָנאַלע הילפלאָזיקייט און נאַציאָנאַלע דערשלאָגנקייט פון יידישן קרעמער? קיינער קאָן ניט פאָרלייגן דעם יידישן טייל פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, אַז ער זאָל איבעראַנדערשן אָדער ניט אויספילן די פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען פאַר דער גאַנצער מלוכה. אָבער אָט די פּריווילעגיע פון געשלאָגן ווערן שטאַרקער און אָפטער, פון כאַפּן פּעטש און קלעפּ דערמאָלט, ווען אַ קריסטלעכן קרעמער טשעפּעט מען ניט — אָט קעגן דעם, דאַכט זיך, וואָלטן באַדאַרפט די „יעווסעקן" קעמפן.

איך שטעל זיך דאָס מאָל ניט אָפּ אויף דער פראַגע, וויפיל נוצן דער דאָזיקער קאַמף מיטן האַנדל וועט בכלל ברענגען רוסלאַנד און איר יידישער באַפעלקערונג — וועגן דעם קאָן איצט ביי יעדן סאָציאַליסט, וואָס האָט נאָר ניט פאַרלאָרן דעם קאָפּ, קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. אָבער זאָל זיין, אַז עס איז גוט פאַרן פּראָלעטאַריאַט, אַז עס איז נייטיק פאַר דער רוסישער און פאַר דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, אַז עס איז דער בעסטער וועג, ווי אַזוי צו קומען צום קאָמוניסטישן גן-עדן — נאָר פאַרוואָס זאָלן די ביינער פון יידישן קרעמער פריער צעבראָכן ווערן, איידער די ביינער פון קריסטלעכן קרעמער? פאַרוואָס זאָל מען פון

יידישן קרעמער פריער אָפּשינדן די הויט, איידער פון קריסטלעכן קרעמער?

אין די אַ־טיקלען פון ה׳ מערעזשין קאָן מען געפינען ציפערן, וואָס באַווייזן, אַז דער יידישער קרעמער איז אָרעמער פון דעם קריסטלעכן; אַז דער יידישער קרעמער ווען ער פאַרלירט זיין קראָם, געפינט זיך אין אַ סך אַ פּאַריאושטערער לאַגע, ווי דער קריסטלעכער.

אין דעם זעלביקן אַרטיקל, וואָס מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, שרייבט מערעזשין:

„איך האָב שוין געבראַכט די ציפערן פון 1500 רובל דורכשניטלעכן אומזאַץ אויף אַ קראָם אין אוקראַינע. די סומע איז אויף 31 פּראָצענט קלענער, איידער דער דורכשניטלעכער אומזאַץ פון אַ קראָם אין פאַרבאַנד בכלל״.

בכן זעען מיר, אַז די קראָמען אין אוקראַינע, פּאַקטיש הייסט עס די יידישע קראָמען, זיינען אויף אַ גאַנץ דריטל אָרעמער פון די קראָמען אין גאַנץ רוסלאַנד.

און ווייטער שטייט געשריבן אין דעם זעלבן אַרטיקל:

„פון פּאָגראָמען און בירגער־קריג האָט די באַפעלקערונג אין רוסלאַנד בכלל געליטן ווייניקער, ווי אין אוקראַינע, און צווישן די געליטענע זיינען געווען ניט ווייניקער קרעמער אויך. זיי האָבן זיך אין דער צייט פון „נעפּ״ אומגעקערט צו זייערע אַלטע פּרנסות מיט ווייניקער מיטלען, איידער דער קרעמער אין רוסלאַנד בכלל״.

שטעלט מען צו צום וואָרט „קרעמער״ דאָס וואָרט „יידישער״ — וועט מען קאָנען מאַכן דעם קלאָרן אויספיר, אַז דער יידישער קרעמער איז אַ סך אָרעמער פון קריסטלעכן קרעמער, חחמת ער האָט מער געליטן פון פּאָגראָמען, מחמת די באַנדיטן האָבן אים מער באַרויבט, מער באַנומען, מער רואינירט. די שוואַרצע רעאַקציע און די אוקראַינישע שאָוויניסטן האָבן זיך נוקם געווען אין יידן און האָבן אים באַשולדיקט אין באָלשעוויזם; קומט איצט די סאָוועטן־מאַכט און דערלאָזט, אַז „דער קאַמף מיטן פּריוואַטן הענדלער אין אוקראַינע איז שטאַרקער ווי אין פאַרבאַנד בכלל״.

פרעגט זיך אַ קשיא: פאַרוואָס? פאַרוואָס קומט דעם יידישן קרעמער, וואָס האָט געכאַפּט פעטש פון דעניקינס און פעטלורעס באַנדעס, אַזאַ באַהאַנדלונג?

און נאָך מער: אין דעם זעלבן אַרטיקל ווערט טאַקע דער־וויזן, אַז דער יידישער קרעמער האָט ניט וואָס צו טאָן, ווען ער פאַרלירט זיין קראָם, ווארעם ער קאָן זיך ניט אומקערן צו זיין דאָרף, ווי דאָס טוט דער קריסטלעכער קרעמער. דאָרטן ווערט געשריבן:

„דער קרעמער, וועלכער ווערט אַרויסגעשטויסן פון שטאָט, גייט אַריבער אין דאָרף. וועגן דעם יידישן קרעמער קאָן מען דאָס ניט זאָגן".

בכן, זיינען די „יעווסעקן" מודה, אַז דעם יידישן קרעמער בלייבט נאָר איבער זיך ווארפן אין וואַסער אַריין מיט זיין פאַמיליע, ווען ער פאַרלירט זיין קראָם — פאַרוואָס זשע דערלאָזן זיי, אַז אין אוקראַינע זאָל מען פון קרעמער אויפמאָנען די שטייערן שטרענ־גער און מער, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד? פאַרוואָס דערלאָזן זיי, אַז גראָד אין אוקראַינע, וואו דער יידישער קרעמער איז אין דער גרעסטער מערהייט און וואו די יידישע באַפעלקערונג האָט איבער־געטראָגן אַזוי פיל צרות און פיין, זאָל מען רואינירן דעם פריוואַטן האַנדל מיט שטאַרקערע מיטלען, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד?

די „יעווסעקן" וואָלטן ניט געוואוסט דאָס, וואָס זיי זיינען, ווען זיי וואָלטן ניט געטאַנצט מיט שמחה אויפן חורבן פון דער יידישער באַפעלקערונג. האָט דאָך איינער פון זיי נאָך אין די צייטן, ווען עס זיינען נאָך אָנגעגאַנגען פאָגראָמען אין אוקראַינע, איבערגעזעצט אין אַ רוסיש בלעטל „שפוך חמתך" פון דער הגדה, זאָט זיך געסטאַרעט צו באַווייזן, אַז יידן זיינען גרייט יעדן גוי צו דערטרינקען ממש און האָט דערביי אַרויסגעלאָזט פון „שפוך חמתך" די ווערטער, וואָס מאַכן גאַנץ קלאָר און נאַטירלעך, פאַרוואָס די יידן בעטן, אַז גאָט זאָל אויסגיסן זיין צאָרן אויף די פעלקער, וואָס קענען אים (גאָט) ניט.

דאָס איז געווען, בשעת מען האָט געהאַלטן מלחמה מיט גאָט—האָט מען געמוזט דערווייזן, אַז יידן שטעקן נעבעך שטאַרק,

שטאַרקער, ווי די אַרומיקע פעלקער, אין פינסטערניש, און זיי, די יידישע קאָמוניסטן, זיינען געקומען צו פּאַרטיליקן די דאָזיקע פינסטערניש און מאַכן יידן פאַר אַ קולטורעל און מענטשן־ליבנדיק פאָלק. איצט האַלט מען מלחמה מיטן קרעמער, סטאַרעט מען זיך דערוויייזן, אַז יידישע קרעמער זיינען אַ סך ערגער און געפערלעכער פאַר דער סאָוועטן־מאַכט, ווי אַלע איבעריקע קרעמער. און מען רעכנט אויס דעם יידישן קרעמער אַ גאַנץ פּעקל חטאים — ער האָט אַ פאַלשע וואָג, אַ פאַלשע מאָס, נאָרט צאָפּ דעם פויער ביים קויפן ביי אים תבואה, נאַרט אָפּ דעם קונה בשעת ער פאַרקויפט אים מעל, נוצט אויס די קאָאָפּעראַציע פאַר פּערזענלעכע אינטע־רעסן; פאָרט אויף קור־אָרטן מער ווי אַנדערע קרעמער, און דער לעצטער חטא איז דער שטאַרקסטער: די טעכטער פונם יידישן קרעמער ווילן שוין איצט מער ניט חתונה האָבן מיט קאָמיסאַרן, ווי דאָס איז געווען די מאָדע צוריק מיט אַ פאָר יאָר, נאָר זיי זוכן שוין די „נעפּ־לייט".

זאָל דער לעזער ניט מיינען, אַז איך טרייב קאַטאָוועס — זאָל ער זיך נאָר מטריח זיין קריגן דעם „עמעס" נומער 222 פון 30טן סעפּטעמבער 1924 און איבערלייענען דאָרטן מערעזשינס אַרטיקל, וועט ער זען, ווי הויך עס האַלטן די „יעווסעקן" די קאָמוניסטישע פאָן, ווי געטריי זיי דינען זייער אָפּגאָט און ווי אמת עס זיינען די ווערטער פון קאַמעניעוון, וועלכער האָט געזאָגט: „די יידישע קאָמוניסטן זיינען גרויסע בריות נאָר אויף איין זאַך— אויף פאַרסמען דאָס לעבן דער יידישער באַפעלקערונג".

מיר וועלן ברענגען פון דעם דאָזיקן אַרטיקל נאָר אַ פאָר שטעלן:

„וואָס פאַר אַ נעבעך־פּנים די יידישע בורזשואַזיע זאָל ניט מאַכן, ווייסן מיר, אַז עס זיינען דאָ גענוג עלעמענטן צווישן איר, וואָס האָבן אָפּגעלעקט און לעקן אַ פעטן ביינדל אין דער לעצטער צייט. די יידישע בורזשואַזיע שפּילט איינע פון די שערלעכסטע ראָלן אין ברויט־האַנדל און קעמפט מיט אַלע קרעפטן קעגן די פעסטע פרייזן אויף ברויט פון די מלוכה־פאַרגרייטער. ניט אומזיסט האָט דער פאַרטרעטער פון פינאַנץ־קאָמיסאַר, חבר פרומקין, דער־

קלערט, אַז צו דעם וואוקס פון די הויכע פרייזן אויף ברויט ברענגען אויך פריוואַטע פערזאָנען, וואָס זייער טעטיקייט איז אויף אוקראַינע אַנטוויקלט מער, ווי אין אַנדערע געגנטן".

ווער־זשע זיינען די דאָזיקע פריוואַטע פערזאָנען, וואָס זיינען עפּעס פאַראַן זייער אַ סך גראָד אין אוקראַינע און קאָנקורירן שטאַרק מיט די אויפקויפער פון דער מלוכה? מערעזשין גיט אַ קלאָרע תשובה. ער שרייבט אין זעלבן אַרטיקל:

„קיין „גאָספּאָדינו יעווריעיו" דאַרף מען דאָ ניט צושטעלן. „מיר" האָבן אויך אַ שטיקל חזקה און ערפאַרונג אין פאַלשע וואָגן און פאַלשע מאָסן, ביי וועלכער מען קען שוין צאָלן אַזוי פיל ווי דער מלוכה־פאַרגרייטער אָדער נאָך טייערער מיט צוויי־דריי קאָפּיקעס אויפן פוד".

פרומקין האָט זיך אויסגעדריקט איידל און פאַרשטעלט — „פריוואַטע פערזאָזען", — היינט גיי טרעף, ווער זיי זיינען, די דאָזיקע פריוואַטע פערזאָנען, וואָס העכערן די פרייזן אויף ברויט. איז געקומען מערעזשין און האָט מיט זיין גראָבן פינגער אָנגעטייטלט: „די פרייזן אויף ברויט בלאָזן אויף אונזערע יידעלעך, אָט די זעלבע, וואָס האָבן שוין אַ חזקה און אַ גרויסע פראַקטיק אין פאַלשע וואָגן און פאַלשע מאָסן, און נעמט מען ביים פויער מיט אַ פינף אָדער זעקס פונט מער אויפן פוד, לוינט דאָך שוין צו צאָלן טייערער מיט אַ פּאָר קאָפּיקעס אויפן פוד, און די דאָזיקע יידעלעך צאָלן טאַקע דעריבער טייערער און מאַכן צו נישט אַלע פּלענער פון דער סאָוועט־רעגירונג".

מערעזשין האָט גאָר פאַרגעסן, אַז זיינע יידישע חברים, וואָס קויפן אויף ביי די פויערים ברויט פאַר דער מלוכה, זיינען געטריישע קינדער פון זייערע קרעמערשע טאַטעס און אין ענין פאַלשער וואָג און פאַלשער מאָס האָבן זיי אַ סך, אַ סך אַריבערגעיאָגט זייערע שלים־מזלדיקע טאַטעס, און מען דאַרף נאָר גוט אַכטונג געבן, אַז וואָס זיי גנבענען ביים פויער, זאָלן זיי ניט אַראָפּלאָזן אין זייערע אייגענע קעשענעס און ניט באַראַבעווען אין איין צייט אי די רעגירונג, אי דעם פויער.

נאָר לאָמיר איבערלאָזן מערעזשינען זאָרגן פאַר זיינע חברים־גנבים. מיר וועלן ברענגען נאָך אַ פּאָר אויסצוגן פון דעם זעלבן אָפּנהאַרציקן אַרטיקל. ער שרייבט:

„בכלל, דאַרף מען זאָגן, ווייזט דאָס יידישע קליינבירגערטום אַרויס אַ גרויסע המצאה־קראַפט אין דעם אויסנוצן די פּאָן פון קאָאָפּעראַציע. לויט דער איבער־רעגיסטראַציע פון קיעווער קאָאָפּעראַטיוון קאָמיטעט, האָבן זיך זעכציק פּראָצענט פון די קיעווער קאָאָפּעראַטיוון אַרויסגעוויזן פאַר פיקטיווע".

און ווייטער:

„עס איז אויך גענוג אַ קוק צו טאָן אויף דעם, וואָס עס טוט זיך אין אונזערע קור־אָרטן און זען, וואָסערע נאַציאָנאַלע בורזשואַזיע איז אויף זיי פאַרטראָטן, כדי צו פאַרשטיין, וויפיל עלעמענטן עס זיינען ביי אונז פאַראַן, וועלכע עס לעבט זיך גאָר ניט שלעכט".

און צום סוף דער לעצטער און דער גרעסטער חטא: „צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט אַ יידישע טאָכטער געגאַרט חתונה האָבן מיט אַ קאָמיסאַר. איצט האָט שוין דאָס אָרט פון קאָמיסאַר ביי איר אין האַרצן אָנגעהויבן פאַרנעמען דער „נעפּ"־מאַן. און ניט פון צרות עסט מען לעקעך".

אַלזאָ, — אוקראַינער יידן, גרייט זיך שוין — מען וועט אייך שוין באַצאָלן פאַר דער חוצפּה פון אייערע טעכטער, וואָס האָבן זיך גאָר אָנגעהויבן איינליבן אין „נעפּ"־לייט, און ניט אין קאָמיסאַרן! מען וועט זיך מיט אייך שוין אָפּרעכענען פאַר אַלע אייערע זינד! אויף קור־אָרטן גלוסט זיך אייך גאָר פאָרן? — עס וועט אייך שוין אויספאַלן „באָקאָם"! איר, יידעלעך, האָט, ווייזט אויס, גאָר פאַרגעסן, וואָס אין פּרק שטייט: „עס איז פאַראַן אַן אויג, וואָס קוקט, אַן אויער, וואָס הערט, און אַלע אייערע מעשים ווערן פאַרצייכנט" — אַלזאָ, היט זיך פאַר אייערע ביינדעלעך, וואָרעם די „יעווסעקן" דרימלען ניט און וועלן ניט רוען, ביז זיי וועלן אייך ניט אָפּגעוויינען פון אַלע אייערע שלעכטע מידות.

ס'וואָלט געווען מער ווי נאַיוו אָנצוהייבן דערווייזן די „יעווסעקן", אַז ניט נאָר יידישע קרעמער האָבן אַ שוואַכקייט צו

פֿאַלשע וואָגן און צו פֿאַלשע מאָסן, און אַז די אמתע סיבה, פֿאַרוואָס אין אוקראַינע רודפט מען און מען דריקט דעם יידישן קרעמער אַ סך מער און שטאַרקער, ווי אין גרויס=רוסלאַנד דעם גרויס=רוסישן קרעמער, איז גאָר אַן אַנדערע, און מען דאַרף זי נאָר זוכן אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון אוקראַינע. איך קאָן נאָר פֿאַרזיכערן די „יעווסעקן", אַז ווען די בירגער פֿון רוסלאַנד וואָלטן געווען אַזעלכע אידיאָטן, וואָס האַלטן זיך פֿאַר די געזעצן פֿון דער סאָוועטן=מאַכט, וואָלטן זיי שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פֿון הונגער. די קאָמוניסטן אַליין זיינען דאָך לעבן געבליבן אין די יאָרן פֿון דעם מיליטערישן קאָמוניזם נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס אין לאַנד האָבן זיך געפֿונען גענוג דרייסטע מענטשן, וואָס האָבן אונטער דער נאָז פֿון די קאָמיסאַרן געהאַנדלט מיט ברויט און מיט צוקער, און מיט זאַלץ, און מיט קעראָסין, און מיט צענדליקער אַנדערע זאַכן. און אַזוי ווי נאָכן אָפּשאַפֿן דעם מיליטערישן קאָמוניזם האָבן די קאָמוניסטן געלויבט און געדאַנקט די דאָזיקע צענדליקער טויזנטער „פֿאַרברעכער", וועלכע האָבן זיך אויסגעלאַכט פֿון די „ווילדע" באַפֿעלן און האָבן געפֿירט אין די שטעט אַריין ברויט און צוקער, אייל און שמאַלץ, און האָבן אָפּגעראַטעוועט די שטאָטישע איינוואוינער פֿון אונטערגאַנג, אַזוי וועלן זיי, מסתמא, אין אַ יאָר אַרום לויבן און דאַנקען די איצטיקע קרעמער=„פֿאַרברעכער", וועלכע ראַטעווען אָפּ די האַנדלס=מאַשין פֿון חורבן און אונטערגאַנג.

וואָלט איך גאָר געראָטן די „יעווסעקן", זיי זאָלן פֿאָדערן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ מעדאַל, וואָרעם סוף=כל=סוף זיינען זיי דאָך פֿאָרט לייבלעכע ברידער פֿון אָט די פֿיל יידישע „העלדן", וועלכע האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן בשעתן מיליטערישן קאָמוניזם, און שטעלן עס איצטער איין, בשעתן קאַמף מיטן פּריוואַטן האַנדל, און פֿאַרזאָרגן די שטעט מיט די נייטיקסטע פּראָדוקטן, וואָס אָן זיי קאָן אַפֿילו אַ קאָמוניסט ניט אויסקומען. צווישן די נאָר=וואָס דערמאָנטע „פֿאַרברעכער", וואָס האָבן באמת מציל געווען די רוסישע שטעט פֿון אונטערגאַנג און האָבן אויף אַזאַ אופֿן, געוויס ניט ווילנדיק, געהאָלפֿן דער סאָוועטן=מאַכט

פאַרלענגערן איר הערשאַפט, זיינען געווים געווען אַ סך, גאָר אַ סך
יידן. און די „יעווסעקן" זיינען זייער ניט קיין דאַנקבאַרע מענטשן,
ווען זיי רודפן דווקא די דאָזיקע „רעטער פון קאָמוניסטישן פאָטער=
לאַנד". האָט דאָך, דאַכט זיך, לענין אַליין געזאָגט, אַז די קאָמו=
ניסטישע סוחרים און קרעמער האָבן זיך אויסגעלערנט ביי די
בורזשואַזע סוחרים און קרעמער נאָר גנבענען און לקחענען, אָבער
ניט באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט די נייטיקע פּראָדוקטן. —
זייט=זשע כאָטש שטאָלץ אויף אייערע יידישע קרעמער, וועלכע
פאַרשטייען נאָך עפּעס חוץ גנבענען און לקחענען! איז דאָך צוריק
מיט עטלעכע חדשים, אין אָנהייב פון נייעם פאַראָנדעק, געבליבן
גאַנץ אוקראַינע אָן מאַנופאַקטור. — ווער האָט געראַטעוועט די
לאַגע און ניט דערלאָזט, אַז דער פויער זאָל אַרויס פון די כּלים?
די יידישע קרעמער, וועלכע האָבן אָפּגענאַרט די חכמים פון דער
מלוכה=אינדוסטריע און האָבן צוגעשטעלט דעם פויער שטאָף אויף
אַ פּאָר הויזן. און ווען צוריק מיט עטלעכע חדשים זיינען עטלעכע
גובערניעס געבליבן אָן זאַלץ, און די קאָמוניסטישע בריות האָבן
פאַרשמירט גאַנצע בויגנס פּאַפּיר און האָבן געשריען, אַז אַ פויער
אָן זאַלץ איז אַ שרעקלעכער קאָנטר=רעוואָלוציאָנער — ווער האָט
באַרויִקט דעם פויער, ווער האָט געשטילט זיין צאָרן? נאָך אַמאָל
טאַקע אָט די יידעלעך, וועלכע האָבן אויף גיך, בגנבה און מיט
כּאַבּאַר, מיט איינשטעלן דאָס לעבן, ממש מיט מסירת נפש, צוגע=
פירט וואַגאָנעס מיט זאַלץ, וועלכע זיינען געלעגן ערגעץ באַהאַלטן
פון די קאָמוניסטישע אויגן.

זייט זשע כאָטש דאַנקבאַר! פאַרגעסט ניט, אַז די דאָזיקע
יידעלעך האָבן גרויסע פאַרדינסטן, אפשר אַ סך גרעסערע נאָך ווי
איר אַליין, „יעווסעקן", פאַרן קאָמוניסטישן פאָטערלאַנד! זיי
זיינען אים ביגעשטאַנען אין די שווערסטע מינוטן, בעת איר זויגט
נאָך פון זיין ברוסט די לעצטע טראָפּנס מילך.

נאָוועמבער 1924.

די רוסישע קאָמוניסטן שלאָגן זיך ווידער אמאָל „על חטא".

נאָך פאַראַיאָרן ווינטער, ווען די רוסישע קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן טרומייטערן וועגן נייע משיח־צייטן, וואָס קומען אָן אין רוסלאַנד, ווייל מען האָט זיך גענומען נאָכאַמאָל אויסראָטן און פאַרטיליקן דעם פּריוואַטן קרעמער, האָב איך געשריבן אין „פאָרווערטס", אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי זיך שלאָגן „על חטא" און וועלן חרטה האָבן אויף דער גאַנצער מעשה. איך האָב דעמאָלט אויך געשריבן, אַז דער דאָזיקער נייער משוגעת־אָנפאַל פון די קאָמוניסטן וועט קאָסטן טייערער אַלעמען: אי די קרעמער, אי די קונים, אי דער רעגירונג גופא.

ס'איז ניט אַוועק נאָך אַפילו אַ גאַנץ יאָר, און מען הערט שוין אין קאָמוניסטישן לאַגער דעם געשריי: „השיבנו נאַזאַד!" און מען שלאָגט זיך „על חטא" גאַנץ געשמאַק און מיט דעם זעלביקן ברען, וואָס מען האָט פאַראַיאָרן זיך געוואָרפן אויפן פּריוואַטן קרעמער. און מען שעמט זיך אויך ניט אויסצוזאָגן, אַז די דאָזיקע קרחת־פּאָליטיק האָט אָפּגעקאָסט דער רעגירונג אַ סך צענדליקער מיליאָנען גאָלד־רובל און האָט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. אַז די דאָזיקע קרחת־פּאָליטיק האָט רויִנירט מיליאָנען פאַמיליעס און צווישן זיי אַ סך הונדערטער טויזנטער יידישע קרעמער, האָב איך שוין דערציילט. אַז די דאָזיקע קרחת־פּאָליטיק האָט געמאַכט טייערער אַלע מינים סחורות, האָט אויפגערייצט דעם פּויער, האָט אָפּט געבראַכט דערצו, אַז גאַנצע גובערניעס זיינען געזעסן אָדער אָן זאַלץ, אָדער אָן קעראָסין, אָדער אָן מאַנופאַקטור — וועגן דעם אַלעמען האָב איך שוין אויך געשריבן.

איך וויל איצטער דעריבער בלויז דערציילן, ווי אַזוי די גרויסע קאָמוניסטישע חכמים און וועלט־אויסלייזערס האָבן פּלוצים דערזען, אַז זיי זיינען נעבעך באַנקראָט, אַז זיי זיינען נעבעך מיאוס אַריינ־געפאַלן, אַז קיין סחורות האָבן זיי ניט און קיין געלט האָבן זיי אויך ניט, און קיינער האָט דערפון קיין הנאה ניט, חוץ די קאָמו־ניסטישע קאָאָפּעראַציע־גנבים און קאָאָפּעראַציע־ספּעקולאַנטן.

אָט ווי די מעשה איז געווען: ברויט איז געווען וואָלוול און סחורה איז געווען טייער. פאַר אַ פוד קאָרן האָט דער פּויער פאַראַיאָרן באַקומען קרוב צו 25 קאָפּיקעס, און פאַר אַ פּאָר גע־ווײנטלעכע שטיוול פלעגט ער דאַרפן באַצאָלן 15 רובל אָדער 60 פוד קאָרן. איז דאָך דער פּויער געווען שטאַרק אין כעס, און פון אַ פּויערשן כעס קומט קיינמאָל קיין גוטס ניט אַרויס — האָט מען אָנגעהויבן אין די הויכע רעגירונגס־פענסטער ברעכן די מוחות און זוכן מיטלען, ווי צו שטילן דעם צאָרן פון פּויער און אים צו מאַכן ליב האָבן די סאָוועטן־רעגירונג.

קאָן מען דאָך אָבער ניט קומען צום פּויער און צו אים זאָגן: ברויט איז וואָלוול, מחמת די קאָמוניסטישע קאָמיסאַרן זיינען די איינציקע אויפקויפערס; די טויערן פון אויסלאַנד זיינען גע־שלאָסן; די הוצאות אויף אויסהאַלטן די סאָוועטישע קאָמיסאַרן זיינען אומגעהייער גרויס; דער טאַריף אויף די קאָמוניסטישע באַנען איז שרעקלעך טייער; די הוצאות אויף די אַגענטן אין אויסלאַנד זיינען גוואַלדיק גרויס; און אַזוי ווי ברויט מוז מען אַרויספירן קיין אויסלאַנד כדי צו באַקומען אַ ביסל מזומן געלט, און אויפן אויסלענדישן מאַרק מוז מען קאָנקורירן מיט דער אַמע־ריקאַנער תבואה, מוז מען, הייסט עס, פאַרקויפן וואָלוול; בלייבט נאָר איין עצה: געבן דעם פּויער אַ קליינעם פּרייז.

מען קאָן אויך ניט קומען צום פּויער און אים זאָגן: שטיוול איז טייער, מחמת אונזערע קאָמוניסטישע אַגענטן און קאָמיסיאָנערן, וואָס קויפן אויף פעל, זיינען גרויסע גנבים; אונזערע דירעקטאָרן פון די פאַבריקן, וואו מען אַרבעט איבער די פעל, זיינען אָדער גרויסע גנבים אָדער גרויסע שלימזלים; אונזערע אַרבעטער זיינען אויסגעהונגערט און אויסגעמאַטערט און באַקומען אַ נישטיקן לוין

און קאָנען ניט פליסיק אַרבעטן; אונזערע מאַשינעס און אונזערע אינסטרומענטן זיינען אַלט, אָפּגענוצט און זיי טויגן בכלל אויף כּפּרות און גיבן אַרויס אַ סך ווייניקער סחורה ווי די אויסלענדישע מאַשינעס, אַאַז"וו אַאַז"וו.

דעם דאָזיקן ביטערן אמת האָט מען דעם פּויער ניט געקאָנט זאָגן; האָט מען אים געוויזן פאַרשיטן די אויגן מיט אַ מעשה, אַז די גאַנצע צרה שטעקט אין קרעמער: — וועלן מיר נאָר פּטור ווערן פון קרעמער, וועלן מיר נאָר עפענען קאָמוניסטישע מלוכה-קלייטלעך אָדער קאָמוניסטישע קאָאָפּעראַטיווע קלייטלעך, וועט דער פּויער גליקלעך ווערן; שטיוול וועלן ווערן וואָלוול, און זאַלץ און צוקער וועט קאָנען קויפן אַפילו דער אָרעמסטער, און מאַנופאַקטור וועט זיין האַלב אומזיסט; הכּלל, דער צוגעזאָגטער גן-עדן וועט ווערן פאַרווירקלעכט.

דער לעזער מוז געדענקען, אַז ווען מען רעדט וועגן קאָאָפּעראַציע אין רוסלאַנד, איז דאָס ניט דאָס אייגענע, וואָס אין אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט. דאָרטן, אין רוסלאַנד, איז די קאָאָפּעראַציע ניט געבויט אויף דער זעלבשטענדיקייט פון דער באַפעלקערונג — פון אַזעלכע נאַרישקייטן האַלט מען ניט אין דעם קאָמוניסטישן לאַנד. דאָרטן איז דאָס די אייגענע קאָמוניסטישע יענטע, נאָר אַ ביסל אַנדערש געשלייערט. די פרייע קאָאָפּעראַציע ליגט דאָרט טויט פון 1920טן יאָר, און די איצטיקע קאָאָפּעראַציע אין רוסלאַנד איז ניט מער ווי אַ קאָמוניסטישע צוטשעפעניש צו אַלע איבעריקע קאָמוניסטישע ווירטשאַפטס-אינסטיטוציעס.

האָט מען געמאַכט אַ גרויסן געוואַלד איבער גאַנץ רוסלאַנד: קאָאָפּעראַטיווע קלייטן! קאָמוניסטישע קראָמען! אויס פּריוואַטע קרעמער! נידער מיטן פּריוואַטן האַנדל! אַן עק זאָל זיין צו אַלע פּריוואַטע געשעפטן! מירן געבן ביליקע סחורות! מיר וועלן פאַרפּלייצן רוסלאַנד מיט קאָמוניסטישע קאָאָפּעראַטיווע קלייטלעך! מיר וועלן באַפרייען די דאָזיקע קלייטלעך פון שטייערן, מיר וועלן זיי געבן גרויסע קרעדיטן און זיי וועלן פאַריאָגן און פאַרטיליקן אַלע פּריוואַטע קרעמער!

און בשעת מעשה האָט מען אַוועקגעשיקט צירקולאַרן צו די רעגירונגס־פאָרשטייער איבערן לאַנד, אַז מען זאָל זיך נעמען מיט אַ שטאַרקער האַנט צו די קרעמער; מען זאָל אַרויפלייגן גרויסע שטייערן, אויסזוכן עברות אויף די קרעמער און מאַכן פּראָצעסן און באַשטראָפן מיט גרויסע סומעס, — הכלל, פאַרציען דאָס קאָמוניסטישע שטריקעלע אַזוי שטאַרק, אַז זיי, די קרעמער, זאָלן דערוואָרגן ווערן, און ממילא וועלן שוין די קאָמוניסטישע קלייט־לעך בליען און וואַקסן.

וואָס־זשע האָט זיך אויסגעלאָזט? איך וועל לאָזן אַ ביסל דערציילן דעם קאָפּ פון רוסלאַנד, ריקאָוון אַליין. אין נומ. 262 פון „פּראַוודאַ" פון 18טן נאָוועמבער 1924טן יאָר איז אָפּגעדרוקט ריקאָווס רעדע אויפן זעקסטן צוזאַמענפאָר פון די רוסישע פּראָפע־סיאָנעלע פאַראייניגן. ריקאָוו האָט געזאָגט וואָרט אין וואָרט:

„איך ווייס וועגן פאַלן, ווען קאָאָפּעראַטאָרן פאָדערן קרעדיט אין פאַבריקן, און אַלס באַווייז פון זייער קרעדיט־פעיִקייט ברענגען זיי לעניִנס בראָשור „וועגן קאָאָפּעראַציע". דאָס איז דאָך אָבער ניט קיין קאָמערציעלער דאָקומענט. אדאַנק דעם קאָנען מיר אין דער נאָענטסטער צייט איבערלעבן אַ קריזיס אין דער קאָאָפּעראַציע, וואוהין מיר האָבן אַריינגעבראָכט ריזיקע סומעס פון דער אינ־דוסטריע. דעם פּריוואַטן קונה, כאָטש ער איז געקומען מיט מזומן געלט, האָט מען אויף דער שוועל ניט געלאָזן. אין קאַמף מיטן פּריוואַטן קרעמער האָט מען זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר שטרענגע מיטלען. און נאָכדעם האָט מען זיך באַרימט: מיר האָבן דעם קרעמער ביַיגעקומען! זייט אָבער בריות און באַזיגט דעם פּריוואַטן קרעמער אָן שטרענגע, דריקנדיקע מיטלען נאָר מיט עקאָנאָמישע מיטלען — דאָס איז שוין אַ סך שווערער!

איך ווייס געגנטן, וואו דעם פּריוואַטן קרעמער האָט מען אָפּגעראַמט און קיין שום אַנדער האַנדל האָט מען ניט אָרגאַניזירט. דאָס איז שוין אַ פאַרברעכן סיי קעגן דער באַפעלקערונג, סיי קעגן דערווירטשאַפט. ווערליך דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס מיר האָבן דאָס לעצטע יאָר דורכגעפירט, איז אויסגעקומען ביי אַ סך רעגירונגס־פאָרשטייער, אַז מיר דאַרפן אין צוויי־דריי יאָר דעם

גאַנצן האַנדל דורכפירן דורך דער קאָאָפּעראַציע — אָבער דאָס הייסט דאָך זיך אַליין נאַרן!"

ווי באַקאַנט, ריידן די קאָמוניסטן קיינמאָל ניט וועגן זיך אַליין קיין קלאָרע דבורים. ווער עס איז אָבער באַקאַנט מיט זייער בלאָף־לשון, ווייסט שוין, ווי אויסצוטייטשן זייערע פאַרשטעלטע און האַלבע פראַזעס. אויף אונזער פּשוטן לשון באַדייטן ריקאָוום דבורים אָט וואָס: די קאָאָפּעראַטיוון האָט מען אַוועקגעגעבן די סחורה; זיי האָבן טאַקע די סחורה פאַרקויפט, אָבער דאָס געלט צו דער מלוכה־אינדוסטריע ניט אומגעקערט. שטעקט נעבעך איצט די אינדוסטריע מיט גרויסע סומעס און האָט ניט קיין קאַפּיטאַל אויף ווייטער צו פירן די געשעפטן, אויף איינצוקויפן רויע מאַטער־יאַלן און אויף אויסצאָלן די אַרבעטער. און פון דעם געלט איז ביי די קאָאָפּעראַטיוון קיין גרויסער תכלית ניט געוואָרן — מען האָט עס צעשלעפּט און צענומען און עס איז אין די קאַסעס גאָר נישטאָ, אַזוי אַז דער חוב, וואָס זיי זיינען שולדיק די מלוכה־פאַבריקן, איז געווים פאַרפאַלן. און די באַפעלקערונג האָט אויך ווייניק וואָס הנאה געהאַט — סחורה האָט ניט געקאָסט וועלוועלער, און ניט תמיד האָט מען געהאַט די נייטיקע סחורה צו דער האַנט און אין אַ סך ערטער האָט מען בכלל נאָר באַגראָבן דעם פּריוואַטן קרע־מער, און מען האָט ניט געעפנט קיין אַנדערע קראָמען. און דעם פּריוואַטן קרעמער איז מען בייגעקומען, ניט מחמת מען האָט וועל־וועלער פאַרקויפט די סחורה, אָדער מען האָט געגעבן בעסערע סחורה, נאָר מחמת מען האָט דעם קולאַק און מיטן קולאַק האָט מען געזיגט. און דאָס איז גאָר אַ קליינע בריהשאַפט. מען האָט זיך איינגנטלעך באַרימט, אַז מען האָט העלדיש פאַרצויגן דעם שטריק אויפן האַלז פון דעם קרעמער, וועלכער קאָן זיך ניט פאַרטיידיקן. און סוף־כּל־סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עקאָנאָמיש האָט מען דעם קרעמער ניט בייגעקומען, און מען מוז זיך, נעבעך, איצט, ווי אין אָנהייב פון „נעפּ", בעטן ביים פּריוואַטן קרעמער, אַז ער זאָל ווייטער אָנהייבן צו פירן פריי זיינע געשעפטן. פריי, ווייל בגנבה האָט ער זיי די גאַנצע צייט געפירט, נאָר דאָס האָט געקאָסט צו טייער דער באַפעלקערונג.

אָט דאָס איז דער אמתער טייטש פון די פאַרשטעלטע רייד פונם קאָפּ פון רוסלאַנד, פון ריקאָוון.

נאָר כּדי די געדוונגענע קאָמוניסטישע אַגענטן זאָלן ניט מאַכן קיין געוואַלד, אַז איך טייטש ניט ריכטיק אויס די ווערטער פון ריקאָוון, וועל איך ברענגען אַ פּאָר גרעסערע אויסצוגן פון אַן אַרטיקל אין „פּראַוודאַ" נומער 264 פון 20טן נאָוועמבער, געשריבן פון קאָמיסאַר איבער אינעווייניקסטן האַנדל, פון דעם קאָמיסאַר, וועלכער איז געווען עקסטרע באַשטימט אויף אויסצוראָטן דעם פּריוואַטן האַנדל. אָט וואָס דער דאָזיקער קאָמיסאַר שרייבט:

„מען קען אָנווייזן אויף דער סומע פּראָטעסטירטע וועקסלען פון דער קאָאָפּעראַציע, וועלכע דערגרייכט אַ סך צענדליקער מיליאָנען רובל. נאָר מיט דער דאָזיקער אומגעהייערער סומע ענדיקט זיך נאָך ניט דער גאַנצער אומגליק. עס זיינען נאָך פאַראַן אַחוץ די פּראָטעסטירטע וועקסלען גוואַלדיק גרויסע חובות, וועלכע זיינען ניט אין פּראָטעסט, מחמת די מלוכה-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געגעבן דעם קרעדיט די קאָאָפּעראַציוון, האָבן די וועקסלען איבערגעשריבן אויף ווייטערע טערמינען, און אין אמתן הייסט עס, אַז די דאָזיקע חובות זיינען פאַרפאַלענע. אַ סך דאָרפישע קאָאָפּעראַציוון זיינען געוויינטלעך שולדיק פופציק און הונדערט מאָל אַזוי פיל, וויפיל זיי פאַרמאָגן; ס'זיינען אויך פאַראַן פאַלן, וואו די חובות באַטרעפן צוויי הונדערט מאָל און 250 מאָל אַזוי פיל מער, ווי די אייגענע קאַפּיטאַלן. מען מוז געדענקען, אַז ביי דער געשאַפענער לאַגע קאָנען ניט די מלוכה-באַנקען און ניט דער פינאַנץ-קאָמיסאַריאַט געבן קרעדיטן דער אינדוסטריע אויפן חשבון פון ווערטלאָזע חובות פון די קאָאָפּעראַציוון."

ווי מיר זעען, איז די שטימונג ביים קאָמיסאַר, וואָס האָט פאַדאַרפט אָפּדרייען דעם קאָפּ דעם פּריוואַטן קרעמער, נעבעך, זייער געפאַלן. די קאָאָפּעראַציוון האָבן אַזוי גוט געהאַנדלט, אַז זיי האָבן פאַרהאַנדלט געוואַלדיק גרויסע מלוכה-קאַפּיטאַלן, און איצט איז ניטאָ מיט וואָס צו פירן די אינדוסטריע. אין דעם זעלבן אַרטיקל זאָגט דער קאָמיסאַר, נעבעך, אויס דעם אמת, אַז

די קאָמוניסטישע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס האָבן באַדאַרפט אויסלייזן די באַפעלקערונג פון די ספעקולאַנטישע נעגל פון די קרעמער, פלעגן, פאַרקערט, אַליין פאַרקויפן די פריוואַטע קרעמער דעם גרעסטן טייל פון די סחורות, וועלכע די קאָמוניסטישע מלוכה האָט זיי געבאָרגט. און אָט דער גנבהשער האַנדל האָט געמאַכט אַלע סחורות טייערער אויף פערציק און פופציק פּראָצענט — אָט ווי גליקלעך די אַרבעטער און די פויערים זיינען געוואָרן פון דעם, וואָס די קאָמוניסטישע מלוכה האָט געוואָרפן סחורה צו די קאָאָפּעראַטיווע גנבים!

און איצט, ווען מען האָט געפּטרט אַ סך מלוכה־געלט, און סחורה איז נאָך געוואָרן טייערער, קלאָגט זיך דער זעלבער קאָמיסאַר אין דעם זעלבן אַרטיקל:

„דער פריוואַטער קרעמער אַנטלויפט פון דאָרף אָדער ער פאַרמאַכט זיין קראָם, מחמת ער האָט מורא פאַר רדיפות, פאַר גרויסע שטייערן, פאַר שווערע שטראָפן".

און דער קאָמיסאַר שרייט איצט גוואַלד, אַז מען זאָל מער אַזעלכע זאַכן ניט טאָן, אַז ניט אַזוי האָט ער געמיינט, אַז, פאַרקערט, דאָס לאַנד איז פאַראינטערעסירט, אַז די האַנדלס־פאַרבינדונגען זאָלן זיך גייען אויף אַ געוויינטלעכן שטייגער. דער קאָמיסאַר זאָגט מיט ברען און מיט היץ, ווי ער וואָלט אַנטפּלעקט אַמעריקע, אַז נאָר מיט עקאָנאָמישע מיטלען דאַרף מען קעמפן קעגן פריוואַטן האַנדל; אַז נאָר אין אַ פרייען האַנדל פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ קאָן אויסוואַקסן אַ געזונטע קאָאָפּעראַציע, אַ קאָאָפּעראַציע, וועלכע איז געבויט אויף דער זעלבסטטעטיקייט פון דער באַפעלקערונג.

אַזאַ טבע האָבן זיי שוין, די קאָמוניסטן, ווען זיי פאַלן אַריין און זעען, אַז זיי ליגן, נעבעך, טיף אין דער אדמה, הייבן זיי אָן דעקלאַמירן איינפאַכע אמתן און דערביי מאַכן זיי אַ פּנים, ווי זיי וואָלטן געמאַכט די גרעסטע ערפינדונגען אין דער וועלט. און דערביי פאַרגעסן זיי דעם כּלל, אַז פון אַ חזירשן וויידל קאָן מען קיין שטריימל ניט מאַכן; אַז וויפיל מאָל זיי זאָלן זיך ניט

שלאָגן „על חטא״ און וויפיל מאָל זיי זאָלן ניט מודה זיין, אַז זיי זיינען דורכגעפאַלן, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל, און פון היינט אָן און ווייטער וועלן זיי שוין אַ סך קליגער און פּראַק־טישער זיין — דאָס אַלץ וועט ניט העלפן, מחמת דער וואָרעם זיצט אַ סך טיפער, ווי זיי מיינען.

דעצעמבער 1924.

פּאָליטישע שווינדלער.

איינס מוז מען מודה זיין — אַזעלכע פּאָליטישע שווינדלער און געשיקטע קונצן־מאַכער, ווי די קאָמוניסטן, האָט נאָך די געשיכטע ניט געוואוסט. אמת, זייערע פּרינציפּן זיינען זייער גוט פאַר שווינדל — מען מעג אַלץ, מען מעג יעדערן אָפּנאַרן און פאַרנאַרן, מען מעג דרוקן אָפּיציעלע און אומאָפּיציעלע ליגנס, מען מעג דעם ערלעכסטן מענטשן אַריינשלעפּן אין בלאָטע, אַבי אויפהאַלטן די אייגענע פּאַרטיי, אַבי איינהאַלטן די מאַכט אין די הענט. מיט אַזעלכע גרינגע און גליטשיקע פּרינציפּן קאָן מען טאַקע איבערקערן אַ וועלט, קאָן מען טאַקע דערפירן דעם שווינדל ביז אַ ווירטואָזיטעט און דערביי שלאָפן רויק די נעכט. דאָך מוז מען מודה זיין, אַז זיי ווייזן אַרויס אין זייער שווינדל־מלאכה גרויסע טאַלענטן; איך מיין עס טאַקע גאַנץ ערנסט — גראָד אויף דעם געביט האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר ממש ניט געוויינלעכע מענטשן.

ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי אַלע זייערע פעיקייטן און טאַלענטן האָבן זיי אַריינגעלייגט אין דער דאָזיקער ספּעציאַליטעט, וואָרעם, למשל, אויפן עקאָנאָמישן געביט האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזעלכע גרויסע שלימזולם, אַז יעדער האַלב יאָר מוזן זיי נעבעך בייטן דעם פראָנט.

און אונזערע יידישע קאָמוניסטן זיינען דווקא שטאַרק אינטערנאַציאָנאַל, נאָר אַז עס קומט צום געשעפט, צום פּאַרטיי־געשעפט, ווערן זיי שטאַרק „נאַציאָנאַל" — ביי „געשעפט" איז ניט שייך קיין פּרינציפּן און ניט שייך יאָ אמת, ניט אמת; פרעגט מען ניט קיין קשיות און מען קלייבט ניט איבער די מיטלען: הכל מותר — שלעפּ דאָס זעקל תבואה, כאַפּ אַראָפּ אַ פּאָר פונט! פאַרדריי דעם ערל דעם קאָפּ! פאַרדרייד אים די ציין!

אין דער לאַגע פון דעם דאָזיקן באַשווינדלטן ערל האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין אַמעריקע אַ סך ערלעכע און נאַיווע שרייבער און כלל־טוער, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן דעם אויפרוף וועגן דער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. לייענסט דעם דאָזיקן דאָקומענט און דו חידושסט זיך — ווי אַזוי האָבן זיך עס אַזוי פיל ערנסטע און פאָרזיכטיקע מענטשן געלאָזט פאַרדרייען דעם קאָפּ און זיך איינ־שפּאַנען אין רייטוואָגן פון די ניו־יאָרקער משרתים פון מאָסקווע? ווי אַזוי האָט די האַנט פון אַזוי פיל ערלעכע מענטשן ניט קיין ציטער געטאָן, ווען זיי האָבן אונטערגעשריבן דאָס דאָזיקע שאַנד־פּאַפּירל, וואָס אין דעם גיבן זיי אַ הכשר אויף דער גאַנצער מער־דערישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־מאַכט? ווי אַזוי איז זייער פּנים ניט רויט געוואָרן, ווען זיי האָבן באַרעכטיקט די צענדליקער טויזנטער יידישע קרבנות — דעם רעזולטאַט פון דער נאַרישער, אומגעלומפּערטער און פאַרברעכערישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון די קאָמוניסטן?

מיר וועלן זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויף אייניקע פּונקטן פון דעם דאָזיקן דאָקומענט. ער הייבט זיך אָן פון עקאָנאָמישער פי־לאָסאָפיע — „הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס האָבן זיך פריער אָפּגעגעבן מיט מסחר און האַנטווערק, האָבן צוליב דער אומפאַר־מיידלעכער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס”.

„אומפאַרמיידלעכע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג!”

הערט זיך נאָר צו — די קאָמוניסטן האָבן געפּרוווט איינ־פירן אין רוסלאַנד קאָמוניזם, האָבן זיי דערפירט דאָס לאַנד צו אַ שרעקלעכן חורבן, האָבן אויפגעשטעלט קעגן זיך אַלע קלאַסן פון לאַנד, האָבן דערפירט ביז צום קראָנשטאַטער אויפשטאַנד, און לענין איז אַרויס מיט אַ גוואַלד, אַז גענוג קאָמונירן, גענוג מוטשען דאָס לאַנד מיט עקספּערימענטן, גענוג האַלטן די באַפעלקערונג אויפן שטריקל, גענוג זיך שפּילן אין פּאַיאַקעס, גענוג זאָרגן נאָר פאַרן בית־עולם! און לענין האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און האָט באַפוילן — עפענען די קראָמען, עפענען די וואַרשטאַטן, לאָזן די פּויערים פאָרן אויף די יאַרידים, קויפן און פאַרקויפן,

האַנדלען און מסחרן, פירן פון דאָרף אין שטאָט און פון שטאָט אין דאָרף, הכלל אויפהערן זאָרגן פאַרן מלאך=המות!

האָט דאָס לאַנד אויפגעלעבט און מען האָט אָנגעהויבן אין די שטעט באַקומען אַ שטיקל פלייש און אַ שטיקל פוטער, און דער פויער האָט באַקומען אַ האַק און אַ גראָב=אײַזן, אַ פּאָר שטיוול און אַ פּאָר הויזן; און דער אַרבעטער האָט אָנגעהויבן באַקומען ניט קיין צען פּראָצענט לוין פון פאַר דער מלחמה, נאָר 50 פּראָצענט; און דער בעל=מלאכה האָט זיך אָנגעהויבן אומקערן אין ווארשטאַט און נייען און שטעפּן; און אויף די גאַסן פון מאָסקווע און פעטערבורג, קיעוו און אַדעס האָבן זיך באַוויזן מענטשן אין שיך און זאָקן; קינדער האָבן באַקומען פאַרב אין פּנים און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זייערע יונגע פּנימלעך; דאָס גאַנצע לאַנד האָט ווי אַ געזונטן שמייכל געטאָן, אויסגעגלייכט דעם רוקן, אָן עפן געטאָן די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף די רייכע פעלדער און וועלדער, וואָס וואַרטן אויף ענערגישע הענט און שעפערישן שכל, אויף די אָנגעפילטע ברוסטן פון די נאָך ניט גע=רירטע ווייטע ערד=שטרעקעס, וואָס בעטן זיך: „טרינקט און גע=ניסט פון מיין פעטער מילך”; אַ קוק געטאָן אויף דער דאָזיקער רחבות און פעטקייט, פאַרוואָרלאָזטקייט און ווילדקייט, און זיך גענומען צו דער אַרבעט, שמיידיק און איבערגעגעבן, פול מיט האָפענונגען גלויבן.

איז אַוועקגעגאַנגען אַ קורץ יאָר, און אין די שטעט האָט זיך באַוויזן עלעקטריש ליכט און אין דאָרף אַ לעמפּל; און די קינדער האָבן אָנגעהויבן באַקומען צוקער צום טיי און אין דאָרף האָט מען שוין געהאַט זאַלץ צום זופּ; און אין קיעוו אויפן קרעשטשאַטיק האָט זיך באַוויזן אַ יונגע פרוי אין אַ ווייסער שיינער בלוזע; און אין מאָסקווע אויפן מאַרק האָט מען פריי פאַרקויפט ווייסע זעמל; און אַ פויער איז געקומען פון מאָסקווע אין אַ ווייטן דאָרף אַריין און האָט געבראַכט אַן אַקער=אײַזן און האָט צעאַקערט דאָס פעלד; און פון צען דערפער איז מען זיך צונויפגעלאָפן אָנקוקן דעם וואונדער און אויסהערן די ניסים, וואָס דער פויער דערציילט וועגן מאָסקווע, ווי דאָרטן האָט מען שוין

אָנגעהויבן נייען סוויטקעס און גויִשע קליידלעך, שטיוול און שיך; און אין אַ קליין שטעטל אין קיעווער גובערניע האָט אַ יונגער בחור געבראַכט זיין כלה אַ פּאָר זאָקן פון קיעוו און אַלע מיידלעך פון שטעטל האָבן איר מקנא געווען — אין רוסלאַנד, אין „גן־עדן“ פון קאָמוניזם, האָבן מענטשן גאָר אָנגעהויבן לעבן ווי מענטשן!

איז אָבער „וישמן ישורון ויבעט“ — מען האָט אָפּגעגעסן און אַ ביסל זיך אויסגעקליידט, האָבן זיך געיאַוועט נייע אַפּעטיטן! אין פּויערטום האָט אויפגעוואַכט דער פּאָליטישער באַוואוסטזיין; ביי דער שטאָטישער אינטעליגענץ האָט זיך געיאַוועט אַ געדאַנק, אַ פאַרברעכערישער געדאַנק, אַז אפשר איז צייט אויפצוהויבן די פראַגע וועגן פרייהייט פון פרעסע און פאַרזאַמלונג; די פּאָליטישע אַקטיוויטעט פון די אַרבעטער־מאַסן האָט אָנגעהויבן זוכן וועגן, פרייע וועגן, ווי אַזוי צו קומען צום וואָרט. הכלל, די „קליינ־בירגערלעכע פּאָליטישע סטיכיע“, ווי ס'האָט געהייסן אויף דעם קאַזיאָנעם לשון, האָט אָנגעהויבן טרוימען וועגן פּאָליטישן נעפּ! נאָר טרוימען! אָבער אין רוסלאַנד איז פאַראַן אַן „עין רואה“ און אַן „אוזן שומעת“ — און די טשעקאַ האָט פאַר הונדערטער וויאָרסט דערשפּירט, אַז דער עקאָנאָמישער נעפּ פירט, מוז פירן צו פּאָליטישן נעפּ; אַז וויבאַלד מענטשן פאָרן פריי, האַנדלען פריי, עסן וואָס זיי ווילן, האָבן אַ העמד אויפן לייב און ליכט אין שטוב, דער קאָפּ איז ניט אין דער ערד און דאָס האַרץ נאָגט ניט פון הונגער, — מוז זיך גלוסטן „פּאָלירטשיקעס“, מוז זיך גלוסטן אַזעלכע „בורזשואַזע“ נאַרישקייטן, ווי פרייהייט פון וואָרט און פרעסע, פרייע וואַלן וכדומה.

דער אויספיר איז געווען אַ פּשוטער און קלאָרער! זאָל יאָ זיין דער קאָפּ אין דער ערד, זאָל טאַקע נאָגן ביים האַרצן — וועט זיך ניט גלוסטן! און מען האָט פאַראַיאָרן נאָך אַמאָל זיך גענומען צו ביסלעך איינפירן דעם קאָמוניזם — ניט אַזוי ראַפּטום, ווי אין די גליקלעכע יאָרן פון מיליטערישן קאָמוניזם, ניט מיט אַזעלכע גרויסע און געדיכטע פּאָרציעס, ווי דעמאָלט; פּאָרט עפּעס

האָט מען זיך אויסגעלערנט — האָט מען דערווייל זיך גענומען צום פּריוואַטן האַנדל.

האָט זיך די געשיכטע איבערגעחזרט — און דאַרף האָט נאָכאַמאָל ניט געסטאַיעט קיין זאַלץ; און שטאָט האָט מען געמאַכט „שהחינו" אויף אַ דאַמע, וואָס איז אַרויס אין גאַס אין זאָקן; סחורה איז געוואָרן טייערער; דער האַנדל איז געוואָרן אַן אומלעגאַלער און אַ שרעקלעך טייערער; באַצאָלט האָבן, פאַרשטייט זיך, די קאָנסומענטן — די פּויערים און די אַרבעטער; נאָכאַמאָל אַ שנאה און אַ צאָרן פון די פּויערים — און איצט שלאָגט מען זיך „על חטא"!

אין צענדליקער אַרטיקלען אין די סאָוועטישע צייטונגען און זשורנאַלן ווערט איצט דערוויזן, אַז דער קאַמף מיטן פּריוואַטן האַנדל האָט נאָכאַמאָל דעזאָרגאַניזירט דאָס לאַנד, נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט די אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון לאַנד; אַז דער דאָזיקער קאַמף האָט אָפּגעקאָסט דער רעגירונג אַ סך צענדליקער מיליאָנען גאָלד-רובל; אַז דער דאָזיקער אָנפאַל אויפן פּריוואַטן מסחר האָט אויפגעבראַכט דעם פּויער און אַרבעטער — און מען מוז פאַרקערעווען צוריק!

„השיבנו נאַזאַד" — שרייען די קאָמיסאַרן פון מאָסקווע; קומען די אַמעריקאַנער משרתים פון מאָסקווע און שרייבן אָן אַ פּאַפּירל, אַז דאָס אַלץ איז די „אומפאַרמיידלעכע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד" — און אַ גרופּע ערנסטע און פאַראַנטוואָרטלעכע שרייבער און כּלל-טוער לייגן זייער האַנט צו דער דאָזיקער אי נאַרישער, אי פאַרברעכערישער באַרעכטיקונג פון דעם, וואָס וועט אין דער געשיכטע פאַרשריבן ווערן ווי דער גרעסטער פאַרברעך פון דער סאָוועטן-מאַכט!

זאָל מען ניט פאַרענטפערן זיך, אַז דאָס האָט נאָר אַ טעאָרעטישן אינטערעס און דער ציל פון אויפרוף איז אַ פּראַקטישער — געלט פאַר קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. איך ווייס זייער גוט, אַז די חברה דראָט-ציער, וואָס האָבן צונויפגעשטעלט דאָס פּאַפּירל, קוקן שוין אַרויס אויף די פּראַקטישע רעזולטאַטן. איך זאָג, אַז די אויבנגעבראַכטע פראַזע האָט אַ גרויסן פּראַקטישן אינטערעס.

וואָרעם דאָ ליגט דער אויסגאַנגס=פונקט. אָדער מען גלויבט, אַז די אַלע עקאָנאָמישע עקספּערימענטן פון די קאָמוניסטן זיינען אומפאַרמיידלעך, און דעמאָלט מוז מען זיך מיאש זיין פון גרעסטן רוב פון די רוסישע יידן, וואָרעם מיט קאָלאָניזאַציע קאָן מען ראַטעווען נאָר 5 פּראָצענט יידן, אין בעסטן פאַל — צען פּראָצענט יידן; אָדער מען גלויבט ניט אין דער „אומפאַרמיידלעכקייט”, און דעמאָלט מוז מען קעמפן קעגן דער פאַרבּרעכערישער און ווילדער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון די סאָוועטן און זען, עס זאָל וואָס גיכער נעמען אַ סוף צו די עקספּערימענטן. קעמפן, אָבער ניט באַרעכטיקן און ניט זיך אונטערשרייבן אונטער דער דאָזיקער פּאָליטיק און ניט אַרויסגעבן איר קיין הכשרים.

בכלל, ווערט אין אַמעריקע פון די קאָמוניסטישע שיק=ייִנגלעך די זאַך אַזוי פאָרגעשטעלט, אַז ליידן טוען פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק נאָר די האַנדלס=עלעמענטן, די פּאַראַזיטישע עלעמענטן. דאָס איז דאָך אָבער אַ מיאוסער ליגן! ס'ליידט דער בעל=מלאכה, אַן אַרבּעטנדיקער און פּראָדוקטיווער עלעמענט! און ס'ליידט דער אַרבּעטער!

פאַרוואָס האָבן די מענטשן, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּירל, זיך ניט פאַרטראַכט: ווי קומט עס, אַז קאָמוניסטישע פּאָליטיק זאָל אַרויסשטויסן הונדערטער טויזנטער יידישע בעלי=מלאכות, אַרבּעטנדיקע און פּראָדוקטיווע יידן? ממה נפשך — אָדער די גרויס=אינדוסטריע שטויסט אַרויס די מלאכה, מוז זי דאָך כאָטש אַ טייל פון די איבעריק=געוואָרענע בעלי=מלאכות אַריינעמען; וואַקסט ניט די גרויס=אינדוסטריע אויפן חשבון פון דער האַנטווערקעריי, — פאַרוואָס זשע בלייבן די בעלי=מלאכות אָן אַרבּעט? אַז די צאָל יידישע אַרבּעטער ווערט קלענער, אַז די צאָל אַרבּעטסלאָזע האַלט אין איין וואַקסן, ווייסן מסתמא זייער גוט די, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן — וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ מאָדנע „אומפאַרמיידלעכע” עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, וואָס פון איר ליידן אַלע קלאַסן, סיי די פּאַראַזיטישע און סיי די פּראָדוקטיווע? וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנע „אומפאַרמיידלעכע” עקאָנאָמישע סיסטעם, וואָס דער פּויער איז דורך איר געוואָרן אָפּגעריסן

און נאַקעט און לויפֿט אין שטאָט זוכן פּרנסה; די אַרבעטער
האָבן ביז פֿערציק פּראָצענט אַרבעטסלאָזע, און די אַרבעטסלאָ=
זיקייט איז צום גרעסטנטייל אַ לאַנג=דויערנדיקע און אָפֿט אַ האָפֿע=
נונגסלאָזע; די בעלי=מלאכות ווערן אַרויסגעשטויסן און מוזן זוכן
פּרנסה אין ערד=אַרבעט; די אינטעליגענץ גייט אויס פֿון הונגער;
די קרעמער ווערן אָרעמער און אָרעמער און דערביי גערודפֿט און
געיאָגט — ווער=זשע געווינט פֿון דער דאָזיקער סיסטעם?

זאָלן די מענטשן, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם אויפֿרוף,
לייענען ערנסט דעם „עמעס“, וועלן זיי זען, אַז צווישן די איבער=
וואַנדערער, וואָס פֿאַרלאָזן זייערע היימען און זייערע פֿאַמיליעס
און לויפֿן זוכן ביי ערד=אַרבעט פּרנסה, זיינען מער פֿון אַ דריטל
יידישע אַרבעטער; אַזוי פֿיל באַטרעפֿן אויך די בעלי=מלאכות און
נאָר ביי דרייסיק פּראָצענט באַטרעפֿן קרעמער און לופֿט=מענטשן.
אַזוי ווי ס׳איז שוין גענוג באַקאַנט, אַז צו ערד=אַרבעט שטרעבן
זיי, וואָס זיינען אַבסאָלוט האָפֿענונגסלאָז, אַבסאָלוט פֿאַרהונגערט
און פֿאַרמאַטערט—וואָס=זשע איז דאָס פֿאַר אַן „אומפֿאַרמיידלעכע“
עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, וואָס ברענגט אַזעלכע גרויסע מאַסן אַר=
בעטער און בעלי=מלאכות צו אַזאַ יאוש?

פֿאַרוואָס ווערט אין אויפֿרוף קיין איין וואָרט ניט דער=
מאָנט, אַז אויך גרויסע מאַסן יידישע אַרבעטער זיינען דערפֿירט
צו אַזאַ הונגער, צו אַזאַ עלנר, צו אַזאַ אומענדלעכער פֿאַרצווייפֿלונג,
אַז זיי לאָזן זיך אין די סטעפּעס פֿון כערסאָנער גובערניע אויף
הפקר, טאָמער וועט זיך זיי איינגעבן זיך צוצושלאָגן צו אַ שטיקל
ערד. און זאָל מען סוף=כּל=סוף אויסזאָגן דעם סוד — אין סאָ=
וועט=רוסלאַנד איז דעם אַרבעטער און בעל=מלאכה טויזנט מאָל
ביטערער, טויזנט מאָל שווערער, ווי דעם קרעמער.

יעדער קאָן עס גרינג פֿאַרשטיין. אַ קרעמער איז אַ באַשע=
פֿעניש, וואָס פּאַסט זיך גיכער צו צו שווערע באַדינגונגען; ער קאָן
זיך אויך גיכער אויסדרייען פֿון אַן אומגליק. פֿאַרקויפֿט מען ניט
קיין מאַנופֿאַקטור פֿון די מלוכה=פֿאַבריקן, באַקומט מען סחורה
דורך די קאָאָפּעראַטיוון און מען פֿאַרקויפֿט זי שפּעטער צו די
זעלבע קאָאָפּעראַטיוון מיט אַ ריווח פֿון 30—40 פּראָצענט; דאַרף

מען צאָלן הויכע שטייערן, העכערט מען די פּרייזן אויף דער סחורה; ווערט מען געטריבן פֿאַר האַנדל, הייסט מען זיך באַצאָלן פֿאַר דעם, ווייל יעדער ריזיקע דאַרף געדעקט ווערן אַאז״וו.

טוויזנט מאָל ערגער איז אָבער דעם אַרבעטער — ער גייט אַרום לאַנגע חדשים אָן אַרבעט און ווייס קיין עצה ניט; ער וויל האַנדלען, ער האָט אָבער ניט מיט וואָס און איז אויך ניט פֿעיִק צו קאָנקורירן מיטן פּראָפעסיאָנעלן קרעמער. דאָס אייגענע מיטן בעל־מלאכה — דער גוי נייט ניט קיין הויזן, איז קיין אַרבעט ניטאָ; קיין יינגל טאָר מען ניט האַלטן, אַרבעט מען אַליין 20 שעה אין מעת־לעת.

איז אָט לאָז מען ניט איינריידן, אַז דער הענדלער מוז אָפּ־קומען, מחמת ער איז אַ פּאַראַזיט און אין קאָמוניסטישן גן־עדן איז ניטאָ קיין אָרט פֿאַר פּאַראַזיטישע עלעמענטן; פּונקט פֿאַרקערט, די פּאַראַזיטן, קאָמוניסטישע פּאַראַזיטן, לעבן אין יענעם גן־עדן אַ גוטן טאָג און אָפּקומען קומען אָפּ דווקא די אַרבעטער און די בעלי־מלאכות.

אין דעם דאָקומענט ווערט ווייטער געזאָגט, אַז די סאָוועט־רעגירונג האָט אויסגעטיילט נאָענט צו 200 טויזנט דעסיאַטין ערד אין אוקראַינע, קרים און ווייס־רוסלאַנד פֿאַר די ערשטע גרופּעס יידן, וואָס וועלן איבערגיין צו ערד־אַרבעט.

דאָ איז אַריינגעפֿאַלן אַ קליינינקער טעות. דערווייל האָט מען אויסגעטיילט אין אוקראַינע — 30 טויזנט דעסיאַטין; אין ווייס־רוסלאַנד — 1,200 דעסיאַטין; אין קרים דערווייל נאָך גאָר ניט. ווי מיר זעען, איז דאָס ניט נאָענט, נאָר נאָך גאַנץ ווייט צו 200 טויזנט דעסיאַטין. נאָר זאָל זיין, אַז 200 טויזנט דעסיאַטין — אויף וואָס־זשע דאַרפֿן די קאָמוניסטן זייער אַן אייגן קלייטל? אַרבעט דאָך דאָרטן דער „דזשאָינט", וואָס זשע דאַרפֿן זיי נאָך אַ באַזונדער קרעמל?

איך בין זייער אַ קנאַפּער חסיד פֿון „דזשאָינט" און פֿון זיינע מעטאָדן פֿון אַרבעט, אָבער אין פֿאַרגלייך מיט די קאָמוניסטן איז דאָס דאָך אַ הויכער אידעאַל. אַלנפֿאַלס, די „דזשאָינט"־טוער האָבן באמת נאָר אין זינען די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעט; די

קאָמוניסטן זאָרגן דאָך אָבער מע׳ פאַר זייער פּאַרטיי=קרעמל, ווי פאַר די יידישע רויִנירטע אַרבעטער און בעלי=מלאכות, וואָס האָפן צו ראַטעוועון זיך פון הונגער=טויט דורך אַ שטיקל ערד.

ווער עס וויל באמת העלפן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד , דער קאָן עס טאָן דורכן „דזשאָינט". די טוער פון „דזשאָינט" האָבן נאָך די מעלה, וואָס זיי האָבן זיך פאַר די פאַר יאָר אויסגעלערנט גוט קוקן אויף די פינגער דער חברה כאַפּ=לאַפּ פון דער יידישער קאָמוניסטישער סעקציע.

די וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם אויפרוף, מוזן גוט געדענקן, אַז זעלבשטענדיק אַרבעטן וועלן זיי ניט האָבן קיין מעגלעכקייט. זיי וועלן נאָר אויסגענוצט ווערן פאַר די קאָמוניסטי=שע אינסטיטוציעס, און ווי ערלעך און ווי פּראָדוקטיוו די קאָמו=ניסטישע אינסטיטוציעס אַרבעטן, קאָנען זיי געוואויר ווערן פון די ווערק פון לעניִנען. איך קאָן זיי אָנזאָגן אַ בשורה: די יידישע סעקציע גרייט=צו צום דרוק לענינס ווערק. דאָרטן וועלן זיי קאָנען געפינען אַ סך שאַרפע און גלענצנדע כאַראַקטעריסטיקעס פון די אַרבעטס=מעטאָדן פון די קאָמוניסטן. און אויב זיי ווילן מאַקע וואָס גיכער האָבן די מעגלעכקייט צו באַקומען לענינס ווערק, זאָלן זיי וואָס גיכער גרינגן די געזעלשאַפט און שיקן געלט קיין רוסלאַנד. אַגב וואָלט איך זיי געראָטן דאָס געלט צו שיקן דורך די אַמערי=קאַנער „כאַוויירים". די לעצטע וועלן גרויסע בריות אויף איבער=פירן...

יאַנואַר 1925.

אינהאלט

	זייט
פאָרוואָרט	III
די פּאָגראָמען און די רויטע אַרמײ	1
דער שרעק פון ציפערן	19
די ייִדישע קאָמוניסטן און די זעלבסטשוץ אין אוקראַינע	54
ייִדישע קאָמוניסטן קעמפן קעגן אַ ייִדישער זעלבסטשוץ	65
אסתּר און ליטוואַקאָוו קעמפן קעגן מלקות און ישיבות	75
די יעווסעקן נעמען איין אַ פעסטונג אין מינסק	86
כּפּרות, מצות און תּשליך און ייִדישע עקאָנאָמישע אינטערעסן	98
ווי געשלעכטלעכע צעלאָזנקייט פון די קאָמסאָמאָלצעס	111
די די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין נעץ פון „נעפּ"	120
וואָס איז געוואָרן פון ייִדישן האַנדל אין סאָוועט־רוסלאַנד	134
דער קולטורעלער חורבן און די ייִדישע קאָמוניסטן	144
צי איז מעגלעך אַ רעפּובליק פאַר ייִדן אין דרום־רוסלאַנד	155
וואו זײַנען אַהינגעקומען די ייִדישע אַרבעטער אין רוסלאַנד?	167
די ייִדישע אַרבעטער פון רוסלאַנד און די קאָמוניסטישע פּאַרטײ	177
אַ נײַע ווענדונג אין נעפּ	185
אין קדחת־לאַנד	193
דער ייִדישער בעל־מלאכה און דער ייִדישער אַרבעטער	201
די פּײַן פון אויסוואַנדערער	210
אַ וויטעבסקער ייִד דערציילט...	219
צי קאָן קאָלאָניזאַציע ראַטעווען ייִדן?	239
מען לויפט פון „גן־עדן"...	249
די חטאים פון ייִדישן קרעמער	259
די רוסישע קאָמוניסטן שלאָגן זיך ווידער אַמאָל „על חטא"	268
פּאָליטישע שווינדלער	276